דער גאַנצער ערב ראש השנה ווערט געגרייט, ווי אַלע אַנדערע ימים טובים, סיי מיט דער באַנייאונג פון דער הלבשה און — בפרט מיט דער געשמאַקער באַשפּייזונג, דאָך איז ניטאָ די פרייד, דער הילכיקער געלעכטער און דער פּייערלעכער ברייטער שמייכל, וואָס עס ברענגט אונדז למשל דעם יום־טוב פסח, אָדער — פורים, אָדער אַ שטייגער — שבועות!...

הייַנט אָבער ערב ראש השנה, הערשט אומעט, ציטער און אומרו, וואָס שוועבט אומעטום: אין שטוב, אין גאַס און אין זיך... אַן אומהיימלעכע דערוואַרטונג, פון שולדיקייט, פייניקט און פרעסט דעם געמיט און טיף אין האַרץ רייסט זיך געבעט, אַ תפילה, אַ יידיש־האַרציקע תפילה...

אין טיפן ווינקל אויף דרום זייט, אויף אַ הויכן געבעטן פּאָטעל זיצט אונדזער באַבעניו אייַנגעהילט אין אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. די הויכע פּלייצע מיטן אויסגעבויגענעם רוקן אויפגעהויבן, אָנגעשפּיצט איבער דעם נידעריק געזונקענעם, באַטשיפּיקטן קאָפּ. דאָס געלבע פּנים צעאַקערט אין געקנייטשטע קאַרבן, אין רונצעלעך מיט אַ זיג־זאַג, פון פאַרוואָקסענע, טונקעלע בערגעלעך־בראָדאָווקעס, ערטערווייז — מיט ווערצעלעך גרויע האָר. הענגט די געשפּרינקלטע פאַרדאַרטע הויט, פון דער זקנה, אויף די אַרויסשטאַרצנדיקע קין־באַקן. די גרויע אויגן־שפּעלטעלעך טיף אַריינגערוקט אינטערן פאַרטראַכטן, געפאַלדעוועטן שטערן, — גלאַנצן, בליאסקען, ווי די בליקן, פון נידעריק־דאָרפישע פענסטערלעך, אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט. די מאַגערע, אייַנגעפאַלענע ברוסט, וואָס האָבן אַזויפיל קינדער אויסגעזויגן, ווי די ליידיקע פעלדער, פון די אַראָפּגענומענע תבואות. אויף אירע מאָגערע קניען, ווו עס פאַלן אין געדיכטע פאַלדן און מאַרשקעס די ברייטע, טוקל־קאַשמירענע קלייד, ליגט דער אַלטער, אויסגערייבענער קרבן מנחה, וואָס איז פאַרגעלט און פאַרפליאמעט פון טרערן

און — יאָר־צענדליקער, יענער, אַמאָליקער, ניי־בליאַסקנדיקער סידור ואַמלונג וואָס די באבעלע האָט באַקומען צוזאַמען מיט די שבת־לייכטער, צו דער חתונה מיטן זיידן, אהרן מרדכי, דער שטאָט־שוחט, — צו זייערביידנס חתונה.

די באַביניו ראדל, די געוועזענע שלאַנקע שיינהייט, פון שטעטל, איז איצטער קליין און קורץ, אָדערנדיק איינגעשרומפּן. איז ווי אַ לעבעדיק־באַוועגלעכער קנויל פאַרשפּונען און פאַרוועבט אין זכרונות, וויזיעס אין פאַרשטעלונגען, פון אין ווייטן, ווייטן פיל־פאַרביק, רייכן, בכובדיק־צערוישטן עבר...

פאַרנאַכט. אַ שווערע שטילקייט, פול מיט רמזים הויערט אינעם ערב ראש השנהדיקן פאַרנאַכט. דער טאַטע גייט אַרום אַ צעטראָגענער און אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. ער גייט צו צום ספרים־שאַפע, זוכט עפּעס. קוקט אַריין אין אַ ספר און אין נאָך אייבעם, פאַרטראַכט זיך — שטעלט צוריק אַריין. דרייט זיך אום איבערן שטוב, ווי ער זוכט עפּעס, ווי אַן אומעטיק פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער, דערזעט ער אונדז נישט; נאָר פאַרטראַכט אין די עולמות העליונים, ווי אַ פרעמדער גייסט באַוועגט זיך אַרום אים און פילט אינדז אָן מיט אַ שרעקעדיקער פרעמדקייט.

אויפן ווייס־געדעקטן טיש שטייען אַ סך לייכטער. יעדעס יאָר מערן זיי זיך. יעדע צוגעקומענע ליכט האָט איר געשיכטע.

די מאַמע -- אַ פול־צעוואָקסענע, אַ יאָדערדיק־ברייטע, ווי דער שטאַם, פון אַ באַרן־בוים מיט אַלע אירע זאַפטן, אויפן ראָזן פּנים מיט די חן־גריבעלעך שוועבט איצטער אַ פרומע מרה שחורה; אירע ווייסע שיינע הענט נעמען צניעותדיק אַרום דעם רוים פון די לייכטער און שטיל שעפּטשנדיק אַ תפילה, הויבט זי זיך אָן צו סודען מיטן אל רחום וחנון, ווערן אירע גוטע, בלויע אויגן אָנגעפילט מיט פאַרטרערטן צער און אַ ציטער, פון הייליקן גלויבן רעפלעקטירן אירע דינע, צאַרטע ליפּן. זי אינגאַנצן אין ווייסן אָנגעטאָן, ווי אַ פלאַטערנדיקע טויב, פאַר דער סכנה, פון אַ שטורעם. שעפּטשעט און שעפּטשעט און די געלב־בלויע ליכט־פלעמלאַך צעברענען זיך, ציען און רייסן זיך אינדערהויך און צעוואַרפן איבערן גאַנצן שטוב־שטח הייליקן יום טוב. יום טוב, פון קדושה...

ווען די מאַמע ענדיקט דאָס ליכט בענטשן מיט דער לעצטער, הויך קלינגענדיקער ברכה: אַ גוט יאָר! ווערט איר הייטערער פּנים אויסגעלייטערט מיט אַ זיסן שמייכל. דער טאַטע דערנענטערט זיך און קוקט איר אָן מיט אַ גליק־זעליש פאַרגעטערטן בליק. אַ ווײַלע שווייגן ביידע. מיט אַ ווונק רופט דער טאַטע אונז צו. ווי שטענדיק שטעלן מיר קינדער, זיך אויס אין תור, לויטן עלטער. אויף יעדן פון אונז לייגט ער אַרויף זיינע הענט אויפן קאָפּ און בענטשט אונדז. די מאַמע רויט ווערנדיק קוקט אונדז אָן מיט שטילן, מוטערלעכן גליק...

די באַביניו, ווי אַלע מאָל מורמלט איבערן קרבן־מנחה, ווי אַ שטיל פאַרבאָרגן קוועלכל — אירע באַבישע תפילות. נאָר דורך די פענצטער קוקט אַריין אַ שוואַרצע, פרעמדע נאַכט, פון דער גוישער גאַס. מיר דערשרעקן זיך און דערפילן זיך פלוצלונג עלנט. מיר קוקן זיך איבער מאַכטלאָז, פאַרלאָרן און — אַנטלויפן צו דער באָבען אין ווינקל.

מיר רינגלען איר אַרום און באַהאַלטן זיך מיט די פּנימער צו איר אין שויס אַריין שטופּנדיק זיך איינער הינטערן אַנדערן.

— ברוך אדוני המבורך — פאַרענדיקט די באַבע אַ פּסוק פון איר תפילה. זי הויבט לאַנגזאַם אָן צו באַוועגן די אַרונטער געלאָזטע גרויע קאָפּ און שפּיצנדיק מיט די פרומע ברעמען שטעלט זי אָן אויף אונדז די דאַוועגענדיקע אויגן מיט אַ פראַגע, מיינענדיק, אַז אירע אָדערדיקע פיס האָבן דערפילט, אַז מיר ציטערן און גראָבן זיך אין איר נאָך טיפער, פרעגט זי שטיל: וואָס איז קינדער?

— פאַר וועמען, פאַר וועמען האָט איר מורא?

נישט ענטפערנדיק דער באָבען דרייען מיר אויס די קעפּ אויף הינטן און כאַפּן אַ קוק: — די נאַכטיקע שויבן גלאַנצן, ווי ליאַקירטע בורשטיין און פון די ברענענדיקע ליכט פאַלן טונקעלע שאָטנס אַרום די ווייס געקאַלכטע ווענט. אונטערטאַנצנדיק מיט די פיסלעך שרייט אויס מיין קליין ברודערקע:

כ'האָב מורא! כ'האָב מורא! און מיר אַלע: מורא, מורא! און רייסן דער באָבען פאַרן קלייד, ציטערנדיק.

האָט נישט מורא קינדערלעך — רופט אויס די באָבע. דער טאַטע מיט דער מאַמען ווילן אויסבעטן פאַר אייך און פאַר אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מנוחה האלפרין

סוכות

נאָך די אימה׳דיקע ימים נוראים׳דיקע טעג, פולע מיט אומעט, טרערן, פחד און רחמים — געבעט — האָבן ייִדן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר, און זענען ערשט פרייליך און גוט געשטימט. הויבט מען אָן גלייך נאָך יום כפור, צו טראַכטן וועגן אַ סוכה. און מאַכן אַ סוכה איז נישט אַזוי לייכט. מען דאַרף אָנהויבן אַלץ פונדאָסנייַ. אפילו ביי אַלטע בעלי הבתים איינגעפונדעוועטע, פון לאַנגע יאָרן, וואָס ווינען אויף איינעם און דעם זעלבן פּלאַץ בלייבט אויך נישט אַלץ איבער אין רעזערוו, פון די סוכה מאַטעריאַלן, פון איין יאָר אויפן צווייטן.

בקיצור, כמעט די גאַנצע שטעטל מענער וועט איר זען זיך דרייען אין דרויסן אַרום זייערע הייזער. דאָס ערשטע ווערט געמאַכט דער פּלאַן: ווו די סוכה צושטעלן? אין וועל־כער זייט? און ווי די גרויס? געוויינליך פאַלן די סוכות־טעג אין די אָנהויבס פייכטע וועטערן, קלייבט מען דעריבער אויס דעם העכערן, טרוקענעם זייט אַרום דער שטוב אגב אויך עס זאָל זיין, וואָס נענטער, באַקוועמער — צום דערלאַנ־גען פון שטוב אַרויס דאָס געקאָכטע עסן־שפייז.

אויב דער פּאָטער פאַרמאָגט אייגענע זין — העלפן זיי אים, צו דערלאַנגען די ברעטער, לייסטן, טשוועקעס אָדער דראָטן. אויב נישט העלפן שכנים איינער דעם אַנדערן. בכלל זענען אַלע שכנים זייער סאָלידאַריש אויף דעם געביט. עס טרעפט בכלל אַ סך מאָל, וואָס די אַרומיקע שכנים קומען אַריין איינער צום צווייטן איינלאַדן צו דער קאָלעקטיווער סוכה, און אַמאָל אויך צוליב טעכנישע סיבות. דאַן איז שוין דער פּלאַן אַן אַנדערער, אַ פיל בעסערער און לויט דעם געשמאַק פון דער מערהייט.

פון דרויסן איז די סוכה צונויפגעקלאַפּט אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן, טשעוועקעס מיט ברעטער, דערפאַר אָבער ווערט זי אינעווייניק אויסגעצירט ווי מעגלעך פיינער, פאַנ־טאַסטישער.

די הויפּט זאָרג איז די סכך צום צודעקן די סוכה פון אויבן. די גויים פּאַלעשוקעס פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס שטייען שטענדיק אין פריידליכע קאָנטאַקטן מיט די אַרומיקע שטעטלדיקע ייִדן זענען באַהאַוונט און ווייסן שוין גענוי, ווי און ווען די שטעטלדיקע, יערליכע ירידים קומען פאָר און ווייסן אויך גענוי וועגן ייִדישע ימ״ם טובים. אַז עס קומט דער ערב סוכות איז ווי זיי פירן אָן פון די וועלדער פורן האָלץ צום גאַנצן ווינטער, צום הייצן די רובע, אַזוי פירן זיי אויך גרינעם סכך ערב סוכות. אַרום יעדער שטוב ליגן גאַנצע בערג גרינע צווייגן, פון סאָסנע ביימער, וואָס פאַרשפּרייט דעם נאַטור־אָרעמען קוואַרטל פון ייִדישע שטח, מיטן זיסן וואַלד־ריח, פון די אַרומיקע, גויאישע פעלדער. אינעווייניק ווערן די ווענט פון סוכה פאַרהאַנגען מיט פאַרשיידן פאַרביקע קאָלדרעס, דעקעס אָדער ליילעכער.

ס׳איז קאַלט און אומהיימלעך, דאָך אימפּאָנירט אונז די אַנדערשקייט, פון די שטענדיקע מנהגים, וואָס האָט ווי עפּעס אַ פאַנטאַסטישער געצעלט, פון אַנאַנדער וועלט ערגעץ... ווען דער טאַטע, מיט די קינדער קומען פון שול איז דער טיש אין סוכה סערווירט מיטן גאַנצן, פיינעם יום טוב געשמאַק, ווי אַלע געגרייטע יום טוב טישן. דער זעל־בער פייערלעכער קידוש, דער טאַטע זאָגט די אושפּיזן, אונז דאַכט זיך בעת מעשה ווי מיר וואָלטן געפילט און געזען די אומגעזעענע אושפּיזן־געסט, ווען דער טאַטע פאַרבעט אין זיינע פסוקים...

פון איין ווינקעל צום צווייטן אויבן ווערן אויסגעפלאָכטן פּאַפּיר־פאַרביקע קייטן און פון דעם סכך־באַלקן ווערן אויפגעהאַנגען: עפּל, באַרן, פלוימען און סתם אַלערליי דעקאָראַטיווע צייכענונגען און בילדער. גיסט אַ בליק — בילדלעך אָדער פאַרביקע פיגורלעך אויף די ווענט, אַזוי האָבן געלעבט אונזערע אור, אור אור זיידעס, אין זייערע געצעלטן, אויף זייער וואַנדער וועג דורך די מדבריות צום צוגעזאָגטן לאַנד כנען.

נאָכן קידוש, מיט פאַרבייסעכץ, פון דער מאַמעס געשמאַ־קע פלעדל, גיט די מאַמע אַרויס פון שטויביקן אויוון, די אַלע געקעכצער און מיר דערלאַנגען אַריין אין סוכה צום טיש די געשמאַקע, געפעפערטע פיש; די יויך מיט די עוף, בפרט די קרעפּלעך מיט דעם מערן צימעס, וואָס מיר דער־וואַרטן זיך קוים אויף דעם. דאָך האָבן מיר נישט אַזאַ הנאה, פון די שפּייזן, ווי אַלע יום טוב. עס פעלט די וואַרעמע, שטוביקע געמיטלעכקייט, מיט איר ווייסער, גלאַנציקער זויבער־קייט, וואָס עס גיט דעם יום טוב צו אַזאַ חן.

אין דרויסן איז שוין דער אָנהייב הארבסט. די פעלדער, פון אַרום דער שטעטל מיט אויפגעשטעלטע שטייגן היי זענען שוין ליידיק און פּוסט; מיט זייערע גרינסן זענען שוין אָנגעפילט אַלע שטוביקע און היימישע קעלערן. די ביימער פון די גויאישע סעדער שטייען שוין אויסגעטאָן נאַקעט מיט די ציטערדיקטע צווייגן — זייערע פרוכטן שיטן זיך שוין אויף די ווינטער בוידימער.

די הימלען אַרומיקע — צינק־גרויע הענגען מיט גרויע לאַטעס, לאַכמאַטשעס און זייען פון זיך רעגן־וואַסער, קאַפּען פון די דעכער און קלינגען אָפּ אין שוואַרצע לאָקשעלעך. דער ווינט פייפט אַריין, טרייסלט און שאָקלט די ברעטער, פון דער סוכה׳לה, אַז עס דאַכט זיך אַז מיר שוועבן גלייך מיט איר. דורכן דאַכיקן סכך שפּריצן אַריין גרינלעכפוילע טראָפּנס אין די שיסל און טעלער עסנס. כאָטש מיר זיצן אָנגעטאָן אין די מאַנטלען, דאָך קלאַפּט אונז אַ צאָן אָן אַ צאָן פון קעלט, שלינגען מיר דאָס עסן אַזוי אויף גיך, ווי אין אַ וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויפן באַן.

מנוחה

ט״ו בשבט

חמשה עשר בשבט. יום חורף בהיר וקר. אומרים, כי בארץ ישראל שותלים עתה עצים. קשה להאמין. אני מתעטף יפה־יפה ויוצא עם בן זוגי למפעל ט״ו בשבט של הקרן הקיימת לישראל. תחת זרועי אני נושא את חבילת הפירות והנני צועד בקצת היסוס לרובע המיועד לביקורי. הנה מתחיל הרחוב, אשר בחלקנו נפלה הזכות לכבדו בתאנים ובחרובים. הבית הראשון הוא בית מסחר גדול. הגזבר לוטש עיניים ופניו — סימן שאלה כביר. אך בטרם פצה פיו לדבר, אץ אלינו פקיד יותר חשוב. הוא הסביר, שאין נוהגים פה לשלם, אלא כל שותף של בית המסחר יש לו ב״ה בית, ושם — בביתו — הוא מהנה ממתנת ידו. מילא, כל התחלות קשות. הנה בית מסחר ספרים. אנו נכנסים ומתקבלים בבת־צחוק. שקיק הפירות הראשון רואה את אוויר העולם. תאנה וחרוב יבש בתוספת אימרה מחוכמת של אוסישקין בן השבעים. פה גם מתבדחת דעתנו, אשר עגמה לאחר הביקור בבית הראשון. בבתים הבאים ביקשו מאתנו לבוא אחר כך. שוב עגמה נפשנו, אך אשה זקנה שיצאה לקראתנו מאחד הבתים הפיסה את דעתנו.

— מה תגידו, ילדים?

— סבתא, הבאנו לך פירות לכבוד חמשה־עשר!

— אי, פירות! קשה הפרוטה בימינו, אך צריך לתת. כמה לתת לכם?

היא מוציאה מסינורה מטבע קטן — עשר פרוטות.

— סבתא, שקיק עולה יותר. זה מעט.

— אח, נאנחה, אני זקנה כבר, ומה יש לי מזה? אתם הצעירים, לכם כדאי לעבוד, אתם תראו עוד במו עיניכם את ארצנו הקדושה.

— אל תדאגי, סבתא — ניחמנו אותה — זקנים ממך עלו ורואים חיים יפים שמה.

הזקנה התחילה להעתיר עלינו שפע של ברכות, ואולי זכותן עמדה לנו וההצלחה התחילה לשחק לנו בבתים הבאים. אנו הולכים מחנות לחנות ומבית לבית, מטפסים בעליות ומסתובבים בחצרות רחבות. בכל מקום אנו משאירים שקיק עם פירות, הזורע אור בכל מקום — אור ושמחה. אך לא רק ברכות הזקנה סייעו לנו. יש משהו יותר עמוק, המקשר את כל החנוונים, הסוחרים והאומנים הללו. זה נתברר לי בהוסיפי לכת. הנה אנו עולים במדרגות עץ רעועות. אנו נכנסים לחדר צר — מקום עבודתו של חייט. בעל הדירה העניה מביט עלינו בפנים זעומות, אך לאחר שאנו מודיעים, כי הבאנו פירות חמשה־עשר, מזדרחים פניו, חיוך רחב מופיע על שפתיו ועיניו מקבלות מיד מין ברק עליז. הוא מוציא מטבע ומקבל את השקיק בדחילו ורחימו. כל אנשי הבית מסבירים פניהם ומצטדקים על שהם נאלצים לצאת ידי חובה רק בפרוטות. אנו מעודדים אותם ומסבירים, כי לא המעשה עיקר, אלא הכוונה.

אנו ממשיכים לכת. יש יהודים דוחים: „בדרככם חזרה תקבלו". אחד, שעמד ליד חנותו, עושה עצמו כלא שומע: „מה, פירות? יש לי פירות למדי. פרי אחד יש לי בביתי, וזו חותנתי. בזה די לי..."

הגענו לחנות קמח ידועה. פה נושם לרווחה כל עסקן וגובה ציוני. התקבלנו כאורחים רצויים ומתנתנו אף היא נרצתה בתודה. קבוצת סבלים מאובקים ומקומחים עמדה בחנות ועם כניסתנו התחילו בוויכוח ציוני. חיצי המפלגתיות טרם פגעו בהם והם דיברו על א״י בתום לבב כעל אחד מפלאי עולם אחר. מישהו הציע לפדות פירות אלה שלנו ומיד פנו לסוחר, וביקשו שישלם על חשבונם עבור פירות לכולם. בשמחה מיוחדת הגשתי לכלד סבל את השקיק הקטן: „קבלו, יהודים, ובאהבתכם לארץ ישראל — חיו!"

נקלענו אחר כך לבתיהם של עורכי דין והללו קיבלו אותנו בטוב־מזג וכיבדונו במטבע הגון.

הסבלים — מצד אחד ועורכי הדין — מצד שני. מצוות חמשה עשר קכמה לכולם. זוהי העבודה השחורה של הציונות. עבודת יום־יום פשוטה בלי מליצות.

תרצ״ד

אשר ריכטר — שופט

חנוכה

ימי חנוכה היו ימי אורה ושמחה, ימי בידור בצוותא ובילוי בחברותא בפינסק היהודית. לימים אלה נועדו נשפים של האירגונים הציבוריים ותנועות הנוער. תיאטרון הולצמן וכל האולמות האחרים היו תפוסים משך כל ימי החג וברחובה של עיר אפשר היה להרגיש את רוחם וריחם המיוחד של ימי החנוכה.

נרות החנוכה נראו כמעט מבעד חלונות כל הבתים והם השרו מצב־רוח חגיגי בבתים וברחובות. פרט לנשפים הציבוריים נערכו בהרבה־הרבה בתים נשפים לקרובים וידידים ואת ריח הלביבות המטוגנות ודיבלולי־השומן אפשר היה להרגיש בכל רחוב בפינסק היהודית. ימים אלה סייעו גם לקירוב לבבות והתלכדות המשפחה. תמונה שכיחה היתה זו בכל בית: אב המשפחה יושב עם ילדיו בצוותא ומשחק בסביבון ואמא מגישה לביבות מהבילות לצלילי „מעוז צור" ושירי חנוכה מסורתיים. אותם ימים היו גם „עונת הקלפים". גם בבתים שמשחקי הקלפים נדירים היו שם בכל ימות השנה, יכולת למצוא בימי חנוכה קבוצות־קבוצות משחקות ב„יידישע אָקע", „טלפון" ועוד משחקים שהיו פופולאריים אז. והואיל וימי חנוכה היו גם ימי קרח וכפור, אפשר היה להרגיש רישומו של חג זה על ככר המחליקים („קאטאָק") שהיה הומה בני־נעורים וצהלתם. ראויים לציון מיוחד נשפי תנועות הנוער הציוניות, אשר בשבילם שימשו ימי התנועה כימי מיפגן להישגים של המקהלות, החוגים הדרמאטיים והספורטיביים.

אכן, גלי זכרונות נעימים מבית אבא, שהיה ואיננו, עולים בלבו של כל פינסקאי בהגיע ימי החנוכה. — — —

חנן

פורים בעירנו

„משנכנס אדר, מרבים בשמחה", אבל פינסק היהודית היתה בין הזריזים והמקדימים, ושמחת פורים בה התחילה עוד בטרם נכנס אדר. שושביני השמחה הראשונים היו, כמובן, „הסוחרים" שהיו מתייצבים ב„שולהויף" איש על מרכולתו הערוכה ושטוחה לפניו על הדלפקים, כשהם מכריזים בקולי קולות על המעדנים והממתקים, שהוצאו למכירה לכבוד חג הפורים הממשמש ובא: „מאנענעס! מאנענעס!" אלה היו המיצרך העיקרי ב„שלח מנות" ל„עמך", אך פרט לאלו היו, כמובן, „האָניג טייגלאך", „קרוליקעס" (תפוחי זהב) וכיוצא באלה. בעלי היכולת היו יכולים להרשות לעצמם לצרף גם „קרוליק" למשלוח־מנות שלהם, אך לא כן בני דלת העם. לפיכך היה התור גדול אצל ה„מאנענעס", אשר בהצטרפן לכמה „איריסלאך" (סוכריות), מרמולדות, קצת פול ומיצרכים „פרוליטריים" דומים היו כבר מהווים „מנה" הראויה להתכבד בה...

ברם חתני השמחה האמיתיים היו הילדים ובני הנעורים. פורים היה בעיקר החג שלהם והם ידעו לצקת בו תוכן משלהם. ברחובות זבלנה ולהישינר אפשר היה כבר לראות את הסנוניות הראשונות של פורים — ילדים מחופשים ובמסכות — שבוע ימים לפני פורים, ובטרם נשמע ה„המן" הראשון של המגילה, התהדדו כבר ברחובות העיר, קולות מחרישי אזניים של הרעשנים למיניהם, בליווי ה„אקדוחים" למיניהם ו„כלי משחית" אחרים היו מוסיפים על אותה בוקה ומבוקה ומבולקה שהשתלטה בעיר.

הילדים היו משתדלים לחקות את ה„קאפעליע" של יענקל די גוליע ואת פזמונותיהם, אך היו מצרפים לאלה גם שירים שונים, שהיו מהלכים אותו זמן ברחוב היהודי. הפזמון השגור בעיקר היה, כמובן — „היינט איז פורים, מארגן איז אויס — גיט מיר א גראשן און טרייבט מיר ארויס".

בפרוס ימי הפורים היו נראות כבר בחוצות העיר המודעות על נשפי המסכות שהיו נערכים בעיר, באולם „קולייובה", ביה"ס הטכני ותיאטרון הולצמן. בעלי המגררות היו „חופנים כסף מלא חופניים" באותם ימי הנשפים, כי כל בחור וטוב היה רואה חובה לעצמו ללוות את בחירת לבו לנשף ומהנשף הביתה. היו אלה ימים גדולים בשביל ברוך קורסק עם זקנו „אלא פראנץ יוזעף", ניאמע קאדיאלא, שלמה הצהוב וכל האיזוואשטשיקים * למיניהם. הנה אני רואה אותם עתה בעיני רוחי, את בעלי העגלות האלה, שהיו מחוננים בלב יהודי חם והיו מוכנים להערות נפשם במלחמה על כבוד ישראל. זלמן שניאור תיאר אותם ב„אנשי שקלוב" שלו, אבל גם בפינסק שלנו היו מצויים כאלה.

ימי פורים היו גם ימיהם הגדולים של הכלי־זמרים: מנשקה, האחים פינסקר, טיוקל עם ה„בס" ובדומה להם. לעתים היתה מפארת את שמחת נשפי פורים גם תזמורת צבאית ולאחר שהוקמה תזמורת הגימנסיה „תרבות" היתה גם היא מפארת את הנשפים. זוכרני, כי הרוקח סגלביץ' היה מהלל ומשבח תזמורת זו בכל הזדמנות והיה שואב נחת ממנה בכל הופעה שלה.

וייזכר לטוב מיודענו המכונה שלמה פונפץ'. הוא היה אמן ממש במחולות המודרניים בימים ההם ושיצאו מהאופנה בימינו. ה„שימי" שלו היה מעשה אמן ממש... כל בחורה, המכבדת את עצמה, היתה להוטה לרקוד עם פיניע, אם כי בימים רגילים לא היה זוכה להצלחה אצל המין החלש... פיניע זה היה זוכה ל„נשמה יתירה" עם התחלת הריקוד. היה זוקף קמעה את קומתו, מכוון את המצחייה של כובעו לאחור לבל תפריע לבת לווייתו אגב ריקוד, עיניו היו מקבלות מין ברק מיוחד, הפזמין היה יוצא מפיו בדחילו ורחימו: „אה באיאדערא, עס איז מיר קאלט אין די פיס..."

שותף נכבד לשמחה היה שצ'ורק, אמן המחולות, שהיה מרביץ תורה זו לבני פינסק ובנותיה. הוא היה מוליך את המחוללים בקצב, כשהוא מזמזם ופוקד: ראז, דווא, טרי... ואין לדלג, כמובן, על יאסעלע קאלאדני ואליא ראבינאוויטש, שהיו ממלאים חלק נכבד בתכנית הנשף במערכותיהם ובפזמוניהם. עד היום שמורים בזכרוני רבים מפזמונים אלה, שהיו שגורים בפי כל.

ויעמדו על הברכה חתני השמחה הגדולים יענקל די גוליע והקאפעליע שלו. הם היו מתפרצים במשובה לבתי היהודים — והיו בוחרים בתור ראשון את האמידים כמובן — ולא היו יוצאים מבית כלשהו מבלי לקבל מתנת־יד הגונה. גדול היה ודאי צערם של אלה על אשר ימי פורים אינם נמשכים 8 ימים כימי הפסח, כי הרי ביומיים בלבד אי אפשר „לעבד" את כל בעלי הבתים החשובים בפינסק ובקרלין...

א. לבנדיגר

---

* בעלי הכרכרות.

„שלח־מנות"

בשנת 1912 הופיע בפינסק מעין קובץ הומוריסטי־סאטירי ביידיש בשם „דער פינ־סקער פורים־קאַנטשיק". פזמוני־פורים, הניתנים כאן לקוחים מקובץ זה והם משקפים במידה מסויימת הוי של פורים בימים ההם.

אַ קראַנקער אָרימער ישוב'ניק,
אַ ייד, אַ מיטעלער אין יאָהרען,
פערלאָזען האָט זיין היים אום פורים
און איז קיין פינסק אַוועקגעפאָהרען.

ניט פראַווען דאָ אַ שענע סעודה,
ניט הערען דאָ אַ חזן ברומען,
נור פשוט לעגען זיך אין הקדש
איז, נעביך, אונזער ייד געקומען.

די כוחות, פיהלט ער, געהען אויס איהם,
ער טאָר שוין מעהר אָהן הילף ניט בלייבען;
אָט גייט ער אין קאַרלינעם הקדש
און בעט, מען זאָל אים דאָרט פערשרייבען.

„פון וואַנען זענט איהר?" — פרעגט דער גבאי
דעם קראַנקען יודען און דעם בלאַסען —
— „פון דאָרטען — ענטפערט ער — און דאָרטען"
— „טאָ געהט אייך!" — זאָגט מען אים געלאַסען —

איר קעהרט זיך מיט קאַרלין אָן וועניג,
צו פינסק געהערט גאָר אייער שטעדטיל,
זייט מוחל, געהט אין פינסקער הקדש,
איהר וועט שוין קריגען דאָרט אַ בעטיל"...

פערקלייבט דער ייד דעם פעקיל, נעביך,
און שלעפט זיך קוים אַוועק מיט צרות.
געקומען, און ער הערט די פראַגע
אַצינד שוין פון די פינסקער שררה'ס:

— „פון וואַנען קומט אַ ייד צופאָהרען?" —
— „פון יענער און פון יענער שטעדטיל" —
— „נו גוט, צי האָט איר אָבער, פעטער,
געבראַכט אָהער פון דאָרט אַ צעטעל? —

„אַ צעטעל?"... מאַכט דער ייד פערוואונדערט —
נאָך וואָס אַ צעטעל. ליבע ברידער? —
איהר גלויבט ניט, אַז איך בין אַ חולה? —
איך קאָן אייך שווערען ביי מיין סדור...

— „איהר דאַרפט אַ צעטל" — מאַכט דער שררה
און צינדט זיך אָן שוין ווי אַ פייער —
מיר זאָלן ביליגער דאָ נעמען,
אַז ניט וועט קאָסטען זעהר טייער".

„אָה, וויפיעל?"... — פרעגט דער ייד דערשראָקען —
דער שררה ענטפערט אָנגעבלאָזען:
„איהר וועט אַ פריהער זעכציג רובל
פאַר צוויי חדשים דאַרפען לאָזען".

„וואָס רעדט איר?"... — שפּרינגט דער ייד אונטער
איך בעט אייך, וואָס איז פאַר אַ לשון? —
איך בין אַנ'אָרימאַן, אַ קבצן,
כ'פערמאָג אפילו ניט קיין גראָשען,

און איהר ווילט איך זאָל דרייסיג רובל
אַ חודש צאָהלען — אַ לבבות! —
און איינצאָהלען פאַר צוויי חדשים
„איזגורע" נאָך — איהר טרייבט קאַטאָוועס"...

„ניט אונזער דאגה!" — זאָגט דער שררה
און גיט צו מיט אַ קוויטש אַ דינעם:
„איהר ווילט, עס זאָל אייך קאָסטען ביליג? —
נו, פּרובט זיך דורכגעהן אין קאַרלינעם!"...

געוועזען איז אויפ'ן קראַנקען יודען
צו קוקען, נעביך, אַ רחמנות,
ווי ס'האָבן איהם די צוויי הקדשים
אַרום־געשיקט פאַר „שלח־מנות"...

מאקס קארל

גוט־פורים!..

גוט־פורים. ליעבע פינסקער יודען! —
גוט־פורים, ליעבע, טרייע פריינד! —
לוסטיג, לעבעדיג און פרעהליך:
ס'איז דאָך יו"ט — פורים היינט!...

לויפט אין שוהל צו דער מגילה,
באָדט זיך דאָרט אין המנ'ס בלוט...
קומט אַהיים צום גוטן וואַרמעס,
קלייבט הרחבה, ווילט זיך גוט.

נעהמט דערנאָך די סעודה פראָווען,
קעהרט אַ כוסה'לע אַריין...
היינט איז יו"ט, היינט איז פורים —
שיכור, פרעהליך דאַרף מען זיין...

אַי די שטאָדט איז אַ בית־עולם:
שרעקליך פוסט, און וויסט, און טויט?..
אי עס זיצן פיעלע מענשען
אָהן פרנסה און אָהן ברויט?...

אַי עס ליגען די געשעפטן
אַכצעהן איילען אין דער ערד
און פראָטעסטען לויפן, פליהען,
ווי אויף גוטע, שנעלע פערד?...

אַי עס איז ניטאָ וואו שיקען
אונזער קינד צו לערנען גאָר
און ערציגן ווערט אָהן בילדונג
אונזער נייער, יונגער דור?

אַי די קהלשע שטאָדט־ענינים
זענען אויך ניט קיין אַנטיק
און עס וואָלט ניט שאַטען, כ'לעבען,
צושארען אַ הין אַ בליק?...

און עלעקטריע, וואַסער־לייטונג?
אויך דערפון האָט מען גערעדט,
וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזן? —
נאָך אַ פוסטער חלום, זעהט?...

ווענענס עסק, וועמענס דאגה? —
וועמען — זאָגט מיר — געהט עס אָן?...
היינט איז יו"ט, היינט איז פורים —
עסט מען „המן־טאַש און מאָן...

ס'טויג ניט קלערען, ס'טויג ניט טראַכטען:
ס'קאָן דערפון קיין גוטס אַרויס...
פרעהט זיך, ליעבע פינסקער יודען,
היינט איז פורים. מאָרגען אויס!...

(„דער פינסקער פורים קאַנטשיק" 1912)

דער פורים־שפילער - יאנקל די גוליע

ווען איך זע אויף די ישראלדיקע מיט זון־באַגאָסענע גאַסן אונדזערע שיינענדיקע, צעזונגענע און צעטאַנצטע, פורימדיק־פאַר־מאַסקירטע קינדערלעך, דערמאָנט זיך מיר די אַלטע היים, די בלאָטיקע געסלעך, אין וועלכע עס רייסט זיך פורים־צייט אַריין דער ערשטער זוניקער שטראַל. דאָס זון־ליכט פאַרשווינדט אָבער גיך און עס הויבט ווידער אָן צו רעגענען און שנייען, ווי מ'פלעגט זינגען ביי אונדז אין אַ פורימדיק ליד:

„עס פאַלט אַ שניי, עס גיסט אַ רעגן
עס קאַפּעט פון די דעכער,
וויכנע־דוואָשע פירט די מעל
אין זעק מיט הוילע לעכער.

האָפּ מיינע המן־טאַשן
האָפּ מיינע ווייסע,
מיט מיינע המן־טאַשן
האָט פּאַסירט אַ מעשה.

פינף רויע המן־טאַשן
פאַר דער מומע יענטע,
ניט דערקנאָטן, נישט דערבאַקן
און אַרויס פאַרברענטע...

האָפּ מיינע המן־טאַשן,
האָפּ מיינע ווייסע,
מיט מיינע המן־טאַשן
האָט פּאַסירט אַ מעשה".

אָט אַזוי האָט דאָס פאָלק קלוג און מיט הומאָר באַזונגען דעם יום־טוב פורים.

נישט געקוקט אויף די רעגנס און שנייען האָט די פרייד פון פורים אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך פון די אַמאָליקע יידישע שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים. די בלעכענע גראַגערס און הילצערנע קאַלאַקאָטקעס האָבן זיך אַזוי צערויעט און צעגראַגערט פורים־צייט, אַז נישט איין אָרטיקער המן האָט נישט אויף קאַ־טאַוועס זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן פאַרדעכטיקן זשידאָווסקן האַרמידער... די פרייד פון פורים פלעגט אָנפילן די שטיבלעך פון דער יידישער אָרעמקייט. עס איז געווען, ווי מ'זאָגט: אָרעם און פריילעך. ווייל עס איז געווען אַ איינגעוואָרצלטע היים פון יאָרן, מיט טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס און אייניקלעך. די פרייד פון דער מגילה־לייענען, די פרייד פון שלח־מנות, די פרייד פון דער משפחהדיקער פורימדיקער סעודה, מיט די אָנגעצונדענע ליכט, מיטן ריזיקן קוילעטש, וואָס מ'פלעגט קוים פון אויוון אַרויסנעמען. מיט די גרויסע, פאַרברוינטע און בטעמטע המן־טאַשן, מיטן איינציקן גאָלדענעם פּאָמעראַנץ אויפן טיש, וואָס מ'פלעגט קומען אָנקוקן אויף ווונדער. היינט די קאַפּעליעס פורים־שפילער, וואָס האָבן פול געמאַכט די גאַסן און הייזער. דאָס איז נישט געווען קיין זאָרג־לאָזער פאַרביקער קאַרנאַוואַל, ווי דאָ ביי אונדז. אַ פורים־שפילער אין דער אַלטער היים, דאָס איז ביי געוויסע מענטשן געווען אַ פאַך. אָרעמע יידן, זינגער און שפילער, פלעגן פאַרשטעלטע זיך אַרויסלאָזן אין קאַפּעליעס איבער די הייזער און פלעגן אין דעם פורים־טאָג שיין פאַרדינען. איך מיין, אַז נישט איין אַרטיסטישער טאַלאַנט ביי יידן איז אַרויסגעוואָקסן פון די דאָזיקע פורים־שפילער־קאַפּעליעס.

אפילו די קינדער־קאַפּעליעס פלעגן נישט סתם זיך איבער־

טאָן, פאַרשטעלן און אויספּוצן און גיין סתּם זינגען און טאַנצן. אויך ביי זיי האָט עס געהאַט אַ מאַטעריעלן הינטערגרונט. עס פלעגן דאָס רוב גיין אין די קאַפּעליעס אָרעמע קינדער און זייער כאַראַקטעריסטיש איז געווען דאָס לידל, וואָס זיי פלעגן זינגען:

„היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס,
גיט מיר אַ גראָשן און טרייבט מיר אַרויס“.

צו די חשובֿסטע און אָנגעזעענסטע פּורים־קאַפּעליעס אין פּינסק האָט געהערט די קאַפּעליע פּורימשפּילער פון יאַנקל די גוליע. ס׳איז שווער צו זאָגן פאַרוואָס מ׳האָט אים גערופן: „יאַנקל די גוליע“, צי ווייל ער האָט טאַקע געהאַט אַ גוליע, אָדער, ווייל ער פלעגט גיין מיט אַ קוליע, וואָס גראַמירט זיך מיט גוליע. אַזוי צי אַזוי איז ער געווען אַ מייסטער אין זיין פאַך, און פלעגט טאַקע אין אַ פּורים־טאָג גוט פאַרדינען.

יאַנקל די גוליע איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, אַ קליינער בקי אין די קליינע פּינטעלעך און אַ גרויסער אביון. „אַ גאַנץ יאָר אַרום אַראָפּגעקומען צוגאַסט אין דער היים־שטאָט אַ גאַנצער פּורים, מעג מיר אחשורוש אַליין מקנא זיין!“...

אַז יאַנקל האָט אין פּינסק נישט געקענט מאַכן קיין לעבן, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, פונוואַנען ער איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַראָפּגעקומען צוגאַסט אין דער היים־שטאָט אַ גאַנצער גראַף, אַ באַראָן ראָטשילד להבדיל. גאָרנישט צו דערקענען. אָנגעשטאָפּט מיט דאָלאַרן. האָבן אים יידן געפרעגט:

— היתּכן? וואָס איז געשען? איז דען אין אַמעריקע אַלע טאָג פּורים?

האָט יאַנקל געענטפערט:

— אין אַמעריקע בין איך געוואָרן אויס פּורים־שפּילער, אויס דלפון און אויס גוליע...

— וואָס זשע האָסטו דאָרט געטאָן, אַז דו האָסט פאַרדינט אַזוי פיל געלט?

— אין אַמעריקע בין איך געווען אַ רבֿ...

— כאַ, כאַ, יאַנקל די גוליע אַ רבֿ... — האָט דער עולם זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

— יאָ, האָט ער געענטפערט — אין אַמעריקע איז גענוג צו פאַרלאָזן אַ בערדל און אָנטאָן אַ שטריימל און יאַנקל די גוליע ווערט אַ „רעווערענד“ און פּסקנט שאלות...

— און דאָס איז געווען דיין איינציקער פאַך אין אַמעריקע?

— ניין, איך האָב געהאַט נאָך אַ פאַך, אַ פיל בעסערן, ביי וועלכן איך האָב טאַקע פאַרדינט אַ סך געלט.

— למשל? — איז דער עולם געווען נייגעריק צו הערן.

— איך בין געווען אַ קימפּעטאָרין — האָט יאַנקל געענטפערט ערנסט.

— וואָס? — האָט דער עולם געשטויגט און נישט געגלויבט די אייגענע אויערן.

— יאָ, יאָ, אַ קימפּעטאָרין — האָט ער באַשטעטיקט.

— קוקט נאָר אָן דעם משוגענעם — האָבן מענטשן געפּלאַצט פאַר געלעכטער — אַמעריטשקע גנבֿ איז טאַקע אַ לאַנד פון בלאָף, אָבער אונדז וועסטו נישט אָפּנאַרן...

— און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז אַ קימפּעטאָרין — האָט זיך יאַנקל געהאַלטן ביי זיינס — אָט הערט ווי אַזוי:

היות ווי אין אַמעריקע אַרבעטן אַלע פרויען און זענען שטאַרק להוט נאָכן דאָלער, איז ווען אַ פרוי געבוירט אַ קינד, קען זי זיך נישט דערלויבן צו ליגן מיטן ניי־געבוירענעם נפש אַכט טעג אין בעט, ווי דער איינפיר איז. פלעגט מען מיר דינגען, איך זאָל זיך לייגן אויף אַ וואָך צייט אין בעט מיטן עופה׳לע און די קימפּעטאָרין אַליין איז געגאַנגען צו דער אַרבעט און פאַרן דאָזיקן ליגן אין בעט און היטן דעם עופה׳לע פלעגט מען מיר גוט באַצאָלן. איך האָב געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ און האָב פאַרדינט שטיקער געלט...

פון דאַן אָן האָט ער שוין נישט געהייסן „יאַנקל די גוליע“, נאָר „יאַנקל די קימפּעטאָרין“...

אָבער דער עולם האָט גוט געדענקט דעם אַמאָליקן יאַנקל די גוליע, דעם פּורים־שפּילער, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געזונגען זיינע פּורים־לידלעך, מיט וועלכע ער פלעגט פּורים אַריינגיין מיט זיין קאַפּעליע אין די יידישע הייזער און מאַכן פריילעך.

אָט איז איינע פון זיי:

„הערט מיר אויס, מיינע ליבע מענטשן,
וואָס די וועלט טוט אייך בענטשן.
אַ גוטן פּורים אייך צו ווינטשן,
זענען מיר אַריינגעקומען.
צי געדענקט איר: פאַראַיאָרן
זענען מיר ביי אייך געווען?
היינט דאַרפט איר דאַנקען גאָט,
וואָס מיר האָבן זיך ווידער געזען.
ברויט מיט באָרשטש די בעסטע אכילה,
לחיים טובֿים די בעסטע תּפֿילה,
נישט קיין בראַק,
לאָמיר גיין אַ האָפּטשיקטשאַק“...

און די קאַפּעליע פּורים־שפּילער פלעגט אַוועק אין אַ פריילעכן טאַנץ.

ל. מארגענטוי

ערב פּסח

אָנגעהויבן וואַרטן אויף פּסח האָבן מיר קינדער שבועות צייט: מיט יעדער פרישער פרי וואָס איז אויפגעקומען, למשל: מאַלינעס, טרוסקאַווקעס, קאַרשן, ווייַנפּערלעך, סמאַראָדינעס און שוואַרצע יאַגעדעס האָט די מאַמע פרעגלענדיק איינגעמאַכטס צוביסלעך אַראָפּגענומען פון יעדן מין, אָנגעשאָטן אין ברייטע, קיילעכדיקע בוטליעס, צוזאַמען מיט צוקער און 45־ער יי״ש, אַוועקרוקנדיק ווייט אויפן זיידנס ירושהדיק־פּסחדיקער שאַפע, דערביי זאָגנדיק: „זאָל שטיין אַביסלע ווישניק אויף פּסח״.

סוף זומער, ווען ס׳האָבן צעצייטיקט אַלע פרוכטן אין סעדער פון די גויעשע שכנים, ווען די עפּל האָבן שווער זיך באַוועגט איבער די הוידנדיקע צווייגן און אין גאָלדיקער זונען־שיין זיך צערייצט מיט אונדזערע קינדערשע פאַנטאַזיעס, האָבן מיר מיט ליבע צו די ביימער אָנגעהויבן בענקען נאָך פּסח. דאַן האָט די מאַמע אין דער צווישנצייט פון ראש השנה ביז סוכות אָפּגעקויפט באַ פּאַוויליקן אָדער פראַנעקן די בעסטע ווינעווקעס און אַנטאָנאָווער עפּל, געמאַכט אַ משקה, און אַוועקשטעלנדיק ווידער אויפן זיידנס רויטער שאַפע אַ זאָג געטאָן שטרענג: „קינדער, קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אַהער אַרויפקריכן, איר הערט! דאָס איז ווייַן אויף פּסח!״...

חנוכה צייט, ווען דער געשמאַקער ריח פון די געגדזענע גריוון האָט געזעצט פון קיך אַרויס, האָבן מיר פאַרלאָזט דעם טיש אינמיטן דריידל שפּילן, קייענדיק די חנוכה לאַטקעס זענען מיר ווידער געפלויגן צום קיך. דאָ האָט די מאַמע ווידער אַמאָל דערלאַנגט אַ קאָמאַנדעווע: „נישט אַריינגיין אַהער מיט חמץ, ערשט ווערט געפרעגלט שמאַלץ אויף פּסח!״...

דעם ערשטן טאָג פּורים, ווען דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן באַקן מצות אויף פּסח, האָט עס געקאָכט, געהודזשעט, געליאַרעמט אין איילעניש און יאָגעניש דעם גאַנצן חודש ביז סאַמע ערב פּסח. דאָ האָבן מיר שוין גאָר פאַרלוירן די קעפּ. די מאַמע, זייענדיק פאַרנומען מיט ערב יום־טוב, האָט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון אונדז. זענען מיר דאָך פרייע פויגל. לויפן מיר פון איין גאָרקיך אין אַנדערן. מיר העלפן שאָבן די ברעטער, די קאַטשעלקעס; מיר גיסן וואַסער ביי דער קנעטערין; מיר טרעטן נישט אָפּ פון דעם רעדלער; מיר פּלאָנטערן זיך דעם שיבער אונטער די פיס; מיר לייגן אַרויף כאָטש איין פינגער אויף די שווערע קערב געבאַקענע מצות, וואָס ווערן געטראָגן צו די רייכע בעלי־בתים אַהיים; מיר לויפן נאָך די מצה־וואַסער טרעגער צום טייך, מיר שטייען שעה׳ן לאַנג ביי די שוי־פענסטער פון די נייע, פּסחדיקע מכשירים און — ווו נישט?...

ענדלעך איז אָנגעקומען דער שוין לאַנג דערוואַרטענער טאָג פון ערב פּסח. פון גאַנץ פרי אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ערב־פּסח־דיקע עמיגראַציע. די טיר רוט נישט. מען טראָגט אַריין און־אַרויס. אַלץ איז איבערגעדרייט און אָפּגערוקט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מיר וואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן און פון אומעטום ווערן מיר פאַרטריבן. די גאַנצע חמצ׳דיקע קיך־געשיר מיט דער גראָטקע פאַרויס איז שוין לאַנג נישטאָ. אויפן אָרט פון די טייג מולטערס און לאָקשן ברעטער שטייט שוין די נייע דיישקע מיטן רויטן בוראַקאָוון פּסחדיקן ראָסל, און דער גרויסער צערבער וואַסער מיטן לייוועטעטעם איבערזייער. אַרום די פּסח׳דיקע פאַנען און סקאָווראָדעס איז אויסגעקלעפּט שיינע, קאָלירטע פּאַפּיר שפּיצן מיט אָנגעהאַנגענע ווייס בלאַנקענדיקע האַנטעכלעך. אויף די בענקלעך, שטולן און טישן ליגן נייע ברעטער און פאַרשפּרייט מיט ווייסע סערוועטקעס און אויסגעבייטע טישטעכער. די בעטן זענען פאַרשפּרייט מיט די ווייס־געדרוקטע ליילעכער מיט די ברייטע שליאַרעס, וואָס די מאַמע האָט נאָך מיידלוויַיז אויסגעהאַפּטן צוזאַמען מיטן תפילין־זעקעלע, אויס ליבע צום טאַטן פאַר זייער חתונה.

נאָך פון זינט די מאַמע האָט אַראָפּגענומען פון בוידעם די פּסח׳דיקע כלים — רירן מיר זיך שוין ניט פון אָרט. טיף אַריינגערוקט אין ווינקל מיט חידוש און התפעלות, באַטראַכטן מיר די פּאָליוונע שיסלען, די ערדענע מאַקרעטעס מיט די גרויסע בייכער, די ציענדיקע פּאַלוכטשיקעס, די הילצערנע וואַזע לעפלען. דער עיקר גאַפן מיר מיט אַנטציקונג איבער די וואונדערלעך־פאַרביקע כוסות און קאַראַפינען, מיט די קיילעכדיקע בייכער און שמאָלע העלדזער, וועלכע זענען ענלעך צו די אינדיקעס פון די אָרומיקע פּריצישע הויפן...

דער טאַטע איז שטאַרק פאַרנומען מיטן טובלען די נייע פּסח־דיקע כלים. לויפן מיר פאָראויס צום גרויסן, ברייט צעעפנטן פרילינגס־טייך, וואָס איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון זיינע ווינטערדיקע אייז קייטן און פריילעך־שטראָמנדיק קומט ער פון ערגעץ ווייטע, ווייטע האָריזאָנטן, איילנדיק זיך ערגעץ צו שכנה׳שע טייכן. כאַפּן מיר די טשייניקעס און פלעשער, טונקען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אין טייך: בולי־בולי־בולי... אין פייכטער לייכטקייט טראָגן מיר די כלים פון טאַטן צו דער מאַמען און זענען מלא שמחה...

די מאַמע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אין נייעם ברייטן פאַרטעך, מיט דער רויט צעצונדענעם פּנים, כשרט שוין צום דריטן מאָל דעם אויוון, און אין דער לעצטער אויסגעפּסח׳טער אויוון ווערט געקאָכט אַלע שפּייזן צו דער סדר נאַכט.

קוקט אַריין דער יונגער פרילינג־טאָג מיט זוניק־ליכטיקע אויגן, ווי מיט דער באַגריסונג פון אַ יוגנט־פריינט, שפּרייט זיך וואַרעם אויס אין דער געמיטלעכער ערב־פּסח׳דיקייט און פאַרוואַרפנדיק די שטראַלנדיקע פינגער אויף די בעטן און ווענט פאַרוועבט זי די לעגענדאַרע האַרמאָניע פון יידישן שלום־בית און יום־טוב שטימונגען...

מנוחה האַלפּערן

מיינע יוגנט יארן אין פינסק

סך הכל 18 יאָר בין איך געווען אין פינסק, פון 1906 ביז 1924. טראָץ דעם וואָס עס זענען שוין אַריבער קיילעכדיקע 40 יאָר, זינט איך האָב די שטאָט פאַרלאָזן — איז זי מיר טיף איינגעקריצט אין זכרון, און גאַנץ אָפט ווונדער איך זיך איבער זיך אַליין, ווען עס קומען מיך צו חלום גאַסן און געסלעך, פאַרשיידענע טיפּן יידן פון יענע ווייטע יאָרן און ווייטע מקומות. אָט כאַפּ איך איצט אַ שפּאַציר מיט מיינע יוגנט־יאָרן אין מיין היימאַט־שטאָט.

איך געדענק ווי צו 3־4 יאָר פלעג איך אַרומקריכן מיט מיינע „שפּענצער" הייזלעך אין די גאַסן פון פינסק און פלעג איינזאַפּן אין זיך די יוגנט פרייד פון שטאָט. מיין היים איז געווען נעבן „שולהויף" און אַרום אונדזער הויז זענען געווען קאָנצענטרירט אַלע שולן, באָיאַרסקיס, קאַזינאַ, בעלי עגלות. בקיצור — אַ וועלט מיט וועלטעלעך...

אַ טעם פון „מאַראַזשינע" איז מיר אָנגעקומען. פון לאָסינ־שטשיכעס הויף פלעגן זיי אַרויספּאָרן 5 וועגעלעך, און די „סוחרים" מיט ווייסע פאַרטוכלעך פלעגן יום־טובדיק אויסשרייען: „מאָ־ראַזשינע! קאַנדיטאַרסקע!"

אָט זע איך משה „פאַמעלע" וואָס פלעגט שטענדיק שטיין ביים שוועל פון זיין קראָם אין טשאַרניס הויז און אויסקוקן אויף אַ קונה. זיין פּנים איז שטענדיק געווען אויסגעשמירט אין סאַדזע און די האָר פון זיין באָרד האָבן געהאַט אַ פּנים פון אַ פאַמעלע (פון דאַנען שטאַמט וואַרשיינלעך זיין צונאָמען). אַנטקעגן — אליה דער פישער, וואָס אין זיין גרויסן הויף איז געווען די „ליאַדאָווניע", וועלכער פּען פלעגט סוף ווינטער אָנפּילן מיט שטיקער ליאָד פון דער פּינא, וועלכע האָבן געדינט פאַר 2 צוועקן: אָנפּילן די פענכערס פאַר קראַנקע, און — קאָנסערווירן די פיש... אַנטקעגן ווידער — די ברידער גילער, וואָס זייערע הייזער זענען געווען פול מיט גויים וואָס האָבן געטרונקען „מעדאָק" און יידן וואָס האָבן איינגע־האַנדלט משקה, ליכט און אַנדערע צרכי שבת. נעבן זיי, אין די קעלערס, איז געווען די „רעזידענץ" פון די „סימיניצעס" מיט אויבס און גרינוואַרג, טערקישע־ווייץ־פּאַרקויפערינס מיט כאַשקען אין דער שפּיץ.

און אַרום — די שולן: די גרויסע שול, דעם מגידס שול, די קלויז וואו ס'האָט געדאַוונט ר' חיים מתמיד, די שניידערשע שול, פישער שול, קירזשנער שול, קהל שול, און ביי דער זייט — די סטאָלינער שול. יעדע משפחה איז געווען פאַרבונדן מיט איר שול, אָבער אויסער דעם פלעגט מען זיך אַריינכאַפּן אין דער גרויסער שול הערן אַ „שטיקעלע" פון סיראָטען, צי הערשמאַן, קאָסעוויצקי א. אַ. די שול־הויפן האָבן פאַר אונדז, קינדער, געדינט אַלס שפּיל־הויפן. אויסגעגראָבן מיטן קנאַפּל פון שוך אַ לעכעלע און — גע־שפּילט אין וואָס עס לאָזט זיך: אין ניס, קאַשטאַנעס, קנעפּ־לעך, קאָפּ צי אָדלער און נאָך אַזעלכע קינדער שפּילן. די גרעסערע ייִנגלעך פלעגן זיך אַריינכאַפּן און קריכן הויך אויף די „שווינדל טרעפּ" ביים זייט פון דער גרויסער שול, ניט ווייט פון דער נישע אין פּאָליש וווּ מען האָט געקליבן די „שמות".

דאָך געדענק איך גוט פיל חזנים און מגידים וועלכע האָבן באַווירקט אונדזער קינדער־פאַנטאַזיע אין יענע יאָרן. ביז היינט קלינגען מיר אין די אויערן די הילכיקע ווערטער פון איין מגיד אין דער שניידערשער שול: „שטייט אויף יידן, פּילט אָן זעקעלעך מיט ברויט און הערינג און גייט צו נצרכים און גיט זיי עסן". (דאָ קומט מיר אויפן זכרון מיין פאָטער ר' נתן לעבענדיגער, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר צובייסעכץ און וויין נאָך „תהלים" און פלעגט לויפן הושענא רבא, ראש השנה און אַנדערע יום־טובים בלאָזן שופר אין שפּיטאָל און אין דער טורמע).

אַ וויכטיקע אינסטיטוציע נעבן דער סטאָלינער שול איז גע־ווען די באָד מיט די 2 גרויסע פעסער וואַסער. גאַנץ אָפט פלעגן מיר, די ווייסע חברה, לויפן אַריינקוקן דורך די שפּאַרונעס אין דער ווייבער אָפּטיילונג — זאָל אונדז דער אויבערשטער ניט שטראָפן פאַר די מעשים...

אַ פּאָר טריט — און מיר זענען אויפן מאַרק. אָנגעפּאָרענע יידן און גויים פון אַלע אַרומיקע דערפער, זומער אין די בויד־וועגענער און ווינטער אין שליטנס, פלעגן אַראָפּברענגען אַלדאָס גוטס פון זייערע „אמיענעס" און דער עולם פלעגט קויפן, יעדער לויט זיין קעשענע און „גוסט". פון דאַנען כאַפּן מיר זיך אַראָפּ צו די „ראַד קראָמען" און צו דער פּינא. איך פלעג שטענדיק קלייבן נחת אָנקוקנדיק די הונדערטער שיפעלעך וועלכע האָבן אויסגעפילט דעם גאַנצן ברעג מיט האָלץ, שמעקעדיקע קאָלושינע, חוואָש־טשאַייקע און מכל המינים שהם. די קונים פלעגן אַרומטאַנצן פון שיפל צו שיפל זיך דינגען. אָנקומענדיק פון עק שולהויף גאָס, זומער צייט, פלעגסטו שוין זען און הערן דעם „פּאַראָם". און אַז דו ווילסט און האָסט אַ פּאָר גראָשן גיסטו אַ פּאָר אַריבער צו דער קופּאַלניע און צו די אמתע פינסקער בלאָטעס ביים אָזיערע, און קומסט צוריק מיט כל מיני בלומען, און איבערהויפּט מיט די געלע פּאָליטשקעס. ווינטער צייט, ווען דער טייך ווערט פאַרפרוירן, פלעגט זיך בייטן אינגאַנצן די פּאַנאָראַמע אַרום דער פּינא. יונגע יאַטן מיט קאָנקעס און לאָמטערנעס פלעגן כאַפּן אַ גליטש לענג אויס דער פּינא, שליטעלעך מיט קינדער, וואַסער־טרעגער מיט קאָראָמיסלעך, און — חי געלעבט... דאָ פלעגן איך אָפּשפּילן זיך די גרויסע קאַמפן מיט „סניעזשקעס" און ניט איין צופעליקער פאַרבייגער פלעגט אַריינכאַפּן אַ „קנאַל" ביט ווויסנדיק אפילו פון וואַנען און פון וועמען.

„עס ברענט, עס ברענט"! אַ שריפה אין שטאָט. פינסקער פייערלעשער פלעגן ווייזן וואָס זיי קענען... און זיי האָבן געהאַט גאַנץ אָפט געלעגנהייטן כדי דעמאָנסטרירן זייער כוח, ווייל ווען האָט אין פינסק ניט געברענט? דער הילצערנער טורעם (קאַלאַנטשאַ) אָבסערוואַטאָרן (און צווישן זיי די יידן מאיר צאַצקעס און קאַרזש דער שוסטער) איז געווען דער שומר ישראל פון פינסק, און אַז אויף אהילשענער גאַס, פון וועלכן עס פלעגן אַראָפּקוקן די 5 די אָבסערוואַטאָרן פלעגן אָנהויבן קלינגען אַלס סימן פון אַ שריפה, פלעגט די גאַנצע שטאָט אָנגעפילט ווערן מיט „טרעוואָגע", ווייל ווער־ווער, אָבער יידן געדענקען גוט ווי טייער זיי האָבן געצאָלט פאַר שרפות, רחמנא ליצלן. פאַר אונדז, קינדערלעך, איז דאָס גע־ווען אַ גאַנצע „שמחה". מיר פלעגן נאָכלויפן די „פּאָזשאַרנע קאָ־

מאַנדע" און צוגעבן מיט אונדזערע קולות צו דער אַלגעמיינער „טרעוואָגע"... אַ קלייניקייט ? — אַ שריפה...

פון די אַלע שולעס אין פינסק איז מיר אַמשטאַרקסטן איינגע־קריצט אין זכרון די „לאה־פייגעלעס" שול, וועלכע האָט דערנאָך געהייסן „תל חי". עס הילכן איצט אין מיינע אויערן די גימנאַסטיק לעקציעס אויפן הויף פון דער שולע :

„יד אחת הרמנה, הרמנה ! / יד אחת הורדנה, הורדנה !

„במעגל, במעגל, לכנה, לכנה ! במעגל, במעגל, עמודנה עמודנה".

איך געדענק גוט די פראַכטפולע קינדער־אָוונטן וואָס יד שולע פלעגט איינאָרדענען אין האָלצמאַנס טעאַטער און די לידלעך, וואָס מען פלעגט זינגען אויף די אָוונטן, פלעגן דערנאָך זיך לאָזן הערן פון אַ סך יידישע הייזער אין שטאָט. די לערער פון דער שולע (וועלמאַן, די שוועסטער פון אונדזער חבר בר־רצון, זלאַטקע ראָזמאַן, איצט אין תל־אביב, משה חיים רעזניק, אברהמל מאיראָוויטש, יעקב אייזנבערג (י. ברזלי), ארקע וויינער (א. ישראלי אין גבת), זאב לערמאַן (אַ קורצע צייט) א. אַ. האָבן זיך באַצויגן צו זייער אַרבעט ווי צו עבודת־קודש און אַריינגעפלאַנצט אין די קינ־דערלעך אַסך ליבע און טריישאַפט צו זייער פאָלק און לאַנד. לאָמיר זיי דערמאָנען ביי דער געלעגנהייט צו שבח.

יאָ, פינסק האָט דורכגעמאַכט גאָר שווערע יאָרן אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין צייטן ווען די מאַכט פלעגט זיך בייטן, באַלאַכאָווצעס און אַנדערע קריטישע טעג, אָבער נאָך יעדן קריזיס פלעגט קומען אַן אויפשוווּנג. די יידישע געזעלשאַפט פלעגט ענערגיש און דינאַמיש זיך נעמען אין די הענט כדי באַנייען אינסטיטוציעס, כדי עס זאָל קלאַפּן דער דופק. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געגרינדעט פיל יידישע בענק, גמילות חסדים, לינת הצדק און אַנדערע אינסטיטוציעס און דאָס פלעגט צוגעבן פיל מוט און קוראַזש דעם פשוטן ייד פון אַ גאַנץ יאָר. אויך דער טעאַטער האָט אויפגעשטיגן. עס פלעגן אַראָפּקומען קיין פינסק פיל טרופּעס פון ווילנע, וואַרשע און אַנדערע מקומות, אָבער באַזונדער געדענק איך דאָס אַרטיסטן פּאָרל יאָסעלע קאָלאָדני און אליע ראַבינאָוויטש, וואָס אַלע פינסקער האָבן זיך געגרויסט מיט זיי און זייערע קופּלעטלעך פלעגן אַרומגיין איבערן שטאָט. יאָסעלע קאָלאָדני האָט אין זיינע לידלעך און קופּלעטן אויסגעדריקט די שטימונגען אין שטאָט און דערפאַר זענען זיי אַזוי באַליבט געווען ביים עולם.

אַ טיפּיש לידל אַזאַ אין יענע נויט־יאָרן איז געווען די פאָלגנדע :

„ווער וואָלט זיך דאָס ריכטן, אַז עס וועט קומען אַזאַ צייט,
אַז קאָרן מיט קאַרטאָפעלעך, וועט זיין מיט גאָלד גלייך,
און פאַר אַ פוד קאַרטאָפעלעך — פאַרזעצט מען די פאַנטאָפעלעך
און פאַר אַ שטיקל ברויט — פאַרזעצט מען אויך די קלייד...
אוי, פינסק איז דאָך אַ שטעטל
מען לעבט דאָך אויפן ביכל מיטן צעטל — — —"

די יוגנט פלעגט שטענדיק פאַרכאַפּן די „גאַליאַרקע", בעלי־בתּישע יידן פלעגן אַפילו זיצן אין אַ „לאָזשע", אָבער דער טעאַטער איז כמעט שטענדיק געווען פול.

אנשל ל.

נחמיה ליפשיץ / כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע

כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, מיין אָרימע היים,
כ'האָב ליב יעדעס גרעזל און ליב יעדן בוים,
וואָס האָבן געהאָדעוועט זיך אויף דיין שויס —
כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, אָן פּניות און הייס.

כ'האָב ליב דיינע פעלדער, וואָס ציען זיך וייט
און טראָגן דעם חותם אויף זיך פון דער צייט ;
כ'האָב ליב דיינע דערפער, אויף שליאַכן צוזייט —
די מענטשן, וואָס קייען דעם ראָזעווען ברויט...

כ'האָב ליב דיינע הימלען, וואָס תמיד פאַרקלערט,
כ'האָב ליב אָן אַ גרעניץ דיין יעדן שפּאַן ערד.
כ'האָב ליב דיינע לאָנקעס — דעם קאָמער פון היי —
די פויערשע כאַטעס, געדעקטע מיט שטרוי...

כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, ווייל ס'האָט אויף דיין ערד
די צייט מיינע יוגנט־חלומות פאַרצערט...
ווייל ס'וויגעלע מיינס איז געווען פון דיין האָלץ —
כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, און בין אויף דעם שטאָלץ.

כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, מיין אָרעמע היים,
כ'האָב ליב יעדעס גרעזל און ליב יעדן בוים,
וואָס האָבן געהאָדעוועט זיך אויף דיין שויס —
כ'האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, אָן פּניות און הייס.

פינסק, 1933.

ליניִשטשעס

אַ גרויסע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פינסק האָט זיך קאָנצענטרירט אין די ליניִשטשעס. די טייל פון שטאָט איז געווען אַנדערש ווי אַנדערע טיילן, וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם צענטער, ווי: בילאַווסטעינע", „מאָנאַסטירשטשענע", „וויגאָדקע", „ניישטאָט", „בראַזיליע" א. אַ. כאָטש די ליניִשטשעס ליגט אין דרום טייל פון שטאָט, נאָענט צום צענטער, דאָך האָט זי אויסגעזען לויט איר אויסערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט, ווי אַן אַלטער אָפּגעשלאָסענער „געטאָ", וואָס איז פאַרבליבן פון אור־אַלטערטום.

אירע ניט־ברוקירטע גאַסן און געסלעך זענען געווען אָרעם אין נאַטור, אָן אַ גרעזל און אָן אַ בוים. קליינע, נידעריקע, אַלטע כאַטקעס, מערסטנטייל אויסגעצויגענע קרומע ווענט, ווי רוקנס פון אייזלען, און אויסגעדרייטע, צעלעכערטע אָדער פאַרלאַטעטע דעכער קוקן אַראָפּ אַזוי דלות'דיק, אַזוי נעבעכדיק... אַנטקעגן טראָטואַרן ציען זיך לענג אויס אַלטע, צעבראָכענע בריקלעך איבער דער אויסגעקרימטקייט פון דער ניט ברוקירטער אויברפלאַך און אירע שמאָלע שטויביקע געסלעך.

דערפאַר טאַקע, ווען עס קומען אָן די ערב־פריילינגדיקע און הערבסטיקע נאַסע וועטערן, ווערן פאַרשווונדן די סימנים פון די צעלעכערטע בריקלעך און אַלץ ווערט פאַרגאָסן ווי איין גרויסער, גלאַנציקער פאַנצער פון טיפן, נאַסן באָדן־זומפּ, מיט וואָס עס איז אַזוי רייך אונדזער פּאָליעסער געגנט...

צוקאָפּנס פון די „ליניִשטשעס" קרייזט אַרום דער אַלטער שטאָטישער בית־עולם, וועלכער איז פאַרבויט געוואָרן מיט דעם „אַרום" פון שטאָט און בילדעט זיך ווי אַ האַלב פאַרווילדעט וועלדל, וואָס מיט זיינע געדיכטע אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, וואַרפט ער אָן אַן אומעטיק־מיסטישן שיין אויף דער אַרומיקייט... ווען מיר קוקן פון וויטנס אויף די איינגעהויקערטע פיגורן פון די געדיכט־פאַרביטע הייזלעך, דוכט זיך אונדז, אַז גרופּן אַלטע זקנים האַלטן זיך פעסט איינגעשלאָסן איינער אין אַנדערן, און מיט זייערע עובר־בטל'דיקע בליקן פאַרבינדן זיי דעם שטילן, ציטערדיקן קאָנטאַקט מיטן אַלטן בית־עלמין, וועלכער דערוואַרט מיט כבוד זייער סוף — —

די באַפעלקערונג פון די „ליניִשטשעס" איז אַ פאַראָרעמטע און באַשטייט הויפּטזעכלעך פון דער האָרעפּאַשנער אַרבעטער־משפחה: פורמאַנעס, טרעגערס, שניידערס, שוסטערס, שמידן, סטאָליאַרעס, שמאַטניקעס, און אויך פון יידן, וועלכע האַנדלען מיטן דאָרף. דעריבער טרעפט איר אין דער געגנט גראָב־פאַרהאָרטעוועטע פּנימער, רויטבאַקיקע הענט, אָדער בלאַסע איינגעפאַלענע געזיכטער פון אַנדערע בעלי מלאכות. דערפאַר ליגט אויף זייערע פּנימער דער שטעמפּל פון מידקייט און פשטות, פון נאַיוויטעט און גלויבן. דערפאַר קוקן אַרויס פון זייערע אויגן די ערלעכע פאָדערונגען פון באַ'עוולה'טע קינדער — — —

די אַרבעטנדיקע יוגנט זעט אויס טרוימעריש און אירע בליקן זענען אַנגעצונדענע. זי רייסט זיך צו האָריזאָנטן, צו נייע וועגן. די שול־יוגנט זעט אויס אויסגעמאַטערט פריצייטיק, מיט בלאַסע פּנימלעך. זומער און ווינטער מיט אָפּגעבליאַקעווטע מלבושים זעט מען די קינדער אויפן וועג אין און פון חדר. חוץ די געוויינלעכע הויז־חיות, ווי הינער, קאַטשקעס און קעץ — טרעפן מיר דאָ כמעט ביי יעדער הויז־ווירטשאַפט אַן אייגענע ציג מיט ציגעלעך. זומער־צייט איז אַלץ אין דרויסן. אַלטע ווייבער זיצן פאַר די פריזבעס, אַרבעטן אויס זאַקן אָדער הענטשקעס אויף ווינטער פאַר די אייניקלעך. די יינגערע שאָבן קאַרטאָפל אָדער שעפּן וואַסער פון ברונעם און וואַשן די כלים.

דורך די צעעפנטע פענצטער דערטראָגט זיך אָפט אַ קלאַנג פון אַ זינגענדיקן וואַרשטאַט און מישט זיך אויס מיט דעם הירזשען פון פערד און מעקען פון די ציגן. שטיפערישע יינגלאַך העגנען זיך אָן אין רוקן פון אַ באָק און הילכיקע געלעכטער־קולות פון קינדער, וואָס האָבן הנאה פון מעקען פון באָק, טראָגן זיך איבער דער גאַס.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דעם שטילן איזאָלירטן לעבן פון דער טייל שטאָט, וואָס וועבט זיך איר אייגנאַרטיק אידיליש פאָדעם — דוכט זיך אונדז: אָט איז אַ שטעטעלע אין אַ שטאָט.

מנוחה

כשהגיע הרב ר' לוי יצחק (הברדיצ'באי) לפינסק כדי לשבת בה על כסא הרבנות, יצא עם כמה בעלי בתים לטייל בעיר. זקני העיר סיפרו, כי לאחר שהגיע לאיזור ה„לינישצ'ס" וראה את בתיה העלובים, שכולם עשויים עץ, ואת הצפיפות האיומה, הרים עיניו השמימה ואמר: „רבונו של עולם, אחד אני מבקשך, אל תגיע, חלילה, שריפה לאיזור זה!"

זו הסיבה — טענו יהודים — כי ה„לינישצ'ס" לא היו למאכולת אש, ושרפות רבות, שפרצו בפינסק, „דילגו" על איזור מגורים צפוף זה.

זלמן הירשפעלד / מיט דער „דוד־הערמאַן־סטודיע״ אין פּינסק

אין זומערצייט פון יאָר 1925 איז די טעאַטער־סטודיע אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון דעם באַרימטן רעזשיסער דוד הערמאַן אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע אויף אַ טורנעע איבער די יידישע ישובים פון די „קרעסן״.

דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון יונגע, ענטוזיאַסטישע בחורים און מיידלעך, פאַרליבטע אין יידישע טעאַטער־קונסט; צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די סטודיאַנטן געלערנט אין דער דראַמאַטיש̈ער שול אין וואַרשע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר מיכאל וייכערט, זיך געגרייט מיט התמדה צו דער הייליקער עבודה: ווידמענען זייערע יאָרן דעם בעסערן יידישן טעאַטער פון מאָרגן.

עס איז געווען אַן אמתדיקער טריומף־מאַרש: אומעטום איז די סטודיע אויפגענומען געוואָרן מיט יומטובדיקער פרייד און סימפּאַטיע און אַרויסבאַגלייט געוואָרן מיט „באַנקעטן״, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קנאַפּע, מאָגערע מאכלים ומשקאות, און מיט אָן אַ שיעור לויב־געזאַנגען, קריטישע באַמערקונגען, באַגייסטערטע רייד וועגן יידישן קולטור־שאַפן — דאָס אַלץ האָט די יונגע שוישפּילער געמוטיקט און געשטאַרקט דעם גלויבן אין זייער טעאַטער־אידעאַל.

איין מאָל, אין ניעסוויעזש, נאָך אַ פאָרשטעלונג פון פּרץ הירש־ביינס „גרינע פעלדער״, איז אַרונטערגעקומען צו אונדז אויף דער בינע אַ מיטליעריקער ייד און זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט:

— איך בין האָלצמאַן פון פּינסק; אונדזער משפּחה פאַרמאָגט אין פּינסק אַ שיינעם טעאַטער־בנין; מיר האָבן געהערט וועגן דעם דערפאָלג, וואָס די „הערמאַן־סטודיע״ האָט אין די אַלע מקומות, און כ׳בין ספּעציעל געקומען אַהערצו פון פּינסק צו זען אייער אַ פאָרשטעלונג; דעם ספּעקטאַקל, וואָס כ׳האָב היינט דאָ ביי אייך געזען, געפעלט מיר זייער און איר האָט אַלע שאַנסן נושא־חן צו זיין ביי אונדזערע פּינסקער פּיינשמעקערס און אַפילו ביי „עמך״, על כן לאַד איך אייך איין קיין פּינסק. אונדזער טעאַטער איז צו אייער דיספּאָזיציע, איר קענט ביי אונדז שפּילן וויפל אייער האַרץ גלוסט און אַזוי לאַנג ווי אונדזער עולם וועט פאַרלאַנגען. וואָס אַן אמת איז, מיר האָבן אין פּינסק אַן עולם, וואָס האָט טאַקע ליב „די רומענישע חתונה״ און אַפילו „כינקע־פּינקע״, מיר האָבן אָבער אויך אַ פיינע אינטעליגענץ, וואָס האָט ליב דעם „דבוק״, „טאָג און נאַכט״ א.אַ.

מיר זענען געקומען קיין פּינסק און אויפגעשטעלט אונדזערע געצעלטן אין האָלצמאַנס טעאַטער — כשמו כן הוא! עס איז טאַקע געווען אַ הילצערנער בנין, אָבער געבויט מאַסיוו ווי אַ לייטיש טעאַטער מיט אַ גרויסן פּאַרטער, באַלקאָן און גאַליאָרקע, און דער

„דער קאַרגער״ פון מאָליער, אויסגעפירט דורך דער פּינסקער דראַמאַטישער סטודיע. צווישן די אָנטייל־נעמער יאָסעלע קאָלאָדני, אָליא ראַבינאָוויטש, ברוך קאַצמאַן, יעקב אייזנבערג, פסק פעקאַטש א. א.



Na korzyść Domów Sierot

Program.

W Sobotę 14 kwietnia r. b.

odbędzie się

Wielki Wieczór Autorski

Przedstawiono będzie poraz pierwszy na scenie

DOLARY

Komedja w 3-ch aktach A.-M. FELDMANA

OSOBY:

Szepsyl Lemeszke	p. Łucki.
Trajne, jego żona	p. Żuchowycki.
Abram, ich syn	p. Tołstow.
Rywka	p. Rabynowicz.
Lejzer	p. Kołodny.
Heszeł, furman	p. Brester.
Gysze, jego żona	p. Frydman.
Szprynce jego córka	p. Gotlib.
Szmuel, szewc	* * *
Sztejman	p. Kacman.
Włodawski	* * *

DYWERTYSMENT

OSOBY:

Kuplety	p. Łucki.
Śpiewy humorystyczne	p. Tołstow.
Kuplety-parodji	p. Rabynowicz.
Humorystik	p. Kołodny.

TAŃCE, LOTERJA.

Początek o godz. 9 wiecz.

Drukarnia Worowskiego Pińsk.

לטובת די בתי־יתומים.

פראגראם.

שבת דעם 14 אפריל 1923 יאר.

וועט פארקומען

אגראנדיעזער אויטאר־אווענד

עס ווערט אויפגעפירט צום ערשטען מאל אויף דער ביהנע

דאלארן

קאמעדיע אין 3 אקטען פון א.־מ. פעלדמאן.

פערזאנען:

שעפסיל לעמעשקע	ה׳ לוצקי.
טריינע, זיין ווייב	פ׳ זשוכאוויצקא.
אברהם, זייער זון	ה׳ טאלסטאוו.
רבקה	פ׳ ראבינאוויץ.
לייזער שדכן	ה׳ קאלאדני.
העשל, פורמאן	ה׳ ברעיסטער.
גישע זיין ווייב	ה׳ פרידמאן.
שפרינצע זיין טאכטער	פ׳ גאטליב.
שמואל, שוסטער	* * *
שטיימאן	ה׳ קאצמאן.
וולאדאווסקי	* * *

דיווערטיסמענט

פערזאנען:

קופלעטען	ה׳ לוצקי.
הומאריסטישע לידער	ה׳ טאלסטאוו.
פאראדיען־קופלעטען	פ׳ ראבינאוויץ.
הומאריסטיק	ה׳ קאלאדני.

טענץ, לאטעריע

אנפאנג 9 אווענד.

עיקר — מיט אַ גרויסער, באַקוועמער בינע מיט אַלע נויטיקע איינ־ריכטונגען, ווי באַלייכטונג, דעקאָראַציעס און גאַרדעראָב־צימערלעך פאַר די אַקטיאָרן.

נאָך די „פאזשארנע סארייען" און בודעס פון די קליינע שטעט־לעך זשעטל, נאוואיעלניע, האָראָדיי, נאָך די נאַפט און קאָרביט־באַלייכטונג פון די פראָוויזאָריש־צונויפגעקלאַפּטע „דריי־בינעס" (וואָס מ׳קאָן זיך אַפילו נישט אויסדרייען), האָט אונדז האַלצמאַנס טעאַטער אויסגעזען ווי אַ קעניגלעך אָפּערע־טעאַטער...

אונדזער טרופּע האָט זיך באַזעצט ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן אין ברעגמאַנס פיינעם האָטעל אַנטקעגן דעם שיינעם, ברייטן טייך פינא. געקומען קיין פינסק זענען מיר נאָר אויף צו שפּילן העכסטנס אַ וואָך צייט און מיר האָבן געשפּילט מיט אַ סך דערפאָלג גאַנצע זעקס וואָכן!

פון דער ערשטער רגע אָן האָט אויף אונדז אַ ווייע געטאָן אַ וואַרעמע כוואַליע פון גאַסט־פריינדלעכקייט און חברלעכער ליבשאַפט פון דער עיר ואם בישראל פינסק. טאָג און נאַכט האָט געזשומעט אַרום אונדז: די אינטעליגענטע יוגנט פון פינסק האָט זיך אַרום אונדז געפּאָרעט און אונדז פאַרלאָפן אַלע וועגן, געפירט אונדז איבער דער שטאָט און אונדז באַוויזן מיט אַן איבערלעכן ציטער און יראת הכבוד:

— איר זעט אָט דעם ווייס־אויסגעקאַלכטן מויער אין סאַמע צענטער־שטאָט? אָט ביי דעם מויער זענען דורך די פּאָליאַקן אויס־געהרגעט געוואָרן 37 מאַרטירער אונדזערע!...

וואָס האָבן מיר אין יענעם שיינעם זומער געשפּילט פאַר דעם פינסקער האַרציק־דאַנקבאַרן עולם?

מידע, הונגעריקע און נישט איינמאָל צעשלאָגענע פלעגן די באַשעפטיקטע זיך אומקערן אַ היים בעת אַרום איז שוין אַלץ געווען איינגעטאָן אין פינסטערניש. יידישע אַרבעטס־גרופן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם יודנראַט האָבן אויך געאַרבעט ביי אָרטיקע קריסטלעכע אונטערנעמער — אין גרינוואַרג־גאָרטנס, ביי פאַבריכטן ווענגן און בריקן און ביי אַנדערע אַרבעטן.

די טעטיקייט פון יודנראַט

פונוואַנען האָט דער יודנראַט גענומען געלט אָנצופירן מיט זיין טעטיקייט? די וויכטיקע הכנסה איז געקומען פון דעם ברויט־שטייער. ברויט האָט מען פאַרקויפט לויט קאַרטן. אַ קילאָ האָט געקאָסט 2 רובל (שפּעטער — 3 רובל) דערפון זענען 75% געווען שטייער־אָפּצאָל. אויפן שוואַרצן מאַרק האָט מען פאַר אַ ברייטל געצאָלט 200 רובל. אַ צווייטער מקור פון פרנסה האָט געדינט פאַר דעם יודנראַט דער פאַרקויף פון אַ טייל פונם גאָלד, וועלכן די דייטשן האָבן קאָנפיסקירט.

דאָס געלט איז אויסגעגעבן געוואָרן פאַר דריי עיקרדיקע צילן:

א. צו באַפרידיקן די דייטשע פאַרשיידענע און משונהדיקע פאָדערונגען.

ב. פאַר אַרבעט־לוין פאַר די באַשעפטיקטע דורך דעם יודנראַט.

ג. פאַר סאָציאַלע צוועקן.

בראש פון דער סאָציאַלער אָפּטיילונג איז געשטאַנען די געוועזענע דירעקטאָרין פון דער גימנאַזיע די פרוי טשיטשיק־גאלינקער.

הונדערטער מענטשן פלעגן טאָג־טעגלעך באַלאַגערן איר אַמט און בעטן הילף און אונטערשטיצונג. יעדער איינער האָט דערלאַנגט אַ שריפטלעכע בקשה. די גרויס פון דער הילף האָט פרוי טשיטשיק באַשטימט לויט די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען געשטאַנען צו איר רשות. פאַרשטייט זיך אַז זי האָט געקענט נאָכקומען די פאַרשיידענע ביטעס נאָר אויף אַ מינימאַלן אופן. נישט געקוקט אויף איר שווערער דענערווירנדיקער אַרבעט, האָט זי תמיד געפונען אַ גוט וואָרט פאַר אַלע וועלכע האָבן צו איר געווענדעט און זי איז געווען פאַר זיי ווי אַ באַרמהאַרציקע מוטער.

מיט דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג האָבן אָנגעפירט זילבערבלאַט, אייזנבערג און גרינשטיין. זילבערבלאַט האָט פערזענלעך געקענט די דייטשן וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר די אַפּראָוויזאַציע־ענינים. ער האָט זיך מיט זיי פאַרבונדן בעת זיי האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון זיין הויז אויף דער ווישניאָוועצקאַ־גאַס און דאָרט איינגעאָרדנט זייער אַמט.

אַחוץ ברויט האָבן די דייטשן גאָרנישט געגעבן די יידן. כדי צובאַקומען אַנדערע לעבנס־מיטלען האָבן די יידן געמוזט אָנקומען צו די פויערים און פאַר מלבושים און שטאָפן קריגן ביי זיי עסנוואַרג. די יידן וועלכע האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט זענען געווען די פאַרמיטלער אויף דעם געביט.

יידן איז געווען פאַרבאָטן צו קומען אויפן מאַרק. אַזוי האָבן זיי זיך אויך נישט געטאָרט באַווייזן אויף דער גרויסער גאַס (קאָשטשושקא) און אין דער געגנט פון טייך.

נאָר אַ קורצע צייט האָבן די יידן גענאָסן פון דער פרייהייט צו קויפן לעבנס־מיטל אויפן מאַרק צוויי טעג אין דער וואָך. שפּעטער איז דערלויבט געוואָרן נאָר איין טאָג אין דער וואָך און צום סוף איז לחלוטין פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידן זיך צו ווייזן אויפן מאַרק.

דערציילט איינער פון די עדות:

„איינמאָל האָב איך געפּרוווט מיין מזל. איך האָב זיך אַריינגעגנבעט צווישן די וועגענער פון די פויערים אויפן מאַרק. איך האָב געהאַט זייף כדי פאַר אים צו באַקומען לעבנס־מיטל. נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו גיין צו עמעצן האָט מיך פאַרהאַלטן אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. נאָכדעם ווי איך האָב

געקריגן פון אים עטלעכע פּעטש און אויסגעהערט כלערליי קללות האָב איך זיך מיט ליידיקע הענט צוריקגעקערט אַהיים פול מיט שנאה און צאָרן אויף דער דערנידערונג און באַלייידיקונג״.

צווייטער קאַפּיטל

2 טעג פון א מאַסן־שחיטה

דער סוף פון דעם ערשטן חודש

עס איז אַריבער דער ערשטער חודש פון נאַצישער הערשאַפט אין שטאָט. דאָס איז געווען אַ חודש פון דערנידערונג, יסורים און צרות. שטילשווייגנד האָט דער יידישער ישוב געטראָגן די גרויסע ליידן, איינגעזאַפּט חרפּות און בושות און מיט ציטער געוואַרט אויף די ווייטערדיקע טעג.

פאַרשלאָסענע אין זייערע דירות און צוריקגעהאַלטנדיק זיך פון אַרויסגיין אין גאַס אויס פחד פון זיך טרעפן מיט דייטשן אָדער מיט זייערע באַהעלפער, די פּוילישע פּאָליציי — האָבן צענער טויזנטער אויסגעהונגערטע פאַרפּייניקטע יידן געהאָפט אַז נישט לאַנג וועט אָנהאַלטן דאָס שקלאַפערישע לעבן און אַז עס איז נישט ווייט דער טאָג פון זייער באַפרייונג פון דעם יאָך פון זייערע אונטערדריקער.

דער אַרעסט פון 300 מענער

פּונקט צום סוף פון דעם ערשטן חודש פון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז די שרעק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויזאַמע ווירקלעכקייט.

מאָנטיק ביינאַכט, דעם 4־טן אויגוסט 1941, איז געשען די זאַך. אין אָט דער נאַכט זענען די דייטשן צוזאַמען מיט דער פּוילישער פּאָליציי באַפאַלן יידישע הייזער אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט און אַרעסטירט 300 מענער. די מערהייט פון זיי יונגעלייט.

געשלאָגענע און פאַרוווּנדעטע זענען זיי דורך דער פּוילישער פּאָליציי בראש מיט זייער קאָמענדאַנט שמיגעלסקי געבראַנגט געוואָרן אין דער פאַבריק פון קאָרקעס, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַלבראַכטאָווסקאַ־גאַס און וווּ עס האָט אַמטירט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע. פאַרבלוטיקטע זענען זיי אַריינגעשליידערט געוואָרן אין דער קעלער־שטוב. אייניקע פון זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן און זיי האָבן איבערגעגעבן, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט.

דינסטיק דעם 5־טן אויגוסט — די ערשטע אַקציע

אין די פרימאָרגן שעהן פון אָט דעם דינסטיק זענען די עלטערן פון די פאַרהאַפטעטע אַוועק צו דעם יודנראַט און געבעטן הילף, ווייל אינדערצווישנצייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די דייטשן פאָדערן אויסלייז־געלט פאַר די פאַרהאַפטעטע. די מענטשן פון יודנראַט האָבן זיך געווענדעט צו דעם שטאָט־פּרעזידענט שליווינסקי וועגן אַן עצה. אָבער ער האָט געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין שום אַהנונג וועגן דעם ענין און אַז ער האָט נישט דערהאַלטן קיין שום אָנווייזונגען מצד די דייטשן. צום סוף האָט ער מסכים געווען צו באַזוכן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון יודנראַט ביי דעם קאָמענדאַנט פון שטאָט.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך דער שטאָט־פּרעזידענט פאָרגעשטעלט צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע פון יודנראַט פאַר דעם שטאָט־קאָמענדאַנט. דער לעצטער האָט גלייך אַרויסגעטריבן די יידן שרייענדיק: „אַרויס פאַרשאָלטענע הינט״. דעם שטאָט־פּרעזידענט, וועלכער איז פאַרבליבן אין זיין צימער, האָט ער באַפוילן צו מאָביליזירן אַלע יידישע מענער פון 60—16 צו אַרבעט אויף דער באַן־סטאַנציע. דערביי האָט ער צוגעגעבן אַז אויב דער באַפעל וועט נישט אויסגעפילט ווערן וועלן די 300 פאַרהאַפטעטע דערשאָסן ווערן.

די מיטגלידער פון יודנראַט און זייערע שליחים האָבן זיך גלייך פונאַנדערגעלאָפן איבער די גאַסן פון שטאָט מעלדנדיק: אַז אַלע יידן פון 60—16 יאָר דאַרפן זיך גלייך צושטעלן צו אַרבעט אויף דער באַן־סטאַנציע און ווער עס וועט דאָס נישט טאָן, וועט דערשאָסן ווערן צוזאַמען מיט זיין משפחה.

אויך די פּוילישע פּאָליציי האָט פּאַטראָלירט די גאַסן און גערופן צו אַרבעט. מען האָט געזאָגט אַז מען גייט פאַריכטן די באַן־ליניעס אין זאַזירי׳ע לעבן האָראָדישטש.

די מענטשן פון יודנראַט האָבן געהייסן מיטנעמען עסן אויף 3 טעג און געפאָדערט אויסצופילן דעם באַפעל. דאָס האַרץ פון די טויזנטער איז, אָבער, געווען פול מיט ציטער און שרעק, באַזונדערס איז די שרעק געוואָקסן בעת מען האָט געזען אַז דעם קרעמער לייבל הובערמאַן, וועמען עס האָט געפעלט די לינקע האַנט, האָט מען אויך אַרויסגעטריבן צו אַרבעט. אויב אַרבעט — האָט מען זיך געפרעגט — דאַן פאַר וואָס שלעפּט מען אויך דעם אינוואַליד?

עס זענען געווען יידן, וועלכע זענען אַוועק צו זייערע פּוילישע פריינט, מיטגלידער פון שטאָט־ראַט און געפרעגט וואָס זיי דאַרפן טאָן. אויך זיי האָבן געעצהט צו גיין צו אַרבעט. אייניקע האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען דורך אַרויסבאַקומען אַ קראַנקהייט־באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

פאַרשטייט זיך אַז נישט אַלע יידן האָבן אויסגעפילט דעם באַפעל. פיל יידן האָבן באַשלאָסן נישט צוגיין און האָבן זיך באַהאַלטן. אַ טייל פון זיי האָט זיך אונטערן דרוק פון זייערע בני־בית דאָך צוגעשטעלט. זייערע עלטערן און פרויען האָבן געטענהט אַז מען מוז זיך צושטעלן צו דער אַרבעט און אַז נאָך אייניקע טעג וועלן זיי זיך אומקערן בשלום אַהיים. צוליב וואָס דען איינשטעלן דאָס לעבן? זיי וועלן דאָך אונדז אַלע דערשיסן, אויב מען וועט ווידערשפּעניקן זייער באַפעל״.

אַן אויסנאַם האָט געבילדעט די מיטגלידער פון יודנראַט און דאָקטוירים. זיי האָבן זיך נישט געדאַרפט צושטעלן צו דער אַרבעט. אָבער ווען די דייטשן זענען נישט געווען צופרידן פון דעם טעמפּאָ פון דער דורכפירונג פון דעם באַפעל, האָבן זיי געהייסן די מיטגלידער פון יודנראַט אויך זיך צושטעלן אויף דער באַן־סטאַנציע.

נישט געקוקט אויף דער פּאַניק און שרעק האָבן טויזנטער געשטראָמט צו דער באַן־סטאַנציע.

דערציילט אַ פרוי אַן עד־ראיה: „דורך דעם פענסטער

פון מיין שטוב אין דעם עק־גאַס צווישן זאַבלאַנא און האַנטשערסקע האָב איך געזען מיטאָגצייט טויזנטער מענער, צווישן זיי 16 יאָריקע ייִנגלעך און 60 יאָריקע זקנים גייענדיק רואיק ווי עס גייען מענטשן צו זייער טעגלעכער אַרבעט פון דער אַנדערער זייט פון דער באַן־סטאַנציע.

אויף דער באַן־סטאַנציע

אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן זיי דערוואַרט באַוואָפנטע דייטשן. יעדער איינער האָט געמוזט פאַרבייגיין זיי באַקומענדיק קלעפּ מיט די ביקסן. די פּוילישע פּאָליצייַ, האָט פון איר זייט צוגעגעבן גרויזאַמע שמיץ מיט די שטעקנס אין זייערע הענט.

8000 מענער זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין פינפטלעך אויסגעשטעלט אין צוויי לאַנגע רייען. דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל: אַלע צייגנישן, געלט, זילבערוואַרג, זייגערלעך א.אַ. אַוועקצולייגן אויף דער ערד און די אויסגעליידיקטע קעשענעס אַרויסנעמען און זיי איבערדרייען. שפּעטער זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די רייען אַ 150 בריק־אַרבעטער. זיי האָבן דאָס געדאַרפט מאַכן „אָרדענונג" אויף דעם סטאַנציע־פּלאַץ, צונויפזאַמלען אַלע זאַכן און צום סוף זענען זיי באַפרייט געוואָרן און געשיקט געוואָרן אַ היים.

„איך בין געווען צווישן די בריק־אַרבעטער — דערציילט איינער — און אויפן וועג אַהיים האָב איך געזען ווי אייניקע פון אונדז זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּוילישע פּאָליציאַנטן מיטן דעם אויסרייד אַז זיי זענען מכלומרשט אַנטלאָפן פון דעם זאַמל־פּונקט. אויך מיך האָט פאַרהאַלטן אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, נאָר אַ קריסטלעכע פרוי האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט אַז מיר זענען נישט אַנטלאָפן נאָר באַפרייט געוואָרן און דאַן האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און דערלויבט ווייטער צו גיין מיין וועג. איך בין אַריין אין אַ ייִדיש הויז און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן ביז עס איז געוואָרן פינסטער און דאַן זיך אומגעקערט אַהיים".

פון ביידע זייטן פון די רייען זענען געשטאַנען דייטשן. אַ טייל אויף פערד, אַ טייל אויף מאָטאָציקלען, וועלכע זענען געווען באַלאָדן מיט שיס־מאַשינען.

אַזוי איז מען געשטאַנען ביז 4 אַזייגער נאָך מיטאָג. עטלעכע הונדערט פּאַכלייט זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די רייען און באַפרייט געוואָרן. אויף זייער פּלאַץ האָט מען געברענגט די 300 פאַרהאַפטעטע, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אַ נאַכט פאַר דעם. אייניקע ייִנגלעך וועלכע האָבן באַוויזן אַז זיי זענען ייִנגער פון 16 יאָר, זענען אויך צוגעשיקט געוואָרן צו די פּאַכלייט.

דער מאַרש צום טויט

דערציילט אַן עד ראייה:

„4 אַזייגער איז דערשינען אַן אַעראָפּלאַן, וועלכער איז געפלויגן זייער נידעריק. דער פירער פון די ס. ס. האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, באַפוילן די פּוילישע פּאָליציאַנטן אָפּצושטעלן דאָס געשלעג און אַוועק אין אַ זייט און דערקלערט: „איצט וועלן מיר מאַרשירן, יעדער איינער, וועלכער וועט זיך דערווייטערן אויף אַ מעטער פון זיין באַשטימטן אָרט, וועט דערשאָסן ווערן!". אַרומגערינגלט מיט דייטשע פוסגייער און רייטער אויף פערד און מאָטאָציקלען, זענען מיר געטריבן געוואָרן לענגאויס די באַן־רעלסן ביז צו דער ליעשין־גאַס. דאָרט האָבן מיר זיך געווענדעט לינקס אויפן וועג, וואָס פירט צו ליוואַניק, זיך דערווייטערנדיק פון די באַן־רעלסן. איצט איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען אַז נישט צו אַרבעט ווערן מיר געטריבן.

גלייך ווי מיר זענען אַרויס פון שטאָט זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן די מערדער, אונדז גרויזאַם געשלאָגן און געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט שרייענדיק: „פאַרשאָלטענע הינט! איר וועט נישט צוריק אַהיים! וואַרפט אַלץ אַראָפּ פון זיך, איר דאַרפט מער נישט קיין קליידער!"

צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ רייטער און געהייסן אויסטאָן די מאַרינאַרקע. דערפילנדיק דעם באַפעל האָב איך אים געפרעגט: וואָס זאָל איך מאַכן מיט דער לענטע אויפן אַרבל? ווילנדיק אויף אַזאַ אופן זיך דערוויסן וואָס עס טראַכטן די דייטשן מיט אונדז צו טאָן.

„זי איז מער נישט נויטיק", האָט געענטפערט דער דייטש. מיר ווייסן אַז איר זענט ייִדן, טו אַלץ אויס!

פלוצלינג האָבן מיר געזען ווי אַן אַעראָפּלאַן פליט נידעריק און לאַנדעט נישט ווייט פון אונדז. פון דעם אַעראָפּלאַן איז אַרויס — ווייזט אויס — דער הויפּט־מערדער, אַ גראָבער ס.ס.־מאַן. ער איז געבליבן שטיין, די הענט פאַרלייגט הינטער אים און זיך צוגעקוקט צו די מאַרשירנדיקע.

עס איז געווען אַ לויטערער, וואַרעמער זומער־טאָג. זיילן־שטויב האָבן זיך געטראָגן פון אונטער די פיס פון טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן געמוזט מאַרשירן שנעל, כמעט לויפנדיק ווי אויך פון אונטער די פיס פון די פערד און די רעדער פון די מאָטאָציקלען, וועלכע האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

די געפּרעסטע מחנה, וואָס האָט זיך געצויגן אפשר קילאָמעטער לאַנג האָט זיך דערנענטערט צו דעם דאָרף פּאָסיניעטש. דאָרט זענען מיר אַראָפּ אין אַ קאַנאַל, געבליבן שטיין און עס איז נישט אַוועק אַ רגע און שוין האָט מען געהערט דאָס קול פון שיסערייען.

זעענדיק אַרום זיך די גרובן און די דייטשן מיט דעם שיסגעווער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געלויף. די גרעסטע צאָל מענטשן איז געלאָפן רעכטס אויפן וועג קיין לוניניעץ. די תבואה־און קאַרטאָפל־פעלדער האָבן דאָס געווירקט אַז אַלע זאָלן לויפן אין דער ריכטונג. באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז גראַדע דאָרט זענען צוגעגרייט געוואָרן 14 גרויסע גריבער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייערע קרבנות און די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקציען. עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָרט איז די ערד געווען באַדעקט נאָר מיט נידעריק גראָז, אָבער, פון דערווייטנס האָט מען געזען דאָס וועלדל הי. אַ רעגן פון קוילן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון ביידע זייטן. דער געיאָמער פון די פאַרוווּנדעטע האָט זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען פון די מערדער, דער שטויב, די שיסערייען —

אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ גיהנום ממש. פיל זענען געבליבן שטיין לעבן די גריבער. מען האָט געהייסן שטיין אויף די קניען און קניענדיק אויף אַלע פיר, האָט מען זיי געצוווּנגען אויספילן די קברים.

איך בין געשטאַנען אַ האַלבן קילאָמעטער ווייטער פון דער מחנה. איך בין, דעריבער, אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון הי. לויפנדיק אַזוי בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בויך, אָבער איך האָב באַוויזן צו דערגרייכן צו דעם וועלדל. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך דריי בחורים, וועלכע זענען אויך אַנטלאָפן. זיי זענען נישט געווען פאַרוווּנדעט. היות איך האָב פאַרלאָרן אַ סך בלוט, בין איך געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ וועג אין שטאָט אַריין און נישט וואַרטן אין דעם וועלדל ביז נאַכט ווי זיי.

מיינע פאַרבלוטיקטע קליידער האָב איך פאַרשאָטן מיט זאַמד און אַ באָרוועסער בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון דער שטאָט. על פי נס האָבן מיך די קריסטן, וועלכע איך האָב אָנגעטראָפן אויפן וועג, נישט פאַרהאַלטן און איך האָב מצליח געווען פאַרבייצוגיין אַ דייטשן וואַך־פּאָסט נישט ווייט פון די באַן־רעלסן. עס איז מיר געלונגען אַדורכצוקריכן אונטער די וואַגאָנען פון אַ לאַסט־באַן און דערגרייכן צו דער קוליאָוואַ־גאַס. דאָרט האָב איך זיך אויסגעמישט מיט דער גרופּע פאַכלייט, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן און געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט אָבער גאָרנישט נישט געפרעגט. עס איז מיר געווען שווער צו גיין, דער דורשט האָט מיך געפייניקט. איך בין, דעריבער, אַריין אין אַ יידיש הויז און געבעטן אַ ביסל וואַסער. פון דאָרט בין איך איבער די גערטנער און הויפן דורכגעגאַנגען צו דעם „מכבי״־פּלאַץ און פון דאָרט צו דאָקטאָר יוז אויף דער טראַוגושע־גאַס.

דער דאָקטאָר האָט מיך גענומען אין יידישן שפּיטאָל, וואָרנענדיק מיך נישט צו דערציילן קיינעם פון וואַנען איך בין געקומען. ביינאַכט האָב איך דערציילט די דאָקטוירים לומישאוו און מיילס אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט. אויף צומאָרגנס האָט זיך דער יודנראַט דערוווּסט וועגן מיין צוריקקער. זיי זענען געקומען צו מיר אין שפּיטאָל און איך האָב זיי אַלץ דערציילט.

די צווייטע נאַכט האָט מען געברענגט אין שפּיטאָל נאָך צוויי פאַרוווּנדעטע: מרדכי גאָטליב און יעקב פּאפּיש. זיי האָבן דערציילט אַז ביז 9 אָוונט האָבן די רוצחים באַוויזן אויסצושיסן אַלע זייערע קרבנות. זיי ביידע זענען געבליבן פאַרוווּנדעטע אויף די געפאַלענע און ביינאַכט איז זיי געלונגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און קריכנדיק דערגיין צו דער שטאָט.

די פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּינסק

אין לאַנדס־שטאַב פון דער ישראל־פּאָליציי האָט די פּרוּוי פון אויבנדערמאָנטן עד־ראייה דערציילט פאָלגענדעס: „פאַרנאַכט האָב איך דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מיין מאַן געפינט זיך אין שפּיטאָל. איך בין געלאָפן אַהין און ער האָט מיר דערציילט, אַז אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. צומאָרגנס האָט מען געבראַכט אין יודנראַט די מלבושים פון די קרבנות.

עס זענען געקומען נאָך עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די גריבער, אָבער זיי האָבן דערציילט דאָס געשעענע בלויז פאַר יחידים, כדי עס זאָל נישט דערגיין צו די דייטשן די ידיעה וועגן זייער עקזיסטענץ״.

ביינאַכט האָבן זיך ווידער אַרויסגעלאָזט דייטשן אין באַגלייטונג פון דער פּוילישער פּאָליציי און האָבן דורכגעפירט צוגאָב־זוכונגען אין די יידישע הייזער, זיי האָבן באַפוילן די מענער, וועלכע זיי האָבן געפונען אין די הייזער, מיטצונעמען גראָב־אייזנס און מיטגיין מיט זיי. אויך 12—13 יאָריקע יינגלעך האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. „מיר נויטיקן זיך אין אַ סך אַרבעטער!״ — האָבן זיי געזאָגט.

ביי 300 יידן זענען דאַן געבראַכט געוואָרן אויפן אָרט, ווו די שחיטה איז פאָרגעקומען. דאָרט האָבן די דייטשן זיי באַפוילן צונופצוקלייבן די קרבנות, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן און זייערע גופים זענען געלעגן צעזייט איבער די פעלדער. ווען די יידן האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט ביים צונויפקלייבן און באַערדיקן די קרבנות, זענען אויך זיי דערשאָסן געוואָרן, אויסער צוויי, וועמען מ׳האָט באַפוילן צו פאַרשיטן די גריבער.

צומאָרגנס — מיטוואָך — האָבן פרויען און קינדער פאַרפולט די גאַסן פון שטאָט. זיי זענען אַרומגעלאָפן פאַרלוירענע און צעטראָגענע, זוכנדיק זייערע פאַרשוווּנדענע מענער און עלטערן. אין גרויסן רעש און געפילדער האָט מען געזען זייער ווייניק מענער — בלויז איינצלנע מיטגלידער פון יודנראַט, וואָס זענען פאַרבליבן און די דאָקטוירים.

דאָנערשטיק — 7־טן אויגוסט די צווייטע „אַקציע״

אין יענעם טאָג האָבן פון פריסטן באַגינען זיך אָנגעהויבן זוכונגען אין די הייזער וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך גרופּעס דייטשן, וועלכע זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אין באַגלייטונג פון זייערע מיטהעלפערס — די פּוילישע פּאָליציי־לייט. די יידישע מענער, וואָס זענען דורך פאַרשידענע צופאַלן ניצול געוואָרן פון דער פאָריקער שחיטה, האָבן זיך נאָך געפונען אין זייערע בעטן.

דאָסמאָל האָבן די נאַצישע רוצחים מיט אַ באַזונדערער אכזריות אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אפילו 8־יאָריקע קינדער און זקנים. ס׳הייסט: די, וועלכע האָבן זיך, לויט זייער עלטער, מיט צוויי טעג צוריק נישט געדאַרפט זיך צושטעלן צו דער „אַרבעט״... די אַלטע און קראַנקע לייט, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין, האָט מען אַרויפגעזעצט אויף פורן. טייל פון זיי האָט מען דערשאָסן אין די בעטן.

דאָסמאָל האָבן זיי געזוכט און גענישטערט אין אַלע לעכער און באַהעלטענישן, און אַז זיי האָבן ערגעץ ווו געפונען אַ יונגן ייד, האָבן זיי אים געשלאָגן מכות־רצח און געשריען: „פאַרוואָס ביזטו אייערנעכטן נישט געגאַנגען צו דער ,אַרבעט״?... און האָבן אים אַוועקגעשלעפּט מיט זיך. עס זענען געווען פאַלן, ווען מאַמעס האָבן פאָרגעלייגט גאָלדזאַכן — אויסקויף־געלט פאַר זייערע קינדער. אַ טייל דייטשן זענען איינגעגאַנגען אויף דעם. אָבער — די גרעסטע טייל פון זיי האָבן צוגענומען דאָס גאָלד און... אויך דאָס קינד האָבן

זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך. בלויז אין איינצעלנע פֿאַלן זענען געוויסע דייטשן גערירט געוואָרן פון די געשרייען און געוויינען פון די מאַמעס, און אָנזאָגנדיק די מוטערס זיי זאָלן גוט באַהאַלטן זייערע קינדער, האָבן זיי זיך שטיל אַרויסגערוקט.

פון פיל הייזער האָבן די רוצחים אַרויסגעשלעפּט די טאַטעס און זין צוזאַמען. אין סאַמע פליוך פון שטאַרקן רעגן, וואָס האָט דאַן אַ גאַנצן טאָג געגאָסן, זענען די קינדער און דערוואַקסענע געפירט געוואָרן איבער די גאַסן, האַלטנדיק די הענט אויף די קעפּ, ווי די רוצחים האָבן זיי באַפוילן. זייערע באַגלייטער, די דייטשן, זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין גוטע רעגן־מאַנטלען. דאָס זענען געווען דייטשן פון דער ספּעציעלער קאָמאַנדע, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אין שטאָט אויף דורכצופירן די „אַקציע".

ביי 2500—3000 מענער — צווישן זיי אַלטע לייט און קינדער — זענען אומגעקומען אין דער צווייטער „אַקציע", אין יענעם טרויעריקן דאָנערשטיק.

דורך פאַרשידענע גאַסן זענען די געכאַפּטע יידן געבראַכט געוואָרן אויף אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ פאַר בהמות, וואָס די רוסן האָבן אין זייער צייט געהאַט אויפגעשטעלט, ביים עק פון בריסקער גאַס, אין דער געגנט פון דאָרף קאָזליאַקאָוויטש.

די דערוואַקסענע זענען געבראַכט געוואָרן אין באַזונדערע גרופּן, און די קינדער — אין איין לאַנגער קאָלאָנע. אויפן וועג האָט מען זיי באַפוילן צו זינגען סאָוויעטישע לידער. איין 10־יאָריקן איז געלונגען צו אַנטלויפן, ווען די באַגלייטער פון דער קאָלאָנע זענען אַריין אין אַ שטוב — אַרויסצושלעפּן נאָך מענער.

אין יענעם טאָג האָבן אפילו נישט געהאָלפן די אַרבעטסקאַרטן. די דייטשן האָבן צעריסן די דאָזיקע שיינען פאַר די אויגן פון זייערע באַזיצער. איינער פון די זעלנער פלעגט אַריינכאַפּן דעם קאָפּ פון זיין קרבן צווישן ביקס און דעם לעדער־רימען, וואָס הענגט אויף אים, ווי אין אַ פּעטליע, און אַזוי פלעגט ער שלעפּן דעם געכאַפּטן צום זאַמל־פּונקט. אין דער זעלבער צייט פלעגט אַ צווייטער זעלנער פון הינטן שלאָגן דעם יידן מכות־רצח מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס.

אין יענעם טאָג איז געכאַפּט געוואָרן דער רב גאַליעצקי, וועלכער האָט געוווינט אויף האָנטשאַרסקע גאַס, ראָג קאָליעיאָווע. די רוצחים האָבן אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן, אָפּגעריסן זיינע פאות, דערנאָך אים אויפגעהויבן און אַריבערגעשליידערט איבערן פּלויט, צו די באַן־רעלסן, שרייענדיק: „ברענגט אונדז וואַסער! מיר האָבן זיך אָנגערירט אין אַ שטינקענדיקן ייד!"

אַלטע יידן האָט מען גענויט אַריבערצוגיין אַ טיפע קאַליוזשע וואַסער. ווען די יידן האָבן זיך, ווי עס איז אַרויסגעקריגן פון דאָרט, זענען זיי געצווונגען געוואָרן פאַרצוזעצן זייער גאַנג מיט געזאַנג. צווישן דער גרופּע יידן האָט זיך געפונען דער קצב מאָטל פורמאַן, פונעם דאָרף וואַוויטש — אַן אינוואַליד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף זיינע געבעטן, אַז ער האָט נישט קיין כוח צו גיין, האָט אים אַ דייטשער זעלנער באַפרייט. אָבער, ווען דער ייד איז צוגעקומען צו זיין שטוב, האָט אים אַ פּוילישער פּאָליציאַנט דערשאָסן.

יענעם פרימאָרגן זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון זייערע בעטן צוויי ברידערלעך, פון 10 און 13 יאָר. אין דרויסן האָט געפּליוכעט אַ שטאַרקער רעגן און די מאַמע האָט זיי געהייסן אָנטאָן די שיך. דערויף האָבן די יינגלעך איר געענטפערט: „מאַמע, מיר נויטיקן זיך שוין נישט אין דעם!"... ווען איך האָב באַגעגנט די אומגליקלעכע מאַמע — גיט איבער דער דערציילער פון דעם פאַקט — האָט זי, באַגיסנדיק זיך מיט הייסע טרערן, געזאָגט: „מיינע אומגליקלעכע קינדער, ווי אַזוי האָבן זיי געוווסט, וואָס עס שטייט זיי פאָר?"...

אין יענעם טאָג האָבן זיך דריי יידן באַהאַלטן ביי אַ קריסטין מיטן נאָמען יאַלק.

איר שכנה, מינא גראַבאָווסקאַ, האָט אָנגעוויזן די דייטשן די באַהעלטעניש. די דריי יידן זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן און דער פרוי, וואָס האָט זיי באַהאַלטן, האָט מען געשלאָגן מכות רצח.

גרופּעסווייז — צו 50—60 מאַן האָט מען די יידן אַוועקגעפירט צו אַ וועלדל, נאָענט פונעם דאָרף קאָזליאַקאָוויטש, וווּ עס האָבן זיך שוין געפונען פאַרטיקע גריבער. די קרבנות האָט מען געצוווּנגען זיך צו לייגן אין די גריבער מיטן פּנים אַראָפּ און מ'האָט זיי געשאָסן אין קאָפּ. פּויערים פון דאָרף, וועלכע האָבן באַהאַלטענערהייט נאָכגעפאָלגט פון וויַיטן דאָס געשעענע, האָבן עס דערציילט אין שטאָט און צוגעגעבן, אַז אויך די איינציקע יידישע משפחה אין זייער דאָרף — קאַראָלינסקי — איז אומגעבראַכט געוואָרן אויפן זעלבן אופן.

איינצעלנע געראַטעוועטע

בלויז איינצלנע יידן איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין יענע טעג און זענען אַ גאַנצע וואָך נישט אַרויס פון זייערע באַהעלטנישן. אפילו די בעסטע פריינד און שכנים האָבן איינער ביי דעם צווייטן נישט געקאָנט זיך דערוויסן, ווער עס איז אַוועק און ווער עס באַהאַלט זיך אויס.

איינער, אַן עד־ראיה, דערציילט וועגן יענעם טאָג פאָלגענדעס: „דאָנערשטיק פאַרטאָג האָב איך פלוצים דערהערט אַ רעש און געשרייען פון היטלעריסטן, וועלכע האָבן דורכגעפירט זוכונגען אין די נאָענטע הייזער. ממש אין דער לעצטער מינוט בין איך אַריינגעשפרונגען אין קעלער, וואָס איז פול געווען מיט האָר, אָנגעזאַמלטע פון אונדזער פריזירּאַנשטאַלט. די דאָזיקע באַהעלטעניש, ווי אויך אַ צווייטע, האָב איך צוגעגרייט באַלד נאָכן בלוטיקן דינסטיק, ווען אַכט טויזנט מענער זענען, מיטן אויסרייד, אַז מ'נעמט זיי אויף אַרבעט, אַוועקגעפירט געוואָרן צום טויט... דורך איינעם פון די על־פּי נס געראַטעוועטע פון די טויט־גריבער — יעקב פּאַפּיש — האָב איך נאָך דעם זעלבן אָוונט זיך דערוווּסט דעם אמת — וועגן דער גרויליקער שחיטה"...

„דורך די שפּאַלטן פון מיין באַהעלטעניש אין קעלער — דערציילט ווייטער דער עדות — האָב איך געזען די נאַצישע חיות, ווי זיי זוכן און נישטערן אומעטום — אין הויף, אין שטוב, קלעטערן אויפן בוידעם און פרעגן ביי מיין מאַמען:

„וווּ זענען די מענער?" די מאַמע האָט זיך געענטפערט, אַז זיי זענען נאָך דינסטיק צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט. דער דאָזיקער ענטפער האָט זיי איבערצייגט און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „אַזוי? דינסטיק? דאָס איז זייער גוט!"

אַ צווייטער עד־ראיה דערציילט: „איך האָב זיך נישט געוואָלט צושטעלן צו דער אַרבעט דינסטיק. ווען איך האָב זיך דאָנערשטיק דערוווּסט, אַז די דייטשן פירן אַדורך זוכונגען, האָב איך זיך באַהאַלטן אין נאָענטן שטאַל. אַ גרופּע דייטשן איז אַריין אין שטאַל, אָבער צוליב מאַנגל אין צייט, ווייזט אויס, איז זייער זוכן געווען אַן אויבנאויפיקער. נאָך זייער אַוועקגיין האָב איך גלייך פאַרלאָזט דעם שטאַל און האָב זיך באַהאַלטן אין אַן אַנדער ווינקל פון הויף. אין דער זעלבער צייט איז געקומען אַ צווייטע גרופּע דייטשן אין שטאַל, וועלכע האָבן דאָרט דורכגעפירט אַ גרינטלעכע זוכונג. אַזוי בין איך ניצול געוואָרן צוזאַמען מיט מיין שכן יאשע גאַרבוז".

אין משך פון די דריי שחיטה־טעג פון אויגוסט 1941 זענען אומגעבראַכט געוואָרן ביי 10,000 מענער פון די פּינסקער יידן. ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן דער בעסטער מענטשן־מאַטעריאַל, סיי אין פיזישן, סיי אין גייסטיקן זין. צווישן זיי איז געווען סיי די אַרבעטנדיקע, סיי די שטודירנ־דיקע יוגנט; דירעקטאָרן און לערער פון גימנאַזיעס און פאָלקס־שולן און די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פון שטאָט בכלל — חוץ די דאָקטוירים.

די דאָזיקע שוידערלעכע בלוט־אָפּצאַפּונג האָט איבערגע־לאָזט די יידישע באַפעלקערונג אין פּינסק אין אַ צושטאַנד פון אויסשעפּונג און מאַכטלאָזיקייט.

די עדות־דערקלערונגען פון די רוצחים וועגן די אויגוסט־שחיטות

21 יאָר נאָך די אויבנדערמאָנטע גרויל־טאָטן — שרייבט ד"ר אַרצט, דער הויפּט־פּראָקוראָר פון דער דייטשישער באַ־שולדיקונגס־צענטראַלע (צענטראַלע פון יוסטיץ־פאַרוואַל־טונגען) אין לודוויגסבורג, נעבן שטוטגאַרט, אַן ענדגילטיקן באַריכט (אבשלוס־באַריכט), אין וועלכן ער פירט אונטער אַ סך־הכול פון די אויספאָרשונגען און עדות־דערקלערונגען קעגן די מערדער פון די פּינסקער יידן, וועלכע זענען אין משך פון דער צייט געכאַפּט געוואָרן. דער באַריכט באַשטע־טיקט פולשטענדיק די אויבנגעבראַכטע פאַקטן. מיר ברענגען דאָ איינציקע ציטאַטן פון דעם דאָזיקן באַריכט און וואָס דאָרט ווערט געזאָגט:

„ביי 80 טויזנט איינוווינער האָבן זיך געפונען אין פּינסק, ווען די שטאָט איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. אין דער דאָזיקער צאָל זענען געווען: 35,000—40,000 יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין אַלע טיילן שטאָט. אין אָנהויב אויגוסט 1941 האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּינסק די ערשטע אַקציעס פון מאַסנהאַפטער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דעם 4־טן אויגוסט 1941 האָט דער יודנראַט אַרויסגעהאַנגען אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז אַלע יידן: מענער — פון 16 ביז 60 יאָר, דאַרפן מאָרגן — דעם 5־טן אויגוסט, ביז 2 אַזייגער ביי טאָג, קומען צו דער באַן־סטאַציע, פונוואַנען זיי וועלן געשיקט ווערן אויף אַרבעט אויף דריי טעג. אַלע מענער דאַרפן מיט־ברענגען מיט זיך אויף דריי טעג עסן. אין פאַל פון נישט מעלדן זיך, דראָט טויט־שטראָף דעם מאַנסביל מיט זיין גאַנ־צער משפּחה. אין דער באַקאַנטמאַכונג איז אויך אונטערגע־שטראָכן געוואָרן, אַז אין דער זעלבער צייט וועלן אויך דורכגעפירט ווערן הויז־זוכונגען אין אַלע טיילן שטאָט.

(לויט די עדות־דערקלערונגען, וואָס געפינען זיך אין אונדזער האַנט, איז נישטאָ קיין באַשטעטיקונג צו אַ ריי פּרטים, וואָס ווערן אויבן געבראַכט: א) בלויז איינע פון 5 עדות וועגן יענעם ענין (ה. שערמאַן) דערמאָנט וועגן דער באַקאַנטמאַכונג פון יודנראַט, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן דעם 4־טן אויגוסט 1941. ב) די עדות ווייזן אָן, אַז די עלטער פון די מענער, וואָס האָבן זיך דאַן געדאַרפט צושטעלן, איז געווען: פון 18 ביז 60 יאָר און נישט פון 16 ביז 60 — נ. ב.).

אויפן זאַמל־פּונקט, ביי דער באַן־סטאַציע, האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער יידן, וועלכע זענען מאַסנווייז פאַרניכ־טעט געוואָרן. דאָס טויטן דורך שיסן איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דעם 2־טן רייטער־פּאָלק פון דער קאַוואַלעריע־דיוויזיע ס. ס. אויפן באַפעל פון שטורמבאַנפירער, ס. ס.־מאַיאָר, מאַגיל, וועלכער וווינט איצט אין ברוינשווייג, מערב־דייטשלאַנד.

די קאָמאַנדשאַפט פון דער ס. ס.־דיוויזיע, וועלכע האָט זיך אָנהויב אויגוסט געפונען אין באַראַנאָוויטש, האָט געגעבן אַ באַפעל די באַטאַליאָנען פון 2־טן פּאָלק: דורכצופירן אַ „דורכקעמונג" אין די זומפּן ביים טייך פּריפּעט און צו פאַר־ניכטן אַלע יידן, וואָס זיי וועלן געפינען אין די דערפער פון יענעם קרייז. דאָס טויטן דאַרף דורכגעפירט ווערן ביי דער מיטבאַטייליקונג פון דער ס. ד. (פאַרטייאישע זיכערהייטס־דינסט פון דער ס. ס.). דער דאָזיקער באַפעל האָט זיך גע־שטיצט אויף דעם אַלגעמיינעם באַפעל פונעם רייכספירער א. ס.

דער שטורמבאַנפירער — מאַגיל — איז דערשינען אָנ־הויב אויגוסט אין דער קאָמענדאַנטור פון ס. ד. און דער זיכערהייט־פּאָליציי אין פּינסק, פאַרן אָבערשטורמפירער פון ס. ס. (לייטענאַנט־ראַנג פון ס. ס.) ווערטהאָף. ער האָט אים געוויזן אַ שריפטלעכן באַפעל צו דערמאָרדן אַלע יידן פון יענעם קרייז און צו פאַרטרייבן אין די זומפּן אַלע יידישע פרויען און קינדער. אין באַפעל ווערן געבעטן די שלאַכט־גרייטע מיליטער־טיילן מיטצוהעלפן אין זיין אויפגאַבע דעם ס. ס.־שטורמבאַנפירער מאַגיל.

דער באַשולדיקטער ווערטהאָף — שרייבט דער ערשטער פּראָקוראָר ד"ר אַרצט — האָט אין זיין עדות־זאָגן דערקלערט, אַז ער האָט דאַן געזאָגט מאַגילן, אַז לויט זיין מיינונג איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט אויסצופירן דעם באַפעל: וועגן אַרויסטרייבן די פרויען און קינדער. ער האָט אויך געפּאָדערט צו צאַפּרייען און לאָזן לעבן די יידן בעלי־מלאכות, אָבער מאַגיל האָט אויפגענומען זיינע דאָזיקע פאַרשלאָגן מיט גרויס אומצופרידנקייט, זעענדיק אין זיי אַ פּרוּוו: זיך אַרויסצודרייען פון אויספירן דעם באַפעל.

לויט די עדות־דערקלערונגען פון ווערטהאָפן האָבן די

ייִדן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט ביי דער באַן־סטאַציע, מאַרשירט, לויטן באַפֿעל פֿון מאַגילן און אין באַגלייטונג פֿון זיינע אונטערגעאָרדנטע, ביז אַ זעקס קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, ווו עס האָבן שוין געוואַרט פֿאַרטיקע גריבער. דאָרט זענען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן דורך די זעלנער פֿון 2־טן קאַוואַלעריע־פּאָלק פֿון ס. ס. קיין אַנדערע פּאָליציי־איינהייטן זענען דאָרט נישט אַנוועזנדיק געווען.

דער באַשולדיקטער מאַגיל האָט דערקלערט אין זיין עדות־זאָגן, אַז עס זענען ווירקלעך צוגעשטעלט געוואָרן צו זיין דיספּאָזיציע 4 באַטאַליאָנען פֿון יענעם פּאָלק. ער האָט אויך געקריגן אַ באַפֿעל צו געפֿינען אין מערב־זייט פֿון פּינסק אַ לאַנדונגס־פּלאַץ פֿאַר אַן עראָפּלאַן פֿונעם טיפּ: „פּיזלער שטאָרך” (אַ לייכטער אויסשפּיר־עראָפּלאַן).

צומאָרגנס — זעצט פֿאָר מאַגיל אין זיינע עדות־דערקלערונגען — בין איך געקומען קיין פּינסק. דער ערשטער באַטאַליאָן האָט שוין אָנגעהויבן זיין טויטונגס־אַרבעט, לויט ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן אין זיין באַריכט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, מיט וועלכן איך האָב זיך דאַן באַגעגנט. איך האָב אים געזאָגט, אַז מ׳מוז זען פֿאַרענדיקן די „אַקציע” אין משך פֿון צוויי טעג. כ׳האָב געזוכט און געפֿונען אויך דעם קאָמאַנדיר פֿון דעם 4־טן באַטאַליאָן, אין מיטן פֿונעם מאַרש פֿון די פּינסקער ייִדן הינטער דער שטאָט. כ׳האָב זיך אויך פֿאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פֿון דער אָרטיקער ס. ד., וועמענס נאָמען איך געדענק נישט. דער ס. ד.־קאָמאַנדיר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז די „אַקציע” וועט מאָרגן פֿאַרענדיקט ווערן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט די קאָמאַנדירן פֿון די באַטאַליאָנען 1 און 4. איך האָב זיי געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו פֿאַרענדיקן די „אַקציע” מאָרגן און צוזאַמען האָבן מיר אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן דערצו.

צומאָרגנס האָב איך פּערזענלעך נאָכגעפֿאָרשט דעם אופֿן פֿון אויספֿירן דעם פּלאַן. די טויטונגס־אַרבעט איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורכן פֿערטן באַטאַליאָן, אויפֿן באַפֿעל פֿון איר קאָמאַנדיר, וואַגנער. איך בין בלויז אַנוועזנדיק געווען אויפֿן אָרט, ווי אַ צוקוקער און האָב אַכטונג געגעבן, אַז די „אַקציע” זאָל דורכגעפֿירט ווערן גיך און אָן שטערונגען.

לויט דער מיינונג פֿונעם באַשולדיקער, האָט דער מאָרד איבער די פּינסקער ייִדן, נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער „אַקציע” קעגן פּאַרטיזאַנער, וועגן וואָס עס איז באַפֿוילן געוואָרן דעם פּאָלק פֿונעם שטורמבאַנפֿירער, מאַגיל. די „אַקציעס” אין פּינסק, דעם 5־טן און 7־טן אויגוסט 1941, זענען דורכגעפֿירט געוואָרן בלויז און נאָר אין הסכם מיטן פּראָגראַם פֿון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וועגן פֿולשטענדיקער פֿאַרניכטונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די אָקופּירטע שטעט און לענדער, אַזוי האָט דייטלעך דערקלערט וועגן דעם דער ס. ס.־אָפֿיציר, דער ספּעץ אויף דעם געביט — מאַגיל. דאָס נישט אויספֿירן דעם דאָזיקן באַפֿעל, איז נישט געווען פֿאַרבונדן מיט קיין שום קאָנסעקווענצן און געפֿאַר פֿאַרן לעבן און ראַנג פֿונעם דאָזיקן אָפֿיציר”.

די אונטערדריקונגס־מאַכט ביי איר טעטיקייט

ביי 20,000 ייִדן זענען פֿאַרבליבן אין פּינסק, נאָך די גרויליקע טעג פֿון אָנהויב אויגוסט. אין גרעסטן טייל זענען פֿאַרבליבן פֿרויען און פּיצלעך קינדער און אַ קליינע צאָל מענער. דאָס זענען געווען פּאַכלייט, וועלכע די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט פֿאַר זייער נוצן און אויך די געציילטע, וועמען ס׳איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן און בלייבן ביים לעבן.

בערך אין אַ וואָך אַרום נאָך די „אַקציעס”, האָט דער מיליטערישער שטאָט־קאָמענדאַנט גערופֿן צו זיך די מיטגלידער פֿון יודנראַט. ער האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע און איבערגעגעבן זיי, אַז אים איז באַוווּסט, אַז נישט אַלע ייִדן זענען אַרויס יענעם טאָג צו דער אַרבעט, ווי ס׳איז באַפֿוילן געוואָרן, און באַהאַלטן זיך נאָך אויס ביז היינט סיי אין שטאָט און סיי אין איר סביבה. ער דערקלערט דעריבער, אַז אַט די אַלע ייִדן קאָנען אָן קיין וואַקלעניש, צווייפֿל און מורא זיך צוריקקערן אין זייערע היימען, ווייל די דייטשן, וואָס זענען באַשטימט געווען אויף דורכצופֿירן די מאָביליזאַציע אויף צוואַנגס־אַרבעט, האָבן שוין פֿאַרלאָזט די שטאָט. פֿון איצט אָן און ווייטער וועט שוין אין פּינסק הערשן רו און אינגיכן וועלן זיך אומקערן אַהיים אויך די ייִדן, וואָס זענען דאַן מאָביליזירט געוואָרן אויף אַרבעט... אויף דעם יודנראַט ווערט דעריבער אַרויפֿגעלייגט די פֿליכט: צו זען אומקערן די באַהאַלטענע ייִדן צו זייערע היימען. און ער — דער קאָמענדאַנט — קאָן זיי אַפֿילו מיטהעלפֿן אין דעם, דורך צושטעלן אויטאָס צו זייער דיספּאָזיציע, אין באַגלייטונג פֿון זעלנער, וואָס וועלן זיי העלפֿן אויסצופֿירן דעם באַפֿעל.

די באַהאַלטענע ייִדן האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין צוטרוי צו די הבטחות פֿון די דייטשן און זענען נישט אַרויס פֿון זייערע באַהעלטענישן. בלויז איינציקווייז און זייער פֿאַרזיכטיק פֿלעגן זיי שפּעט אין דער נאַכט זיך אומקערן אַהיים, און האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט נישט געוואַגט צו באַווייזן זיך אין גאַס.

די רויב־אַקציע

אין יענע טעג איז דורך די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אַן אַקציע פֿון צורויבן דאָס פֿאַרמעגן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּינסק. די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן די דייטשן איר געטרייע מיטהילף אין דעם און האָט זיך צוזאַמען מיט זיי געטיילט מיטן צוגערויבטן ייִדישן פֿאַרמעגן. אַ ספּעציעלע דייטשישע מיליטער־אָפּטיילונג איז צו דעם צוועק געקומען אין שטאָט אַריין. אין באַגלייטונג פֿון קריסטלעכע פֿרויען, זענען די דייטשן געגאַנגען אין די ייִדישע הייזער, געזוכט און גענישטערט אין די שאַפֿעס און אַרויסגעשלעפּט די קליידער און אַנדערע חפֿצים, וואָס זענען זיי געפֿעלן געוואָרן. די בעסטע מעבל און אַנדערע זאַכן האָבן די דייטשן אַרויסגעטראָגן און אויפֿגעלאָדן אויף מאַשינעס. די איבעריקע זאַכן האָבן די קריסטינס צוגענומען, אָנשטאָפּנדיק מיט זיי זייערע קוישן און זעק.

בדרך־כלל פֿלעגן די ייִדן זיך באַהאַלטן, ווען די רויב־

קאָמאַנדערס פלעגן צוקומען צו זייער הויז. יידישע פרויען, וואָס האָבן געפרווט עפּעס אָפּראַטעווען פון זייערע זאַכן און נישט לאָזן זיי אויף הפקר פאַר די רויבער, פלעגן זיין געצווונגען דורך די דייטשן מיט די אייגענע הענט אַרויסצוטראָגן זייער שווער־פאַרהאָרעוועט ביסל האָב און גוטס און אַרויפלייגן עס אויף די דייטשע מאַשינעס. די דאָזיקע „אַקציע" האָט געדויערט צוויי טעג.

לעגיטימאַציעס

נאָך דעם, ווי די מיליטערישע רויב־אָפּטיילונג האָט פאַרלאָזט די שטאָט, האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט איינגעלאַדן צו זיך די מיטגלידער פון יודנראַט און האָט זיי געמאָלדן, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך באַזאָרגן מיט לעגיטימאַציעס, וואָס זאָלן באַשטעטיקן, אַז זיי זענען באַשעפטיקט ביי נוצלעכער אַרבעט. יעדער ייד, וואָס וועט געכאַפּט ווערן אָן אַזאַ לעגיטימאַציע, וועט אַרעסטירט ווערן.

ווידער האָט אַ שרעק און אַ צעמישעניש אַרומגעכאַפּט די פינסקער יידן. צי איז עס נישט ווידער עפּעס אַ דייטשישע קאָמבינאַציע צו כאַפּן די פאַרבליבענע מענער. יעדער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס זאָל מען איצט טאָן? ווי אַזוי האַנדלען אין אַזאַ לאַגע?

די ערשטע, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט צו באַקומען אַרבעטס־קאַרטן, זענען געווען די דאָקטוירים, די מיטגלידער פון יודנראַט און זיינע מיטאַרבעטער. דורך זיי איז באַוווסט געוואָרן, אַז עס איז נישטאָ קיין מוז, אַז יעדער זאָל זיך פערזענלעך מעלדן, כדי צו באַקומען די אַרבעט־קאַרטע. ווער עס קאָן נישט קומען אַליין, קאָן עס דערליידיקן דורך אַ צווייטער פערזאָן. די קריסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער מיליטערישער קאָמענדאַנטור, האָבן גוט אויסגענוצט די לאַגע און געמאַכט „געשעפטן", וועלכע האָבן זיי אַריינגעבראַכט גרויסע רווחים. זיי האָבן באַקומען געלט־סומעס, ווערט־זאַכן און שטאָפן פאַר די לעגיטימאַציעס, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און אַלע זענען שוין געווען באַזאָרגט מיט אַרבעטס־קאַרטן. פונדעסטוועגן האָבן אויך איצט די מענער אויסגעמיטן צו באַווייזן זיך אין גאַס, צוליב דער מורא פאַר אַ סכנה פאַר זייער לעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער פוילישער שטאָטפרעזידענט שליווינסקי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס פאַרפליכטעט יעדן איינוווינער פון שטאָט צו באַקומען אַ פערזענלעכן דאָקומענט (פּאַספּאָרט). וועגן דעם מוז זיך יעדער איינער מעלדן פערזענלעך. ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. מ'האָט דערשטיקט די מורא אין האַרץ און מ'איז געגאַנגען.

עס זענען אַריבער עטלעכע טעג און די מאַנסבילן האָבן שוין ריזיקירט אַרויסצוגיין פון זייערע באַהעלטענישן. פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן גרעסער זייער צאָל. אַ סך פון זיי זענען אָנגענומען געוואָרן אויף פאַרשידענע אַרבעטן ביי די דייטשן. אַ געפיל פון קנאה האָט באַהערשט די יידן אין שטאָט, באַזונדערס די פרויען — מיטן באַווייזן זיך פון די מענער, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן.

באַזונדערס שטאַרק איז געווען די שנאה און דער כעס אויף די מיטגלידער פון יודנראַט און זיינע באַאַמטע, וועלכע האָבן צוגעטיילט די מענער אין די טעג פון די אויגוסטאַקציעס, זיי זאָלן וואָס גיכער גיין צו דער „אַרבעט", ווי ס'איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן. לויט, ווי עס גיבן איבער עדות, האָבן זיך אין יודנראַט געפונען אַזעלכע באַאַמטע, וועלכע האָבן אַליין געזוכט און די געפונענע מענער אַרויסגעשלעפּט צו דער „אַרבעט", סטראַשענדיק זיי מיטן באַפעל פון די דייטשן, וועגן טויט־שטראָף, וואָס עס דראָט די משפחות פון יענע, וואָס וועלן זיך נישט צושטעלן צו דער צייט אויפן באַשטימטן זאַמל־פּלאַץ.

ציווילע מלוכה-אַנשטאַלטן

עטלעכע וואָכן נאָך די אויגוסט־שחיטות, זענען געקומען אין שטאָט אַריין די ציווילע מאַכט־פאָרשטייער, מיטן קרייזקאָמיסאַר (געביטס־קאָמיסאַר) פּאַול גערהאַרד קליין * און זיין פאַרטרעטער אַלפרעד עבנער ** אין דער שפּיץ. באַלד נאָך זייער קומען זענען איינגעלאַדן געוואָרן דער פאָרזיצער פון יודנראַט און זיין פאַרטרעטער אין זייער ביוראָ, ווו ס'איז זיי באַפוילן געוואָרן: אַכטונג צו געבן, אַז אַלע באַפעלן פונעם קרייז־קאָמיסאַריאַט זאָלן פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. און די נייע באַפעלן האָבן לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

נייע גזירות

די ערשטע גזירה איז געווען: די געלע לאַטע אָנשטאָט דעם ווייסן באַנד, מיטן געלן מגן־דוד אויף די לינקער האַנט, וואָס די יידן האָבן ביז דאַן געטראָגן, איז באַפוילן געוואָרן אָנצונייען צוויי קיילעכדיקע געלע לאַטעס — אויף דער ברוסט און פּלייצע. „מיר דאַרפן באַמערקן פון ווייטן די יידישע איינוווינער" — האָט דער קאָמיסאַר באַגרינדעט זיין באַפעל.

נאָך דעם האָט מען די יידן באַפוילן צו גיין נאָר אין מיטן גאַס און נישט אויף די טראָטואַרן. „יעדער ייד, וואָס וועט געכאַפּט ווערן גייענדיק אויפן טראָטואַר — איז געזאָגט געוואָרן אין באַפעל — וועט דערשאָסן ווערן!" אָבער אין צוויי חדשים אַרום איז דער דאָזיקער באַפעל בטל געוואָרן.

איינער פון די עדות דערציילט וועגן די סיבות פון דער ענדערונג: „אין איינעם אַ טאָג האָט אַ דייטשער גענעראַל — באַזוכנדיק די שטאָט — באַמערקט אַז פוסגייער גייען אין מיטן גאַס און פורן און אויטאָס פאָרן אויף די טראָטואַרן. האָט ער באַפוילן איינצושטעלן צוריק די פריערדיקע אָרדנונג, אַז מענטשן זאָלן גיין אויפן טראָטואַר און פערד אין מיטן גאַס. אָבער די יידן האָט מען ניט צוויסן געגעבן וועגן דער פריישער פאַראָרדנונג, און ביז דאָס איז צו זיי דערגאַנגען, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביים פריערדיקן סדר פון גיין אין מיטן

* געבוירן אין 1906. אין אַטיבורג — פּאָמערן, געשטאָרבן אין 1945. געהאַט דעם טיטול: לייטער פון מיטל־שול (שטודיען־ראַט).

** געבוירן אין 1913, איצט — אַ האַנדלס־אַגענט אין שטוטגאַרט — בירקאַך. געווען אַן אַרבעטס־יונקער.

גאַס און האָבן דערפאַר געכאַפּט קלעפּ פון די פּוילישע פּאָליצײ־שטעקנס און פון די דײַטשישע ביקסן־קאָלבעס, פאַר נישט צופּאַסן זיך צום נײַעם באַפעל.

די ייִדן איז באַפוילן געוואָרן אָפּצוטרעטן דעם וועג יעדן קריסט, וואָס קומט זיי אַנטקעגן אין גאַס. ס׳איז שטרענג פאַרווערט געוואָרן יעדער קאָנטאַקט צווישן ייִדן און קריסטן.

דער גאָלד־שטײַער

אין איינעם פון די טעג איז דערשינען אַ באַפעל, אַז אין משך פון דרײַ טעג דאַרפן די ייִדן צונויפזאַמלען 20 קילאָ גאָלד און זיי איבערגעבן די דײַטשן. אין פאַל, אויב דער באַפעל וועט נישט אויסגעפירט ווערן, וועלן די ייִדן אַרויסגעטריבן ווערן פון שטאָט און ס׳וועט זיי נישט דערלויבט זײַן מיטצונעמען מיט זיך קיין שום זאַך — האָט צוגעגעבן דער קרייז־קאָמיסאַר אין זײַן באַפעל *.

נאָך אַ דרינגענדיקער זיצונג פון יודנראַט וועגן דער דאָזיקער פראַגע, זענען צעשיקט געוואָרן לויפערס אין די ייִדישע גאַסן, וועלכע האָבן מודיע געווען: „ייִדן, לאָמיר אָפּגעבן דאָס פאַרמעגן און ראַטעווען דאָס לעבן! אַנדערש וועלן מיר אַרויסגעטריבן ווערן פון שטאָט, פון אונדזערע היימען".

די אויפגעפּאַדערטע ייִדן האָבן געוווסט פון זייער ביטערער דערפאַרונג, אַז דער דײַטש טרײַבט קיין קאַטאָוועס און ער וועט פּינקטלעך אויספירן זײַנע דראָאונגען. דעריבער האָט מען זיך צוגעאײַלט מיטן געבן דעם כופר־נפש: גאָלדענע זייגערלעך, רינגעלעך, קייטעלעך, בראָנזלעטן, גאָלדענע ציין און דאָס גלײַכן.

כדי אונטערצושטרײַכן די וויכטיקייט פון דער „אַקציע" איז דורכן יודנראַט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען: צונויפזאַמלען דאָס גאָלד. אין שפּיץ פון דער קאָמיסיע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער רבי ר׳ משה׳לע (דער סטאָלינער).

דאָס גאָלד און זילבער, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו די באַאַמטע פון יודנראַט זענער געוויגן און פאַרצייכנט געוואָרן, נאָך דער שאַצונג און קאָנטראָל, וואָס איז פריער דורכגעפירט געוואָרן דורך יובעלירן־מומחים.

אויף דעם פאַרמעגן, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודנראַט, האָבן די אייגנטימער באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע קבלות. אַ גלח פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך אין שטאָט, וועלכער איז באַוווסט געווען, ווי אַ ייִדן־פרײַנד, האָט איבערגעגעבן צו דער קאָמיסיע פונעם גאָלד־שטײַער זײַן גאָלדענעם צלם, וואָס האָט געוויגן אַ האַלבן קילאָ... די גאָלד־אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין איר פולן פאַרנעם און כדי אונטערצושטרײַכן איר געלונגענע פאַרענדיקונג, האָט דער יודנראַט אײַנגעאָרדנט אַ פײַערלעכן אָוונט, לכבוד די דײַטשישע מאַכט־אָרגאַנען, בײַ דער באַגלייטונג פון געזאַנג, טענץ און אַ גוטן לחיים...

דער פאָרזיצער פון יודנראַט איז שטאַרק געפּלעפּט און צעמישט געוואָרן, ווען אין סאַמע מיטן פון דער פאַרווײַלונג האָט דער דײַטשישער קאָמענדאַנט אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל אים גלײַך צושטעלן אַ ייִדיש מיידל אין עלטער פון 18 ביז 24 יאָר...

רויב פון פאַרמעגן

נאָך דער גאָלד־גזירה, וואָס איר דערפאָלגרײַכע דורכפירונג האָט צופרידנגעשטעלט די דײַטשן, האָבן די היטלעריסטן ווײַטער פאַרגעזעצט דעם רויב פונעם ייִדישן פאַרמעגן. די זאַך איז נישט געמאַכט געוואָרן מיט איין מאָל, נאָר צוביסלעך: שטאָפן פאַר הונדערט אַנצוגן פון בעסטן סאָרט; פאַרטיקע אַנצוגן; לײַלעכער; קאָלדרעס; זוילן און ווײַכן לעדער צו די שיך, שטיוול; פערד, שאָף און רינדער. פאַרשיידענע דראָאונגען האָבן באַגלייט דעם רויב, כדי די דורכפירונג זאָל אויספאַלן „גלאַט" און שטיל ווי ווײַט מעגלעך.

דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט אין מיטן אַרײַנדרינגען פון די דײַטשן טיפער אין רוסלאַנד, האָט זיך זייער שאַרף בײַ זיי גענומען פילן אַ מאַנגל אין וואַרעמע זאַכן פאַר דער אַרמיי.

דעריבער איז זייער האַרב און שטרענג אויסגעפאַלן דער באַפעל, אַז די ייִדן דאַרפן אָפּגעבן די פוטערס און די בגדים, באַצויגענע מיט פוטער, און אפילו הענטשקעס. די דײַטשן האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט און נישט געמיאוסט צו נעמען אַלטע, שטאַרק־אויסגעריבענע ווינטער בגדים. אויך צו דער פוטער־גזירה איז צוגעגעבן געוואָרן די דראָונג: „טויט־שטראָף פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל". און זיי האָבן זייער דראָונג ווירקלעך אויסגעפירט.

תליות

צוליב דער מסירה פון אַ קריסטלעכן שכן, האָט מען בײַ משה גלאַצער (איינער פון די זין פון כאַניע דעם בעדער) געפונען אויפן הויף אין אַ גרוב אַ באַהאַלטענעם פוטער. פאַר דעם דאָזיקן „גרויסן פאַרברעכן" האָט מען אים און זײַן פרוי אויפגעהאַנגען אויפן מאַרק־פּלאַץ. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן אַ פרוי מיט אירע צוויי טעכטער, נאָך דעם, ווי מ׳האָט בײַ זיי געפונען אַ פוטער. די רוצחים האָבן געצוווּנגען די אומגליקלעכע פרויען: זיי זאָלן אײנע דער צווייטער פאַרלייגן די שטריק אויפן האַלדז. דרײַ טעג זענען זייערע טויטע קערפּערס געהאַנגען אויפן דריטן מאַי־פּלאַץ. די אַרבעטער זענען געצוווּנגען געווען: גיין צו דער אַרבעט דווקא דורכן דאָזיקן פּלאַץ, כדי זיי זאָלן זען און דאָס זאָל אַנוואַרפן אויף זיי אַ פחד.

דער אַלטער אײַזן־קרעמער, נאָטע מעלניק, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר דער „עבירה" פון אויסבײַטן אַ קאָסע אויף אַ ביסל מעל. די טאָכטער פונעם בעקער לאַסאָווסקי איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר אויסבײַטן שטאָף אויף שפּײַז־אַרטיקלען. דער קצב אשפּיז — פאַר קוילענען אַ קאַלב.

* אין דער עדות־דערקלערונג נומ. 2, ווערט גערעדט וועגן צונויפזאַמלען גאָלד־און זילבער־כלים, אײַנגעשלאָסן אויך באַגילדעטע כלים און זייגערס. אין דער עדות־דערקלערונג נומ. 8 ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז מ׳האָט געפאָדערט צו זאַמלען 12 קילאָ זילבער־כלים און 8 קילאָגראַם גאָלד.

פאַר גאָלד־אַרטיקלען, וואָס מ׳האָט געפונען — זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן דריי פרויען און איין מאַן.

די סלופּעס און תליה־שטריק אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען שטענדיק געווען באַלאָדן מיט קרבנות — פרויען און מענער, וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין כל־מיני אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס. די דאָזיקע גרוילן האָבן צעטרייסלט די נערוון. קיין שום ייד איז נישט געווען זיכער, אַז ביינאַכט וועט מען זיך נישט אַריינרייסן צו אים אין שטוב, אַרויסשלעפּן פון בעט און אויפהענגען אים אָן אַ חטא און אָן אַ משפּט.

און ווידער איז געקומען אַ פאָדערונג וועגן גאָלד. דאָסמאָל האָט מען געפאָדערט רוסישע גאָלדענע 5 און 10־רובלדיקע מטבעות (אימפּעריאַלן). ווי אין אַנדערע פאַלן, זענען אויך איצט אַרעסטירט געוואָרן פון 30 ביז 50 פּערזאָן אַלס ערבניקעס, און מיט דער דראָונג צו טויטן זיי, האָבן די דייטשן געפאָדערט אויסצופירן דעם באַפעל צום באַשטימטן טערמין. די יידן האָבן געגעבן דאָס געפאָדערטע און האָבן געזאָגט צו זיך אַליין: „תן לי הנפש, והרכוש קח לך!" — „נעם צו דאָס גוטס, אַבי לאָז אונדז לעבן!"

זאָרג וועגן שפּייז

דער הונגער האָט געצוווּנגען די יידן זיך נישט אונטערצוואַרפן די דייטשישע באַפעלן און זוכן וועגן צו באַקומען אַ ביסל שפּייז. דאָך איז נישט לייכט אָנגעקומען צו קריגן די נויטיקע שפּייז, צוליב די כסדרדיקע דערשיסונגען און תליות פאַר אַזעלכע „פאַרברעכנס". אפילו אויב עמעצער האָט געהאַט ביי זיך אַ ווערט־זאַך אויף אויסצובייטן, איז עס אים אויך אָנגעקומען זייער שווער, צוליב דעם שטרענגן פאַרבאָט פון באַגעגענישן און קאָנטאַקטן צווישן יידן און קריסטן. דאָך האָבן יידן געזוכט וועגן — זיך צו באַגעגענען און אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט קריסטן, פּויערים פון דער סביבה.

אויך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן, טראָץ דעם שטרענגן פאַרבאָט, געזוכט וועגן און מיטלען זיך צו קאָנטאַקטירן מיט יידן. זיי פלעגן זיך מיט גרויס פאָרזיכט דערלאַנגען אין יידישע הייזער און אויסבייטן עסנוואַרג אויף פאַרשידענע סחורות און ווערט־זאַכן, וואָס זענען געווען פאַר זיי זייער נוצלעך, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. אַ פּויער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי אין אַ יידיש הויז, איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע, אָדער ער האָט גלייך אויפן אָרט געכאַפּט קלעפּ פונעם פּאָליציאַנט.

דאַן האָט זיך דער יודנראַט געווענדעט צום קרייז־קאָמיסאַר, וועגן אַ דערלויבניש פאַר יידן איינצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען אויפן מאַרק. „צי דען איז מעגלעך אַרבעטן פאַר אייך, נישט געבנדיק די אַרבעטער קיין עסן?" — האָבן געטענהט די פאָרשטייער פון יודנראַט. דאָסמאָל איז דער קרייז־קאָמיסאַר אַנטקעגנגעקומען זייער ביטע און האָט באַשטימט צוויי טעג אין דער וואָך, ווען יידן איז דערלויבט געווען איינצוקויפן שפּייז אויפן מאַרק. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער „חסד" איז נישט געקומען אינגאַנצן אומזיסט. מ׳אָט דערפאַר גוט „באַשמירט"... אָבער אויך דער דאָזיקער „חסד" האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז די דערלויבעניש באַגרענעצט געוואָרן אויף איין טאָג אין דער וואָך און שפּעטער איז זי אינגאַנצן בטל געוואָרן.

פאַר די יידן איז עס געווען אַ טויט־קלאַפּ. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ שווידערלעכער לאַגע, און נישט געקוקט אויפן שטרענגן פאַרבאָט און טויט־געפאַר, פלעגן זיי אַרויסגיין אויפן מאַרק איינצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען. די וואָרענונגען פון יודנראַט האָבן נישט געהאָלפן. די פּאָליציי האָט ווידעראַמאָל געוואָרנט דעם יודנראַט פאַר ערנסטע קאָנסעקווענצן: די געכאַפּטע יידישע „פאַרברעכער" וועלן דערשאָסן ווערן.

דאַן האָט דער יודנראַט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאָליציי, וואָס איר אויפגאַבע איז קודם־כל געווען אַכטונג צו געבן אויפן מאַרק, אויפן ברעג טייך און אַנדערע פאַרבאָטענע ערטער, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שום מגע ומשא צווישן די יידן מיט די פּויערים פון דער סביבה און מיט קריסטן בכלל. איר אויפגאַבע איז אויך געווען צו היטן ביי טאָג די אָרדנונג אין די ביוראָס פון יודנראַט און אויך אין דרויסן, ווייל דאָרט פלעגן זיך פאַרזאַמלען טאָג־טעגלעך טויזנטער יידן צו דערליידיקן זייערע ענינים און ביינאַכט האָבן זיי געהיט די גרויסע צאָל ווערט־זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, איידער מ׳האָט זיי איבערגעגעבן די דייטשן.

די יידישע פּאָליציי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון 72 פרייוויליקע פּאָליציאַנטן און אַ קאָמענדאַנט, וועלכע האָבן באַקומען אַ חודש געהאַלט פונעם בודזשעט פון יודנראַט. דער קאָמענדאַנט איז געווען: אשר פעלדלייט, אַן אַבסאָלווענט פון דער „תרבות"־גימנאַזיע אין פּינסק. ער איז געווען זייער אַ פיינער און אַ ליטישער בחור.

„צום לויב פון דער פּינסקער יידישער פּאָליציי — לייענען מיר אין די דערקלערונגען פון איינעם אַן עדות — איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז עס זענען נישט געווען קיין שום פאַלן פון אכזריותן און אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג מצד דער יידישער פּאָליציי לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, ווו די יידישע פּאָליציי האָט געשפּילט אַ געמיינע, פאַררעטערישע ראָל, לגבי די אייגענע ברידער — יידן. אַלנפאַלס — פון מיין אייגענער דערפאַרונג, איז מיר נישט באַוווּסט וועגן ענלעכע זאַכן אין פּינסק און אויך פון אַנדערע איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן וועגן דעם".

דאַקעגן — דערציילט אַן אַנדער עדות — אַ פרוי — פון איר אייגענער דערפאַרונג, ווי אַזוי יידישע פּאָליציאַנטן אין פּינסק זענען זי באַפאַלן אין גאַס און געוואָלט פון איר אַראָפּציען דעם סקי־קאָסטיום און צונעמען די גליטשערס, וואָס זי האָט געטראָגן. בלויז אַ דאַנק איר דרייסטער און פעסטער האַלטונג, איז די זאַך זיי נישט געלונגען.

דער ווינטער פון 1941—1942 איז געווען אַ באַזונדערס קאַלטער און שווערער, מיט שטאַרקע פרעסט און שנייען, און האָט, ווי אַ גרויזאַמע חיה, זיך איינגעגעסן אין די אויס־

געטריקנטע גופים — הויט און ביין — פון די פּינסקער ייִדן. ס'איז פּשוט אוממעגלעך געווען צו קריגן האָלץ אויף איינצו־הייצן די אויוונס און דערוואַרעמען אַ ביסל די נשמה. דאָרט האָט מען זיך גענומען אויסצושניידן די ביימער אויפן קאַר־לינער בית־עולם, נישט געקוקט אויפן שווערן געפיל, וואָס האָט יעדן באַגלייט ביים דאָזיקן טאַט...

הונגעריקע, דורכגעפרוירענע, אָן וואַרעמע קליידונג, זענען טאָג־טעגלעך אַרויס הונדערטער ייִדן צו זייער אַרבעט אין פּאַבריקן, אַרבעטס־וואַרשטאַטן, צו פאַרשידענע אַרבעטן ביי די דייטשן און קריסטלעכע אונטערנעמער, ווי אויך צו עפנטלעכע אַרבעטן. אויך דאָס אַרויסגיין דריי מאָל אַ וואָך אויף צוואַנג־אַרבעט, צו וואָס עס זענען פאַרפליכטעט געווען מענער, פרויען און דערוואָקסענע קינדער, איז פאָרגעזעצט געוואָרן, לויט אַ פּלאַן און לויט אַ ריי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן יודנראַט.

קלאַנגען וועגן געטאָ

מיטן דערנעענטערן זיך פון פרילינג, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, וועגן שאַפן אַ געטאָ פאַר די ייִדן אין פּינסק. אַ באַשטעטיקונג פאַר די דאָזיקע קלאַנגען איז געקומען פון קרייז־קאָמיסאַר גופא, וועלכער האָט אָנהויב אַפּריל גערופן צו זיך די פאָרשטייער פון יודנראַט: באָקשטאַנסקי און מינסקי, און האָט זיי געמאָלדן, אַז ער האָט באַקומען אַ באַפעל וועגן אויפשטעלן אַ געטאָ פאַר די פּינסקער ייִדן, לויטן מוסטער פון די געטאָס אין אַנדערע שטעט.

אויפגעטרייסלטע, צעטומלטע און דערשראָקענע האָבן די צענדליקער טויזנטער פּינסקער ייִדן אויפגענומען די דאָ־זיקע ידיעה וועגן דער נייער, שוידערלעכער גזירה. דער יודנראַט האָט באַשלאָסן אָנצונעמען שריט, אַז די ביטערע גזירה זאָל לכל־הפּחות אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ לענגערער צייט. מ'האָט גוט באַצאָלט און די געטאָ־גזירה איז אָפּגע־לייגט געוואָרן. דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. קיין שום מענטש ווילט זיך נישט פאַרלאָזן זיין הויז, אָפּגעריסן ווערן פון זיין אייגן ווינקל, צעברעכן זיין דורך מי־און־מאַטערניש אויפגעבויטע היים — זיין לעצטער שוץ־פּונקט אין אַן עת־צרה.

נאָענט צו פּסח איז געבראַכט געוואָרן קיין פּינסק די שארית־הפּליטה פון עטלעכע שטעטלעך אין דער פּינסקער סביבה, וועלכע זענען געבליבן הויל און נאַקעט, נאָך דעם, ווי זיי זענען מיט אכזריות אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען. דאָס האָט נאָך מער דערדריקט דאָס געמיט פון די פּינסקער ייִדן, און ווען עס איז געקומען דער ענדגילטיקער טערמין פון אויפשטעלן אַ געטאָ אין פּינסק, איז די ייִדישע באַפעלקערונג אין שטאָט שוין געווען איבערגעזעטיקט פון יסורים, מיט צעטרייסלטע נערוון און פולשטענדיק אויס־געשעפּט פון די כוחות, רעזיגנירט און גלייכגילטיק צו אַלץ.

„אַ טאָג פאַר דעם — דערציילט איינער פון די עדות — האָבן מיר געזען, ווי אין דער געגנט פון די גאַסן: זאַוואַלנע, ליסטאָווסקע, און ווייטער — אויף יענער זייט לונינעצער גאַס — פון איין זייט, און אַלברעכטאָווסקי גאַס — פון דער צווייטער זייט — האָבן ייִדישע אַרבעטער אָנגעהויבן אַריינהאַקן סלופּעס און אויפשטעלן אַ פּלויט פון שטעכל־דראָט. ס'איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס צוימט מען אַרום דעם שטח פון געטאָ. דעם אמת געזאָגט, האָט דער ענין געטאָ שוין אונדז ווייניק וואָס אינטערעסירט. אַ סך פון אונדז זענען שוין צוגעוווינט געוואָרן צו דעם געדאַנק, אַז אונדזער גורל איז אַ געחתמעטער סיי ווי סיי... אַנדערע האָבן גאָר אין אויפשטעלן אַ געטאָ געזען אַ פּונק פון האָפענונג פאַר די לעבנסגעבליבענע ייִדן. זיי האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז נאָך די אויגוסט־שחיטות, האָבן די דייטשן, קענטיק, באַשלאָסן איבערצולאָזן אַ זכר לחורבן פון די פּינסקער ייִדן. און כדי צו קאָנען אַרויסציען פון זיי וואָס מער נוצן, שליסט מען זיי איין אין אַ געטאָ".

דאָס געטאָ

דער באַפעל וועגן אויפשטעלן אַ געטאָ, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָנערשטיק, דעם 30־טן אַפּריל 1942 — י"ג באייר תש"ב און איז געווען קורץ און אולטימאַטיוו:

„אַלע ייִדן, וואָס וווינען אין די גאַסן, וועלכע זענען נישט איינגעשלאָסן אין תחום פון געטאָ, זענען פאַרפליכטעט אַריבערצוגיין אַהין מאָרגן — דעם 1־טן מאַי, ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג".

דאָס געטאָ האָט געהאַט די פאָרם פון אַ פּירעק. פון אַלע זייטן — אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. זיינע גרע־נעצן זענען געווען פאָלגענדע (זע די מאַפּע אויף דער דאָ־זיקער זייט):

1. פון דרום־זייט — די גאַסן: זאַוואַלנע און אַלברעכ־טאָווסקע — פון לאַהישינער (פּילסודסקי־גאַס) ביז ווישניאָ־וועצקי־גאַס (איין גאַס פאַרן לישטשער וואַלד). 2. פון מזרח־זייט: ווישניאַוועצקי־גאַס — פון אַלברעכטאָווסקע ביז טעאָדאָ־ראָווסקע. 3. פון צפון־זייט: טעאָדאָראָווסקע, לענגאויס דעם פּלויט פון קאַרלינער בית־עולם, ביז לאַהישענער גאַס. 4. פון מערב־זייט: לאַהישינער גאַס, פון טעאָדאָראָווסקע ביז זאַוואַלנע. די הויפּט־גאַסן: זאַוואַלנע, אַלברעכטאָווסקע, וויש־ניאָוועצקי און לאַהישינער זענען נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין תחום פון געטאָ.

דער צוים פון שטעכל־דראָט איז אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן לענגאויס די הייפן, הינטער די הייזער פון די אויבנ־דערמאָנטע הויפּט־גאַסן. פאַר דעם ציל, זענען אפילו צעוואָרפן געוואָרן געביידן און פּלויטן, וועלכע האָבן געשטערט אויפ־צושטעלן דעם געטאָ־צוים. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן ציל: א) אויסצומיידן קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען צווישן די געטאָ־איינוווינער און די קריסטלעכע דורכגייער אין די דאָזיקע גאַסן. ב) צו באַהאַלטן און פאַרדעקן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ פון די אויגן פון נישט־ייִדן.

דער שטח פון געטאָ האָט געהאַט דריי טויערן:

1. אויף ליסטאָווסקע גאַס, עטלעכע צענדליק מעטער פון ראָג זאַוואַלנע.

2. אויף פּאָלנאָצנע (סיווער גאַס) — אַ ביסל ווייטער פון ראָג אַלברעכטאָווסקע.

3. אויף אַלבערכטאָוסקע גאַס — הינטער דעם קליינעם קלויסטער.

פון אָנהויב איז געעפנט געוואָרן אויך אַ פערטער טויער צו לאַהישינער גאַס, כדי צו דערמעגלעכן אַ באַקוועמען אַריינ־גאַנג און אַרויסגאַנג פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך אַלע כמעט קאָנצענטרירט נישט ווייט פונעם צוים פון דער דאָזיקער גאַס. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס טויער געשלאָסן געוואָרן, אויס מורא — עס זאָל נישט דינען, ווי אַ טיר פאַר פאַרשידענע געשעפטן און שמוגל.

דער שטח פון געטאָ איז געווען זייער אַ קליינער, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל איינוווינער — איבער 20,000 יידן, וואָס זענען אַהין אַריינגעשפּאַרט געוואָרן. דאָס איז בכלל געווען דער ערגסטער און ענגסטער קוואַרטאַל פון שטאָט, אפילו אין נאָרמאַלע צייטן. דער קוואַרטאַל פון דלות, צער און נויט — די לינישטשעס.

אין הסכם מיטן באַפעל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט מען געמעגט אַריבערפירן אין געטאָ, נאָר קיך־כלים, בעטן, בעט־געוואַנט און אַ ביסל מלבושים. לויט די דער־קלערונגען פון איינעם אַן עדות, האָט מען געמעגט מיט־נעמען: 2 פּאָר וועש און צוויי אנצוגן: איינער אויף אינדער־וואָכן און איינער אויף שבת. דאָס באַנוצן זיך מיט אַ פור, אַן אויטאָ אָדער מיט אַן אַנדער קאָמוניקאַציע־מיטל ביים אַרי־בערפירן די פעקלעך, איז געווען שטרענג פאַרווערט. פונ־דעסטוועגן האָט מען — לויט די רייד פון אייניקע עדות — אַריבערגעפירט אין געטאָ פיל מער זאַכן, ווי ס'איז געווען דערלויבט — לויטן באַפעל.

דעם 1־טן מאַי, באַגינען, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון טאָג, זענען שוין אַלע גאַסן פאַרפלייצט געווען פון מענער, פרויען און קינדער, יונג און אַלט, וועלכע האָבן געשלעפּט פעקלעך אויף זייערע פּלייצעס. די, וואָס האָבן פון פריער געוווינט איפן שטח פון געטאָ, זענען געווען די גליקלעכסטע און זיי האָבן מיטגעהאָלפן, מיט וואָס מעגלעך, יענע יידן, וואָס האָבן געוווינט ווייט. די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די נאָענטע גאַסן אַרום געטאָ, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו גיין אַהיים און זיך אומקערן מיט פעקלעך אַ סך מאָל. אָבער פאַר יענע, וואָס האָבן געוווינט ווייט, האָט נישט געקלעקט קיין צייט דערצו, ווייל דאָס אַריבערגיין אין געטאָ האָט געמוזט 4 אַזייגער נאָכמיטאָג פאַרענדיקט ווערן.

אין דער ערגסטער לאַגע האָבן זיך געפונען די עלנטע פרויען, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע מענער אין די ערשטע „אַקציעס". זיי זענען געווען פולשטענדיק צעבראָכן און פאַר־יאושט. דאָס איינציקע, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן אין זייער לעבן איז געווען דאָס אָרעמע, היימישע ווינקל. אָבער איצט איז ביי זיי אויך די היימישע נעסט צוגערויבט געוואָרן.

ס'איז באַפוילן געוואָרן, אַז יעדער באַלעבאָס מוז צו־שליסן זיין דירה, אָנשרייבן אויף אַ צעטעלע זיין נאָמען און אַדרעס, צובינדן דאָס צעטעלע צום שליסל און איבערגעבן אים אין יודנראַט.

דעם זעלבן טאָג נאָך, ווען די יידן האָבן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און אַריבער אין געטאָ, זענען שוין פיל הייזער פאַרכאַפּט געוואָרן, צוזאַמען מיטן פאַרמעגן, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן, דורך קריסטלעכע איינוווינער פון שטאָט און דאָרף. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן אַליין איבערגעגעבן זייער פאַרמעגן צום אויפהיטן, אין די הענט פון זייערע קריסטלעכע „פריינד", האָפנדיק, אַז זיי וועט געלינגען צו בלייבן לעבן און נאָך דער מלחמה זייער גוטס צוריקבאַ־קומען...

געבויגן אונטער דער לאַסט פון זייערע פעקלעך, האָבן טויזנטער יידן, אין יענעם טאָג, זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג פון געטאָ. אויף יעדן ראָג־גאַס זענען געשטאַנען דייטשן, מיט פוילישע פּאָליציאַנטן און סתם אַן ערב־רב פון כוליגאַנעס, וועלכע האָבן מיט ווילדע געשרייען צוגעאײַלט די יידן אין זייער גאַנג אין געטאָ אַריין. אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיי פאַרהאַלטן אין וועג, גענישטערט אין זייערע פעק־לעך און צוגענומען, וואָס עס איז נאָר געפעלן געוואָרן, נישט געקוקט אויף די געבעטן און געיאָמער פון די פרויען, קינדער, אַלטע לייט און קליינער צאָל מאַנסבילן.

ביי די דריי געטאָ־טויערן זענען געשטאַנען זשאַנדאַרמען און פוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן בודק געווען די פעקלעך און אויב זיי האָבן דאָרט געפונען עפּעס, וואָס האָט נישט געשטימט מיטן באַפעל, האָבן זיי די נישט־דערלויבטע זאַכן צוגענומען און זייערע אייגנטימער נאָך „מכבד" געווען מיט מערדערישע קלעפּ...

איבער 20,000 יידן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָ, צווישן זיי — אויך די יידן פון דער סביבה. ווי שוין געזאָגט, האָט אין די דאָזיקע געסלעך אויף פאַרן געטאָ געהערשט אַ שטאַרקע ענגשאַפט. איצט איז דאָרט פשוט געווען דערשטיקט צו ווערן. דער יודנראַט האָט פון פאַרויס צוגעטיילט די טויזנטער נייע משפחות וווין־ערטער אין געטאָ: איין מעטער און צוואַנציק צענטימעטער אין קוואַדראַט אויף אַ פּערזאָן. נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדע משפחה האָט געהאַט איר צוגעטיילטן וווין־אָרט אין געטאָ, איז אין דער גרויסער מהומה דער סדר נישט אָפּגעהיט געוואָרן. אין יעדן צימער האָבן זיך באַזעצט צו 3—4 משפחות — ווינציקסטנס, אַ 10 פּערזאָן. יעדע שטוב איז געווען איבערפולט ביז איבער די גרענעצן. אַלע זענען געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, ווייל ס'איז נישט געווען קיין אָרט, וווּ אַ בעט אוועקשטעלן. ס'האָט אַפילו נישט געקלעקט קיין אָרט פאַר די פעקלעך און ביסל חפצים, וואָס יעדער האָט געבראַכט מיט זיך. אין איין אויוון האָבן געקאָכט פיל משפחות, לויט אַ ריי. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זייער ריי צו באַנוצן זיך מיטן אויוון אָדער אייזנדלעך איז איצט געקומען אין אָוונט, אָדער ביינאַכט.

אויף די הייפן זענען געווען פול מיט מענטשן. דאָס געוויין און געשרייען פון די קינדער און עופה׳לעך האָט פאַרטויבט די אויערן... די באַליבסטע שפּיל ביי די קינדער אין געטאָ, איז געווען: די „שפּיל אין לוויות"... זיי פלעגן צודעקן אַ שטול מיט אַ שוואַרצער שמאַטע און האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייער יאָמער און געוויין...

„די ערשטע וואָך אין געטאָ — דערציילט אַן עד־ראיה — איז געווען אַ שוידערלעכע. און ווער עס האָט עס אַליין נישט

געזען מיט זיינע אויגן און געפילט אויף זיין אייגן לייב, קאָן זיך ער גאָרנישט פאָרשטעלן... אַ סך משפחות זענען דאַן געבליבן אין דרויסן. אַנדערע האָבן זיך אַריינגעקליבן וווינען אין שטאַלן, שאָפּעס, מאַגאַזינען, און סתם בודקעס.

צומיינסטנס האָבן געליטן די משפחות, וואָס זענען נאָך די „אַקציעס" געבליבן אָן מאַנסבילן. אין איין הויז האָבן זיך צונויפגעשטופּט משפחות און מענטשן פון פאַרשידענע ספערן און כאַראַקטערן, און אויף דעם באָדן זענען אויסגעבראָכן פיל קריגערייען און סכסוכים צווישן די איינוווינער. אין משך פון דער צייט, האָבן די אַלגעמיינע שווערקייטן און צרות לינדער געמאַכט די באַדינגונגען צווישן די מענטשן. אָבער די קריגערייען האָבן נישט אויפגעהערט ביזן ביטערן סוף.

פרעמדע מענער און פרויען האָבן זיך לגמרי אויפגעהערט צו שעמען איינער פאַר דעם צווייטן. מ'האָט זיך אויסגעטאָן און אָנגעטאָן אָן בושה אין די אויגן פון פרעמדע. אין די דאָזיקע געמיינזאַמע הדרים זענען אפילו געבוירן געוואָרן קינדער. מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות".

אין גאַנצן געטאָ זענען געווען בלויז צוויי וואַסער־פּאָמפּעס אויף די גאַסן: באַלאָטנע און פולנאָצנע (סיווער). נעבן זיי זענען געשטאַנען ריזיקע רייען נאָך וואַסער. די יידישע פּאָליציי האָט געהיט די אָרדנונג. צוליבן מאַנגל פון די מינדסטע היגיענישע באַדינגונגען, זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס און אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וועלכע האָבן זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט פאַרשפּרייט איבערן געטאָ.

אויך דער הונגער האָט אָנגעהויבן צו ווייזן זיינע גרויליקע צייכנס. די צאָל פון די שטאַרבנדיקע איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך, און האָט דערגרייכט צו 30—40 אַ טאָג. דאָס פאַרשפּרייטסטע ווערטל אין געטאָ איז געווען: „אפשר איין מאָל צו זאַט און... שטאַרבן"".

דער יודנראַט אין געטאָ

די ביוראָען פון יודנראַט זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין געטאָ, אינעם הויז, ווו עס האָט זיך פריער געפונען די (העברעאישע) גרונט־שול „תרבות", אויף אַלברעכטאָווסקע גאַס (אין געוועזענעם הויז פון סאַמורין). דער הויפּט־אַריינגאַנג איז געווען פון אַלברעכטאָווסקע גאַס. מיט אים האָבן זיך באַנוצט די דייטשן, ווען זיי זענען געקומען אין יודנראַט, ווי אויך אַ טייל פון די יידן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ.

דער יודנראַט איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינער „מלוכה". עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן זיינע פולמאַכטן און די צווייגן פון זיין טעטיקייט. זיינע אָפּטיילונגען זענען געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט. אויך די יידישע פּאָליציי איז פאַרגרעסערט געוואָרן און האָט שוין געציילט ביז 50 פּערזאָן. אויפן אָרט פון אשר פעלדלייט, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ מאָגן־אָפּעראַציע, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמענדאַנט, מיטן נאָמען גאָלדבערג. די יידישע פּאָליציי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו היטן די אָרדנונג בלויז אינעווייניק אין געטאָ. פון דרויסן זענען די טויערן געהיט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי.

דער יודנראַט האָט געעפנט עטלעכע געוועלבער אין פאַרשידענע ערטער אין געטאָ. דאָרט האָט מען באַקומען די צוגעטיילטע פּאָרציעס ברויט אויף טאַלאָנען. אַ קינד — 150 גראַם און אַ דערוואַקסענער — 300 גראַם. דער פּרייז: 2—3 רובל אַ קילאָ. דאָס מעל איז אויך צוגעטיילט געוואָרן דורכן קרייז־קאָמיסאַר. ער האָט אויך צוגעטיילט פאַרן געטאָ אַ שטח ערד צו האָדעווען גרינסן — אין קאַפּלאַנס גערטנער־אויף יענער זייט פון די באַן־רעלסן, קעגנאיבער דעם גוט אַלברעכטאָווע. אַרבעטער — געשיקטע דורכן יודנראַט האָבן באַאַרבעט אָט די ערד און דאָרט פאַרזייט: קאַרטאָפל, אוגערקעס, פּאָמידאָרן, בוראַקעס, ריבן און אַנדערע גרינסן.

דער קאָמיסאַר האָט צוגעשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון יודנראַט עטלעכע פערד און וועגענער, כדי מיט זיי אַריבערצופירן די גרינסן אין די געטאָ־געוועלבער, ווו זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן אויף קאַרטן. די דייטשן האָבן די מעל־צוטיילונגען פאַר דער באַפעלקערונג פאַרקויפט דעם יודנראַט, לויט דער צאָל איינוווינער און לויט די נאָרמעס, וואָס זיי באַקומען, צו הויכע פּרייזן. די חשבונות מיט די געוועלב־פאַרוואַלטערס — פון איין זייט, און מיט די דייטשן — פון דער צווייטער זייט — האָט געפירט די באַזאָרגונגס־אָפּטיילונג פון יודנראַט.

די יידישע בעקערס פלעגן איין מאָל אין וואָך, מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש אַרויסגיין צו די מילן, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ, צו באַקומען די צוגעטיילטע נאָרמע מעל. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פלעגן זיי קויפן צוגאָב־מעל ביי די פּויערים.

די צוגעקויפטע זעק מעל פלעגן זיי צוזאַמען מיט די „כשרע" אַריינפירן מיט די זעלבע פורן און זעלבער דערלויבעניש אין געטאָ אַריין. אַזוי אַרום האָבן די בעקערס באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאַרקויפן ברויט, אויסער דער צוגעטיילטער נאָרמע. אָבער — צוליבן הויכן פּרייז, וואָס זיי פלעגן נעמען פאַרן דאָזיקן ברויט, האָבן נישט קיין סך געטאָ־איינוווינער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון אים.

די מעל־צושטעלונגען פאַר דעם געטאָ, זענען נישט געווען קיין רעגולערע און עס זענען געווען פאַלן, ווען אין משך פון עטלעכע טעג האָט מען בכלל נישט געבאַקן קיין ברויט, צוליב פעלן פון מעל. דאָס צוגעטיילטע מעל איז נישט געווען פון גרויסן נאַרהאַפטן ווערט, ווייל עס איז געמאָלן געוואָרן פון די האַלב־פאַרברענטע תבואות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די מאַגאַזינען, וועלכע די רוסן האָבן אונטערגעצונדן פאַר זייער אָפּטרעטן פון שטאָט. דערצו האָבן נאָך די דייטשן צוגעמישט צום דאָזיקן מעל — האָלץ־מעל, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פילן ביים עסן און פאַרדייען דעם דאָזיקן „ברויט".

דער יודנראַט האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעל געלט, וואָס האָט געדינט פאַר די אינערלעכע באַדערפעניש פון געטאָ בלויז.

ס'איז געעפנט געוואָרן אַ שפּיטאָל אין אַ הילצערן הויז, נעבן דעם קליינעם קלויסטער, נאָענט פון קאַרלינער בית־עולם, און דער יודנראַט האָט אים אויסגעהאַלטן פון זיין

בודזשעט. דער שפּיטאָל איז שטענדיק געווען פאַרפולט מיט קראַנקע — געשוואָלענע פון הונגער, טיפוס־קראַנקע און מענטשן, וואָס האָבן געליטן פון פיל אַנדערע מחלות. אין שפּיטאָל האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים: יאַקובסאָן, פּראַגער, יאָז, ליעמישאָוו, מיילעס, לעוו, דער הויט־דאָקטאָר — גרינבערג, פרויען־דאָקטאָר — גלויבערזאָן, דער מומחה אין מאָגן־קראַנקהייטן, פּרופ. רובין און ד"ר ווײנבערג.

נישט ווייט פון שפּיטאָל האָט זיך געפונען אַן אַמבולאַטאָריע, וואָס זיין אָנפירער איז געווען ד"ר ליעוו און געאַרבעט האָבן דאָרטן: די קינדער דאָקטאָרין י. עלשטיין, און די דאָקטוירים: מיילעס, קאָגען, קאַפּלאַן, און די קראַנקן־שוועסטערס: מאַשע בוסעל, ראָזע פּליסקין, ריווע גרינבלאַט און מיליא ראַטנאָווסקאַ. דער געצאָלט איז געווען בלויז אַ סימבאָלישער. דער עיקר איז געווען די צוגאָבנאָרמע שפּייז, וואָס די אָנגעשטעלטע האָבן פון צייט צו צייט באַקומען. דאָס זענען געווען קעפּלעך פון סאַרדינען־פיש און ביינער פון פערד־פלייש. איין אַפּטייק איז געווען אין געטאָ און אָנגעפירט האָט מיט אים דער אַפּטייקער שוואַרצמאַן (דער מאַן פון בערטא).

דער בית־יתומים־אנשטאַלט, וועלכער האָט זיך געפונען אינעם גרויסן הויז — אויפן ראָג פון די גאַסן: זאַוואַלנע און דאָמיניקאַנסקע, איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ קליין שטיבל אין געטאָ, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר אים דורכן יודנראַט. די אומגליקלעכע, עלנטע, נעבעכדיקע יתומים האָבן געלעבט אין הונגער־באַדינגונגען, קעלט, שמוץ, ענגשאַפט, ווי די איבעריקע געטאָ־איינוווינער. דער איבערגעגעבענער אָנפירער, פריינד און דערציער פון יתומים־הויז ליאָוו, האָט פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אין די דאָזיקע שוידערלעכע באַדינגונגען. דער צווייטער דערציער פון יתומים־הויז פּייוול איינזשטאַט איז אומגעקומען אין דער ערשטער „אַקציע" פון די מענער אין אויגוסט 1941.

דער יודנראַט האָט אָרגאַניזירט אַ קיך פאַר נויטבאַדערפטיקע, קראַנקע און זקנים. דער רעש און טומעל אַרום דער קיך איז געווען נישט אויסצוהאַלטן, צוליב דעם ריזיקן עולם, וואָס האָט באַלאַגערט דעם בנין אין משך פון גאַנצן טאָג. די פּאָרציע עסן, וואָס מ'האָט דאָרט באַקומען, איז געווען זייער אַ נישטיקע.

אויך אַ געריכט און אַ תפיסה האָבן זיך געפונען אין געטאָ. פאָרזיצער פון געריכט איז געווען אַדוו. עלשטיין, און זיין ראַטגעבער דער געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּינסק, גאָרינאָווסקי, וועלכער איז אויך געווען פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז.

וואָס פאַר אַ משפטים זענען פאָרגעקומען אין געריכט? דער עיקר: וועגן סכסכים צווישן איין ייד און צווייטן. דאָס זענען אין רוב געווען סכסוכים אַרום קלייניקייטן. עס זענען אויך געמשפּט געוואָרן יידן, וועלכע האָבן נישט אויסגעפירט די פאָדערונגען פון יודנראַט. אויב, נאָך אַן אויספאָרשונג, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו באַצאָלן די שטייערן־סומע, וואָס דער יודנראַט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, איז עס יאָ ביכולת צו באַצאָלן, האָט מען אים אַריינגעזעצט אויף עטלעכע טעג אין תפיסה.

די מיטגלידער פון „חברה־קדישא", וואָס זענען אויך געווען מיטגלידער פון יודנראַט, האָבן יעדן טאָג זיך מטפל געווען מיט צענדליקער לוויות פון מתים, וועלכע מ'האָט מקבר געווען אויפן קאַרלינער בית־עולם, וואָס זיינע פּלויטן זענען צענומען געוואָרן.

איינער פון די עדות געדענקט אַ ווערטל פון ד"ר יאַקובסאָן וועגן דעם צענומענעם פּלויט פון בית־הקברות, וואָס ער האָט געזאָגט בעת דער לוויה פון דער פרוי פון ד"ר יאָז: „אין וואָס פאַר אַ פאַרקערטער וועלט מיר לעבן — דעם פּלויט אַרום די מתים האָט מען צענומען און מ'האָט אים אויפגעשטעלט אַרום די לעבעדיקע... ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין, אַז דאָס זאָל זיין פאַרקערט?"

אָן אַקולטורעל און געזעלשאַפטלעך לעבן

דער יודנראַט האָט זיך בכלל נישט פאַרנומען מיט דעם געביט פון קולטור־לעבן אין געטאָ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. די גרעסטע טייל לערער, אינטעליגענץ בכלל און שטענדיקע געזעלשאַפטלעכע טוער זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די אויגוסט־שחיטות... ס'איז נישט געווען, ווער עס זאָל אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אַ שולע, אָדער — זאָל האַלטן אַ רעפעראַט. עס איז נישט באַוווסט וועגן קיין שום פּרוּוו פון איינאָרדנען אַוועלכע עס איז קולטור־אימפּרעזע אָדער פאַרוויילונג אין געטאָ. אפילו — דער באַוווסטער פאָלקס־קינסטלער יאָסעלע קאָלאָדני, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין געטאָ, איז פולשטענדיק אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז אויך נישט געווען קיין שום סימן פון אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן, אָדער אויפלעבן די טעטיקייט פון אַ פּאַרטיי.

עס זענען בלויז געווען עטלעכע בתי־מדרשים, ווו די הויפּט־דאַוונער זענען געווען אַלטע לייט. „דער קאַרלינער רבי, ר' אברהם אלימלך פּערלאָוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו שטאַרקן דעם גייסט, הויבן דעם מוט און דורך דעם פאַרלייכטערן אַ ביסל די ליידן פון די געטאָ־איינוווינער — שרייבט מנשה אונגער אין ניו־יאָרקער „טאָג — מאָרגן־זשורנאַל" — ער האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל קיין פּינסק סוף־זומער 1939, ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און די אומגעהויערע סכנות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויפן אייראָפּעאישן יידנטום. זעענדיק בולט די אָנקומענדיקע געפאַר האָט ער פונדעסטוועגן נישט געוואָלט אַנטקעגנקומען דער ביטע פון זיינע חסידים אין ארץ־ישראל, צו פאַרבלייבן אין לאַנד. צוזאַמען מיט זיין עדה האָט ער דורכגעמאַכט דעם גיהנום־וועג אין פּינסקער געטאָ און אין שפּיץ פון זיין עדה געגאַנגען צום טויט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ".

וואָס שייך קולטור־אַרבעט און אימפּרעזן, איז איינע פון די שטערונגען אויך געווען דאָס, וואָס אין געטאָ האָט זיך נישט געפונען אַזאַ גרויסער לאָקאַל, וואָס זאָל קאָנען אַרייננעמען עטלעכע הונדערט מענטשן. פאַרן אַריבערגיין אין געטאָ, האָבן יידן מורא געהאַט איבערצוטרעטן די שוועל

פון זייער הויז. איצט זענען זיי געווען מער „פרייער", ס'איז אָבער נישט געווען ווהין און נאָך וואָס צו גיין.

אין יענע אָוונטן פלעגן די געטאָ־איינוווינער זיך געפינען אין דרויסן. דער צענטער פון באַגעגענישן איז געווען: ראָג פּרץ־גאַס (באַלאָטנע) — גלינישטשאַנסקע — שיראָקע. אין די שבתים האָבן די דייטשן, צוליב עפּעס וואָס, נישט געצווּנגען די יידען צו גיין אויף אַרבעט, און אין דעם דאָזיקן טאָג פלעגן די געטאָ־איינוווינער „שפּאַצירן" אויפן קאַרלינער בית־עולם.

צוויי טעמעס פלעגן זיך שטענדיק איבערחזרן בעת די דאָזיקע באַגעגענישן: ברויט און — ביז ווען וועט מען בלייבן לעבן?... די שמועסן אויף דער צווייטער טעמע פלעגן זיך שטענדיק פאַרענדיקן מיט איין פאַרלאַנג: „מיר זאָלן נאָך, פאַר אונדזער טויט — זוכה זיין צו זען די מפּלה פון היטלערן".

אַרבעט און אַרבעטער

זיבן אַזייגער אינדערפרי פלעגן טויזנטער מענטשן זיך פאַרזאַמלען ביי די געטאָ־טויערן און זיך אויסשטעלן גרופּנווייז לויט זייערע פאַכן און לויט די אַרבעטס־ערטער — צו דריי אין אַ שורה. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר „גרופּן־עלטסטן" — אַ ייד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פאַבריקס־אָנפירונג, אָדער אַרבעטס־וואַרשטאַט, ווו די גרופּע איז באַשעפטיקט געווען (די דייטשן האָבן אַזעלכן אָנגערופן: „גרופּן־פירער", און די יידן, מיט ביטערן הומאָר, פלעגן אים רופן „יודן־גענעראַל"). ער פלעגט פון אַ רשימה אויסרופן די נעמען פון די אַרבעטער, און נאָר די איז דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פון געטאָ.

נאָכדעם האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די דורכגאַנגס־צייגענישן פון די אַרבעטער און האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין די כלים פון די אַרויסגייענדיקע, צי זיי נעמען נישט מיט מיט זיך קיין פאַרווערטע זאַכן. נאָכן פאַרענדיקן די קאָנטראָל, איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש אַרויסצוגיין. בעתן צוריקקומען פון דער אַרבעט, פלעגט זיך ווידער איבערחזרן דאָס זעלבע בילד: צו דריי אין אַ ריי קומט אָן די קאָלאָנע אַרבעטער אין מיטן גאַס און ביים טויער ווערן ווידער אויסגערופן די נעמען, מ'קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און מ'פירט דורך אַ פּערזענלעכע רעוויזיע.

נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה, האָט באַזוכט פּינסק, בעת זיין צוריקוועג פון רוסלאַנד, דער בונדישער טוער לייזער לעווין, און צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָט ער געפינען רשימות מיט נעמען פון טויזנטער יידן, וועלכע האָבן באַקומען אַרבעטס־דערלויבענישן אין געטאָ אין חודש יוני 1942.

די אַנקעטע־בויגנס, אויף וועלכער עס זענען געמאַכט געוואָרן די רשימות האָבן, קענטיק געהערט אַמאָל צו איינעם פון די קלויסטערס אין שטאָט. איבער די אָריגינעלע פּאַראַגראַפן אויף די פּאַפּירן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין לאַטיין, זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דייטש די פּאַראַגראַפן אויף וועלכע עס זענען געגעבן געוואָרן די תשובות.

און דאָס זענען די פּאַראַגראַפן: לויף־נומער; דאַטע פון דער רעגיסטראַציע; דאָקומענט; די צאָל מענטשן; נאָמען און פאַמיליע־נאָמען; אַרבעטס־אָרט; אַדרעס; גילטיק ביז דער דאַטע...

די רשימות, וואָס געפינען זיך אין אונדזער באַזיץ האָבן צו 42 זייטן — 29 שורות אויף יעדער זייט. זיי הויבן זיך אָן פון לויף־נומער 2971 און פאַרענדיקן זיך מיטן נומער 5779. אינמיטן פעלן עטלעכע זייטן. אין די דאָזיקע רשימה־בויגנס זענען רעגיסטרירט 3654 אַרבעטער, וואָס עס מאַכט אויס בערך 20 פּראָצענט פון די יידן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין געטאָ.

אין דער טאַבעלע וועלכע מיר ברענגען דאָ און וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן לויט די דאָזיקע רשימות, זענען 3654 אַרבעטער באַשעפטיקט געווען אין די אַרבעטס־פּלעצער, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די בויגנס.

עטלעכע אַרבעטס־פּלעצער זענען פאַראייניקט געוואָרן צוזאַמען, צוליב דער באַדערפעניש פון דער טאַבעלע. דאָס זענען:

פּריוואַטע אַרבעטס־ערטער אויסערן געטאָ — אין זיי זענען איינגעשלאָסן נעמען פון הונדערטער פּרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס הויז־דינערינס ביי קריסטן, אויסערן געטאָ, און זיי שטעלן מיט זיך פאָר די גרעסטע צאָל באַשעפטיקטע אין דאָזיקן פּאַראַגראַף. אַ קליינע צאָל איז באַשעפטיקט געווען אין קריסטלעכע אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

ביוראָען — אין דאָזיקן פּאַראַגראַף זענען אין די רשימות אָנגעגעבן פאָלגענדע אַרבעטס־ערטער: שטאָט־פאַרוואַלטונג; אָפּטיילונג פון אַרויסגעבן דערלויבענישן; געריכט; סאַניטאַר־דינסט; וואָקזאַל; ביוראָען פון קרייז־אַמט; קינאָ; שפּייז־באַזאָרגונג; פּאָסט; שפּייז־מאַגאַזינען; ווי אויך די ביוראָען פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט; פיש; אַרבעט א. אַנד.

לאַנדווירטשאַפט — אין די רשימות זענען גענוי אָנגעגעבן די אַרבעטס־פּלעצער אין די פאָלגענדע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען: האַי; אַלברעכטאָווע; זאַפּאָליע; פּאָטשעפּאָווע.

קאָמענדאַנטור, זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי — דייטשן. די יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ זענען פאַררעכנט געוואָרן צווישן די אַרבעטער פון יודנראַט.

אַרבעטס-פּלעצער און אַרבעטער אין געטאָ.

אַרבעטס־אָרט	צאָל באַשעפטיקטע
פּריוואַט־אַרבעטער, אויסערן געטאָ —	337
יודנראַט —	698
ביוראָען —	361
לאַנדווירטשאַפט —	450
קאָמענדאַנטור, זשאַנדאַרמעריע, פּאָליציי —	107
דינסט ביי בנינים —	266
דינסט אין ל־או 7046 —	95
מיליטערישע בעקעריי —	5

אַרבעטס־אָרט	צאָל באַשעפטיקטע
תפיסה —	8
מיליטערישע באַזאָרגונג —	7
זעלנער־קלוב —	4
אָפיצערן־קאַזינאָ —	3
לופט־דינסט און פלי־פּלאַץ —	60
באַן סטאַציע —	27
בענזין־סטאַציע —	4
וואַרשטאַטן פאַר שיפן־בוי און פּאָרט —	25
יידישע און אַרישע שפּיטעלער —	128
אַפּטייק־וועזן —	6
דיקטן־פאַבריק —	192
שוועבעלעך־פאַבריק —	45
סאָדע־פאַבריק —	11
שיך־פאַבריק —	82
גאַרבעריי —	44
פאַבריק פון אויל —	11
מעבל־פאַבריק —	7
זייף־פאַבריק —	2
וואורשטן־פאַבריק —	2
באַרשטן־פאַבריק —	4
טריקאָטאַזש־וואַרשטאַט —	48
מעכאַנישער וואַרשטאַט —	39
שניידער־וואַרשטאַט —	36
דרוק־וועזן און איינבינדעריי —	12
שטאָטישע קאָמוניקאַציע —	92
טאַרטאַקן —	12
שעכט־הויז —	8
מילכעריי —	12
פאַך־שולע —	4
קינדער־גערטנער נומ. 1 און 2 —	4
אין סך־הכל	3654

די טאַבעלע שפּיגלט אָפּ, ווי שוין געזאָגט, בלויז אויף אַ טיילווייזן אופן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפן אַרבעטס־געביט צווישן די יידן אין געטאָ. אָבער ס'איז פאַראַן אין איר מאַטעריאַל פון דער ערשטער קוועלע, פון וועלכן מיר קאָנען זיך שאַפן אַ מער בולט בילד דערפון. נישט אומזיסט האָט מען דאַן געזאָגט, אַז דער פּינסקער געטאָ, איז אַ געטאָ פון יידן — אַרבעטער. אויך די דייטשן האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם צושטייער פון פּינסקער געטאָ פאַר זייער מלחמה־כוח, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם בריוו פון דעם הויפּט־פירער פון ס. ס. היינריך הימלער צום גענעראַל פראַצמאַן, וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער.

פון די מאַטעריאַלן פון די עדות־דערקלערונגען, וואָס געפינען זיך אין אונדזער באַזיץ, קאָנען מיר צוגעבן פּרטים, כדי נאָך קלאָרער און בולטער מאַכן די לאַגע אויפן אַרבעטס־געביט אין פּינסקער געטאָ.

איינער פון די עדות דערציילט: „זייער אַ סך געטאָ־איינוווינער האָבן זיך באַמיט אַרויסצוגיין אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. יעדער האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנ־הייט, זיך אַרויסצוררייסן, און נישט אויף קיין קורצער צייט, פון דער אַרומגעצוימטער שטייג. אַנדערע האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג דערצו דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַלטן נאָר די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די דייטשן, האָבן שאַנסן צו בלייבן לעבן. אָבער — די גרעסטע טייל האָט עס פּשוט געטאָן, כדי אויף דעם וועג צו קאָנען ראַטע־ווען פון הונגער־טויט זיך און זייערע משפחות".

אַ פרוי דערציילט אין אירע עדות־דערקלערונגען: „פאַרשידענע וועגן און מיטלען האָבן מיר געזוכט כדי צו זיין צווישן די גליקלעכע, וואָס גייען אַרויס אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. איך האָב געהאַט אַ קינד פון דריי יאָר. האָב איך עס איבערגעלאָזט ביי מיין מוטער, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם און איך בין אַרויס צו שווערער, פיזישער אַרבעט אין פּאָרט. אין דעם האָט מיר געהאָלפן דער אָרטיקער אַרבעטס־פאַרוואַלטער — מעדיאַנאָווסקי, ביי וועלכן מיר האָבן, נאָך איידער מ'האָט אונדז פאַרטריבן אין געטאָ, אויס־געביטן אַ ניי־מאַשין — אויף שפּייז. די דאָזיקע באַקאַנט־שאַפט האָב איך איצט אויסגענוצט, און אַ דאַנק מיינע רעקאָ־מענדאַציעס, זענען אויך אַנדערע יידן צוגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין פּאָרט".

אַנדערע גיבן צו: „אין געטאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסער שניידער־וואַרשטאַט. דאָרט האָבן געאַרבעט אַלע שניידער און שנײדערינס. ס'איז אויך אויפגעשטעלט גע־וואָרן אַ שוסטער־וואַרשטאַט. די דאָזיקע ביידע אַרבעטס־וואַרשטאַטן האָבן זיך געפונען אין אַ געמויערט הויז אויף בערנאַרדינער גאַס, נאָענט פון דעם פּאַוויאַטאָוון שפּיטאָל. דאָס איז דער נייער בנין, וואָס איז פאַר דער מלחמה ספּע־ציעל אויסגעבויט געוואָרן פאַר דער „ישיבה".

דורכן דרויסנדיקן אַריינגאַנג פלעגן אַריינקומען די דייטשן, ווי אויך אָרטיקע קריסטלעכע איינוווינער, צו באַ־שטעלן פאַר זיך קליידער און שיך. שטאָפן און לעדער האָבן זיי געהאַט גענוג פון דעם, וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביי די יידן. אָבער קיין פאַכמענער — שניידער און שוסטער, האָבן זיך נישט געפונען אויסערן געטאָ. די צוויי אַרבעטס־וואַר־שטאַטן האָבן זייער פיין געשפייזט זייערע באַשעפטיקטע. אויסער געלט, פלעגן די קליענטן אויך ברענגען שפּייז־אַרטיקלען: מעל, פעטס און אַנדערע פּראָדוקטן. זיי האָבן אַלץ געקאָנט דורכטראָגן, ווייל די פּאָליציי פלעגט דאָך נישט קאָנטראָלירן, וואָס זיי טראָגן מיט זיך".

„משפחות, וואָס איינער אָדער עטלעכע פון זיי האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, האָבן פאַרמאָגט גענוג ברויט. אויף די אַרבעטס־פּלעצער פלעגן זיי זיך באַגעגנען מיט פּויערים און קריסטלעכע איינוווינער פון שטאָט און אויסבייטן פאַר־שידענע ווערט־זאַכן אויף ברויט, גרויפּנס און קאַרטאָפל".

„געווען פאַבריקן, ווו עס זענען געווען קיכן פאַר זייערע אַרבעטער. אויך דער דאָזיקער מאָגערער מיטאָג־עסן האָט פאַר זיי געהאַט אַ גרויסן ווערט אין יענע באַדינגונגען".

איינער דערציילט: „איך בין דאַן אַלט געווען 20 יאָר — אַ געזונטער, שטאַרקער בחור בין איך געווען, האָב איך זיך

איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין „ווררייפ”. דאָס איז געווען אַ קאָמבינאַט פון טאַרטאַקן, פאַבריקן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן צו אויסאַרבעטן האָלץ־אַרטיקלען. מיין אַרבעטס־פלאַץ האָט זיך געפונען אויפן ברעג טייך, פונוואַנען מ׳האָט אַריבערגעפירט אין דער דיקטן־פאַבריק פון לוריע, די קלעצער, וועלכע זענען געקומען מיטן וואַסער־וועג — געבונדן אין פליטן. עס זענען געווען פאַלן, ווען אַ קלאָץ האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַראָפּגעזונקען אויפן גרונט פון טייך. מיין אויפגאַבע איז געווען: אַראָפּצולאָזן זיך אין טייך מיט אַן אייזערנער קייט, וואָס איך פלעג צובינדן צו דער פאַרזונקענער קלאָץ און דאַן האָט אַ פערד עס אַרויסגעשלעפט אויפן ברעג. איך בין געווען דער איינציקער ייד, וואָס איז באַשעפטיקט געווען ביי אַזאַ מין שווערער און געפערלעכער אַרבעט. דערפאַר האָב איך באַקומען אַן „אַרישע” פאָרציע ברויט — 800 גראַם אַ טאָג (אָנשטאָט 300 גראַם, ווי געוויינלעך), מיט אַ צוגאָב פון אַ וואַסערדיקער זופּ אויף מיטאָג.

צווישן די פּויערים, צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער סביבה, האָבן זיך אויך געפונען דאָרפישע יידן. בעת די מיטאָג־איבעררייסונגען פלעגן די פּויערים זיך טשעפּען צו מיר, באַליידיקן און פלעגן זוכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, מיך אונטערצושטעלן אַ פּיסל. האָב איך זיי פאָרגעלייגט, זיי זאָלן עס טאָן אויף אַ גלייכן וועג, דורך אַ פאַרמעסטונג אין אַ געראַנגל מיט מיר. נאָך דעם, ווי קיינער פון זיי האָט מיך נישט געקאָנט אין געראַנגל בייקומען, איז די זאַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוועט.

פון צייט צו צייט פלעגן צוקומען פרישע פּויערים — צוואַנגס־אַרבעטער, און די, וואָס האָבן שוין דאָרט געאַרבעט אַ לענגערע צייט, פלעגן „אָנציען” די נייע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פאַרמעסטן אין כוחות מיט דעם שטאַרקן „זשידעק”. די פּרעמיע איז געווען: אַ לעבל ברויט. אַזוי אַרום פלעג איך פון צייט צו צייט געווינען אַ צוגאָב־ברויט, וואָס איך פלעג, ווי עס איז, אַריינשמוגלען אין געטאָ און עס ברענגען מיין מאַמען און מיינע זיבן שוועסטער. צוויי פון זיי האָבן אויך געאַרבעט אויסערן געטאָ, און די ייִנגסטע, וואָס איז אַלט געווען 13 יאָר, איז געווען אַן אויסגעצייכנטע אַרבעטערין אין דער דיקטן־פאַבריק פון קונדען. זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס אַ פורמאַן און געפירט די קלעצער פונעם פלאַץ אין פאַבריק אַריין”.

לויט ווי מען זעט פון דער טאַבעלע, וואָס מיר האָבן געבראַכט, געפינט זיך די גרעסטע צאָל אַרבעטער אין דעם פּאַראַגראַף: „באַשעפטיקטע אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אויסערן געטאָ”.

איינער פון די עדות האָט אויפגעקלערט דעם דאָזיקן פאַקט אויף אַזאַ מין אופן: „אַזוי ווי אפילו די אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אויסערן געטאָ, האָבן נישט געקאָנט באַשפּייזן זייערע משפחות, זענען זייערע פרויען און טעכטער געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרדינגען אַלס דינסטן אין קריסטלעכע הייזער. נישט לייכט איז געווען צו קריגן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל מ׳האָט קודם כל געדאַרפט געפינען אַ קריסטלעכע משפחה, וואָס זאָל מסכים זיין צו דערלאַנגען אַ ביטע צו די מאַכט־אָרגאַנען וועגן דעם, מיטן נאָמען פון דער דינסט. ערשט נאָכדעם, ווי די בקשה איז באַשטעטיקט געוואָרן, האָט מען אַרויסגעגעבן די אַרבעטס־דערלויבעניש. אַזאַ הויז־דינערין האָט נישט באַקומען קיין געהאַלט און זי האָט געאַרבעט בלויז פאַרן עסן, וואָס זי האָט דאָרט באַקומען. צייטנווייז איז עמעצן געלונגען אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל ברויט און אַריינברענגען עס פאַר דער הונגעריקער משפחה אין געטאָ. עס זענען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן פאַרקויפט סיי זייערע הענט, סיי זייער גוף צו קריסטן פאַרן פּרייז פון ברויט”.

דער קאַמף פאַר שפּייז

די יידישע אַרבעטער האָבן אויסגענוצט, ווי געזאָגט, זייער געפינען זיך אויסערן געטאָ און פלעגן זיך איינשאַפן אַ ביסל שפּייז: עטלעכע שטיקלעך ברויט, גרויפּן, קאַרטאָפל, פעטס. אָבער — די עיקר־פראַגע איז געווען: ווי אַזוי ברענגט מען עס אַריין אין געטאָ? אויפן דאָזיקן געביט האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע קונסט פון פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. די גרויפּנס פלעגן די מענער אַריינשיטן אין די שקאַרפּעטן, קאַרטאָפל פלעגט מען אָפּקאָכן, צוגעבן וואַסער און פלעגן עס דורכשמוגלען, אין אַ טעפּל, ווי זופּ, וואָס מ׳האָט באַקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. שטיקלעך ברויט פלעגן פרויען באַהאַלטן אונטער זייערע קליידער.

נעבן געטאָ־טויער פלעגט דורכגעפירט ווערן אַ גענויע רעוויזיע דורך די פּוילישע פּאָליציאַנטן. געווען צווישן זיי איינציקע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכע האַרציקייט, ווי, למשל, דער פּאָליציאַנט נומ. 27, וואָס מ׳פלעגט דערציילן, וועגן אים, אַז ער האָט פאַרבינדונגען מיט פאַרטיזאַנער. און אַזוי אויך דער פּאָליציאַנט ביעלעצקי. די דאָזיקע פּאָליציאַנטן פלעגן מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי פירן דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע און נעמען כלומרשט עפּעס צו. ביי די דאָזיקע אָרדנונגס־היטער פלעגט די יידן געלינגען אַריינצוברענגען אין געטאָ עפּעס עסן פאַר זייערע הונגעריקע משפחות. אָבער אַזעלכע פּאָליציאַנטן זענען לײדער געווען זייער ווייניק.

די גרעסטע צאָל פּאָליציאַנטן זענען אָבער געווען ברוטאַלע יונגען, סאַדיסטן. צו זייער שאַנד זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די נעמען פון די ערגסטע פּאָליציאַנטן: ווערזשביצקי, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 15, און האַליבנייע — נומ. 41, און אַזוי אויך די פּאָליציאַנטן: נומ׳ 2 און 17, וואָס זייערע נעמען זענען פאַרגעסן געוואָרן.

אַלטע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זענען דורך די דאָזיקע פּאָליציאַנטן געפונען געוואָרן בעת דער רעוויזיע ביי די יידן זענען געוואָרן צוגענומען און אַנגעוואָרפן אין אַ בערגל, נעבן טויער, און די „פאַרברעכער” זענען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן. בעת די דאָזיקע רעוויזיעס האָבן זיי אויך נישט געשוינט קיין פרויען — געזוכט, צוגענומען און צעמיימיתט זיי...

אָבער אַפילו די טויט־געפאַר, וואָס עס האָט זיי געדראָט, האָט נישט אָפּגעשראָקן און נישט צוריקגעהאַלטן די געטאָ־איינוווינער דערפון. יעדער איינער האָט זיך באַמיט איבער־

צוקליגן די רוצחים און דורכצושמוגלען א ביסל שפייז פאר די הונגעריקע קינדער. א סך האבן פאר די דאזיקע אנשטרענגונגען באצאלט מיט זייער לעבן.

איינע א פרוי האט אין אירע עדות־דערקלערונגען דערציילט: אין איינעם א געוויסן טאג האב איך זיך צוריקגעקערט פון דער ארבעט צוזאמען מיט שמואל לערנלייט פון בראווארנע גאס. ער האט געהאלטן אונטערן ארעם א שטיקל האלץ. ביים טויער האבן אים די פאליציאנטן באפוילן אוועקצווארפן דאס שיטקל האלץ אויפן בערגל צוגענומענע חפצים. נאך דעם, ווי ער האט אויסגעפירט דעם באפעל, האט ער זיך אומגעקערט, און זיך באמיענדיק, אז קיינער זאל נישט באמערקן, האט ער דאס שטיקל האלץ צוריקגענומען און איז אדורך דעם טויער. איינער פון די פאליציאנטן, וואס האט עס באמערקט, איז אוועקגעלאפן נאך אים, ארויסגעצויגן ביי אים דאס האלץ און עס גענומען באטראכטן. צום אומגליק האט זיך דאס שטיקל האלץ צענומען אויף צווייען און אינעווייניק, אין א ספעציעל־אויסגעשניצטער לאך, האט דער פאליציאנט געפונען א שטיקל פוטער. די פאליציאנטן האבן לערנלייטן אריינגעפירט אין זייער וואך־שטיבל, אים באפוילן צו שטעלן זיך אויף די קני און מ׳האט אים אריינגעשאסן א קויל אין נאקן. ער איז געפאלן טויט אויפן ארט”.

א צווייטער עדות האט צוגעגעבן: „שמואל לערנלייט איז געווען דער ערשטער קרבן פונעם געראנגל פאר אריינבדענגען א ביסל שפייז פאר דער הונגעריקער משפחה. דער צווייטער קרבן איז געווען: דוואשע, די פרוי פון יוסף מינקאווסקי, איינער פון די זין פון דעם אייגנטימער פון דער כעמישער וועשעריי. בעתן באזוכן די ארבעטערינס, וועלכע זענען געווען באשעפטיקט ביים איבערקלייבן קארטאפל אין וועלדל האי, נעבן די מיליטערישע קאזארמעס, זענען געפונען געווארן אין אירע כלים א ביסל קארטאפל. די דייטשישע וואכלייט האבן זי אפגעפירט אין א זייט און דערשאסן. די איבעריקע פרויען האבן גלייך ארויסגעווארפן פארזיכטיק די קארטאפל, וואס זיי האבן ביי זיך באהאלטן. אויף זייער ביטע, איז זיי דערלויבט געווארן צו ברענגען דעם גוף פון דער דערהרגעטער אין געטא אריין. די לוויה פון דער פרוי, וואס האט איבערגעלאזט צוויי פיצלעך יתומים, האט זייער שווער געווירקט און פולשטענדיק צעטרייסלט דאס גייסטיקע גלייכגעוויכט פון די געטא־איינוווינער”.

א דריטער עדות דערציילט: „נאך אן אויפטרייסלענדיקע געשעעניש האט פאסירט מיט א 15 יאריק יינגל, שאיע, א זון פון דעם שערער לייזער פלאטניק, פון בריסקער גאס. דאס יינגל האט געקריגן א לעבל ברויט, אויסערן געטא, האט ער מורא געהאט מיט דעם אדורכגיין דורכן טויער און האט זיך אריינגעקריגן אין געטא דורכן צוים אויף קאטליארסקע גאס. האט אים באמערקט דער פאליציאנט נומ. 41 און האט נאכגעיאגט דאס יינגל, צילנדיק אין אים מיט זיין ביקס. ווען ער איז צוגעקומען נאענט, האט דאס יינגל א כאפ געטאן ביים פאליציאנט די ביקס און גענומען מיט אים זיך ראנגלען. דער פאליציאנט איז אים בייגעקומען און האט דאס יינגל גלייך דערשאסן אויף טויט”.

„מיט מיינע אייגענע אויגן — דערציילט ווייטער דער עדות — האב איך געזען איציק לייזערוק, דעם זון פון פסח דעם קצב, וואס איז געכאפט געווארן מיט א ביסל גרויפן אין די שקארפעטן. מ׳האט אים באפוילן אויסצוטאן די שיך, אויסשיטן די גרויפן און אויפקלייבן זיי צוריק איינציקווייז פון דער ערד. ווען ער האט זיך איינגעבויגן און געטאן, וואס מ׳האט אים געהייסן, האבן אים די פאליציאנטן געשלאגן מכות־רצח מיט די ביקסן־קאלבעס און שטיוול, ווו נאר זיי האבן געטראפן. איינגאנצן א געשוואלענער פון די קלעפ און א צעבלוטיקטער, האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין משפחה, מיט די זעקס הונגעריקע קינדער, וואס האבן, נעבעך, געווארט אויפן ביסל עסן, וואס דער טאטע וועט זיי ברענגען”.

א פערטער עדות דערציילט: „ביי דעם 15 יאריקן מיידל, לאה טאנצמאן, האט מען איינמאל געפונען א שטיקל באהאלטן לעבער, ווען זי איז אדורך דעם טויער. מ׳האט זי אוועקגעלייגט אויף א ברעט, נישט ווייט פונעם טויער און מ׳האט איר געגעבן 25 שמיץ. צוויי חדשים איז דאס מיידל נאכדעם געלעגן צום בעט.

א צווייטן מאל, ווען מיר האבן זיך צוריקגעקערט פון דער ארבעט, האבן מיר געזען נעבן טויער ליגן אויף דער ערד די פרוי שורא ליובאשעווסקי און עטלעכע פאליציאנטן האבן זי געשלאגן מיט זייערע שפיצרוטן אין אלע טיילן פון גוף. כמעט אן א סימן פון לעבן האבן מיר זי געבראכט אין געטא אריין”.

„און איך האב געזען — דערציילט אין איר עדות־דערקלערונג א פרוי — ווי אזוי עבנער האט נעבן טויער דערהרגעט דעם ייד גלויבערמאן, ווען ער האט ביי אים געפונען א שטיקל באהאלטן פוטער”.

דער הונגער אין געטא האט זיך פארשטארקט פון טאג צו טאג. די רוצחישע קלעפ און די מארדן פאר אריינברענגען א ביסל עסן אין געטא, האבן נישט אפגעשראקן און נישט אפגעהאלטן די יידן צו פארזעצן זייער געראנגל פארן קיום. דאס איז געווען א געראנגל אויף לעבן און טויט, וואס די געטא־איינוווינער האבן געפירט מיט די דייטשן און זייערע ארטיקע מיטהעלפער. אין דעם דאזיקן געראנגל האבן זיך באטייליקט אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג — גרויס און קליין. ער איז געפירט געווארן סיי אין פרייען טייל פון שטאט, סיי אין די דערפער פון דער סביבה און סיי ביי די טויערן פון געטא. דאס איז געווען אן אומאויפהערלעכער געראנגל — א קייט פון העלדנטאטן, וואס איז נישט מעגלעך מיט ווערטער צו שילדערן. ס׳איז געווען אין דעם אן א שיעור נשמה־דערהייבנקייט, הארציקייט און אפפערוויליקייט פון איין ייד לגבי דעם צווייטן.

די קינדער אין געראנגל

א גלענצענדיק קאפיטל אין דער עפאפייע פונעם געראנגל פאר עקזיסטענץ, האבן אריינגעשריבן די קינדער אין געטא. יעדן פרימארגן פלעגן צענדליקער קינדער פויזנדיק ארונטערקריכן אונטער דעם געטא־צוים, באוואפנטע מיט זעק און רענצלעך. זיי פלעגן זיך פאנאנדערשיטן איבער די נאענטע

דערפֿער און האָבן דערוועקט דאָס געפֿיל פֿון רחמנות ביי די פּויערים, ווען זיי פֿלעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פֿאַרטרערטע אויגן בעטן אַ שטיקל ברויט, עטלעכע קאַרטאָפֿל. אַ סך פּויערים האָבן נישט געקענט ביישטיין די שטומע בעטנדיקע בליקן פֿון די קינדער און האָבן זיי געגעבן, וואָס זיי האָבן געקענט.

אַזוי פֿלעגן די קינדער צונויפֿקלייבן אין משך פֿון טאָג אַ ביסל שפּייז און אין אָוונט האָבן זי געאײַלט צו ברענגען עס אַהיים צו זייער קראַנקער מאַמען, אָדער פֿאַר זייערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך — יתומים, וואָס זייערע פֿאָטערס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער ערשטער „אַקציע". אָבער נישט איין קינד האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן דערפֿאַר...

„דריי־פֿיר קינדער — האָט איבערגעגעבן איינער פֿון די עדות — פֿלעגן יעדן טאָג פֿאַלן נעבן אָדער אונטער דעם געטאָ־צוים. געווען פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין מאָרדן קינדער, ווען זיי פֿלעגן אַרונטער־קריכן אונטערן צוים. אין זייער זאָרג און געיעג צו ברענגען וואָס גיכער אַביסל שפּייז אַהיים, האָבן די קינדער נישט באַמערקט די רער פֿון רעוואָלווער, אָדער ביקס, וואָס זענען געווען געצילט אין זיי. דער הילך פֿון שאָס און אויסגעשריי פֿון קינד: „מאַמע!" פֿלעגן דערשיטערן די אומגליקלעכע מאַמעס, וועלכע פֿלעגן אין טויט־שרעק קוים דערלויפֿן צום צוים, אַ קוק צו טאָן, צי נישט זייער קינד איז דאָסמאָל געפֿאַלן אַ קרבן".

געווען קינדער, וועלכע פֿלעגן נישט אַרויסגיין אויסערן געטאָ. זיי פֿלעגן וואַרטן ביים געטאָ־טויער, אפֿשר וועט זיך עמעצער פֿון די אַרייַנגעקומענע דערבאַרעמען און שענקען זיי אַ פּיצל ברויט.

„דאָס פֿלעגן מיר זען טאָג־טעגלעך, בעת אונדזער צוריקקומען פֿון דער אַרבעט אין געטאָ אַריין — דערציילט נאָך אַן עדות — שורות, פֿון הונגער־געשוואָלענע קינדער פֿלעגן זיצן אויף די טראָטואַרן, שטילע און גלייכגילטיקע. די קעפּ — גרויסע די פֿיס, ווי צוויי קלעצער, געשוואָלענע, און אויף די פּנימער — דער צייכן פֿון טויט. אין עטלעכע טעג אַרום פֿלעגן מיר שוין זען אַנדערע קינדער זיצן אויף זייער אָרט. יענע האָבן שוין אין די נעגל פֿון דער גרויזאַמער הונגער־חיה, אויסגעהויכט זייערע לויטערע נשמה'לעך און געבראַכט געוואָרן צו קבורה. דער זעלבער גורל האָט אויך דערוואַרט די נייע קינדער, זיצנדיק אויפֿן טראָטואַר".

דער גורל פֿון אַ הונגער־טויט, איז אויך געווען באַשטימט פֿאַר די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־פּלאַץ. די דאָזיקע מענטשן האָבן געפּרוווט פֿאַרלענגערן זייער לעבן דורך פֿאַרשידענע ערזאַץ־שפּייזן, ווי: קאָטלעטן פֿון גראָז, אָדער געקעכטס פֿון קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג אויף צו קאָנען דערהאַלטן אַ מענטשן אַ לענגערע צייט ביים לעבן. געווען פֿאַלן, ווען מענטשן זענען פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן פֿון הונגער אין מיטן דער אַרבעט און זענען געשטאָרבן אויף זייער אַרבעטס־פּלאַץ, אויסערן געטאָ.

דער יודנראַט האָט זיך געווענדעט צום פֿאַרטרעטער פֿון קרייז־קאָמיסאַר, עבנער, אים אינפֿאָרמירט וועגן דער גרויסער שטערבלעכקייט אין געטאָ און געפֿאָדערט צו פֿאַרגרעסערן די ברויט־נאָרמע פֿאַר די אַרבעטנדיקע. דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט געבעטן צו ווייזן אים די רשימות פֿון די טויט־צייגענישן. באַטראַכטנדיק זיי גענוי און גרינטלעך האָט ער ציניש געזאָגט:

„לויט מיין חשבון שטאַרבן נאָך צו ווייניק יידן"... אַזוי האָט דערקלערט דער ממונה איבערן לעבן און טויט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג... אוןווירקלעך — פֿון וואָך צו וואָך האָט גענומען שטייגן די צאָל מתים — פֿון הונגער און פֿאַרשידענע קראַנקהייטן אין געטאָ.

די דערמאָרדונג פֿון די קראַנקע

אין איינעם פֿון די יולי־טעג איז געקומען אין יודנראַט עבנער, אין דער באַגלייטונג פֿונעם קרייז־דאָקטער, דילעווסקי. דאָס געטאָ האָט פֿאַר פּחד איינגעהאַלטן דעם אָטעם: וואָס פֿאַר אַ פֿרישע גזירה האָבן זיי געבראַכט?

די סיבה פֿון זייער קומען איז זייער גיך אויפֿגעקלערט געוואָרן: זיי האָבן געפֿאָדערט אַ רשימה פֿון די גייסטיק־קראַנקע און די שווערע, אומהיילבאַרע קראַנקע אין געטאָ בכלל. זייער פֿאַרלאַנג איז — האָבן זיי דערקלערט — אַריבערפֿירן די אַלע קראַנקע אין אַ שפּיטאָל אין בריסק.

די מיטגלידער פֿון יודנראַט האָבן געפּרוווט זיך אַרויסדרייען דערפֿון, טענהנדיק, אַז זיי ווייסן נישט וועגן וועמען דאָ האַנדלט זיך.

„די רשימה איז שוין געמאַכט געוואָרן דורכן ד"ר דיילעווסקי — האָט געזאָגט עבנער — און אויב איר וועט אונדז נישט העלפֿן אין דורכפֿירן די זאַך, וועלן מיר אַליין נעמען די קראַנקע, און אַלס שטראָף — צוזאַמען מיט זייערע משפּחות".

בלית־ברירה זענען געשיקט געוואָרן באַאַמטע פֿון יודנראַט, צוזאַמען מיט עטלעכע דאָקטוירים און יידישע פּאָליציאַנטן, כדי צוצוגרייטן די רשימה, אויף וועלכער עס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן 40 קרבנות. אין צוויי טעג אַרום זענען געקומען עטלעכע דייטשישע מאַשינעס צו די טויערן פֿון געטאָ, כדי אויפֿצוקלייבן די קראַנקע. די אומגליקלעכע קרבנות און זייערע משפּחות האָבן געוווסט, וואָס עס דערוואַרט זיי און האָבן זיך קעגנגעשטעלט די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געקומען זיי נעמען צו די מאַשינעס.

„דאָס איז געווען אַ האַרצרייסנדיק בילד — האָט איבערגעגעבן אַן עד־ראיה — ס'איז געווען שרעקלעך צו זען, ווי אַזוי די קראַנקע ווערן געשלעפּט דורך יידישע פּאָליציאַנטן צום טויער פֿון געטאָ. אויף וויפֿל איך געדענק, איז עס געווען דער איינצעלנער פֿאַל, ווען פּינסקער יידן זענען געצוווּנגען געווען איבערצוגעבן זייערע אייגענע ברידער אין די הענט פֿון די דייטשן".

די צוויי איבערגעפֿולטע מאַשינעס זענען אָוועקגעפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון בריסק. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען זיי געזען שוין צוריקפֿאָרן ליידיקע... גאָר גיך איז באַ־

ווּוסט געוואָרן דער טרויעריקער אמת: די קראַנקע זענען דערשאָסן געוואָרן אין דער געגנט פון דאָרף קאָזליאַקאָוויטש.

כדי צו באַרויקן אַ ביסל די אויפגעבראַוזטע געמיטער, נאָך דעם דאָזיקן „טאַט", זענען נאָכאַמאָל געקומען אין געטאָ עבנער און ד"ר דילעווסקי און האָבן פאַרזיכערט, אַז מער קיין קראַנקע וועלן נישט אַרויסגעפירט ווערן.

אַ צווייטער עדות — אַ פרוי — האָט איבערגעגעבן, אַז די פסיכיאַטאָרין, ד"ר יאָז, אַן אַנטלאָפענע פון וואַרשע, זי שטאַמט פון דער באַוווּסטער משפחה דאַווידסאָן, איז געווען די, וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט די אויבנדערמאָנטע קראַנקע, מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. נאָך דער בלוטיקער געשעעניש האָט זי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די טראַגעדיע פון אירע קראַנקע און איז צומאָרגנס נאָך דעם גרויליקן פאַל, באַגאַנגען זעלבסמאָרד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין געטאָ באַוויזן דער משוגענער וועלכן מ'האָט גערופן: „נחומקע טעפּעלע שמאַלץ". „ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?" — האָט מען אים געפרעגט. „איך בין אַנטלאָפן — האָט ער געענטפערט — ווי אַזוי קאָן עקזיסטירן אַ יידישע קהילה אָן איין משוגענעם?"...

די צעטיילונג אויף צוויי געטאָס

בעתן באַזוך פון עבנערן און ד"ר דילעווסקי אין געטאָ, האָבן זיי באַפוילן צו צעוואַרפן אַלע פלויטן, אויסער די, וואָס זענען נישט העכער פון 80 צענטימעטער. „דאָס איז נויטיק — האָבן זיי דערקלערט, אַז די שומרים זאָלן בעסער קאָנען זען דעם גאַנצן געטאָ־שטח".

אין יענע טעג איז געגעבן געוואָרן אַן אָנווייזונג די פאַכלייט אין געטאָ: אָנצוצייכענען אויף די צוויי געלע לאַטעס דעם נאָמען פון אַרבעטס־פּלאַץ און דעם נומער, וואָס יעדער אַרבעטער האָט געהאַט אויף זיין אַרבעטס־אָרט.

„די קריסטלעכע ארבעטס־אָנפירער — האָט דערציילט אין זיינע עדות־דערקלערונגען אַ דרוקער־אַרבעטער — זענען געקומען אין דער דרוקעריי, ווו מיר זענען געווען באַשעפטיקט, און האָבן געבראַכט די געלע לאַטעס פון זייערע אַרבעטער, אויף וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אָפּדרוקן די נעמען פון די ארבעטס־ערטער. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער אינזשינער פרידמן איז געבראַכט געוואָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט אים באַפוילן צוצוגרייטן אַ רשימה פון די אַרבעטנדיקע יידן אין געטאָ. מ'האָט דערלויבט צו ברענגען אים עסן און מ'האָט דערמעגלעכט די מיטגלידער פון יודנראַט צו טרעפן זיך מיט אים.

עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז מ'וועט דעם געטאָ צעטיילן אויף צוויי: A און B. אין ערשטן געטאָ וועלן אַריבערגעפירט ווערן די פאַכלייט און די אַרבעטער באַשעפטיקטע אין ארבעטס־וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אין צווייטן, דאַקעגן, וועלן זיך געפינען די אַלטע לייט, קינדער און קראַנקע. דאָס הייסט: די אַלע, וואָס זענען נישט פעאיק צו קיין אַרבעט. די געטאָ־איינוווינער האָבן די זאַך אויסגעטייטשט פשוט: די אַרבעטנדיקע וועלן בלייבן לעבן און די איבעריקע וועלן פאַרניכטעט ווערן.

די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט, זענען געלאָפן אין בהלה זיך צו רעגיסטרירן אין וועלכן עס איז אַרבעטס־אָרט. די קריסטלעכע אַרבעטס־פאַרוואַלטער האָבן דאַן געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן דערפון, ווייל פאַר איינשרייבן אַ ייד אין אַן אַרבעטס־אָרט האָבן זיי גענומען גרויסע סומעס געלט. זיי פלעגן זיך ווענדן צום דייטשישן אינזשינער, זיג, וואָס איז געווען דער ממונה איבער דער אַרבעטס־פאַרטיילונג אינעם דייטשישן קרייז־קאָמיסאַריאַט, און מעלדן אים, אַז זיי נויטיקן זיך אין צוגאָבלעכע אַרבעטער און פאַכלייט, און דאַן האָבן טאַקע נאָך אַ סך אַרבעטער געקריגן באַשעפטיקונג אויסערן געטאָ.

עס זענען דאַן אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז בלויז צען טויזנט יידישע אַרבעטער וועט מען לאָזן לעבן. די איבעריקע וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אין לאַגערן. יידן האָבן אָבער געטרייסט זיך, אַז צו פינסק וועט די גזירה נישט דערגיין, ווייל פינסק איז אַן אַרבעטס־שטאָט. אירע פאַבריקן זענען לעבנס־וויכטיק פאַר דעם דייטשישן מלחמה־כוח, ווי למשל, די דיקטז־פאַבריקן טאַרטאַקן, גאַרבערייען, שיף־פאַבריקן א. אנד.

ווען עס זענען דערגאַנגען קיין פינסק די ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידן אין די שטעטלעך פון דער סביבה, האָבן נישט געקאָנט מער די מיטגלידער פון יודנראַט ביישטיין דעם דרוק פון די מאַסן געטאָ־איינוווינער און זיי זענען אַוועק צום קאָמיסאַר, אים דערציילט וועגן די ידיעות, וועלכע זענען דערגאַנגען אין פינסקער געטאָ און געבעטן אַ דערקלערונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע. דער קאָמיסאַר האָט זיך נישט געשעמט מודה צו זיין, אַז די זאַך שטימט. אָבער — האָט ער צוגעגעבן — מיר האָבן נישט בדעה זיי אומצוברענגען, נאָר אויסצוקלייבן פון זיי די יונגע און אַוועקשיקן זיי קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, און די זקנים — אין אַרבעטס־לאַגערן. אַבער — וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צו זיי? אייך וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס. כמעט אַלע פינסקער יידן זענען פאַכלייט און אַלע אַרבעטן פלייסיק. פינסק איז אַן אינדוסטריע־שטאָט און מיר וועלן נאָך ברענגען אַהער אויך יידן פון דער סביבה, ווייל עס פעלן אונדז אויס אַרבעטס־כוחות. איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן. אייך וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס".

זיין ענטפער האָט די געמיטער נישט באַרויקט.

ליקווידאַציע פון די יידן אין דער סביבה

נישט געקוקט דערויף, וואָס די דייטשן האָבן נישט דערלויבט די קריסטן פון דער אַרומיקער געגנט צו קומען אין שטאָט אַריין, כדי זיי זאָלן נישט דערציילן, וואָס זיי ווייסן, וועגן דער שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט איבער די יידן אין דער סביבה — איז אָבער אוממעגלעך געווען צו פאַרמיידן די פאַרשפּרייטונג פון ידיעות, וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון פּאָלעסיע און וואָלין. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן פשוט נישט

געוואָלט גלויבן אין דער ריכטיקייט פון די גרויליכע קלאַנגען. צום גרויסן באַדויערן אָבער האָבן זיך די דאָזיקע קלאַנגען באַשטעטיקט, און די וואָס האָבן זיך נישט געשפּייזט מיט פאַלשע האָפענונגען, זענען געבליבן שטיין דערשיטערט אין אָנבליק פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

„דאָס איז געווען אין יענעם טאָג, ווען עס זענען געקומען אין פּינסקער געטאָ, די צופעליק ניצול־געוואָרענע יידן פון סאַרנע — האָט דערציילט אַן עדות — און צווישן זיי, צוויי פּינסקער יידן: באַנקאָווסקי, דער אייגנטימער פון אייזן־געוועלב, און איינער, אַ יונגער בחור, וואָס זיין נאָמען געדענק איך נישט. זיי האָבן דערציילט, אַז די סאַרנער יידן האָט מען צונויפגעקליבן הינטער דער שטאָט, אויף אַ פּלאַץ, אַן אַרומגעצוימטן מיט שטעכל־דראָט. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן עטלעכע טעג, ביז עס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אַהין אַלע יידן פון דער סביבה. מ׳האָט זיי צוּוויסן געגעבן, אַז פון דאָרט וועט מען זיי שיקן אין אַרבעטס־לאַגערן. בישט געקוקט אויף די שטאַרק־הייסע זומערדיקע טעג, האָט מען די יידן נישט געגעבן קיין טרונק וואַסער און קיין שום שפּייז. די יידן האָבן געצאָלט מיט גאָלד־חפצים פאַר אַ גלאָז וואַסער פאַר די קינדער און עופה׳לעך, וועלכע האָבן געחלשט פון דורשט.

ווען עס זענען אָנגעקומען מאַשינעס מיט דייטשן, האָט מען צענדליקער יידן באַפוילן אַרויפשטייגן אויף זיי און אין דער נאָענטער געגנט זיי דערשאָסן.

דערזעענדיק מיט גרויל, וואָס מ׳טוט מיט די אַוועקגעפירטע יידן, האָבן אייניקע יוגנטלעכע איבערגעשניטן דעם שטעכל־דראָט פון צוים און גענומען אַנטלויפן. אַ שטראָם פון מענטשן האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער עפענונג. אין דער מוראדיקער בהלה, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט מער צעטראָטן פרויען און קינדער, און די „גליקלעכע”, וועמען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. בלויז געציילטע זענען ניצול געוואָרן, און צווישן זיי, די פליטים, וואָס זענען געקומען קיין פּינסק, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָ לעבט נאָך אַן עדה יידן”.

עס האָבן אויך דערגרייכט קלאַנגען וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין בריסק, חוץ אייניקע פאַכלייט, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט. די דראָהיטשענער יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דעם 25־טן יולי 1942. וועגן דעם ביטערן סוף פון די יידן אין יאַנעווע, וואָס געפינט זיך בלויז אויף אַ מרחק פון 25 קילאָמעטער פון פּינסק, זענען אָנגעקומען אויפטרייסלענדיקע ידיעות. די דאָרטיקע יידן, וויסנדיק, וואָס זיי דערוואַרט, האָבן באַצייטנס צוגעגרייט באַהעלטענישן און בונקערס אין די הייפן און גערטנער, הינטער די הייזער, און האָבן אויסגעגראָבן אונטערערדישע דורכגענג פון איין גאַס אין דער צווייטער, כדי צו קאָנען זיך באַהאַלטן און אַנטלויפן, ווען דאָס וועט נויטיק זיין. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די הייזער און דער שטיקנדיקער רויך האָט געצוווּנגען די יידן צו פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן און אַנטלויפן. די גרעסטע טייל פון זיי איז לויפנדיק דערשאָסן געוואָרן. פון די 80 יידן, פאַכלייט, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט ביים לעבן, איז אַ קליינע צאָל אַנטלאָפן אין די וועלדער, און די רעשט איז אין אַ קורצער צייט אַרום דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשישע אויסוווּרפן.

ערב יום־כיפור זענען געקומען קיין פּינסק פליטים, ניצול־געוואָרענע פון דער שחיטה אין פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי. אינעם גרויסן בנין פון דער קיך פאַר נויטבאַדערפטיקע, ווו מ׳האָט יום־כיפור געדאַוונט, האָבן די פּאָהאָסטער יידן זיך באַגיסנדיק מיט טרערן, דערציילט וועגן דעם חורבן און פאַרניכטונג פון זייער קהילה, וואָס איז פאָרגעקומען ראש־חודש אלול (אינמיטן אויגוסט).

די ידיעה וועגן דער פאַרניכטונג פון די צוויי יידישע קהילות, די נאָענטסטע צו פּינסק (פון צוויי באַזונדערע זייטן), איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר די פּינסקער יידן. לויט אַלע באַווייזן, איז דער פּינסקער געטאָ איצט געבליבן דער לעצטער אין גאַנץ פּאָלעסיער קאַנט.

זעלטענע, אָבער בולטע קלאַנגען זענען דערגאַנגען קיין פּינסק וועגן אַן אויפשטאַנד פון די יידן אין שטעטל לאַכווע. וועלכע האָבן אפילו באַוויזן אומצוברענגען עטלעכע דייטשן (די ליקווידאַציע פון לאַכוואָער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 2־טן און 3־טן סעפּטעמבער). אַ באַשטעטיקונג פון די לאַכווער יידן, האָט געגעבן ער אַליין, דער פאַרטרעטער פונעם קרייז־קאָמיסאַר, עבנער, וועלכער האָט זיך באַרימט פאַר די מיטגלידער פון יודנראַט, אַז ער האָט אַלס שטראָף פאַרן אויפשטאַנד, פולשטענדיק פאַרניכטעט אַלע יידן פון לאַכווע און דער סביבה.

עס איז אַנטשטאַנען דאָס געפיל, אַז די שטריק אויפן האַלדז פון די פּינסקער יידן, פאַרציט זיך אַלס שטייפער און שטייפער. ביי זייער פיל פון זיי איז אויסגעלאָשן געוואָרן יעדער פונק פון האָפענונג. דער כסדרדיקער קאַמף און געראַנגל פאַרן לעבן האָט אויסגעשעפּט זייערע כוחות ביזן סוף. פונדעסטוועגן איז נאָך געווען אַ געוויסע טייל מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון יאוש און האָבן געזוכט אַ וועג פון רעטונג.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די „אַקציע” וועט דויערן עטלעכע טעג און ווער עס וועט אין יענע טעג נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים, וועט בלייבן לעבן.

דעריבער האָבן אַ סך מענטשן אָנגעהויבן גראָבן באַהעלטענישן — אונטער די הייזער, שטאַלן, אין גערטנער און הויפן. מ׳האָט זיך גענומען בויען טאָפּל־ווענטלעך, טאָפּל־סופיטן און פּאָדלאָגעס. מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך קינסטלערישקייט און איינפאַל ביים בויען די באַהעלטענישן. מ׳האָט געגראָבן בייטאָג און ביינאַכט, אָן איבעררייס, גלויבנדיק, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג פון רעטונג.

דער קרייז־קאָמיסאַר, צו וועמען עס זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע געטאָ־איינוווינער דאַרפן צושטעלן אין קרייז־קאָמיסאַריאַט אַלע לאָפּאַטעס, גראָב־אייזנס, „קאָפּאַטשקעס” און העק, וואָס געפינען זיך אין זייער באַזיץ, כדי אויסצומיידן די „אומאַנגענעמלעכקייטן” וואָס די יאַנעוועער יידן האָבן פאַרשאַפט די דייטשן בעת דער ליקווידאַציע פון יאַנעוועער געטאָ.

קאַפּיטל פינף

דערשיינונגען פון ווידערשטאַנד אין פינסקער געטא

די גראָבונגען און דאָס צוגרייטן באַהעלטענישן אין געטאָ, איז געווען אַ נייע פאָרם פון קעגנשטעלן זיך די דייטשישע אויסוואורפן, ווייל אויך פריער זענען שוין געווען צו מערקן נישט ווייניק דערשיינונגען פון ווידערשטאַנד און העלדישקייט־אַקטן פון די יידן לגבי זייערע רוצחים.

יעדעס שטיקל פעטס, וואָס איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן דורך די געטאָ־טויערן, אָדער אונטער די געטאָ־צוימען, דורך סכנות־נפשות; יעדעס לעבל ברויט, אָדער ביסל קאַרטאָפל, וואָס אַ יידיש קינד האָט געבראַכט פון אַ נאָענטן דאָרף און עס אַדורכגעשמוגלט דורכן צוים פון שטעכל־דראָט; יעדער קילאָ גרויפּן, פאַר וועלכן מ׳האָט באַצאָלט מיט אַ ווערט־זאַך און עס אַריינגעבראַכט אין אויסגעהונגערטן געטאָ — אָט די אַלע דערשיינונגען אָדער ענלעכע צו זיי, זענען געווען אַקטן פון ווידערשטאַנד לגבי די טייוולשע פלענער פון נאַצישן שונא — אויסצוועדיקן די יידן דורך הונגער און מגיפות.

די שווידערלעכע בלוט־אָפּצאַפּונגען פון די צוויי „אַקציעס" אין אויגוסט 1941 יאָר, האָבן כמעט נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין אַנדערע יידישע קהילות, אין דעם ערשטן חודש פון דער דייטשישער אָקופּאַציע (עס איז באַוווסט וועגן פּאָגראָמען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן איבער די ביאַליסטאָקער יידן אין די ערשטע טעג פון דער דייטשישער הערשאַפט אין שטאָט: דעם 27־טן יוני און 3־טן יולי 1941. אָבער דאָס איז נישט געווען פון אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזאַ צאָל קרבנות, ווי אין פּינסק). אין די צוויי אויגוסט־שחיטות פון יאָר 1941 איז אונטערגעשניטן און אָפּגעהאַקט געוואָרן דער זאַפטיקסטער און קרעפטיקסטער צווייג פון די פּינסקער יידן: ס׳איז פאַרניכטעט געוואָרן די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער מענלעכער באַפעלקערונג; ס׳זענען אומגעבראַכט געוואָרן: די בליענדיקע, אַקטיווע יוגנט, די ווידערשטאַנדס־פעיקע קרעפטיקע מענער — אין עלטער פון 16 ביז 60 יאָר.

נישט געקוקט אָבער אויפן יאוש און מאַכטלאָזיקייט, וואָס האָבן באַהערשט און דערדריקט די יידישע באַפעלקערונג, נאָך די דאָזיקע שחיטות, זענען דאָך געווען ספּאָנטאַנע פּרוּוון פון ווידערשטאַנד, און אין משך פון דער צייט — אפילו פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ פּלאַנירטן ווידערשטאַנד פון ברייטערן פאַרנעם.

אַן עדות דערציילט: „דאָנערשטיק, דעם 7־טן אויגוסט 1941, צוויי טעג נאָך דער גרויליקער שחיטה איבער די 8000 מענער, זענען פאָרגעקומען גרינטלעכע זוכונגען אין שטאָט, צו געפינען באַהאַלטענע מענער — יידן, און דאַן האָט אין איינער אַ גאַס אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אָנגעטראָפן דעם בחור הערשל ליעווין (דער זון פון ניאַכע), פון דער משפחה פון די טאַרטאַק־אייגנטימער. הערשל איז אַנטלאָפן. דער פּאָליציאַנט האָט אים נאָכגעשאָסן און פאַרוואונדעט אין האַלדז. ער איז געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ. ווען דער פּאָליציאַנט איז צוגעגאַנגען צו אים און געזען, אַז ער לעבט נאָך, האָט ער אָנגעלאָדן די ביקס, כדי אויסצושיסן צו אים נאָכאַמאָל. דאַן איז הערשל בליץ־שנעל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, צוגעלאָפן צו אַ נאָענטן פּלויט, אַרויסגעריסן אַ ברעט און דערמיט אַ זעץ געטאָן דעם פּאָליציאַנט איבער דער האַנט. די ביקס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם רוצח׳ס האַנט. אין דער זעלבער רגע איז דער בחור אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און איז נעלם געוואָרן פון פּאָליציאַנטס אויגן". דער דאָזיקער דרייסטער פאַל פון קעגנשטעלן זיך, איז דער איינציקער וואָס איז אונדז באַוווסט, ביז דער אַנטשטייאונג פון געטאָ.

אין געטאָ גופא זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד — כדי צו קאָנען נקמה נעמען אין די רוצחים און צו געפינען אַ וועג פון רעטונג. געשען איז עס אין די לעצטע פּאָר חדשים פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

דער זעלבער עדות דערציילט ווייטער פאָלגענדעס: „ווען מ׳האָט אין געטאָ אָנגעהויבן גראָבן די בונקערס און באַהאַלטענישן, האָט זיך ביי אַ טייל געטאָ־איינוווינער דערוועקט דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן אין די וועלדער, געפינען פּאַרטיזאַנער און זיך פאַראייניקן מיט זיי.

ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע פון אַ 50 מענטשן בערך. אין שפּיץ פון דער גרופּע זענען געשטאַנען: דער אויבנדערמאָנטער הערשל ליעווין, שייקע קאָלאָדני, דער הינקענדיקער ליאָלעק סלוצקי, נאָך איינער מיטן נאָמען הערשל ליעווין (פון אַן אַנדער משפחה), נח וויינער (ווינער?) און איך. מיר האָבן זיך איינגעשאַפן אייניקע ביקסן, אַ האַלבן אויטאָמאַט, עטלעכע רעוואָלווערן און צוויי האַנט־גראַנאַטן. דאָס געווער האָבן מיר באַהאַלטן אין קאַפּלאַנס גערטנער, וואָס זייער שומר איז געווען אַ ייד.

ווען די זאַך איז באַוווסט געוואָרן די מיטגלידער פון יודנראַט, האָבן זיי אונדז געבעטן, מיר זאָלן זיך דערווייל אָפּהאַלטן פון אַרויסגיין אין וואַלד, ווייל דאָס קאָן ברענגען פיל שאָדן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, און קודם־כל טאַקע — די משפחות פון יענע, וואָס וועלן פאַרשווינדן פון געטאָ. די דייטשן קאָנען זיי אַרעסטירן און האַלטן אַלס ערבניקעס פאַר די אַנטלאָפענע. די דאָזיקע מאָטיוון האָבן געווירקט און דאָס אַרויסגיין אין וואַלד איז אַפּגעלייגט געוואָרן פון טאָג צו טאָג".

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין אירע וואַקלענישן

אין דער זעלבער צייט זענען אויך געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע עס האָט געזאָלט זיין: אַרויסצורופן אומרוען און שטעלן אַ ווידערשטאַנד — אין טאָג, ווען עס וועט זיך אָנהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ, און אַזוי אַרום העלפן די יידן צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען.

דאָס עדות זאָגן פון צוויי פּערזאָן אין באַזונדערע תקופות (אין 1955 י. און אין 1962 י.), און אין באַזונדערע ערטער (איינער אין ניו־יאָרק און דער צווייטער — אין תל־אביב), האָבן אויפן זעלבן אופן באַשטעטיקט דעם פאַקט —

וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין פינסקער געטאָ.

דער ערשטער, אַן עד־ראייה, און אַקטיווער אנטיילנעמער אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג, דערציילט:

„דאָס געפיל, אַז די שטריק ווערט אַלץ שטייפער פאַרצויגן אַרום אונדזערע העלדזער, איז פאַרשאַרפט געוואָרן מיט די ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין דער סביבה.

אַלס רעאַקציע אויף דעם שווערן מצב, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער גרויסער סכנה, וואָס האָט באַדראָט אונדזער לעבן, איז אַנטשטאַנען די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס פלאַן און אויפגאַבע איז געווען: אין אַנשטיידנדיקן מאָמענט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן, כדי דורך דעם, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן, עפענען אַ וועג פון רעטונג, פאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל יידן, וועמען עס וועט אין דער מהומה געלינגען צו אַנטלויפן. מיר האָבן געוואָלט נאָכטאָן דעם ביישפיל פון די לאַכווער יידן.

די ווידערשטאַנד־גרופע, אין דער אַלגעמיינער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער איך האָב געהערט, איז באַשטאַנען פון צוויי אַרבעטער פון לוריעס דיקטן־פאַבריק. איך, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ גאַרבעריי; מיט אונדז זענען אויך געווען אין קאָנטאַקט צוויי מיטגלידער פון יודנראַט: דער אינזשינער טענענבוים (דער איידעם פון זעליק קאָטאָוו), ניימאַן (פון די שיף־אייגנטימערס), ווי אויך דער קאָמאַנדיר פון דער יידישער פאָליציי — גאָלדבערג. מיר האָבן אָנגעהויבן אין געהיים מאָביליזירן און אַריינציִען נאָך חברים אין דער אָרגאַניזאַציע, און באַזאָרגן זיך מיט געווער. אונדז איז געלונגען צו קויפן ביי פאָליאַקן עטלעכע רעוואָלווערן, וועלכע מיר האָבן באַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער, אויסערן געטאָ. איך האָב באַהאַלטן געווער אין קאַפלאַנס גאָרטן.

בעת אונדזערע געהיימע באַגעגענישן זענען באַהאַנדלט געוואָרן איייניקע פאָרשלאַגן וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן אונטערצוצינדן אין דער צייט פון דער אַרבעט די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אין וועלכער מיר זענען געווען באַשעפטיקט, אין איין און דער זעלבער צייט, לויט אַן אָפגערעדטן צייכן, אויסנוצן די מהומה, וואָס וועט דאַן אַנטשטיין, און אַנטלויפן. אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט צו דערהרגענען דעם דייטשישן קאָמיסאַר, און געווען אַזעלכע, וואָס זייער עיקר־ציל איז געווען: אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן און פאראייניקונג מיט די פאַרטיזאַנער־מחנות.

צום סוף איז מען געקומען צו אַן אַלגעמיינעם הסכם, וועגן אונטערצינדן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין אַנטשיידנעם מאָמענט, די שטאָט. אין אַלע אַרבעטס־פלעצער, וווּ עס זענען געווען באַשעפטיקט יידן, האָט מען צוגעשטעלט צינדמאַטעריאַלן, ווי: שוועבעלעך, נאַפט, שמאַטעס. אויף יעדן אַרבעטס־פלאַץ איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, וועלכער דאַרף אויספירן די דאָזיקע אויפגאַבע, אין הסכם מיטן באַפעל, וואָס וועט געגעבן ווערן דורך אַ ספּעציעלן פאַראָל.

דאָס וויכטיקסטע פראָבלעם, וואָס איז געבליבן אָן אַ לייזונג, און וועגן וואָס מיר האָבן כסדר דיסקוסירט, געטראַכט, זיך געוואַקלט און נישט געקאָנט אָננעמען קיין פעסטן באַשלוס אויף אַלע אונדזערע זיצונגען, דאָס איז געווען די פראַגע: ווען זאָל געגעבן ווערן דער צייכן צו אָנהויבן דעם אויפשטאַנד? מיר האָבן געוווסט, אַז, ווי יעדער ווידערשטאַנד, וועט אויך אונדזערער, זיך ענדיקן מיט אַ בלוטיקער נקמה פון די דייטשן אין דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, און וועט דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון אַלע פינסקער יידן. צוליב דעם האָבן מיר צונויפגעזאַמלט אַלע מעגלעכע ידיעות, ביי דער מיטהילף פון יודנראַט און קאָמענדאַנט פון דער יידישער פאָליציי, וועגן די פאָרשטייענדיקע פרישע גזירות און פאַרניכטונגס־פּלענער פון די דייטשן לגבי דעם געטאָ, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנהויבן אונדזער טעטיקייט אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט, פאַר דער לעצטער „אַקציע". מיר האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער טאַט, מיט וועלכער מיר האָבן געקאָנט גורם זיין די פאַרניכטונג פון פיל טויזנטער יידן. אַ צו איילעקער, נישט־באַרעכנטער שריט האָט געקאָנט זיין זייער געפערלעך.

די מיטגלידער פון יודנראַט, צו וועלכע עס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, האָבן אונדז געוואָרנט קעגן אומבאַרעכנטע שריט און אומפאַראַנטוואָרטלעכע טאַטן, וועלכע האָבן ווי שוין אויבן געזאָגט, געקאָנט שטעלן אין סכנה די פיזישע עקזיסטענץ פון די יידן אין געטאָ. זיי האָבן אויך געפרוווט ווירקן אויף אונדז, עס זאָלן נישט געמאַכט ווערן קיין פרוון פון אַנטלויפן, נאָך דעם, ווי אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָט געאַרבעט אין איינעם פון די וואַרשטאַטן, אויסערן געטאָ, האָט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין איינעם אַ טאָג זיך נישט צוריקגעקערט פון דער אַרבעט אין געטאָ אַריין. די מיטגלידער פון יודנראַט זענען אַוועק צו די משפחות פון די דאָזיקע יוגנטלעכע און זיי געוואָרנט, אַז דער יודנראַט וועט געצוווּנגען זיין איבערצוגעבן די משפחה־מיטגלידער אין די הענט פון די דייטשן, אויפן אָרט פון די פאַרשוווּנדענע יוגנטלעכע, אויב זיי וועלן נישט אָננעמען קיין תיכפדיקע שריט און מיטלען, כדי צוריקקערן זייערע אַנטלאָפענע קינדער אין געטאָ אַריין.

און ווירקלעך — אַ דאַנק דעם דרוק פונעם יודנראַט אויף די משפחות, ווי אויך, מסתם, צוליב די שוועריקייטן צו פאַרבינדן זיך מיט פאַרטיזאַנער, האָבן די יוגנטלעכע זיך צוריקגעקערט צו זייערע משפחות אין געטאָ, נאָך צוויי טעג אַרומבלאָנקען הינטער דער שטאָט.

דעם 2־טן אָקטאָבער 1942, האָבן זיך אין געטאָ פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז אויפן פלי־פּלאַץ אין דאָבראָוואָליע גראָבט מען לאַנגע, טיפע ראָוון, און ביי דעם זענען באַשעפטיקט בלויז קריסטן פון דער סביבה, אונטער דער אויפזיכט פון אַ דייטשישן אינזשינער. ס'איז אויך באַוווּסט געוואָרן, אַז מ'האָט געבראַכט אַהין אַ וואַגאָן מיט קאַלך און אייזערנע רערן פאַר וואַסער־באַזאָרגונג.

די דאָזיקע ידיעות האָבן גורם געווען צו אַ גרויסער פּאַניק און בהלה אין געטאָ, וואָס אירע אָפקלאַנגען האָבן דער־

גרייכט אויך צו עבנערן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איינגעלאַדן צו זיך מינסקין אין באַגלייטונג פון נאָך אַ מיטגליד פון יודנראַט, און האָט זיי דערקלערט, אַז די ראָוון, וואָס מ׳גראָבט אויפן פלי־פלאַץ, זענען באַסיינען צו האַלטן ברען־שטאָף. די רערן זענען נויטיק אויף אַריבערצוגיסן דעם ברען־שטאָף פון די מאַשינעס אין די באַסיינען אַריין. דאָס ווערט געטאָן דערפאַר, ווייל מ׳האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם פלי־פלאַץ אין זשאַבטשיץ און אַריבערפירן אים קיין דאָבראָוואָליע. באַרויִקנדיק די געמיטער האָט עבנער גלייכצייטיק געוואָרנט קעגן פרוּוון פון אַנטלויפן און פון ווידערשטאַנד.

כדי צו באַפעסטיקן זיינע רייד, האָט ער, אין דער קעגנוואַרט פון די צוויי פאָרשטייער פון יודנראַט, אָנגעקלונגען צו דעם דייטשישן אינזשינער פון פלי־פעלד אין דאָבראָוואָליע און געפרעגט אים וועגן דער באַדייטונג פון די ראָוון, וועלכע מ׳גראָבט דאָרט. זיין ענטפער דורכן טעלעפאָן האָבן געהערט אויך די אָנוועזנדיקע מיטגלידער פון יודנראַט, און זיינע ווערטער האָבן באַשטעטיקט די דערקלערונג פון עבנערן.

— איך פאַרזיכער אייך און גיב אייך מיין דייטשישן ערנוואָרט — האָט עבנער דערקלערט די פאָרשטייער פון יודנראַט — אַז די יידן אין פינסק וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס, ווייל זיי אַרבעטן פאַרן דייטשישן מלחמה־כוח. און, ווי נאָך אַ באַווייז פון זיין גוטן ווילן, האָט עבנער צוגעזאָגט: אָפּצושטעלן די זוכונגען און רעוויזיעס ביי די געטאָ־טויערן און פאַרגרעסערן די ברויט־נאָרמע פון די אַרבעטנדיקע. גלייכצייטיק האָט ער איבערגעגעבן נאָך אַ גוטע בשורה, אַז דעם געטאָ איז צוגעטיילט געוואָרן נאָך אַ שטיק פעלד צו האָדעווען גרינסן.

די צוויי פאָרשטייער פון יודנראַט האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ און תיכף גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע געטאָ־איינוווינער, אויף וועלכער זיי האָבן איבערגעגעבן די באַרויִקנדיקע „נייעס”. אונדזער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע איז באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג. אַ טייל האָט געטענהט, אַז מ׳קאָן נישט האָבן קיין צוטרוי צו די הבטחות פון די דייטשן און זיי האָבן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל גלייך אָנהויבן אַקטן פון ווידערשטאַנד. אָבער די גרעסטע טייל אָנוועזנדיקע, וואָס זענען באַווירקט געוועזן פון די באַרויִקונגס־רייד פון עבנערן, האָבן פאָרגעלייגט, אַז מ׳זאָל דערווייל נישט אָננעמען קיין שום שריט און צווואַרטן עטלעכע טעג, ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן.

צומאָרגנס זענען אין געטאָ פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען — קענטיק דורך די דייטשן גופא — אַז לויט די רשימות פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע זענען צוגעגרייט געוואָרן דורכן אינזשינער פרידמאַן, וועלן אַרויסגעפירט ווערן פון געטאָ אַ דריי אָדער פיר טויזנט יידן, וואָס אַרבעטן נישט, אַלע איבעריקע וועלן פאַרבלייבן אויפן אָרט.

די דאָזיקע ידיעות האָבן געשטאַרקט די שטעלונג פון יענע מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט די מיינונג פון דער גרופּע, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַלדיקע האַנדלונג. זיי האָבן געזאָגט:

מיר האָבן נישט קיין שום רעכט צו שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די פינסקער יידן, אין דער צייט, ווען לויט באַגרינדעטע ידיעות, זענען פאַראַן אויסזיכטן, אַז די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פינסקער געטאָ זאָל בלייבן לעבן. די שטעלונג פון דער מערהייט איז געווען, אַז מ׳דאַרף זיין גרייט צו אַ ווידערשטאַנד, אָבער די טעטיקייט דאַרף מען אָנהויבן בלויז אין מאָמענט, ווען דאָס וועט נויטיק זיין. מ׳דאַרף זען טאָן אַלץ דערפאַר: צו קריגן באַצייטנס געהיימע ידיעות וועגן דעם, וואָס די דייטשן גרייטן זיך צו טאָן. און אַזוי אַרום איז די דייטשן געלונגען אונדז אַלעמען אָפּצונאַרן און אַראָפּפירן פון ריכטיקן וועג, מיט כיטרע צוזאָגן און פאַלשע הבטחות, ביז דער לעצטער מינוט”.

אַ צווייטער עדות דערציילט וועגן זעלבן ענין:

„אין געטאָ זענען פאָרגעקומען עטלעכע פרוּוון צו אָרגאַניזירן די יוגנט. עס האָט מיר דערציילט מיין חבר, דער זון פון פורמאַן גלויבערמאַן, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט אַ קריסטלעכער וואַלד־שומר דערציילט בסוד עטלעכע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, אַז אין וואַלד, וואָס געפינט זיך אונטער זיין שמירה, זענען פאַראַן באַהאַלטענע 150 ביקסן, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט די אָפּטרעטנדיקע רוסן. צווישן דער יוגנט אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג און עטלעכע הונדערט יונגעלייט האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגיין אין וואַלד, צונויפזאַמלען דאָס געווער און פאַרבלייבן דאָרט. אין שפּיץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען ד״ר פּראַגער.

דאָס אָרגאַניזירן די זאַך האָט געדויערט אַ סך צייט, און דער טערמין פון אַרויסגיין אין וואַלד איז כסדר אָפּגעלייגט געוואָרן, ביז אין איינעם אַ טאָג האָט דער יודנראַט צוויסן געגעבן וועגן דעם פייערלעכן צוזאָג פונעם דייטשישן קאָמיסאַר, אַז דער פינסקער געטאָ, וואָס אַרבעט אַזוי פלייסיק פאַרן דייטשישן מלחמה־כוח, וועט בלייבן לעבן. דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר אונדזער אַרויסגאַנגס־פּלאַן. צוליב דעם איז אויך נישט צושטאַנד געקומען אַ צווייטער פּלאַן: צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין געטאָ.

דערשפּירנדיק, לויט אַ גאַנצער ריי סימנים, אַז די שעה פון פאַרניכטונג דערנעענטערט זיך, האָט אַ גרופּע יונגטלעכע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען ליאָלעק סלוצקי * באַ־

* „ליאָלעק סלוצקי איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר 27, אַ דערצויגלינג פון אַ העברעאישער שול — דערציילט וועגן אים זיין ברודער ירחמיאל סלוצקי, פון רמת־גן — זיין כאַראַקטער און ווילן זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין גיהנום פון יסורים, ווען ער האָט זיך לאַנגע חדשים געראַנגלט מיטן טויט און אים בייגעקומען.

ווען ער איז אַלט געווען 11 יאָר, האָט ער אין אַ ווינטער־טאָג געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אַ יונגן פּאָליאַק אין זיין רעכטן פוס, ווען ער האָט זיך געגליטשט אויפן אייז. ער האָט באַקומען אַ פאַרגיפטונג אין ביין־מאַרך פון פוס, און איז איבער אַ יאָר צייט געלעגן אין יידישע שפּיטאָל, אין אַ צושטאַנד צווישן לעבן און טויט. זיין שטאַרקער ווילן האָט גובר געווען די קרענק. נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, האָט ער זיך, ווי אַ קליין קינד, געלערנט גיין. די ערשטע צייט — אויף קוליעס, און שפּעטער — אָן זיי. ער איז שוין

גאַס און האָבן דערפאַר געכאַפּט קלעפּ פון די פּוילישע פּאָליציי־שטעקנס און פון די דייטשישע ביקסן־קאָלבעס, פאַר נישט צופּאַסן זיך צום נייעם באַפעל.

די יידן איז באַפוילן געוואָרן אָפּצוטרעטן דעם וועג יעדן קריסט, וואָס קומט זיי אַנטקעגן אין גאַס. ס׳איז שטרענג פאַרווערט געוואָרן יעדער קאָנטאַקט צווישן יידן און קריסטן.

דער גאָלד־שטייער

אין איינעם פון די טעג איז דערשינען אַ באַפעל, אַז אין משך פון דריי טעג דאַרפן די יידן צונויפזאַמלען 20 קילאָ גאָלד און זיי איבערגעבן די דייטשן. אין פאַל, אויב דער באַפעל וועט נישט אויסגעפירט ווערן, וועלן די יידן אַרויסגעטריבן ווערן פון שטאָט און ס׳וועט זיי נישט דערלויבט זיין מיטצונעמען מיט זיך קיין שום זאַך — האָט צוגעגעבן דער קרייז־קאָמיסאַר אין זיין באַפעל *.

נאָך אַ דרינגענדיקער זיצונג פון יודנראַט וועגן דער דאָזיקער פראַגע, זענען צעשיקט געוואָרן לויפערס אין די יידישע גאַסן, וועלכע האָבן מודיע געווען: „יידן, לאָמיר אָפּגעבן דאָס פאַרמעגן און ראַטעווען דאָס לעבן! אַנדערש וועלן מיר אַרויסגעטריבן ווערן פון שטאָט, פון אונדזערע היימען”.

די אויפגעפּאָדערטע יידן האָבן געוווסט פון זייער ביטערער דערפאַרונג, אַז דער דייטש טרייבט קיין קאַטאָוועס און ער וועט פּינקטלעך אויספירן זיינע דראָאונגען. דעריבער האָט מען זיך צוגעאיילט מיטן געבן דעם כופר־נפש: גאָלדענע זייגערלעך, רינגעלעך, קייטעלעך, בראָנזלעטן, גאָלדענע ציין און דאָס גלייכן.

כדי אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון דער „אַקציע” איז דורכן יודנראַט צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען: צונויפזאַמלען דאָס גאָלד. אין שפּיץ פון דער קאָמיסיע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער רבי ר׳ משה׳לע (דער סטאָלינער).

דאָס גאָלד און זילבער, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו די באַאַמטע פון יודנראַט זענער געוויגן און פאַרצייכנט געוואָרן, נאָך דער שאַצונג און קאָנטראָל, וואָס איז פריער דורכגעפירט געוואָרן דורך יובעלירן־מומחים.

אויף דעם פאַרמעגן, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודנראַט, האָבן די אייגנטימער באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע קבלות. אַ גלח פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך אין שטאָט, וועלכער איז באַוווסט געווען, ווי אַ יידן־פריינד, האָט איבערגעגעבן צו דער קאָמיסיע פונעם גאָלד־שטייער זיין גאָלדענעם צלם, וואָס האָט געוויגן אַ האַלבן קילאָ... די גאָלד־אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין איר פולן פאַרנעם און כדי אונטערצושטרייכן איר געלונגענע פאַרענדיקונג, האָט דער יודנראַט איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן אָוונט, לכבוד די דייט־

* אין דער עדות־דערקלערונג נומ. 2, ווערט גערעדט וועגן צונויפזאַמלען גאָלד־און זילבער־כלים, איינגעשלאָסן אויך באַגילדעטע כלים און זייגערס. אין דער עדות־דערקלערונג נומ. 8 ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז מ׳האָט געפּאָדערט צו זאַמלען 12 קילאָ זילבער־כלים און 8 קילאָגראַם גאָלד.

שישע מאַכט־אָרגאַנען, ביי דער באַגלייטונג פון געזאַנג, טענץ און אַ גוטן לחיים...

דער פאָרזיצער פון יודנראַט איז שטאַרק געפּלעפט און צעמישט געוואָרן, ווען אין סאַמע מיטן פון דער פאַרווײַלונג האָט דער דייטשישער קאָמענדאַנט אים אויפגעפּאָדערט, ער זאָל אים גלייך צושטעלן אַ יידיש מיידל אין עלטער פון 18 ביז 24 יאָר...

רויב פון פאַרמעגן

נאָך דער גאָלד־גזירה, וואָס איר דערפאָלגרייכע דורכפירונג האָט צופרידנגעשטעלט די דייטשן, האָבן די היטלעריסטן ווייטער פאָרגעזעצט דעם רויב פונעם יידישן פאַרמעגן. די זאַך איז נישט געמאַכט געוואָרן מיט איין מאָל, נאָר צוביסלעך: שטאָפן פאַר הונדערט אנצוגן פון בעסטן סאָרט; פאַרטיקע אנצוגן; ליילעכער; קאָלדרעס; זוילן און ווייכן לעדער צו די שיך, שטיוול; פערד, שאָף און רינדער. פאַרשידענע דראָאונגען האָבן באַגלייט דעם רויב, כדי די דורכפירונג זאָל אויספאַלן „גלאַט” און שטיל ווי ווייט מעגלעך.

דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט אין מיטן אַריינדרינגען פון די דייטשן טיפער אין רוסלאַנד, האָט זיך זייער שאַרף ביי זיי גענומען פילן אַ מאַנגל אין וואַרעמע זאַכן פאַר דער אַרמיי.

דעריבער איז זייער האַרב און שטרענג אויסגעפאַלן דער באַפעל, אַז די יידן דאַרפן אָפּגעבן די פוטערס און די בגדים, באַצויגענע מיט פוטער, און אפילו הענטשקעס. די דייטשן האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט און נישט געמיאוסט צו נעמען אַלטע, שטאַרק־אויסגעריבענע ווינטער בגדים. אויך צו דער פוטער־גזירה איז צוגעגעבן געוואָרן די דראָאונג: „טויטשטראָף פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל”. און זיי האָבן זייער דראָונג ווירקלעך אויסגעפירט.

תליות

צוליב דער מסירה פון אַ קריסטלעכן שכן, האָט מען ביי משה גלאָצער (איינער פון די זין פון כאַניע דעם בעדער) געפונען אויפן הויף אין אַ גרוב אַ באַהאַלטענעם פוטער. פאַר דעם דאָזיקן „גרויסן פאַרברעכן” האָט מען אים און זיין פרוי אויפגעהאַנגען אויפן מאַרק־פּלאַץ. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן אַ פרוי מיט אירע צוויי טעכטער, נאָך דעם, ווי מ׳האָט ביי זיי געפונען אַ פוטער. די רוצחים האָבן געצוווּנגען די אומגליקלעכע פרויען: זיי זאָלן איינע דער צווייטער פאַרלייגן די שטריק אויפן האַלדז. דריי טעג זענען זייערע טויטע קערפּערס געהאַנגען אויפן דריטן מאַי־פּלאַץ. די אַרבעטער זענען געצוווּנגען געווען: גיין צו דער אַרבעט דווקא דורכן דאָזיקן פּלאַץ, כדי זיי זאָלן זען און דאָס זאָל אַנוואַרפן אויף זיי אַ פחד.

דער אַלטער אייזן־קרעמער, נאָטע מעלניק, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר דער „עבירה” פון אויסבייטן אַ קאָסע אויף אַ ביסל מעל. די טאָכטער פונעם בעקער לאַסאָווסקי איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר אויסבייטן שטאָף אויף שפּייז־אַרטיקלען. דער קצב אשפּיז — פאַר קוילענען אַ קאַלב.

פאַר גאָלד־אַרטיקלען, וואָס מ׳האָט געפונען — זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן דריי פרויען און איין מאַן.

די סלופּעס און תליה־שטריק אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען שטענדיק געווען באַלאָדן מיט קרבנות — פרויען און מענער, וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין כל־מיני אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס. די דאָזיקע גרוילן האָבן צעטרייסלט די נערוון. קיין שום ייד איז נישט געווען זיכער, אַז ביינאַכט וועט מען זיך נישט אַריינרייסן צו אים אין שטוב, אַרויסשלעפּן פון בעט און אויפהענגען אים אָן אַ חטא און אָן אַ משפּט.

און ווידער איז געקומען אַ פאָדערונג וועגן גאָלד. דאָסמאָל האָט מען געפאָדערט רוסישע גאָלדענע 5 און 10־רובלדיקע מטבעות (אימפּעריאַלן). ווי אין אַנדערע פאַלן, זענען אויך איצט אַרעסטירט געוואָרן פון 30 ביז 50 פּערזאָן אַלס ערבניקעס, און מיט דער דראָונג צו טויטן זיי, האָבן די דייטשן געפאָדערט אויסצופירן דעם באַפעל צום באַשטימטן טערמין. די יידן האָבן געגעבן דאָס געפאָדערטע און האָבן געזאָגט צו זיך אַליין: „תן לי הנפש, והרכוש קח לך!" — „נעם צו דאָס גוטס, אַבי לאָז אונדז לעבן!"

זאָרג וועגן שפּייז

דער הונגער האָט געצווונגען די יידן זיך נישט אונטערצוואַרפן די דייטשישע באַפעלן און זוכן וועגן צו באַקומען אַ ביסל שפּייז. דאָך איז נישט לייכט אָנגעקומען צו קריגן די נויטיקע שפּייז, צוליב די כסדרדיקע דערשיסונגען און תליות פאַר אַזעלכע „פאַרברעכנס". אפילו אויב עמעצער האָט געהאַט ביי זיך אַ ווערט־זאַך אויף אויסצובייטן, איז עס אים אויך אָנגעקומען זייער שווער, צוליב דעם שטרענגן פאַרבאָט פון באַגעגענישן און קאָנטאַקטן צווישן יידן און קריסטן. דאָך האָבן יידן געזוכט וועגן — זיך צו באַגעגענען און אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט קריסטן, פּויערים פון דער סביבה.

אויך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן, טראָץ דעם שטרענגן פאַרבאָט, געזוכט וועגן און מיטלען זיך צו קאָנטאַקטירן מיט יידן. זיי פלעגן זיך מיט גרויס פאָרזיכט דערלאַנגען אין יידישע הייזער און אויסבייטן עסנוואַרג אויף פאַרשידענע סחורות און ווערט־זאַכן, וואָס זענען געווען פאַר זיי זייער נוצלעך, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות. אַ פּויער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי אין אַ יידיש הויז, איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע, אָדער ער האָט גלייך אויפן אָרט געכאַפּט קלעפּ פונעם פּאָליציאַנט.

דאַן האָט זיך דער יודנראַט געווענדעט צום קרייז־קאָמיסאַר, וועגן אַ דערלויבניש פאַר יידן איינצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען אויפן מאַרק. „צי דען איז מעגלעך אַרבעטן פאַר אייך, נישט געבנדיק די אַרבעטער קיין עסן?" — האָבן געטענהט די פאָרשטייער פון יודנראַט. דאָסמאָל איז דער קרייז־קאָמיסאַר אַנטקעגנגעקומען זייער ביטע און האָט באַשטימט צוויי טעג אין דער וואָך, ווען יידן איז דערלויבט געווען איינצוקויפן שפּייז אויפן מאַרק. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער „חסד" איז נישט געקומען אינגאַנצן אומזיסט. מ׳האָט דערפאַר גוט „באַשמירט"... אָבער אויך דער דאָזיקער „חסד" האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז די דערלויבעניש באַגרענעצט געוואָרן אויף איין טאָג אין דער וואָך און שפּעטער איז זי אינגאַנצן בטל געוואָרן.

פאַר די יידן איז עס געווען אַ טויט־קלאַפּ. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ שוידערלעכער לאַגע, און נישט געקוקט אויפן שטרענגן פאַרבאָט און טויט־געפאַר, פלעגן זיי אַרויסגיין אויפן מאַרק איינצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען. די וואָרענונגען פון יודנראַט האָבן נישט געהאָלפן. די פּאָליציי האָט ווידעראַמאָל געוואָרנט דעם יודנראַט פאַר ערנסטע קאָנסעקווענצן: די געכאַפּטע יידישע „פאַרברעכער" וועלן דערשאָסן ווערן.

דאַן האָט דער יודנראַט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאָליציי, וואָס איר אויפגאַבע איז קודם־כל געווען אַכטונג צו געבן אויפן מאַרק, אויפן ברעג טייך און אַנדערע פאַרבאָטענע ערטער, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שום מגע ומשא צווישן די יידן מיט די פּויערים פון דער סביבה און מיט קריסטן בכלל. איר אויפגאַבע איז אויך געווען צו היטן בייטאָג די אָרדנונג אין די ביוראָס פון יודנראַט און אויך אין דרויסן, ווייל דאָרט פלעגן זיך פאַרזאַמלען טאָג־טעגלעך טויזנטער יידן צו דערליידיקן זייערע ענינים און ביינאַכט האָבן זיי געהיט די גרויסע צאָל ווערט־זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, איידער מ׳האָט זיי איבערגעגעבן די דייטשן.

די יידישע פּאָליציי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון 72 פרייוויליקע פּאָליציאַנטן און אַ קאָמענדאַנט, וועלכע האָבן באַקומען אַ חודש געהאַלט פונעם בודזשעט פון יודנראַט. דער קאָמענדאַנט איז געווען: אשר פעלדלייט, אַן אַבסאָלווענט פון דער „תרבות"־גימנאַזיע אין פּינסק. ער איז געווען זייער אַ פיינער און אַ לייטישער בחור.

„צום לויב פון דער פּינסקער יידישער פּאָליציי — לייענען מיר אין די דערקלערונגען פון איינעם אַן עדות — איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז עס זענען נישט געווען קיין שום פאַלן פון אכזריותן און אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג מצד דער יידישער פּאָליציי לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, ווו די יידישע פּאָליציי האָט געשפּילט אַ געמיינע, פאַררעטערישע ראָל, לגבי די אייגענע ברידער — יידן. אַלנפאַלס — פון מיין אייגענער דערפאַרונג, איז מיר נישט באַוווּסט וועגן ענלעכע זאַכן אין פּינסק און אויך פון אַנדערע איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן וועגן דעם".

דאַקעגן — דערציילט אַן אַנדער עדות — אַ פרוי — פון איר אייגענער דערפאַרונג, ווי אַזוי יידישע פּאָליציאַנטן אין פּינסק זענען זי באַפאַלן אין גאַס און געוואָלט פון איר אַראָפּציען דעם סקי־קאָסטיום און צונעמען די גליטשערס, וואָס זי האָט געטראָגן. בלויז אַ דאַנק איר דרייסטער און פעסטער האַלטונג, איז די זאַך זיי נישט געלונגען.

דער ווינטער פון 1941—1942 איז געווען אַ באַזונדערס־קאַלטער און שווערער, מיט שטאַרקע פרעסט און שנייען, און האָט, ווי אַ גרויזאַמע חיה, זיך איינגעגעסן אין די אויס־

געזען מיט זיינע אויגן און געפילט אויף זיין אייגן לייב, קאָן זיך ער גאָרניט פאָרשטעלן... אַ סך משפחות זענען דאָן געבליבן אין דרויסן. אַנדערע האָבן זיך אַריינגעקליבן וווינען אין שטאַלן, שאָפעס, מאַגאַזינען, און סתם בודקעס.

צומיינסטנס האָבן געליטן די משפחות, וואָס זענען נאָך די „אַקציעס" געבליבן אָן מאַנסבילן. אין איין הויז האָבן זיך צונויפגעשטופט משפחות און מענטשן פון פאַרשידענע ספערן און כאַראַקטערן, און אויף דעם באָדן זענען אויסגעבראָכן פיל קריגערייען און סכסוכים צווישן די איינוווינער. אין משך פון דער צייט, האָבן די אַלגעמיינע שוועריקייטן און צרות לינדער געמאַכט די באַדינגונגען צווישן די מענטשן, אָבער די קריגערייען האָבן נישט אויפגעהערט ביזן ביטערן סוף.

פרעמדע מענער און פרויען האָבן זיך לגמרי אויפגעהערט צו שעמען איינער פאַר דעם צווייטן. מ'האָט זיך אויסגעטאָן און אָנגעטאָן אָן בושה אין די אויגן פון פרעמדע. אין די דאָזיקע געמיינזאַמע חדרים זענען אפילו געבוירן געוואָרן קינדער. מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות".

אין גאַנצן געטאָ זענען געווען בלויז צוויי וואַסער־פּאָמפּעס אויף די גאַסן: באַלאָטנע און פולנאַצנע (סיווער). נעבן זיי זענען געשטאַנען ריזיקע רייען נאָך וואַסער. די יידישע פּאָליציי האָט געהיט די אָרדנונג. צוליבן מאַנגל פון די מינדסטע היגיעניש באַדינגונגען, זענען אויסגעבראָכן עפּי־דעמיעס און אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וועלכע האָבן זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט פאַרשפּרייט איבערן געטאָ.

אויך דער הונגער האָט אָנגעהויבן צו ווייזן זיינע גרויליקע צייכנס. די צאָל פון די שטאַרבנדיקע איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך, און האָט דערגרייכט צו 30—40 אַ טאָג. דאָס פאַרשפּרייטסטע ווערטל אין געטאָ איז געווען: „אַפּעסן איין מאָל צו זאַט און... שטאַרבן"".

דער יודנראַט אין געטאָ

די ביוראָען פון יודנראַט זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין געטאָ, אינעם הויז, ווו עס האָט זיך פריער געפונען די (העברעאישע) גרונט־שול „תרבות", אויף אַלבערעכטאָווסקע גאַס (אין געוועזענעם הויז פון סאַמורין). דער הויפּט־אַריינגאַנג איז געווען פון אַלבערעכטאָווסקע גאַס. מיט אים האָבן זיך באַנוצט די דייטשן, ווען זיי זענען געקומען אין יודנראַט, ווי אויך אַ טייל פון די יידן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ.

דער יודנראַט איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינער „מלוכה". עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן זיינע פולמאַכטן און די צווייגן פון זיין טעטיקייט. זיינע אָפּטיילונגען זענען געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט. אויך די יידישע פּאָליציי איז פאַרגרעסערט געוואָרן און האָט שוין געציילט ביז 50 פּערזאָן. אויפן אָרט פון אשר פעלדלייט, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ מאָגן־אָפּעראַציע, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמענדאַנט, מיטן נאָמען גאָלדבערג. די יידישע פּאָליציי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו היטן די אָרדנונג בלויז אינעווייניק אין געטאָ. פון דרויסן זענען די טויערן געהיט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי.

דער יודנראַט האָט געעפנט עטלעכע געוועלבער אין פאַרשידענע ערטער אין געטאָ. דאָרט האָט מען באַקומען די צוגעטיילטע פּאָרציעס ברויט אויף טאַלאָנען. אַ קינד — 150 גראַם און אַ דערוואַקסענער — 300 גראַם. דער פּרייז: 2—3 רובל אַ קילאָ. דאָס מעל איז אויך צוגעטיילט געוואָרן דורכן קרייז־קאָמיסאַר. ער האָט אויך צוגעטיילט פאַרן געטאָ אַ שטח ערד צו האָדעווען גרינסן — אין קאַפּלאַנס גערטנער. אויף יענער זייט פון די באַן־רעלסן, קעגנאיבער דעם גוט אַלבערעכטאָווע. אַרבעטער — געשיקטע דורכן יודנראַט האָבן באַאַרבעט אָט די ערד און דאָרט פאַרזייט: קאַרטאָפל, אוגער־קעס, פּאָמידאָרן, בוראַקעס, ריבן און אַנדערע גרינסן.

דער קאָמיסאַר האָט צוגעשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון יודנראַט עטלעכע פערד און וועגענער, כדי מיט זיי אַרי־בערצופירן די גרינסן אין די געטאָ־געוועלבער, ווו זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן אויף קאַרטן. די דייטשן האָבן די מעל־צוטיילונגען פאַר דער באַפעלקערונג פאַרקויפט דעם יודנראַט, לויט דער צאָל איינוווינער און לויט די נאָרמעס, וואָס זיי באַקומען, צו הויכע פרייזן. די חשבונות מיט די געוועלב־פאַרוואַלטערס — פון איין זייט, און מיט די דייטשן — פון דער צווייטער זייט — האָט געפירט די באַזאָרגונגס־אָפּטיי־לונג פון יודנראַט.

די יידישע בעקערס פלעגן איין מאָל אין וואָך, מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש אַרויסגייִן צו די מילן, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ, צו באַקומען די צוגעטיילטע נאָרמע מעל. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פלעגן זיי קויפן צוגאָב־מעל ביי די פּויערים.

די צוגעקויפטע זעק מעל פלעגן זיי צוזאַמען מיט די „כשרע" אַריינפירן מיט די זעלבע פורן און זעלבער דער־לויבעניש אין געטאָ אַריין. אַזוי אַרום האָבן די בעקערס באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאַרקויפן ברויט, אויסער דער צוגעטיילטער נאָרמע. אָבער — צוליבן הויכן פרייז, וואָס זיי פלעגן נעמען פאַרן דאָזיקן ברויט, האָבן נישט קיין סך געטאָ־איינוווינער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון אים.

די מעל־צושטעלונגען פאַר דעם געטאָ, זענען נישט געווען קיין רעגולערע און עס זענען געווען פאַלן, ווען אין משך פון עטלעכע טעג האָט מען בכלל נישט געבאַקן קיין ברויט, צוליב פעלן פון מעל. דאָס צוגעטיילטע מעל איז נישט געווען פון גרויסן נאָרהאַפטן ווערט, ווייל עס איז געמאָלן געוואָרן פון די האַלב־פאַרברענטע תבואות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די מאַגאַזינען, וועלכע די רוסן האָבן אונטערגעצונדן פאַר זייער אָפּטרעטן פון שטאָט. דערצו האָבן נאָך די דייטשן צוגעמישט צום דאָזיקן מעל — האָלץ־מעל, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פילן ביים עסן און פאַרדרייען דעם דאָזיקן „ברויט".

דער יודנראַט האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעל געלט, וואָס האָט געדינט פאַר די אינערלעכע באַדערפענישן פון געטאָ בלויז.

ס'איז געעפנט געוואָרן אַ שפּיטאָל אין א הילצערן הויז, נעבן דעם קליינעם קלויסטער, נאָענט פון קאַרלינער בית־עולם, און דער יודנראַט האָט אים אויסגעהאַלטן פון זיין

3. אויף אַלבערכטאָווסקע גאַס — הינטער דעם קליינעם קלויסטער.

פון אָנהויב איז געעפנט געוואָרן אויך אַ פערטער טויער צו לאַהישינער גאַס, כדי צו דערמעגלעכן אַ באַקוועמען אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך אַלע כמעט קאָנצענטרירט נישט ווייט פונעם צוים פון דער דאָזיקער גאַס. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס טויער געשלאָסן געוואָרן, אויס מורא — עס זאָל נישט דינען, ווי אַ טיר פאַר פאַרשידענע געשעפטן און שמוגל.

דער שטח פון געטאָ איז געווען זייער אַ קליינער, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל איינוווינער — איבער 20,000 יידן, וואָס זענען אַהין אַריינגעשפּאַרט געוואָרן. דאָס איז בכלל געווען דער ערגסטער און ענגסטער קוואַרטאַל פון שטאָט, אפילו אין נאָרמאַלע צייטן. דער קוואַרטאַל פון דלות, צער און נויט — די ליניִשטשעס.

אין הסכם מיטן באַפעל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט מען געמעגט אַריבערפירן אין געטאָ, נאָר קיך־כלים, בעטן, בעט־געוואַנט און אַ ביסל מלבושים. לויט די דערקלערונגען פון אייניגע אַן עדות, האָט מען געמעגט מיטנעמען: 2 פּאָר וועש און צוויי אנצוגן: איינער אויף אינדערוואָכן און איינער אויף שבת. דאָס באַנוצן זיך מיט אַ פור, אַן אויטאָ אָדער מיט אַן אַנדער קאָמוניקאַציע־מיטל ביים אַריבערפירן די פּעקלעך, איז געווען שטרענג פאַרווערט. פונדעסטוועגן האָט מען — לויט די רייד פון אייניקע עדות — אַריבערגעפירט אין געטאָ פיל מער זאַכן, ווי ס׳איז געווען דערלויבט — לויטן באַפעל.

דעם 1־טן מאַי, באַגינען, ווי נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון טאָג, זענען שוין אַלע גאַסן פאַרפלייצט געווען פון מענער, פרויען און קינדער, יונג און אַלט, וועלכע האָבן געשלעפּט פּעקלעך אויף זייערע פּלייצעס. די, וואָס האָבן פון פריער געווען אויפן שטח פון געטאָ, זענען געווען די גליקלעכסטע און זיי האָבן מיטגעהאָלפן, מיט וואָס מעגלעך, יענע יידן, וואָס האָבן געוווינט ווייט. די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די נאָענטע גאַסן אַרום געטאָ, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו גיין אַהיים און זיך אומקערן מיט פּעקלעך אַ סך מאָל. אָבער פאַר יענע, וואָס האָבן געוווינט ווייט, האָט נישט געקלעקט קיין צייט דערצו, ווייל דאָס אַריבערגיין אין געטאָ האָט געמוזט 4 אַזייגער נאָכמיטאָג פאַרענדיקט ווערן.

אין דער ערגסטער לאַגע האָבן זיך געפונען די עלנטע פרויען, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע מענער אין די ערשטע „אַקציעס״. זיי זענען געווען פולשטענדיק צעבראָכן און פאַריאושט. דאָס איינציקע, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן אין זייער לעבן איז געווען דאָס אָרעמע, היימישע ווינקל. אָבער איצט איז ביי זיי אויך די היימישע נעסט צוגערויבט געוואָרן.

ס׳איז באַפוילן געוואָרן, אַז יעדער באַלעבאָס מוז צרשליסן זיין דירה, אָנשרייבן אויף אַ צעטעלע זיין נאָמען און אַדרעס, צובינדן דאָס צעטעלע צום שליסל און איבערגעבן אים אין יודנראַט.

דעם זעלבן טאָג נאָך, ווען די יידן האָבן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און אַריבער אין געטאָ, זענען שוין פיל הייזער פאַרכאַפּט געוואָרן, צוזאַמען מיטן פאַרמעגן, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן, דורך קריסטלעכע איינוווינער פון שטאָט און דאָרף. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן אַליין איבערגעגעבן זייער פאַרמעגן צום אויפהיטן, אין די הענט פון זייערע קריסטלעכע „פריינד״, האָפנדיק, אַז זיי וועט געלינגען צו בלייבן לעבן און נאָך דער מלחמה זייער גוטס צוריקבאַקומען...

געבויגן אונטער דער לאַסט פון זייערע פּעקלעך, האָבן טויזנטער יידן, אין יענעם טאָג, זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג פון געטאָ. אויף יעדן ראָג־גאַס זענען געשטאַנען דייטשן, מיט פּוילישע פּאָליציאַנטן און סתם אַן ערב־רב פון כוליגאַנעס, וועלכע האָבן מיט ווילדע געשרייען צוגעאיילט די יידן אין זייער גאַנג אין געטאָ אַריין. אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיי פאַרהאַלטן אין וועג, געבישטערט אין זייערע פּעקלעך און צוגענומען, וואָס עס איז נאָר געפעלן געוואָרן, נישט געקוקט אויף די געבעטן און געיאָמער פון די פרויען, קינדער, אַלטע לייט און קליינער צאָל מאַנסבילן.

ביי די דריי געטאָ־טויערן זענען געשטאַנען זשאַנדאַרמען און פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן בודק געווען די פּעקלעך און אויב זיי האָבן דאָרט געפונען עפּעס, וואָס האָט נישט געשטימט מיטן באַפעל, האָבן זיי די נישט־דערלויבטע זאַכן צוגענומען און זייערע אייגנטימער נאָך „מכבד״ געווען מיט מערדערישע קלעפּ...

איבער 20,000 יידן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָ, צווישן זיי — אויך די יידן פון דער סביבה. ווי שוין געזאָגט, האָט אין די דאָזיקע געסלעך אויך פאַרן געטאָ געהערשט אַ שטאַרקע ענגשאַפט. איצט איז דאָרט פּשוט געווען דערשטיקט צו ווערן. דער יודנראַט האָט פון פאָרויס צוגעטיילט די טויזנטער נייע משפחות וווין־ערטער אין געטאָ: איין מעטער און צוואַנציק צענטימעטער אין קוואַדראַט אויף אַ פּערזאָן. נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדע משפחה האָט געהאַט איר צוגעטיילטן וווין־אָרט אין געטאָ, איז אין דער גרויסער מהומה דער סדר נישט אָפּגעהיט געוואָרן. אין יעדן צימער האָבן זיך באַזעצט צו 3—4 משפחות — ווינציקסטנס, אַ 10 פּערזאָן. יעדע שטוב איז געווען איבערפולט ביז איבער די גרענעצן. אַלע זענען געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין אָרט, ווו אַ בעט אַוועקשטעלן. ס׳האָט אַפילו נישט געקלעקט קיין אָרט פאַר די פּעקלעך און ביסל חפצים, וואָס יעדער האָט געבראַכט מיט זיך. אין איין אויוון האָבן געקאָכט פיל משפחות, לויט אַ ריי. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זייער ריי צו באַנוצן זיך מיטן אויוון אָדער אײַזנדלעך איז איצט געקומען אין אָוונט, אָדער ביינאַכט.

אויך די הייפן זענען געווען פול מיט מענטשן. דאָס גיוויין און געשרייען פון די קינדער און עופה׳לעך האָט פאַרטויבט די אויערן... די באַליבסטע שפּיל ביי די קינדער אין געטאָ, איז געווען: די „שפּיל אין לוויות״... זיי פלעגן צודעקן אַ שטול מיט אַ שוואַרצער שמאַטע און האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייער יאָמער און געוויין...

„די ערשטע וואָך אין געטאָ — דערציילט אַן עד־ראיה — איז געווען אַ שוידערלעכע. און ווער עס האָט עס אַליין נישט

פון זייער הויז. איצט זענען זיי געווען מער „פרייער", ס'איז אָבער נישט געווען וווהין און נאָך וואָס צו גיין.

אין יענע אָוונטן פלעגן די געטאָ־איינוווינער זיך געפינען אין דרויסן. דער צענטער פון באַגעגענישן איז געווען: ראָג פּרץ־גאַס (באַלאָטנע) — גלינישטשאַנסקע — שיראָקע. אין די שבתים האָבן די דייטשן, צוליב עפּעס וואָס, נישט געצוווּנגען די יידען צו גיין אויף אַרבעט, און אין דעם דאָזיקן טאָג פלעגן די געטאָ־איינוווינער „שפּאַצירן" אויפן קאַרלינער בית־עולם.

צוויי טעמעס פלעגן זיך שטענדיק איבערחזרן בעת די דאָזיקע באַגעגענישן: ברויט און — ביז ווען וועט מען בלייבן לעבן?... די שמועסן אויף דער צווייטער טעמע פלעגן זיך שטענדיק פאַרענדיקן מיט איין פאַרלאַנג: „מיר זאָלן נאָך, פאַר אונדזער טויט — זוכה זיין צו זען די מפּלה פון היט־לערן".

אַרבעט און אַרבעטער

זיבן אַזייגער אינדערפרי פלעגן טויזנטער מענטשן זיך פאַרזאַמלען ביי די געטאָ־טויערן און זיך אויסשטעלן גרופּנ־ווייז לויט זייערע פאַכן און לויט די אַרבעטס־ערטער — צו דריי אין אַ שורה. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר „גרופּן־עלטסטן" — אַ ייד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער פאַבריקס־אָנפירונג, אָדער אַרבעטס־וואַרשטאַט, ווו די גרופּע איז באַשעפטיקט געווען (די דייטשן האָבן אַזעלכן אָנגערופן: „גרופּן־פירער", און די יידן, מיט ביטערן הומאָר, פלעגן אים רופן „יודן־גענעראַל"). ער פלעגט פון אַ רשימה אויסרופן די נעמען פון די אַרבעטער, און נאָר די איז דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פון געטאָ.

נאָכדעם האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די דורכגאַנגס־צייגענישן פון די אַרבעטער און האָבן דורכגעפירט אַ רעווי־זיע אין די כלים פון די אַרויסגייענדיקע, צי זיי נעמען נישט מיט מיט זיך קיין פאַרווערטע זאַכן. נאָכן פאַרענדיקן די קאָנטראָל, איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש אַרויסצוגיין. בעתן צוריקקומען פון דער אַרבעט, פלעגט זיך ווידער איבער־חזרן דאָס זעלבע בילד: צו דריי אין אַ ריי קומט אָן די קאָלאָנע אַרבעטער אין מיטן גאַס און ביים טויער ווערן ווידער אויסגערופן די נעמען, מ'קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און מ'פירט דורך אַ פּערזענלעכע רעוויזיע.

נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה, האָט באַזוכט פּינסק, בעת זיין צוריקוועג פון רוסלאַנד, דער בונדישער טוער לייזער לעווין, און צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָט ער געפינען רשימות מיט נעמען פון טויזנטער יידן, וועלכע האָבן באַקומען אַרבעטס־דערלויבענישן אין געטאָ אין חודש יוני 1942.

די אַנקעטע־בויגנס, אויף וועלכער עס זענען געמאַכט געוואָרן די רשימות האָבן, קענטיק געהערט אַמאָל צו איינעם פון די קלויסטערס אין שטאָט. איבער די אָריגינעלע פּאַראַ־גראַפן אויף די פּאַפּירן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין לאַטיין, זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דייטש די פּאַראַ־גראַפן אויף וועלכע עס זענען געגעבן געוואָרן די תשובות.

און דאָס זענען די פּאַראַגראַפן: לויף־נומער; דאַטע פון דער רעגיסטראַציע; דאָקומענט; די צאָל מענטשן; נאָמען און פאַמיליע־נאָמען; אַרבעטס־אָרט; אַדרעס; גילטיק ביז דער דאַטע...

די רשימות, וואָס געפינען זיך אין אונדזער באַזיץ האָבן צו 42 זייטן — 29 שורות אויף יעדער זייט. זיי הייבן זיך אָן פון לויף־נומער 2971 און פאַרענדיקן זיך מיטן נומער 5779. אינמיטן פעלן אייניקע זייטן. אין די דאָזיקע רשימה־בויגנס זענען רעגיסטרירט 3654 אַרבעטער, וואָס עס מאַכט אויס בערך 20 פּראָצענט פון די יידן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין געטאָ.

אין דער טאַבעלע וועלכע מיר ברענגען דאָ און וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן לויט די דאָזיקע רשימות, זענען 3654 אַרבעטער באַשעפטיקט געווען אין די אַרבעטס־פּלעצער, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די בויגנס.

עטלעכע אַרבעטס־פּלעצער זענען פאַרייניקט געוואָרן צוזאַמען, צוליב דער באַדערפעניש פון דער טאַבעלע. דאָס זענען:

פּריוואַטע אַרבעטס־ערטער אויסערן געטאָ — אין זיי זענען איינגעשלאָסן נעמען פון הונדערטער פּריוען, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס הויז־דינערינס ביי קריסטן, אויסערן געטאָ, און זיי שטעלן מיט זיך פאָר די גרעסטע צאָל באַשעפ־טיקטע אין דאָזיקן פּאַראַגראַף. אַ קליינע צאָל איז באַשעפ־טיקט געווען אין קריסטלעכע אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

ביוראָען — אין דאָזיקן פּאַראַגראַף זענען אין די רשימות אָנגעגעבן פאָלגענדע אַרבעטס־ערטער: שטאָט־פאַרוואַלטונג; אָפּטיילונג פון אַרויסגעבן דערלויבענישן; געריכט; סאַני־טאַר־דינסט; וואָקזאַל; ביוראָען פון קרייז־אַמט; קינאָ; שפּייז־באַזאָרגונג; פּאָסט; שפּייז־מאַגאַזינען; ווי אויך די ביוראָען פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט; פיש; אַרבעט א. אַנד.

לאַנדווירטשאַפט — אין די רשימות זענען גענוי אָנגע־געבן די אַרבעטס־פּלעצער אין די פאָלגענדע לאַנדווירט־שאַפטלעכע אונטערנעמונגען: האַי; אַלברעכטאָווע; זאַפּאַ־ליע; פּאָטשעפּאָווע.

קאָמענדאַנטור, זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי — דייטשן. די יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ זענען פאַררעכנט געוואָרן צווישן די אַרבעטער פון יודנראַט.

אַרבעטס-פּלעצער און אַרבעטער אין געטאָ.

אַרבעטס־אָרט	צאָל באַשעפטיקטע
פּריוואַט־אַרבעטער, אויסערן געטאָ —	337
יודנראַט —	698
ביוראָען —	361
לאַנדווירטשאַפט —	450
קאָמענדאַנטור, זשאַנדאַרמעריע, פּאָליציי —	107
דינסט ביי בנינים —	266
דינסט אין ל־או 7046 —	95
מיליטערישע בעקעריי —	5

בודזשעט. דער שפּיטאָל איז שטענדיק געווען פּאַרפולט מיט קראַנקע — געשוואָלענע פון הונגער, טיפוס־קראַנקע און מענטשן, וואָס האָבן געליטן פון פיל אַנדערע מחלות. אין שפּיטאָל האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים: יאַקובסאָן, פּראַגער, יאַז, ליעמישאָוו, מיילעס, לעוו, דער הויט־דאָקטאָר — גרינבערג, פרויען־דאָקטאָר — גלויבערזאָן, דער מומחה אין מאָגן־קראַנקהייטן, פּראָפ. רובין און ד״ר ווײַנבערג.

נישט ווייט פון שפּיטאָל האָט זיך געפונען אַן אַמבולאַ־טאָריע, וואָס זיין אָנפירער איז געווען ד״ר ליעוו און גע־אַרבעט האָבן דאָרטן: די קינדער דאָקטאָרין י. עלשטיין, און די דאָקטוירים: מיילעס, קאַגען, קאַפּלאַן, און די קראַנקן־שוועסטערס: מאַשע בוסעל, ראָזע פּליסקין, ריווע גרינבלאַט און מיליא ראַטנאָווסקאַ. דער געצאָלט איז געווען בלויז אַ סימבאָלישער. דער עיקר איז געווען די צוגאָב־נאָרמע שפּייז, וואָס די אָנגעשטעלטע האָבן פון צייט צו צייט באַקומען. דאָס זענען געווען קעפּלעך פון סאַרדינען־פיש און ביינער פון פערד־פלייש. איין אַפּטייק איז געווען אין געטאָ און אָנגעפירט האָט מיט אים דער אַפּטייקער שוואַרצמאַן (דער מאַן פון בערטא).

דער בית־יתומים־אַנשטאַלט, וועלכער האָט זיך געפונען אינעם גרויסן הויז — אויפן ראָג פון די גאַסן: זאַוואַלנע און דאָמיניקאַנסקע, איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ קליין שטיבל אין געטאָ, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר אים דורכן יודנראַט. די אומגליקלעכע, עלנטע, נעבעכדיקע יתומים האָבן געלעבט אין הונגער־באַדינגונגען, קעלט, שמוץ, ענגשאַפט, ווי די איבעריקע געטאָ־איינוווינער. דער איבערגעגעבענער אָנ־פירער, פריינד און דערציער פון יתומים־הויז ליאָוו, האָט פאַרגעזעצט זיין אַרבעט אין די דאָזיקע שווערלעכע באַ־דינגונגען. דער צווייטער דערציער פון יתומים־הויז פּייוול אייזנשטאַט איז אומגעקומען אין דער ערשטער „אַקציע״ פון די מענער אין אויגוסט 1941.

דער יודנראַט האָט אָרגאַניזירט אַ קיך פאַר נויטבאַ־דערפטיקע, קראַנקע און זקנים. דער רעש און טומל אַרום דער קיך איז געווען נישט אויסצוהאַלטן, צוליב דעם ריזיקן עולם, וואָס האָט באַלאַגערט דעם בנין אין משך פון גאַנצן טאָג. די פּאָרציע עסן, וואָס מ׳האָט דאָרט באַקומען, איז געווען זייער אַ נישטיקע.

אויך אַ געריכט און אַ תפיסה האָבן זיך געפונען אין געטאָ. פאָרזיצער פון געריכט איז געווען אַדוו. עלשטיין, און זיין ראַטגעבער דער געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּינסק, גאָרינאָווסקי, וועלכער איז אויך געווען פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז.

וואָס פאַר אַ משפטים זענען פאָרגעקומען אין געריכט? דער עיקר: וועגן סכסוכים צווישן איין ייד און צווייטן. דאָס זענען אין רוב געווען סכסוכים אַרום קלייניקייטן. עס זענען אויך געמשפט געוואָרן יידן, וועלכע האָבן נישט אויסגעפירט די פאָדערונגען פון יודנראַט. אויב, נאָך אַן אויספאָרשונג, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו באַצאָלן די שטייערן־סומע, וואָס דער יודנראַט האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט, איז עס יאָ ביכולת צו באַצאָלן, האָט מען אים אַריינגעזעצט אויף עטלעכע טעג אין תפיסה.

די מיטגלידער פון „חברה־קדישא״, וואָס זענען אויך געווען מיטגלידער פון יודנראַט, האָבן יעדן טאָג זיך מטפּל געווען מיט צענדליקער לוויות פון מתים, וועלכע מ׳האָט מקבר געווען אויפן קאַרלינער בית־עולם, וואָס זיינע פּלויטן זענען צענומען געוואָרן.

איינער פון די עדות געדענקט אַ ווערטל פון ד״ר יאַקובסאָן וועגן דעם צענומענעם פּלויט פון בית־הקברות, וואָס ער האָט געזאָגט בעת דער לוויה פון דער פרוי פון ד״ר יאַז: „אין וואָס פאַר אַ פאַרקערטער וועלט מיר לעבן — דעם פּלויט אַרום די מתים האָט מען צענומען און מ׳האָט אים אויפגעשטעלט אַרום די לעבעדיקע... ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין, אַז דאָס זאָל זיין פאַרקערט?״

אָן אַקולטורעל און געזעלשאַפטלעך לעבן

דער יודנראַט האָט זיך בכלל נישט פאַרנומען מיט דעם געביט פון קולטור־לעבן אין געטאָ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. די גרעסטע טייל לערער, אינטע־ליגענץ בכלל און שטענדיקע געזעלשאַפטלעכע טוער זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די אויגוסט־שחיטות... ס׳איז נישט געווען, ווער עס זאָל אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אַ שולע, אָדער — זאָל האַלטן אַ רעפעראַט. עס איז נישט באַוווסט וועגן קיין שום פּרוּוו פון איינאָרדנען אַוועלכע עס איז קולטור־אימפּרעזע אָדער פאַרוויילונג אין געטאָ. אפילו — דער באַ־וווסטער פאָלקס־קינסטלער יאָסעלע קאָלאָדני, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין געטאָ, איז פולשטענדיק אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז אויך נישט געווען קיין שום סימן פון אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן, אָדער אויפלעבן די טעטיקייט פון אַ פּאַרטיי.

עס זענען בלויז געווען עטלעכע בתי־מדרשים, ווו די הויפּט־דאַוונער זענען געווען אַלטע לייט. „דער קאַרלינער רבי, ר׳ אברהם אלימלך פּערלאָוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו שטאַרקן דעם גייסט, הויבן דעם מוט און דורך דעם פאַרלייכטערן אַ ביסל די ליידן פון די געטאָ־איינוווינער — שרייבט מנשה אונגער אין ניו־יאָרקער „טאָג — מאָרגן־זשורנאַל״ — ער האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל קיין פּינסק סוף־זומער 1939, ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און די אומגעהויערע סכנות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויפן אייראָפּעאישן יידנ־טום. זעענדיק בולט די אָנקומענדיקע געפאַר האָט ער פונ־דעסטוועגן נישט געוואָלט אַנטקעגנקומען דער ביטע פון זיינע חסידים אין ארץ־ישראל, צו פאַרבלייבן אין לאַנד. צוזאַמען מיט זיין עדה האָט ער דורכגעמאַכט דעם גיהנום־וועג אין פּינסקער געטאָ און אין שפּיץ פון זיין עדה געגאַנגען צום טויט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ״.

וואָס שייך קולטור־אַרבעט און אימפּרעזן, איז איינע פון די שטערונגען אויך געווען דאָס, וואָס אין געטאָ האָט זיך נישט געפונען אַזאַ גרויסער לאָקאַל, וואָס זאָל קאָנען אַריינ־נעמען עטלעכע הונדערט מענטשן. פאַרן אַריבערגיין אין געטאָ, האָבן יידן מורא געהאַט איבערצוטראָגן די שוועל

איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין „וורייפּ". דאָס איז געווען אַ קאָמבינאַט פון טאַרטאַקן, פֿאַבריקן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן צו אויסאַרבעטן האָלץ־אַרטיקלען. מיין אַרבעטס־פּלאַץ האָט זיך געפונען אויפן ברעג טייך, פונוואַנען מ׳האָט אַריבערגעפירט אין דער דיקטן־פֿאַבריק פון לוריע, די קלעצער, וועלכע זענען געקומען מיטן וואַסער־וועג — געבונדן אין פּליטן. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען אַ קלאָץ האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַראָפּגעזונקען אויפן גרונט פון טייך. מיין אויפגאַבע איז געווען: אַראָפּצולאָזן זיך אין טייך מיט אַן אייזערנער קייט, וואָס איך פלעג צובינדן צו דער פֿאַרזונקענער קלאָץ און דאַן האָט אַ פערד עס אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג. איך בין געווען דער איינציקער ייד, וואָס איז באַשעפטיקט געווען ביי אַזאַ מין שווערער און געפערלעכער אַרבעט. דערפאַר האָב איך באַקומען אַן „אַרישע" פּאָרציע ברויט — 800 גראַם אַ טאָג (אָנשטאָט 300 גראַם, ווי געוויינלעך), מיט אַ צוגאָב פון אַ וואַסערדיקער זופּ אויף מיטאָג.

צווישן די פּויערים, צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער סביבה, האָבן זיך אויך געפונען דאָרפישע יידן. בעת די מיטאָג־איבעררייסונגען פלעגן די פּויערים זיך טשעפען צו מיר, באַליידיקן און פלעגן זוכן פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס, מיך אונטערצושטעלן אַ פּיסל. האָב איך זיי פֿאָרגעלייגט, זיי זאָלן עס טאָן אויף אַ גלייכן וועג, דורך אַ פֿאַרמעסטונג אין אַ געראַנגל מיט מיר. נאָך דעם, ווי קיינער פון זיי האָט מיך נישט געקאָנט אין געראַנגל בייקומען, איז די זאַך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוועט.

פון צייט צו צייט פלעגן צוקומען פרישע פּויערים — צוואַנגס־אַרבעטער, און די, וואָס האָבן שוין דאָרט געאַרבעט אַ לענגערע צייט, פלעגן „אָנציען" די נייע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פֿאַרמעסטן אין כוחות מיט דעם שטאַרקן „זשידעק". די פּרעמיע איז געווען: אַ לעבל ברויט. אַזוי אַרום פלעג איך פון צייט צו צייט געווינען אַ צוגאָב־ברויט, וואָס איך פלעג, ווי עס איז, אַריינשמוגלען אין געטאָ און עס ברענגען מיין מאַמען און מיינע זיבן שוועסטער. צוויי פון זיי האָבן אויך געאַרבעט אויסערן געטאָ, און די ייִנגסטע, וואָס איז אַלט געווען 13 יאָר, איז געווען אַן אויסגעצייכנטע אַרבעטערין אין דער דיקטן־פֿאַבריק פון קונדען. זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס אַ פאָרמאַן און געפירט די קלעצער פונעם פּלאַץ אין פֿאַבריק אַריין".

לויט ווי מען זעט פון דער טאַבעלע, וואָס מיר האָבן געבראַכט, געפינט זיך די גרעסטע צאָל אַרבעטער אין דעם פּאַראַגראַף: „באַשעפטיקטע אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אויסערן געטאָ".

איינער פון די עדות האָט אויפגעקלערט דעם דאָזיקן פאַקט אויף אַזאַ מין אופן: „אַזוי ווי אפילו די אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אויסערן געטאָ, האָבן נישט געקאָנט באַשפּייזן זייערע משפּחות, זענען זייערע פרויען און טעכטער געווען געצוווּנגען זיך צו פֿאַרדינגען אַלס דינסטן אין קריסטלעכע הייזער. נישט לייכט איז געווען צו קריגן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל מ׳האָט קודם כל געדאַרפט געפינען אַ קריסטלעכע משפּחה, וואָס זאָל מסכים זיין צו דערלאַנגען אַ ביטע צו די מאַכט־אָרגאַנען וועגן דעם, מיטן נאָמען פון דער דינסט. ערשט נאָכדעם, ווי די בקשה איז באַשטעטיקט געוואָרן, האָט מען אַרויסגעגעבן די אַרבעטס־דערלויבעניש. אַזאַ הויזדינערין האָט נישט באַקומען קיין געהאַלט און זי האָט געאַרבעט בלוי פֿאַרן עסן, וואָס זי האָט דאָרט באַקומען. צייטנווייז איז עמעצן געלונגען אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל ברויט און אַריינברענגען עס פֿאַר דער הונגעריקער משפּחה אין געטאָ. עס זענען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן פֿאַרקויפט סיי זייערע הענט, סיי זייער גוף צו קריסטן פֿאַרן פּרייז פון ברויט".

דער קאַמף פֿאַר שפּייז

די יידישע אַרבעטער האָבן אויסגענוצט, ווי געזאָגט, זייער געפינען זיך אויסערן געטאָ און פלעגן זיך איינשאַפן אַ ביסל שפּייז: עטלעכע שטיקלעך ברויט, גרויפּן, קאַרטאָפל, פעטס. אָבער — די עיקר־פראַגע איז געווען: ווי אַזוי ברענגט מען עס אַריין אין געטאָ? אויפן דאָזיקן געביט האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע קונסט פון פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס. די גרויפּנס פלעגן די מענער אַריינשיטן אין די שקאַרפּעטן, קאַרטאָפל פלעגט מען אָפּקאָכן, צוגעבן וואַסער און פלעגן עס דורכשמוגלען, אין אַ טעפל, ווי זופּ, וואָס מ׳האָט באַקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. שטיקלעך ברויט פלעגן פרויען באַהאַלטן אונטער זייערע קליידער.

נעבן געטאָ־טויער פלעגט דורכגעפירט ווערן אַ גענויע רעוויזיע דורך די פּוילישע פּאָליציאַנטן. געווען צווישן זיי איינִיקע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכע האַרציקייט, ווי, למשל, דער פּאָליציאַנט נום. 27, וואָס מ׳פלעגט דערציילן, וועגן אים, אַז ער האָט פֿאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער. און אַזוי אויך דער פּאָליציאַנט ביעלעצקי. די דאָזיקע פּאָליציאַנטן פלעגן מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי פירן דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע און נעמען כלומרשט עפּעס צו. ביי די דאָזיקע אָרדנונגס־היטער פלעגט די יידן געלינגען אַריינצוברענגען אין געטאָ עפּעס עסן פֿאַר זייערע הונגעריקע משפּחות. אָבער אַזעלכע פּאָליציאַנטן זענען לײדער געווען זייער ווייניק.

די גרעסטע צאָל פּאָליציאַנטן זענען אָבער געווען ברוטאַלע יונגען, סאַדיסטן. צו זייער שאַנד זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די נעמען פון די ערגסטע פּאָליציאַנטן: ווערזשביצקי, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 15, און האַליבנייע — נום. 41, און אַזוי אויך די פּאָליציאַנטן: נומ׳ 2 און 17, וואָס זייערע נעמען זענען פֿאַרגעסן געוואָרן.

אַלטע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זענען דורך די דאָזיקע פּאָליציאַנטן געפונען געוואָרן בעת דער רעוויזיע ביי די יידן זענען געוואָרן צוגענומען און אָנגעוואָרפן אין אַ בערגל, נעבן טויער, און די „פֿאַרברעכער" זענען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן. בעת די דאָזיקע רעוויזיעס האָבן זיי אויך נישט געשוינט קיין פרויען — געזוכט, צוגענומען און צעמיימיתט זיי...

אָבער אַפילו די טויט־געפאַר, וואָס עס האָט זיי געדראָט, האָט נישט אָפּגעשראָקן און נישט צוריקגעהאַלטן די געטאָ־איינוווינער דערפון. יעדער איינער האָט זיך באַמיט איבער־

ארבעטס־אָרט	צאָל באַשעפֿטיקטע
תפיסה —	8
מיליטערישע באַזאָרגונג —	7
זעלנער־קלוב —	4
אָפֿיצערן־קאַזינאָ —	3
לופֿט־דינסט און פֿלי־פּלאַץ —	60
באַן סטאַציע —	27
בענזין־סטאַציע —	4
וואַרשטאַטן פֿאַר שיפֿן־בוי און פֿאַרט —	25
יידישע און אַרישע שפּיטעלער —	128
אָפּטייק־וועזן —	6
דיקטן־פֿאַבריק —	192
שוועבעלעך־פֿאַבריק —	45
סאָדע־פֿאַבריק —	11
שיך־פֿאַבריק —	82
גאַרבעריי —	44
פֿאַבריק פֿון אויל —	11
מעבל־פֿאַבריק —	7
זייף־פֿאַבריק —	2
ווורשטן־פֿאַבריק —	2
באַרשטן־פֿאַבריק —	4
טריקאָטאַזש־וואַרשטאַט —	48
מעכאַנישער וואַרשטאַט —	39
שניידער־וואַרשטאַט —	36
דרוק־וועזן און איינבינדעריי —	12
שטאָטישע קאָמוניקאַציע —	92
טאַרטאַקן —	12
שעכט־הויז —	8
מילכעריי —	12
פֿאַך־שולע —	4
קינדער־גערטנער נומ. 1 און 2 —	4
אין סך־הכל	3654

די טאַבעלע שפּיגלט אָפּ, ווי שוין געזאָגט, בלויז אויף אַ טיילווייזן אופן, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אויפֿן אַרבעטס־געביט צווישן די יידן אין געטאָ. אָבער ס'איז פֿאַראַן אין איר מאַטעריאַל פֿון דער ערשטער קוועלע, פֿון וועלכן מיר קאָנען זיך שאַפֿן אַ מער בולט בילד דערפֿון. נישט אומזיסט האָט מען דאָן געזאָגט, אַז דער פּינסקער געטאָ, איז אַ געטאָ פֿון יידן — אַרבעטער. אויך די דייטשן האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם צושטייער פֿון פּינסקער געטאָ פֿאַר זייער מלחמה־כוח, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם בריוו פֿון דעם הויפּט־פֿירער פֿון ס. ס. היינריך הימלער צום גענעראַל פּראַצמאַן, וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער.

פֿון די מאַטעריאַלן פֿון די עדות־דערקלערונגען, וואָס געפֿינען זיך אין אונדזער באַזיץ, קאָנען מיר צוגעבן פּרטים, כדי נאָך קלאָרער און בולטער מאַכן די לאַגע אויפֿן אַרבעטס־געביט אין פּינסקער געטאָ.

איינער פֿון די עדות דערציילט: „זייער אַ סך געטאָ־איינוווינער האָבן זיך באַמיט אַרויסצוגיין אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. יעדער האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, זיך אַרויסצורייסן, און נישט אויף קיין קורצער צייט, פֿון דער אַרומגעצוימטער שטייג. אַנדערע האָבן אויסגעדריקט זייער פֿאַרלאַנג דערצו דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געהאַלטן נאָר די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט ביי די דייטשן, האָבן שאַנסן צו בלייבן לעבן. אָבער — די גרעסטע טייל האָט עס פּשוט געטאָן, כדי אויף דעם וועג צו קאָנען ראַטע־ווען פֿון הונגער־טויט זיך און זייערע משפּחות".

אַ פֿרוי דערציילט אין איר עדות־דערקלערונגען: „פֿאַרשידענע וועגן און מיטלען האָבן מיר געזוכט כדי צו זיין צווישן די גליקלעכע, וואָס גייען אַרויס אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. איך האָב געהאַט אַ קינד פֿון דריי יאָר, האָב איך עס איבערגעלאָזט ביי מיין מוטער, זי זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דעם און איך בין אַרויס צו שווערער, פֿיזישער אַרבעט אין פֿאַרט. אין דעם האָט מיר געהאָלפֿן דער אָרטיקער אַרבעטס־פֿאַרוואַלטער — מעדיאַנאָווסקי, ביי וועלכן מיר האָבן, נאָך איידער מ'האָט אונדז פֿאַרטריבן אין געטאָ, אויס־געביטן אַ ניי־מאַשין — אויף שפּייז. די דאָזיקע באַקאַנט־שאַפֿט האָב איך איצט אויסגענוצט, און אַ דאַנק מיינע רעקאָ־מענדאַציעס, זענען אויך אַנדערע יידן צוגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין פֿאַרט".

אַנדערע גיבן צו: „אין געטאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסער שניידער־וואַרשטאַט. דאָרט האָבן געאַרבעט אַלע שניידער און שנוודערינס. ס'איז אויך אויפֿגעשטעלט גע־וואָרן אַ שוסטער־וואַרשטאַט. די דאָזיקע ביידע אַרבעטס־וואַרשטאַטן האָבן זיך געפֿונען אין אַ געמויערט הויז אויף בערנאַרדינער גאַס, נאָענט פֿון דעם פּאָוויאַטאָוון שפּיטאָל. דאָס איז דער נייער בנין, וואָס איז פֿאַר דער מלחמה ספּע־ציעל אויסגעבויט געוואָרן פֿאַר דער „ישיבה".

דורכן דרויסנדיקן אַריינגאַנג פֿלעגן אַריינקומען די דייטשן, ווי אויך אָרטיקע קריסטלעכע איינוווינער, צו באַ־שטעלן פֿאַר זיך קליידער און שיך. שטאָפֿן און לעדער האָבן זיי געהאַט גענוג פֿון דעם, וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביי די יידן. אָבער קיין פֿאַכמענער — שניידער און שוסטער, האָבן זיך נישט געפֿונען אויסערן געטאָ. די צוויי אַרבעטס־וואַר־שטאַטן האָבן זייער פֿיין געשעפֿטיזט זייערע באַשעפֿטיקטע. אויסער געלט, פֿלעגן די קליענטן אויך ברענגען שפּייז־אַרטיקלען: מעל, פֿעטס און אַנדערע פּראָדוקטן. זיי האָבן אַלץ געקאָנט דורכטראָגן, ווייל די פּאָליציי פֿלעגט דאָך נישט קאָנטראָלירן, וואָס זיי טראָגן מיט זיך".

„משפּחות, וואָס איינער אָדער עטלעכע פֿון זיי האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, האָבן פֿאַרמאָגט גענוג ברויט. אויף די אַרבעטס־פּלעצער פֿלעגן זיי זיך באַגעגנען מיט פֿויערים און קריסטלעכע איינוווינער פֿון שטאָט און אויסבייטן פֿאַר־שידענע ווערט־זאַכן אויף ברויט, גרויפּנס און קאַרטאָפֿל".

„געוועזן פֿאַבריקן, וווּ עס זענען געווען קיכן פֿאַר זייערע אַרבעטער. אויך דער דאָזיקער מאָגערער מיטאָג־עסן האָט פֿאַר זיי געהאַט אַ גרויסן ווערט אין יענע באַדינגונגען".

איינער דערציילט: „איך בין דאַן אַלט געווען 20 יאָר — אַ געזונטער, שטאַרקער בחור בין איך געווען, האָב איך זיך

דערפער און האָבן דערוועקט דאָס געפיל פון רחמנות ביי די פויערים, ווען זיי פלעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פאַרטערטע אויגן בעטן אַ שטיקל ברויט, עטלעכע קאַרטאָפל. אַ סך פויערים האָבן נישט געקענט ביישטיין די שטומע בעטנדיקע בליקן פון די קינדער און האָבן זיי געגעבן, וואָס זיי האָבן געקענט.

אַזוי פלעגן די קינדער צוזאַמענקלייבן אין משך פון טאָג אַ ביסל שפּייז און אין אָוונט האָבן זי געאײַלט צו ברענגען עס אַהיים צו זייער קראַנקער מאַמען, אָדער פאַר זייערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך — יתומים, וואָס זייערע פאָטערס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער ערשטער „אַקציע". אָבער נישט איין קינד האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן דערפאַר...

„דריי־פיר קינדער — האָט איבערגעגעבן איינער פון די עדות — פלעגן יעדן טאָג פאַלן נעבן אָדער אונטער דעם געטאָ־צוים. געווען פוילישע פאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין מאָרדן קינדער, ווען זיי פלעגן אַרונטערקריכן אונטערן צוים. אין זייער זאָרג און געיעג צו ברענגען וואָס גיכער אַביסל שפּייז אַהיים, האָבן די קינדער נישט באַמערקט די רער פון רעוואָלווער, אָדער ביקס, וואָס זענען געווען געצילט אין זיי. דער הילך פון שאָס און אויסגעשריי פון קינד: „מאַמע!" פלעגן דערשיטערן די אומגליקלעכע מאַמעס, וועלכע פלעגן אין טויט־שרעק קוים דערלויפן צום צוים, אַ קוק צו טאָן, צי נישט זייער קינד איז דאָסמאָל געפאַלן אַ קרבן".

געווען קינדער, וועלכע פלעגן נישט אַרויסגיין אויסערן געטאָ. זיי פלעגן וואַרטן ביים געטאָ־טויער, אפשר וועט זיך עמעצער פון די אַריינגעקומענע דערבאַרעמען און שענקען זיי אַ פּיצל ברויט.

„דאָס פלעגן מיר זען טאָג־טעגלעך, בעת אונדזער צוריקקומען פון דער אַרבעט אין געטאָ אַריין — דערציילט נאָך אַן עדות — שורות, פון הונגער־געשוואָלענע קינדער פלעגן זיצן אויף די טראָטואַרן, שטילע און גלייכגילטיקע. די קעפּ — גרויסע די פיס, ווי צוויי קלעצער, געשוואָלענע, און אויף די פנימער — דער צייכן פון טויט. אין עטלעכע טעג אַרום פלעגן מיר שוין זען אַנדערע קינדער זיצן אויף זייער אָרט. יענע האָבן שוין אין די נעגל פון דער גרויזאַמער הונגער־חיה, אויסגעהויכט זייערע לויטערע נשמה'לעך און געבראַכט געוואָרן צו קבורה. דער זעלבער גורל האָט אויך דערוואַרט די נייע קינדער, זיצנדיק אויפן טראָטואַר".

דער גורל פון אַ הונגער־טויט, איז אויך געווען באַשטימט פאַר די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־פּלאַץ. די דאָזיקע מענטשן האָבן געפּרוווט פאַרלענגערן זייער לעבן דורך פאַרשידענע ערזאַץ־שפּייזן, ווי: קאָטלעטן פון גראָז, אָדער געקעכטס פון קאַרטאָפּל־שאָלעכץ, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג אויף צו קאָנען דערהאַלטן אַ מענטשן אַ לענגערע צייט ביים לעבן. געווען פאַלן, ווען מענטשן זענען פאַרשלאָפט געוואָרן פון הונגער אין מיטן דער אַרבעט און זענען געשטאָרבן אויף זייער אַרבעטס־פּלאַץ, אויסערן געטאָ.

דער יודנראַט האָט זיך געווענדעט צום פאַרטרעטער פון קרייז־קאָמיסאַר, עבנער, אים אינפאָרמירט וועגן דער גרויסער שטערבלעכקייט אין געטאָ און געפאָדערט צו פאַרגרעסערן די ברויט־נאָרמע פאַר די אַרבעטנדיקע. דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט געבעטן צו ווייזן אים די רשימות פון די טויט־צייגענישן. באַטראַכטנדיק זיי גענוי און גרינטלעך האָט ער ציניש געזאָגט:

„לויט מיין חשבון שטאַרבן נאָך צו ווייניק יידן"... אַזוי האָט דערקלערט דער ממונה איבערן לעבן און טויט פון דער יידישער באַפעלקערונג... און ווירקלעך — פון וואָך צו וואָך האָט גענומען שטייגן די צאָל מתים — פון הונגער און פאַרשידענע קראַנקהייטן אין געטאָ.

די דערמאָרדונג פון די קראַנקע

אין איינעם פון די יולי־טעג איז געקומען אין יודנראַט עבנער, אין דער באַגלייטונג פונעם קרייז־דאָקטער, דילעווסקי. דאָס געטאָ האָט פאַר פחד איינגעהאַלטן דעם אָטעם: וואָס פאַר אַ פרישע גזירה האָבן זיי געבראַכט?

די סיבה פון זייער קומען איז זייער גיך אויפגעקלערט געוואָרן: זיי האָבן געפאָדערט אַ רשימה פון די גייסטיק־קראַנקע און די שווערע, אומהיילבאַרע קראַנקע אין געטאָ בכלל. זייער פאַרלאַנג איז — האָבן זיי דערקלערט — אַריבערפירן די אַלע קראַנקע אין אַ שפּיטאָל אין בריסק.

די מיטגלידער פון יודנראַט האָבן געפּרוווט זיך אַרויסדרייען דערפון, טענהנדיק, אַז זיי ווייסן נישט וועגן וועמען דאָ האַנדלט זיך.

„די רשימה איז שוין געמאַכט געוואָרן דורכן ד"ר דילעווסקי — האָט געזאָגט עבנער — און אויב איר וועט אונדז נישט העלפן אין דורכפירן די זאַך, וועלן מיר אַליין נעמען די קראַנקע, און אַלס שטראָף — צוזאַמען מיט זייערע משפחות".

בלית־ברירה זענען געשיקט געוואָרן באַאַמטע פון יודנראַט, צוזאַמען מיט עטלעכע דאָקטוירים און יידישע פאָליציאַנטן, כדי צוצוגרייטן די רשימה, אויף וועלכער עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן 40 קרבנות. אין צוויי טעג אַרום זענען געקומען עטלעכע דייטשישע מאַשינעס צו די טויערן פון געטאָ, כדי אויפצוקלייבן די קראַנקע. די אומגליקלעכע קרבנות און זייערע משפחות האָבן געוווסט, וואָס עס דערוואַרט זיי און האָבן זיך קעגנגעשטעלט די יידישע פאָליציאַנטן, וועלכע זענען געקומען זיי נעמען צו די מאַשינעס.

„דאָס איז געווען אַ האַרצרייסנדיק בילד — האָט איבערגעגעבן אַן עד־ראייה — ס'איז געווען שרעקלעך צו זען, ווי אַזוי די קראַנקע ווערן געשלעפּט דורך יידישע פאָליציאַנטן צום טויער פון געטאָ. אויף וויפל איך געדענק, איז עס געווען דער איינצעלנער פאַל, ווען פּינסקער יידן זענען געצוווּנגען געווען איבערצוגעבן זייערע אייגענע ברידער אין די הענט פון די דייטשן".

די צוויי איבערגעפולטע מאַשינעס זענען אַוועקגעפאָרן אין דער ריכטונג פון בריסק. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען זיי געזען שוין צוריקפאָרן ליידיקע... גאָר גיך איז באַ־

צוקליגן די רוצחים און דורכצושמוגלען אַ ביסל שפּייז פאַר די הונגעריקע קינדער. אַ סך האָבן פאַר די דאָזיקע אָנשטרענגונגען באַצאָלט מיט זייער לעבן.

איינע אַ פרוי האָט אין אירע עדות־דערקלערונגען דערציילט: אין איינעם אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט צוזאַמען מיט שמואל לערנלייט פון בראָווארנע גאַס. ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ שטיקל האָלץ. ביים טויער האָבן אים די פּאָליציאַנטן באַפוילן אַוועקצוואַרפן דאָס שיטקל האָלץ אויפן בערגל צוגענומענע חפצים. נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל, האָט ער זיך אומגעקערט, און זיך באַמיענדיק, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָט ער דאָס שטיקל האָלץ צוריקגענומען און איז אַדורך דעם טויער. איינער פון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָט עס באַמערקט, איז אַוועקגעלאָפן נאָך אים, אַרויסגעצויגן ביי אים דאָס האָלץ און עס גענומען באַטראַכטן. צום אומגליק האָט זיך דאָס שטיקל האָלץ צענומען אויף צווייען און אינעווייניק, אין אַ ספּעציעל־אויסגעשניצטער לאָך, האָט דער פּאָליציאַנט געפונען אַ שטיקל פּוטער. די פּאָליציאַנטן האָבן לערנלייטן אַריינגעפירט אין זייער וואַך־שטיבל, אים באַפוילן צו שטעלן זיך אויף די קני און מ׳האָט אים אַריינגעשאָסן אַ קויל אין נאַקן. ער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט״.

אַ צווייטער עדות האָט צוגעגעבן: „שמואל לערנלייט איז געווען דער ערשטער קרבן פונעם געראַנגל פאַר אַריינבדענגען אַ ביסל שפּייז פאַר דער הונגעריקער משפּחה. דער צווייטער קרבן איז געווען: דוואָשע, די פרוי פון יוסף מינקאָווסקי, איינער פון די זין פון דעם אייגנטימער פון דער כעמישער וועשעריי. בעתן באַזוכן די אַרבעטערינס, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים איבערקלייבן קאַרטאָפל אין ווערלדל האַי, נעבן די מיליטערישע קאַזאַרמעס, זענען געפונען געוואָרן אין אירע כלים אַ ביסל קאַרטאָפל. די דייטשישע וואַכלייט האָבן זי אָפּגעפירט אין אַ זייט און דערשאָסן. די איבעריקע פרויען האָבן גלייך אַרויסגעוואָרפן פאַרזיכטיק די קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן ביי זיך באַהאַלטן. אויף זייער ביטע, איז זיי דערלויבט געוואָרן צו ברענגען דעם גוף פון דער דערהרגעטער אין געטאָ אַריין. די לוויה פון דער פרוי, וואָס האָט איבערגעלאָזט צוויי פּיצלעך יתומים, האָט זייער שווער געווירקט און פולשטענדיק צעטרייסלט דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט פון די געטאָ־איינוווינער״.

אַ דריטער עדות דערציילט: „נאָך אַן אויפטרייסלענדיקע געשעעניש האָט פּאַסירט מיט אַ 15 יאָריק ייִנגל, שאַיע, אַ זון פון דעם שערער לייזער פלאָטניק, פון בריסקער גאַס. דאָס ייִנגל האָט געקריגן אַ לעבל ברויט, אויסערן געטאָ, האָט ער מורא געהאַט מיט דעם אַדורכגיין דורכן טויער און האָט זיך אַריינגעקריגן אין געטאָ דורכן צוים אויף קאָטליאַרסקע גאַס. האָט אים באַמערקט דער פּאָליציאַנט נומ. 41 און האָט נאָכגעיאָגט דאָס ייִנגל, צילנדיק אין אים מיט זיין ביקס. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט, האָט דאָס ייִנגל אַ כאַפּ געטאָן ביים פּאָליציאַנט די ביקס און גענומען מיט אים זיך ראַנגלען. דער פּאָליציאַנט איז אים בייגעקומען און האָט דאָס ייִנגל גלייך דערשאָסן אויף טויט״.

„מיט מיינע אייגענע אויגן — דערציילט ווייטער דער עדות — האָב איך געזען איציק לייזערוק, דעם זון פון פסח דעם קצב, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן מיט אַ ביסל גרויפּן אין די שקאַרפּעטן. מ׳האָט אים באַפוילן אויסצוטאָן די שיך, אויסשיטן די גרויפּן און אויפקלייבן זיי צוריק איינציקווייז פון דער ערד. ווען ער האָט זיך איינגעבויגן און געטאָן, וואָס מ׳האָט אים געהייסן, האָבן אים די פּאָליציאַנטן געשלאָגן מכות־רצח מיט די ביקסן־קאָלבעס און שטיוול, ווו נאָר זיי האָבן געטראָפן. אינגאַנצן אַ געשוואָלענער פון די קלעפּ און אַ צעבלוטיקטער, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין משפּחה, מיט די זעקס הונגעריקע קינדער, וואָס האָבן, נעבעך, געוואַרט אויפן ביסל עסן, וואָס דער טאַטע וועט זיי ברענגען״.

אַ פערטער עדות דערציילט: „ביי דעם 15 יאָריקן מיידל, לאה טאַנצמאַן, האָט מען איינמאָל געפונען אַ שטיקל באַהאַלטן לעבער, ווען זי איז אַדורך דעם טויער. מ׳האָט זי אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט, נישט ווייט פונעם טויער און מ׳האָט איר געגעבן 25 שמיץ. צוויי חדשים איז דאָס מיידל נאָכדעם געלעגן צום בעט.

אַ צווייטן מאָל, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, האָבן מיר געזען נעבן טויער ליגן אויף דער ערד די פרוי שורא ליובאַשעווסקי און עטלעכע פּאָליציאַנטן האָבן זי געשלאָגן מיט זייערע שפּיצרוטן אין אַלע טיילן פון גוף. כמעט אָן אַ סימן פון לעבן האָבן מיר זי געבראַכט אין געטאָ אַריין״.

„און איך האָב געזען — דערציילט אין איר עדות־דערקלערונג אַ פרוי — ווי אַזוי עבנער האָט נעבן טויער דערהרגעט דעם ייִד גלויבערמאַן, ווען ער האָט ביי אים געפונען אַ שטיקל באַהאַלטן פּוטער״.

דער הונגער אין געטאָ האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. די רוצחישע קלעפּ און די מאָרדן פאַר אַריינברענגען אַ ביסל עסן אין געטאָ, האָבן נישט אָפּגעשראָקן און נישט אָפּגעהאַלטן די ייִדן צו פאַרזעצן זייער געראַנגל פאַרן קיום. דאָס איז געווען אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט, וואָס די געטאָ־איינוווינער האָבן געפירט מיט די דייטשן און זייערע אָרטיקע מיטהעלפער. אין דעם דאָזיקן געראַנגל האָבן זיך באַטייליקט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — גרויס און קליין. ער איז געפירט געוואָרן סיי אין פרייען טייל פון שטאָט, סיי אין די דערפער פון דער סביבה און סיי ביי די טויערן פון געטאָ. דאָס איז געווען אַן אומאויפהערלעכער געראַנגל — אַ קייט פון העלדנטאַטן, וואָס איז נישט מעגלעך מיט ווערטער צו שילדערן. ס׳איז געווען אין דעם אָן אַ שיעור נשמה־דערהייבנקייט, האַרציקייט און אָפּפערווילִיקייט פון איין ייִד לגבי דעם צווייטן.

די קינדער אין געראַנגל

אַ גלענצענדיק קאַפּיטל אין דער עפּאָפּייע פונעם געראַנגל פאַר עקזיסטענץ, האָבן אַריינגעשריבן די קינדער אין געטאָ. יעדן פרימאָרגן פלעגן צענדליקער קינדער פּויזנדיק אַרונטערקריכן אונטער דעם געטאָ־צוים, באַוואָפנטע מיט זעק און רענצלעך. זיי פלעגן זיך פאַנאַנדערשיטן איבער די נאָענטע

געוואָלט גלויבן אין דער ריכטיקייט פון די גרויליכע קלאַנ־
גען. צום גרויסן באַדויערן אָבער האָבן זיך די דאָזיקע
קלאַנגען באַשטעטיקט, און די וואָס האָבן זיך נישט געשפּייזט
מיט פאַלשע האָפענונגען, זענען געבליבן שטיין דערשיטערט
אין אַנבליק פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

„דאָס איז געווען אין יענעם טאָג, ווען עס זענען געקו־
מען אין פינסקער געטאָ, די צופעליק ניצול־געוואָרענע יידן
פון סאַרנע — האָט דערציילט אַן עדות — און צווישן זיי,
צוויי פינסקער יידן: באַנקאָווסקי, דער אייגנטימער פון אייזן־
געוועלב, און איינער, אַ יונגער בחור, וואָס זיין נאָמען
געדענק איך נישט. זיי האָבן דערציילט, אַז די סאַרנער יידן
האָט מען צונויפגעקליבן הינטער דער שטאָט, אויף אַ פּלאַץ,
אַן אַרומגעצוימטן מיט שטעכל־דראָט. דאָרט האָט מען זיי
געהאַלטן עטלעכע טעג, ביז עס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן
אַהין אַלע יידן פון דער סביבה. מ'האָט זיי צוּוויסן געגעבן,
אַז פון דאָרט וועט מען זיי שיקן אין אַרבעטס־לאַגערן. נישט
געקוקט אויף די שטאַרק־הייסע זומערדיקע טעג, האָט מען
די יידן נישט געגעבן קיין טרונק וואַסער און קיין שום שפּייז.
די יידן האָבן געצאָלט מיט גאָלד־חפצים פאַר אַ גלאָז וואַסער
פאַר די קינדער און עופה'לעך, וועלכע האָבן געחלשט פון
דורשט.

ווען עס זענען אָנגעקומען מאַשינעס מיט דייטשן, האָט
מען צענדליקער יידן באַפוילן אַרויפשטייגן אויף זיי און אין
דער נאָענטער געגנט זיי דערשאָסן.

דערזעענדיק מיט גרויל, וואָס מ'טוט מיט די אָוועקגע־
פירטע יידן, האָבן אייניקע יונגטלעכע איבערגעשניטן דעם
שטעכל־דראָט פון צוים און גענומען אַנטלויפן. אַ שטראָם
פון מענטשן האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער עפענונג. אין דער
מוראדיקער בהלה, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט מער צע־
טראָטן פרויען און קינדער, און די „גליקלעכע", וועמען ס'איז
געלונגען צו אַנטלויפן, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די
דייטשן. בלויז געציילטע זענען ניצול געוואָרן, און צווישן
זיי, די פליטים, וואָס זענען געקומען קיין פינסק, ווען זיי
האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָ לעבט נאָך אַן עדה יידן".

עס האָבן אויך דערגרייכט קלאַנגען וועגן דער פאַר־
ניכטונג פון די יידן אין בריסק, חוץ אייניקע פאַכלייט, וואָס
מ'האָט איבערגעלאָזט. די דראָהיטשענער יידן זענען אומגע־
בראַכט געוואָרן דעם 25־טן יולי 1942. וועגן דעם ביטערן סוף
פון די יידן אין יאַנעווע, וואָס געפינט זיך בלויז אויף אַ
מרחק פון 25 קילאָמעטער פון פינסק, זענען אָנגעקומען
אויפטרייסלענדיקע ידיעות. די דאָרטיקע יידן, וויסנדיק, וואָס
זיי דערוואַרט, האָבן באַצייטנס צוגעגרייט באַהעלטענישן און
בונקערס אין די הייפן און גערטנער, הינטער די הייזער,
און האָבן אויסגעגראָבן אונטערערדישע דורכגענג פון איין
גאַס אין דער צווייטער, כדי צו קאָנען זיך באַהאַלטן און
אַנטלויפן, ווען דאָס וועט נויטיק זיין. די דייטשן האָבן אונ־
טערגעצונדן די הייזער און דער שטיקנדיקער רויך האָט
געצוואונגען די יידן צו פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן און
אַנטלויפן. די גרעסטע טייל פון זיי איז לויפנדיק דערשאָסן
געוואָרן. פון די 80 יידן, פאַכלייט, וואָס די דייטשן האָבן
איבערגעלאָזט ביים לעבן, איז אַ קליינע צאָל אַנטלאָפן אין די
וועלדער, און די רעשט איז אין אַ קורצער צייט אַרום דער־
שאָסן געוואָרן דורך די דייטשישע אויסוואָרפן.

ערב יום־כיפור זענען געקומען קיין פינסק פליטים, ניצל־
געוואָרענע פון דער שחיטה אין פּאָהאָסט־זאַגאַראָדסקי. אינעם
גרויסן בנין פון דער קיך פאַר נויטבאַדערפטיקע, ווו מ'האָט
יום־כיפור געדאַווענט, האָבן די פּאָהאָסטער יידן זיך באַגיסנדיק
מיט טרערן, דערציילט וועגן דעם חורבן און פאַרניכטונג פון
זייער קהילה, וואָס איז פאָרגעקומען ראש־חודש אלול (אינ־
מיטן אויגוסט).

די ידיעה וועגן דער פאַרניכטונג פון די צוויי יידישע
קהילות, די נאָענסטע צו פינסק (פון צוויי באַזונדערע זייטן),
איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר די פינסקער יידן. לויט אַלע
באַווייזן, איז דער פינסקער געטאָ איצט געבליבן דער לעצ־
טער אין גאַנץ פּאָלעסיער קאַנט.

זעלטענע, אָבער בולטע קלאַנגען זענען דערגאַנגען קיין
פינסק וועגן אַן אויפשטאַנד פון די יידן אין שטעטל לאַכווע,
וועלכע האָבן אפילו באַוויזן אומצוברענגען עטלעכע דייטשן
(די ליקווידאַציע פון לאַכוועער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם
2־טן און 3־טן סעפּטעמבער). אַ באַשטעטיקונג פון די לאַכ־
וועער יידן, האָט געגעבן ער אַליין, דער פאַרטרעטער פונעם
קרייז־קאָמיסאַר, עבנער, וועלכער האָט זיך באַרימט פאַר די
מיטגלידער פון יודנראַט, אַז ער האָט אַלס שטראָף פאַרן
אויפשטאַנד, פולשטענדיק פאַרניכטעט אַלע יידן פון לאַכווע
און דער סביבה.

עס איז אַנטשטאַנען דאָס געפיל, אַז די שטריק אויפן
האַלדז פון די פינסקער יידן, פאַרציט זיך אַלס שטייפער
און שטייפער. ביי זייער פיל פון זיי איז אויסגעלאָשן געוואָרן
יעדער פונק פון האָפענונג. דער כסדרדיקער קאַמף און גע־
ראַנגל פאַרן לעבן האָט אויסגעשעפּט זייערע כוחות ביזן סוף.
פונדעסטוועגן איז נאָך געווען אַ גרויסע טייל מענטשן, וואָס
האָבן זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון יאוש און האָבן געזוכט
אַ וועג פון רעטונג.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די „אַקציע" וועט
דויערן עטלעכע טעג און ווער עס וועט אין יענע טעג נישט
אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים, וועט בלייבן לעבן.

דעריבער האָבן אַ סך מענטשן אָנגעהויבן גראָבן באַ־
העלטענישן — אונטער די הייזער, שטאַלן, אין גערטנער
און הויפן. מ'האָט זיך גענומען בויען טאָפּל־ווענטלעך, טאָפּל־
סופיטן און פאָדלאָגעס. מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך
קינסטלערישקייט און איינפאַל ביים בויען די באַהעלטענישן.
מ'האָט געגראָבן בייטאָג און ביינאַכט, אַן איבעררייס, גלוי־
בנדיק, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג פון רעטונג.

דער קרייז־קאָמיסאַר, צו וועמען עס זענען דערגאַנגען
קלאַנגען וועגן דעם, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע
געטאָ־איינוווינער דאַרפן צושטעלן אין קרייז־קאָמיסאַריאַט
אַלע לאָפּאַטעס, גראַב־אייזנס, „קאָפּאַטשקעס" און העק,
וואָס געפינען זיך אין זייער באַזיץ, כדי אויסצומיידן די
„אומאַנגענעמלעכקייטן" וואָס די יאַנעוועער יידן האָבן פאַר־
שאַפט די דייטשן בעת דער ליקווידאַציע פון יאַנעוועער געטאָ.

ווּסט געוואָרן דער טרויעריקער אמת: די קראַנקע זענען דערשאָסן געוואָרן אין דער געגנט פון דאָרף קאָזליאַקאָוויטש.

כדי צו באַרויקן אַ ביסל די אויפגעברויזטע געמיטער, נאָך דעם דאָזיקן „טאַט", זענען נאָכאַמאָל געקומען אין געטאָ עבנער און ד"ר דילעווסקי און האָבן פאַרזיכערט, אַז מער קיין קראַנקע וועלן נישט אַרויסגעפירט ווערן.

אַ צווייטער עדות — אַ פרוי — האָט איבערגעגעבן, אַז די פסיכיאַטאָרין, ד"ר יאָז, אַן אַנטלאָפענע פון וואַרשע, זי שטאַמט פון דער באַוווּסטער משפחה דאַווידסאָן, איז געווען די, וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט די אויבנדערמאָנטע קראַנקע, מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. נאָך דער בלוטיקער געשעעניש האָט זי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די טראַגעדיע פון אירע קראַנקע און איז צומאָרגנס נאָך דעם גרויליקן פאַל, באַגאַנגען זעלבסמאָרד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין געטאָ באַוויזן דער משוגענער וועלכן מ'האָט גערופן: „נחומקע טעפּעלע שמאַלץ". „ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?" — האָט מען אים געפרעגט. „איך בין אַנטלאָפן — האָט ער געענטפערט — ווי אַזוי קאָן עקזיסטירן אַ יידישע קהילה אָן איין משוגענעם?"...

די צעטיילונג אויף צוויי געטאָס

בעתן באַזוך פון עבנערן און ד"ר דילעווסקי אין געטאָ, האָבן זיי באַפוילן צו צעוואַרפן אַלע פּלויטן, אויסער די, וואָס זענען נישט העכער פון 80 צענטימעטער. „דאָס איז בויטיק — האָבן זיי דערקלערט, אַז די שומרים זאָלן בעסער קאָנען זען דעם גאַנצן געטאָ־שטח".

אין יענע טעג איז געגעבן געוואָרן אַן אָנווייזונג די פאַכלייט אין געטאָ: אָנצוצייכענען אויף די צוויי געלע לאַטעס דעם נאָמען פון אַרבעטס־פּלאַץ און דעם נומער, וואָס יעדער אַרבעטער האָט געהאַט אויף זיין אַרבעטס־אָרט.

„די קריסטלעכע אַרבעטס־אָנפירער — האָט דערציילט אין זיינע עדות־דערקלערונגען אַ דרוקער־אַרבעטער — זענען געקומען אין דער דרוקעריי, ווו מיר זענען געווען באַשעפטיקט, און האָבן געבראַכט די געלע לאַטעס פון זייערע אַרבעטער, אויף וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אָפּדרוקן די נעמען פון די אַרבעטס־ערטער. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער אינזשינער פרידמאַן איז געבראַכט געוואָרן אין דער זשאַנדאַרמעריע, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט אים באַפוילן צוצוגרייטן אַ רשימה פון די אַרבעטנדיקע יידן אין געטאָ. מ'האָט דערלויבט צו ברענגען אים עסן און מ'האָט דערמעגלעכט די מיטגלידער פון יודנראַט צו טרעפן זיך מיט אים.

עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז מ'וועט דעם געטאָ צעטיילן אויף צוויי: A און B. אין ערשטן געטאָ וועלן אַריבערגעפירט ווערן די פאַכלייט און די אַרבעטער באַשעפטיקטע אין אַרבעטס־וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אין צווייטן, דאָקעגן, וועלן זיך געפינען די אַלטע לייט, קינדער און קראַנקע. דאָס הייסט: די אַלע וואָס זענען נישט פעאיק צו קיין אַרבעט. די געטאָ־איינוווינער האָבן די זאַך אויסגעטייטשט פשוט: די אַרבעטנדיקע וועלן בלייבן לעבן און די איבעריקע וועלן פאַרניכטעט ווערן.

די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט, זענען געלאָפן אין בהלה זיך צו רעגיסטרירן אין וועלכן עס איז אַרבעטס־אָרט. די קריסטלעכע אַרבעטס־פאַרוואַלטער האָבן דאַן געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן דערפון, ווייל פאַר איינשרייבן אַ ייד אין אַן אַרבעטס־אָרט האָבן זיי גענומען גרויסע סומעס געלט. זיי פלעגן זיך ווענדן צום דייטשישן אינזשינער, זיג, וואָס איז געווען דער ממונה איבער דער אַרבעטס־פאַרטיילונג אינעם דייטשישן קרייז־קאָמיסאַריאַט, און מעלדן אים, אַז זיי נויטיקן זיך אין צוגאָבלעכע אַרבעטער און פאַכלייט, און דאַן האָבן טאַקע נאָך אַ סך אַרבעטער געקריגן באַשעפטיקונג אויסערן געטאָ.

עס זענען דאַן אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז בלויז צען טויזנט יידישע אַרבעטער וועט מען לאָזן לעבן. די איבעריקע וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אין לאַגערן. יידן האָבן אָבער געטרייסט זיך, אַז צו פינסק וועט די גזירה נישט דערגיין, ווייל פינסק איז אַן אַרבעטס־שטאָט. אירע פאַבריקן זענען לעבנס־וויכטיק פאַר דעם דייטשישן מלחמה־כוח, ווי למשל, די דיקטל־פאַבריקן, טאַרטאַקן, גאַרבערייען, שיף־פאַבריקן א. אנד.

ווען עס זענען דערגאַנגען קיין פינסק די ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון די יידן אין די שטעטלעך פון דער סביבה, האָבן נישט געקאָנט מער די מיטגלידער פון יודנראַט ביישטיין דעם דרוק פון די מאַסן געטאָ־איינוווינער און זיי זענען אַוועק צום קאָמיסאַר, אים דערציילט וועגן די ידיעות, וועלכע זענען דערגאַנגען אין פינסקער געטאָ און געבעטן אַ דערקלערונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע. דער קאָמיסאַר האָט זיך נישט געשעמט מודה צו זיין, אַז די זאַך שטימט. אָבער — האָט ער צוגעגעבן — מיר האָבן נישט בדעה זיי אומצוברענגען, נאָר אויסצוקלייבן פון זיי די יונגע און אַוועקשיקן זיי קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, און די זקנים — אין אַרבעטס־לאַגערן. אָבער — וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צו זיי? אייך וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס. כמעט אַלע פינסקער יידן זענען פאַכלייט און אַלע אַרבעטן פלייסיק. פינסק איז אַן אינדוסטריע־שטאָט און מיר וועלן נאָך ברענגען אַהער אויך יידן פון דער סביבה, ווייל עס פעלן אונדז אויס אַרבעטס־כוחות. איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן. אייך וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס".

זיין ענטפער האָט די געמיטער נישט באַרויקט.

ליקווידאַציע פון די יידן אין דער סביבה

נישט געקוקט דערויף, וואָס די דייטשן האָבן נישט דערלויבט די קריסטן פון דער אַרומיקער געגנט צו קומען אין שטאָט אַריין, כדי זיי זאָלן נישט דערציילן, וואָס זיי ווייסן, וועגן דער שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט איבער די יידן אין דער סביבה — איז אָבער אוממעגלעך געווען צו פאַרמיידן דיי פאַרשפּרייטונג פון ידיעות, וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון פּאָלעסיע און וואָלין. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן פשוט נישט

וועגן דער עקזיסטענץ פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין פינסקער געטאָ.

דער ערשטער, אַן עד־ראייה, און אַקטיווער אנטיילנעמער אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג, דערציילט:

„דאָס געפיל, אַז די שטריק ווערט אַלץ שטייפער פאַרצויגן אַרום אונדזערע העלדזער, איז פאַרשאַרפט געוואָרן מיט די ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין דער סביבה.

אַלס רעאַקציע אויף דעם שווערן מצב, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער גרויסער סכנה, וואָס האָט באַדראָט אונדזער לעבן, איז אַנטשטאַנען די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס פּלאַן און אויפגאַבע איז געווען: אין אַנשטיידנדיקן מאָמענט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן, כדי דורך דעם, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן, עפענען אַ וועג פון רעטונג, פאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל יידן, וועמען עס וועט אין דער מהומה געלינגען צו אַנטלויפן. מיר האָבן געוואָלט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די לאַכווער יידן.

די ווידערשטאַנד־גרופּע, אין דער אַלגעמיינער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער איך האָב געהערט, איז באַשטאַנען פון צוויי אַרבעטער פון לוריעס דיקטן־פאַבריק. איך, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ גאַרבעריי; מיט אונדז זענען אויך געווען אין קאָנטאַקט צוויי מיטגלידער פון יודנראַט: דער אינזשינער טענענבוים (דער איידעם פון זעליק קאָטאָוו), ניימאַן (פון די שיף־אייגנטימערס), ווי אויך דער קאָמאַנדיר פון דער יידישער פּאָליציי — גאָלדבערג. מיר האָבן אָנגעהויבן אין געהיים מאָביליזירן און אַריינציען נאָך חברים אין דער אָרגאַניזאַציע, און באַזאָרגן זיך מיט געווער. אונדז איז געלונגען צו קויפן ביי פּאָליאַקן עטלעכע רעוואָלווערן, וועלכע מיר האָבן באַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער, אויסערן געטאָ. איך האָב באַהאַלטן געווער אין קאַפּלאַנס גאָרטן.

בעת אונדזערע געהיימע באַגעגענישן זענען באַהאַנדלט געוואָרן אייניקע פאָרשלאַגן וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן אונטערצוצינדן אין דער צייט פון דער אַרבעט די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אין וועלכער מיר זענען געווען באַשעפטיקט, אין איין און דער זעלבער צייט, לויט אַן אָפּגערעדטן צייכן, אויסנוצן די מהומה, וואָס וועט דאַן אַנטשטיין, און אַנטלויפן. אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט צו דערהרגענען דעם דייטשישן קאָמיסאַר, און געווען אַזעלכע, וואָס זייער עיקר־ציל איז געווען: אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן און פאַראייניקונג מיט די פּאַרטיזאַנער־מחנות.

צום סוף איז מען געקומען צו אַן אַלגעמיינעם הסכם, וועגן אונטערצינדן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין אַנטשיידענעם מאָמענט, די שטאָט. אין אַלע אַרבעטס־פּלעצער, וווּ עס זענען געווען באַשעפטיקט יידן, האָט מען צוגעשטעלט צינדמאַטעריאַלן, ווי: שוועבעלעך, נאַפט, שמאַטעס. אויף יעדן אַרבעטס־פּלאַץ איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, וועלכער דאַרף אויספירן די דאָזיקע אויפגאַבע, אין הסכם מיטן באַפעל, וואָס וועט געגעבן ווערן דורך אַ ספּעציעלן פּאַראָל.

דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם, וואָס איז געבליבן אָן אַ לייזונג, און וועגן וואָס מיר האָבן כסדר דיסקוסירט, געטראַכט, זיך געוואַקלט און נישט געקאָנט אָננעמען קיין פעסטן באַשלוס אויף אַלע אונדזערע זיצונגען, דאָס איז געווען די פראַגע: ווען זאָל געגעבן ווערן דער צייכן צו אָנהויבן דעם אויפשטאַנד? מיר האָבן געוווסט, אַז, ווי יעדער ווידערשטאַנד, וועט אויך אונדזערער, זיך ענדיקן מיט אַ בלוטיקער נקמה פון די דייטשן אין דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, און וועט דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון אַלע פינסקער יידן. צוליב דעם האָבן מיר צונויפגעזאַמלט אַלע מעגלעכע ידיעות, ביי דער מיטהילף פון יודנראַט און קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, וועגן די פאָרשטייענדיקע פרישע גזירות און פאַרניכטונגס־פּלענער פון די דייטשן לגבי דעם געטאָ, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנהויבן אונדזער טעטיקייט אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט, פאַר דער לעצטער „אַקציע". מיר האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער טאַט, מיט וועלכער מיר האָבן געקאָנט גורם זיין די פאַרניכטונג פון פיל טויזנטער יידן. אַ צו איילקער, נישט־באַרעכנטער שריט האָט געקאָנט זיין זייער געפערלעך.

די מיטגלידער פון יודנראַט, צו וועלכע עס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן דער אנטשטייאונג פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, האָבן אונדז געוואָרנט קעגן אומבאַרעכנטע שריט און אומפאַראַנטוואָרטלעכע טאַטן, וועלכע האָבן ווי שוין אויבן געזאָגט. געקאָנט שטעלן אין סכנה די פיזישע עקזיסטענץ פון די יידן אין געטאָ. זיי האָבן אויך געפּרוווט ווירקן אויף אונדז, עס זאָלן נישט געמאַכט ווערן קיין פּרוון פון אַנטלויפן, נאָך דעם, ווי אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָט געאַרבעט אין איינעם פון די וואַרשטאַטן, אויסערן געטאָ, האָט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין איינעם אַ טאָג זיך נישט צוריקגעקערט פון דער אַרבעט אין געטאָ אַריין. די מיטגלידער פון יודנראַט זענען אַוועק צו די משפחות פון די דאָזיקע יוגנטלעכע און זיי געוואָרנט, אַז דער יודנראַט וו'עט געצוווּנגען זיין איבערצוגעבן די משפחה־מיטגלידער אין די הענט פון די דייטשן, אויפן אָרט פון די פאַרשוווּנדענע יוגנטלעכע, אויב זיי וועלן נישט אָננעמען קיין תיכפדיקע שריט און מיטלען, כדי צוריקקערן זייערע אַנטלאָפענע קינדער אין געטאָ אַריין.

און ווירקלעך — אַ דאַנק דעם דרוק פונעם יודנראַט אויף די משפחות, ווי אויך, מסתם, צוליב די שוועריקייטן צו פאַרבינדן זיך מיט פּאַרטיזאַנער, האָבן די יוגנטלעכע זיך צוריקגעקערט צו זייערע משפחות אין געטאָ, נאָך צוויי טעג אַרומבלאָנקען הינטער דער שטאָט.

דעם 2־טן אָקטאָבער 1942, האָבן זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אויפן פּלי־פּלאַץ אין דאָבראָוואָליע גראָבט מען לאַנגע, טיפע ראָוון, און ביי דעם זענען באַשעפטיקט בלויז קריסטן פון דער סביבה, אונטער דער אויפזיכט פון אַ דייטשישן אינזשינער. ס'איז אויך באַוווסט געוואָרן, אַז מ'האָט געבראַכט אַהין אַ וואַגאָן מיט קאַלך און אייזערנע רערן פאַר וואַסער־באַזאָרגונג.

די דאָזיקע ידיעות האָבן גורם געווען צו אַ גרויסער פּאַניק און בהלה אין געטאָ, וואָס אירע אָפּקלאַנגען האָבן דער־

קאַפּיטל פינף

דערשיינונגען פון ווידערשטאנד אין פינסקער געטא

די גראָבונגען און דאָס צוגרייטן באַהעלטענישן אין געטאָ, איז געווען אַ נייע פאָרם פון קעגנשטעלן זיך די דייטשישע אויסוואורפן, ווייל אויך פריער זענען שוין געווען צו מערקן נישט ווייניק דערשיינונגען פון ווידערשטאַנד און העלדישקייטאַקטן פון די יידן לגבי זייערע רוצחים.

יעדעס שטיקל פעטס, וואָס איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן דורך די געטאָ־טויערן, אָדער אונטער די געטאָ־צוימען, דורך סכנות־נפשות; יעדעס לעבל ברויט, אָדער ביסל קאַרטאָפל, וואָס אַ יידיש קינד האָט געבראַכט פון אַ נאָענטן דאָרף און עס אַדורכגעשמוגלט דורכן צוים פון שטעכל־דראָט; יעדער קילאָ גרויפּן, פאַר וועלכן מ׳האָט באַצאָלט מיט אַ ווערטזאַך און עס אַריינגעבערענגט אין אויסגעהונגערטן געטאָ — אָט די אַלע דערשיינונגען אָדער ענלעכע צו זיי, זענען געווען אַקטן פון ווידערשטאַנד לגבי די טייוולשע פּלענער פון נאַצישן שונא — אויסצוועגדיקן די יידן דורך הונגער און מגיפות.

די שוידערלעכע בלוט־אָפּצאַפּונגען פון די צוויי „אַקציעס" אין אויגוסט 1941 יאָר, האָבן כמעט נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין אַנדערע יידישע קהילות, אין דעם ערשטן חודש פון דער דייטשישער אָקופּאַציע (עס איז באַוווסט וועגן פּאָגראָמען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן איבער די ביאַליסטאָקער יידן אין די ערשטע טעג פון דער דייטשישער הערשאַפט אין שטאָט: דעם 27־טן יוני און 3־טן יולי 1941. אָבער דאָס איז נישט געווען פון אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזאַ צאָל קרבנות, ווי אין פּינסק). אין די צוויי אויגוסט־שחיטות פון יאָר 1941 איז אונטערגעשניטן און אָפּגעהאַקט געוואָרן דער זאַפטיקסטער און קרעפטיקסטער צווייג פון די פּינסקער יידן: ס׳איז פאַרניכטעט געוואָרן די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער מענלעכער באַפעלקערונג; ס׳זענען אומגעבראַכט געוואָרן: די בליענדיקע, אַקטיווע יוגנט, די ווידערשטאַנדספעיקע קרעפטיקע מענער — אין עלטער פון 16 ביז 60 יאָר.

נישט געקוקט אָבער אויפן יאוש און מאַכטלאָזיקייט, וואָס האָבן באַהערשט און דערדריקט די יידישע באַפעלקערונג, נאָך די דאָזיקע שחיטות, זענען דאָך געווען ספּאָנטאַנע פּרוון פון ווידערשטאַנד, און אין משך פון דער צייט — אפילו פּרוון צו אָרגאַניזירן אַ פּלאַנירטן ווידערשטאַנד פון ברייטערן פאַרנעם.

אַן עדות דערציילט: „דאָנערשטיק, דעם 7־טן אויגוסט 1941, צוויי טעג נאָך דער גרויליקער שחיטה איבער די 8000 מענער, זענען פאָרגעקומען גרינטלעכע זוכונגען אין שטאָט, צו געפינען באַהאַלטענע מענער — יידן, און דאַן האָט אין איינער אַ גאַס אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אָנגעטראָפן דעם בחור הערשל ליעווין (דער זון פון ניאַכע), פון דער משפחה פון די טאַרטאַק־אייגנטימער. הערשל איז אַנטלאָפן. דער פּאָליציאַנט האָט אים נאָכגעשאָסן און פאַרוווּנדעט אין האַלדז. ער איז געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ. ווען דער פּאָליציאַנט איז צר־
געגאַנגען צו אים און געזען, אַז ער לעבט נאָך, האָט ער אָנגעלאָדן די ביקס, כדי אויסצושיסן צו אים נאָכאַמאָל. דאַן איז הערשל בליץ־שנעל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, צוגעלאָפן צו אַ נאָענטן פּלויט, אַרויסגעריסן אַ ברעט און דערמיט אַ זעץ געטאָן דעם פּאָליציאַנט איבער דער האַנט. די ביקס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם רוצח׳ס האַנט. אין דער זעלבער רגע איז דער בחור אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און איז נעלם געוואָרן פון פּאָליציאַנטס אויגן". דער דאָזיקער דרייסטער פאַל פון קעגנשטעלן זיך, איז דער איינציקער וואָס איז אונדז באַוווסט, ביז דער אַנטשטייאונג פון געטאָ.

אין געטאָ גופא זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד — כדי צו קאָנען נקמה נעמען אין די רוצחים און צו געפינען אַ וועג פון רעטונג. געשען איז עס אין די לעצטע פאָר חדשים פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

דער זעלבער עדות דערציילט ווייטער פאָלגענדעס: „ווען מ׳האָט אין געטאָ אָנגעהויבן גראָבן די בונקערס און באַהאַלטענישן, האָט זיך ביי אַ טייל געטאָ־איינוווינער דערוועקט דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן אין די וועלדער, געפינען פאַרטיזאַנער און זיך פאַראייניקן מיט זיי.

ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע פון אַ 50 מענטשן בערך. אין שפּיץ פון דער גרופּע זענען געשטאַנען: דער אויבנדערמאָנטער הערשל ליעווין, שייקע קאָלאָדני, דער הינקענדיקער ליאָלעק סלוצקי, נאָך איינער מיטן נאָמען הערשל ליעווין (פון אַן אַנדער משפּחה), נח וויינער (ווינער?) און איך. מיר האָבן זיך איינגעשאַפן אייניקע ביקסן, אַ האַלבן אויטאָמאַט, עטלעכע רעוואָלווערן און צוויי האַנט־גראַנאַטן. דאָס געווער האָבן מיר באַהאַלטן אין קאַפּלאַנס גערטנער, וואָס זייער שומר איז געווען אַ ייד.

ווען די זאַך איז באַוווסט געוואָרן די מיטגלידער פון יודנראַט, האָבן זיי אונדז געבעטן, מיר זאָלן זיך דערווייל אָפּהאַלטן פון אַרויסגיין אין וואַלד, ווייל דאָס קאָן ברענגען פיל שאָדן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, און קודם־כל טאַקע — די משפּחות פון יענע, וואָס וועלן פאַרשווינדן פון געטאָ. די דייטשן קאָנען זיי אַרעסטירן און האַלטן אַלס ערבניקעס פאַר די אַנטלאָפענע. די דאָזיקע מאָטיוון האָבן געווירקט און דאָס אַרויסגיין אין וואַלד איז אָפּגעלייגט געוואָרן פון טאָג צו טאָג".

די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין אירע וואַקלענישן

אין דער זעלבער צייט זענען אויך געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוון צו אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס אויפגאַבע עס האָט געזאָלט זיין: אַרויסצורופן אומרועז און שטעלן אַ ווידערשטאַנד — אין טאָג, ווען עס וועט זיך אָנהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ, און אַזוי אַרום העלפן די יידן צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען.

דאָס עדות זאָגן פון צוויי פּערזאָן אין באַזונדערע תקר־פות (אין 1955 י. און אין 1962 י.), און אין באַזונדערע ערטער (איינער אין ניו־יאָרק און דער צווייטער — אין תל־אביב), האָבן אויפן זעלבן אופן באַשטעטיקט דעם פאַקט —

שלאָסן אונטערצוצינדן די שטאָט פון אַלע זייטן, אין מאָמענט, ווען די דייטשן וועלן אָנהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ.

פאַר דעם דאָזיקן ציל איז די שטאָט איינגעטיילט געוואָרן אין ראַיאָנען. פאַר יעדן ראַיאָן איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו פאַרבלייבן נאָך דער אַרבעט אין איינס פון די ליידיקע הייזער אין זייער ראַיאָן און זיך נישט צוריקקערן אין געטאָ. אין יענעם הויז זענען צוגעגרייט געוואָרן פלעשער נאַפט און בענזין, קנויטן שמאַטעס און שוועבעלעך. די זאַך איז אָרגאַניזירט געוואָרן שטרענג געהיים, און דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט דורכפירן, איז געווען דורכגעטראַכט ביזן מינדסטן פּרט. דער ציל פונעם דאָזיקן פּלאַן איז געווען: אונטערצינדן די שטאָט אין אַלע עקן און אין דער מהומה און צוטומלעניש, וואָס וועט אַנטשטיין צווישן די דייטשן בעת דער שריפה, זאָלן די יידן זיך דורכרייסן דורכן רינג פון די דייטשישע וואַך־לייט אַרום געטאָ, און אַנטלויפן.

אָבער אויך דער דאָזיקער פּלאַן איז דורכגעפאַלן, צוליב די באַרואיקונגס־קלאַנגען, וואָס די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט דורכן יודנראַט".

אַזוי איז צוגענומען געוואָרן די לעצטע מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון ווידערשטאַנד, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין שטאָט. די דייטשן איז געלונגען אָפּצונאַרן און פאַרבלענדן די יידן יאָן געטאָ, ממש ביז דער לעצטער מינוט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע, די פאַרניכטונג פון איינער פון די עלטסטע און שענסטע יידישע קהילות אין אייראָפּע.

פונדעסטוועגן זענען אין סאַמע גאַנג פון דער לעצטער „אַקציע", געווען עטלעכע פּרוּוון פון אַנטלויפן און קעגנשטעלן זיך.

אַן עד־ראייה דערציילט:

„אין דער רגע, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט, און אַלע האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָס איז דער סוף, האָבן עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע זיך געוואָרפן דורכצורייסן דעם געטאָ־צוים און אַנטלויפן. די פאַרמאַסקירטע דייטשישע קוילנוואַרפער האָבן זיי תיכף פון אַ באַהעלטעניש באַהאָגלט מיט קוילן און אויסגעקאָסיעט, ווי זאנגען.

דאָס שטורעמען דעם געטאָ־צוים אין פאַרשידענע ערטער, האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל, איז די יוגנט געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צענדליקער הרוגים".

אַ באַשטעטיקונג פאַר די דאָזיקע פאַרצווייפלטע פּרוּוון, געפינען מיר אין דעם באַריכט וועגן דער „אַקציע", געשריבן דורך דעם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרניכטונג פון די פּינסקער יידן (וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער), און וועלכער ווייזט אָן אויף „דער גרויסער נוצלעכקייט פון אָנווענדן רייטער בעת דעם ליקווידאַציע־אַקט: ווען 150 יידן האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן, זענען זיי געכאַפּט געוואָרן, כאָטש אַ טייל פון זיי איז שוין געלונגען זיך צו דערווייטערן עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט".

אין זעלבן באַריכט ווערט איבערגעגעבן וועגן איינעם אַ ייד, וועלכער האָט זיך מיט ליידיקע הענט, און פאַר די אויגן פון הונדערטער רוצחים אַרום, אָנגעגריפן אַ דייטשישן רייטער און אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט די ביקס און דעם שטעקן. אָבער נאָך איידער דעם ייד איז געלונגען צו לאָזן אין גאַנג דאָס געווער, איז ער דערהרגעט געוואָרן דורך די אַרומיקע דייטשן, וועלכע זענען תיכף געקומען צו הילף זייער חבר, דעם באַפאַלענעם רייטער. אין זעלבן באַריכט ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז „אַן אַ צאָל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין גוט־פאַרמאַסקירטע בונקערס".

די דאָזיקע לעצטע פאַרצווייפלטע פּרוּוון פון אונדזערע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן העלדישקייט, שטייענדיק פּנים אל פּנים קעגן דעם גרויזאַמען בלוט־דורשטיקן שונא, פאַרשאַפן פיל כבוד און רום זייער נאָמען און הייליקן אָנדענק! כאָטש בלויז געציילטע פון די פּינסקער יידן זענען זוכה געווען צו קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן די דייטשישע אויסוואורפן און אויספירן נקמה־אַקטן אין די מערדער פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע. דאָס זענען די פאַרטיזאַנער און אנטיילנעמער אין באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־אַקטן אין פאַרשידענע ערטער, נישט בלויז אין פּינסקער געגנט. זיי וועלן מיר ווייטער ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

קאַפּיטל זעקס

די ליקווידאַציע פון פּינסקער געטאָ

באַרואיקנדיקע קלאַנגען

מיטוואָך — דעם 29־טן אָקטאָבער 1942 — איז געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק־רואיקער טאָג. די זוכונגען נעבן די געטאָ־טויערן, ביי די יידן — צוריקגעקומענע פון דער אַרבעט אין שטאָט — זענען געווען בלויז אויבנאויפיקע, נישט קיין

אָבער פאַרבליבן אַ הינקענדיקער. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיין לאַגע אַלס אינוואַליד, און כדי צו ווייזן, אַז ער איז עס נישט, פלעגט ער פאָרן אויף אַ ראָווער פון פּינסק קיין וואַרשע און צוריק. צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג פלעגט ער זיך וואַרפן אין טייך און שווימען גרויסע שטרעקעס, מיט זיין קראַנקן פאַרבאַנדזשירטן פוס.

ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין די כלומרשטע באַשטימונגען פון בלינדן גורל, נאָר אין כוח פון מענטש, וועלכער קאָן זיך אַליין אָנצייכענען, באַשטימען און אויספלאַסטערן אַ וועג אין לעבן. ער האָט פאַרמאָגט אַ טיף־נאַציאָנאַל געפיל און פלעגט שאַרף רעאַגירן, ווען דער ייד אין אים איז געווען געטראָפן אָדער באַליידיקט.

אַ ברייט־פּלייציקער, אַ פעסט־געבויטער און אַ שיינער, מיט אַ שאַרפן קלוגן קאָפּ, איז ער באַליבט און געשעצט געווען ביי זיינע חברים, ווי ביי דער יוגנט אין שטאָט בכלל. איז דעריבער זייער נאַטירלעך, וואָס ליאָליעק איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַלס איינער פון די אַקטיוויסטע אָנפירער פון דער קאַמפּס־גרייטער יוגנט אין געטאָ און אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט דער טיכטיקסטער טייל פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג".

גרייכט אויך צו עבנערן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איינגעלאַדן צו זיך מינסקין אין באַגלייטונג פון נאָך אַ מיטגליד פון יודנראַט, און האָט זיי דערקלערט, אַז די ראָוון, וואָס מ׳גראָבט אויפן פלי־פלאַץ, זענען באַסיינען צו האַלטן ברען־שטאָף. די רערן זענען נויטיק אויף אַריבערצוגיסן דעם ברען־שטאָף פון די מאַשינעס אין די באַסיינען אַריין. דאָס ווערט געטאָן דערפאַר, ווייל מ׳האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם פלי־פלאַץ אין זשאַבטשיץ און אַריבערפירן אים קיין דאָבראָוואָליע. באַרויִקנדיק די געמיטער האָט עבנער גלייכצייטיק געוואָרנט קעגן פרוון פון אַנטלויפן און פון ווידערשטאַנד.

כדי צו באַפעסטיקן זיינע רייד, האָט ער, אין דער קעגנוואַרט פון די צוויי פאָרשטייער פון יודנראַט, אָנגעקלונגען צו דעם דייטשישן אינזשינער פון פלי־פעלד אין דאָבראָוואָליע און געפרעגט אים וועגן דער באַדייטונג פון די ראָוון, וועלכע מ׳גראָבט דאָרט. זיין ענטפער דורכן טעלעפאָן האָבן געהערט אויך די אַנוועזנדיקע מיטגלידער פון יודנראַט, און זיינע ווערטער האָבן באַשטעטיקט די דערקלערונג פון עבנערן.

— איך פאַרזיכער אייך און גיב אייך מיין דייטשישן ערןוואָרט — האָט עבנער דערקלערט די פאָרשטייער פון יודנראַט — אַז די יידן אין פינסק וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס, ווייל זיי אַרבעטן פאַרן דייטשישן מלחמה־כוח. און, ווי נאָך אַ באַווייז פון זיין גוטן ווילן, האָט עבנער צוגעזאָגט: אָפּצושטעלן די זוכונגען און רעוויזיעס ביי די געטאָ־טויערן און פאַרגרעסערן די ברויט־נאָרמע פון די אַרבעטנדיקע. גלייכצייטיק האָט ער איבערגעגעבן נאָך אַ גוטע בשורה, אַז דעם געטאָ איז צוגעטיילט געוואָרן נאָך אַ שטיק פעלד צו האָדעווען גרינסן.

די צוויי פאָרשטייער פון יודנראַט האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ און תיכף גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע געטאָ־איינוווינער, אויף וועלכער זיי האָבן איבערגעגעבן די באַרויִקנדיקע „נייעס". אונדזער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע איז באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַראַטונג. אַ טייל האָט געטענהט, אַז מ׳קאָן נישט האָבן קיין צוטרוי צו די הבטחות פון די דייטשן און זיי האָבן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל גלייך אָנהויבן אַקטן פון ווידערשטאַנד. אָבער די גרעסטע טייל אָנוועזנדיקע, וואָס זענען באַווירקט געוועזן פון די באַרויִקונגס־רייד פון עבנערן, האָבן פאָרגעלייגט, אַז מ׳זאָל דערווייל נישט אָננעמען קיין שום שריט און צוואַרטן עטלעכע טעג. ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן.

צומאָרגנס זענען אין געטאָ פאַרשפרייט געוואָרן קלאַנגען — קענטיק דורך די דייטשן גופא — אַז לויט די רשימות פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע זענען צוגעגרייט געוואָרן דורכן אינזשינער פרידמאַן, וועלן אַרויסגעפירט ווערן פון געטאָ אַ דריי אָדער פיר טויזנט יידן, וואָס אַרבעטן נישט, אַלע איבעריקע וועלן פאַרבלייבן אויפן אָרט.

די דאָזיקע ידיעות האָבן געשטאַרקט די שטעלונג פון יענע מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט די מיינונג פון דער גרופּע, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַלדיקע האַנדלונג. זיי האָבן געזאָגט: מיר האָבן נישט קיין שום רעכט צו שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די פינסקער יידן, אין דער צייט, ווען לויט באַגרינדעטע ידיעות, זענען פאַראַן אויססיכטן, אַז די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פינסקער געטאָ זאָל בלייבן לעבן. די שטעלונג פון דער מערהייט איז געווען, אַז מ׳דאַרף זיין גרייט צו אַ ווידערשטאַנד, אָבער די טעטיקייט דאַרף מען אָנהויבן בלויז אין מאָמענט, ווען דאָס וועט נויטיק זיין. מ׳דאַרף זען טאָן אַלץ דערפאַר: צו קריגן באַצייטנס געהיימע ידיעות וועגן דעם, וואָס די דייטשן גרייטן זיך צו טאָן. און אַזוי אַרום איז די דייטשן געלונגען אונדז אַלעמען אָפּצונאַרן און אַראָפּפירן פון ריכטיקן וועג, מיט כיטרע צחאָגן און פאַלשע הבטחות, ביז דער לעצטער מינוט".

אַ צווייטער עדות דערציילט וועגן זעלבן ענין:

„אין געטאָ זענען פאָרגעקמען עטלעכע פרוון צו אָרגאַניזירן די יוגנט. עס האָט מיר דערציילט מיין חבר, דער זון פון פורמאַן גלויבערמאַן, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט אַ קריסטלעכער וואַלד־שומר דערציילט בסוד עטלעכע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, אַז אין וואַלד, וואָס געפינט זיך אונטער זיין שמירה, זענען פאַראַן באַהאַלטענע 150 ביקסן, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט די אָפּטרעטנדיקע רוסן. צווישן דער יוגנט אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג און עטלעכע הונדערט יונגעלייט האָבן זיך געקליבן אַרויסצוגיין אין וואַלד, צונויפזאַמלען דאָס געווער און פאַרבלייבן דאָרט. אין שפּיץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען ד"ר פראַגער.

דאָס אָרגאַניזירן די זאַך האָט געדויערט אַ סך צייט, און דער טערמין פון אַרויסגיין אין וואַלד איז כסדר אָפּגעלייגט געוואָרן, ביז אין איינעם אַ טאָג האָט דער יודנראַט צוּוויסן געגעבן וועגן דעם פייערלעכן צוזאָג פונעם דייטשישן קאָמיסאַר, אַז דער פינסקער געטאָ, וואָס אַרבעט אַזוי פלייסיק פאַרן דייטשישן מלחמה־כוח, וועט בלייבן לעבן. דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר אונדזער אַרויסגאַנגס־פּלאַן. צוליב דעם איז אויך נישט צושטאַנד געקומען אַ צווייטער פּלאַן: צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין געטאָ.

דערשפּירנדיק, לויט אַ גאַנצער ריי סימנים, אַז די שעה פון פאַרניכטונג דערנעענטערט זיך, האָט אַ גרופּע יונגטלעכע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען ליאָלעק סלוצקי * באַ־

* „ליאָלעק סלוצקי איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר 27, אַ דערצויגלינג פון אַ העברעאישער שול — דערציילט וועגן אים זיין ברודער ירחמיאל סלוצקי, פון רמת־גן — זיין כאַראַקטער און ווילן זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין גיהנום פון יסורים, ווען ער האָט זיך לאַנגע חדשים געראַנגלט מיטן טויט און אים ביינעקומען.

ווען ער איז אַלט געווען 11 יאָר, האָט ער אין אַ ווינטער־טאָג געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אַ יונגן פּאָליאַק אין זיין רעכטן פוס, ווען ער האָט זיך געגליטשט אויפן אייז. ער האָט באַקומען אַ פאַרגיפטונג אין ביין־מאַרך פון פוס, און איז איבער אַ יאָר צייט געלעגן אין יידישע שפּיטאָל, אין אַ צושטאַנד צווישן לעבן און טויט. זיין שטאַרקער ווילן האָט גובר געווען די קרענק. נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, האָט ער זיך, ווי אַ קליין קינד, געלערנט גיין. די ערשטע צייט — אויף קוליעס, און שפּעטער — אָן זיי. ער איז שוין

פּאַכלייט פּאַרבלייבן

דאָן איז געקומען עבנער מיט פּאַרטיקע רשימות אין האַנט, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן צו די אָנפירער פון די אַרבעטס־גרופּן: פון די סטאָלערײַ־וואַרשטאַטן, שניידער, דרוקערײַ־אַרבעטער, באַשפעטיקטע אין די גאַרבערייען, ווי אויך אין די פאַבריקן „לוריא", „רעקאָרד" א. אנד.

יעדער פאָרשטייער פון אַ גרופּע האָט פון דער רשימה אויסגעלייענט הויך אויף אַ קול די נעמען פון זיינע אַרבעטער און געהייסן זיך שטעלן באַזונדער. דער רעש און די מהומה זענען געווען אומדערטרעגלעכע.

אויב עמעצער פון די אויסגערופענע אַרבעטער האָט זיך נישט גלייך געמאָלדן, האָט מען אויסגערופן דעם נאָמען עטלעכע מאָל, אָבער אַ סך האָבן געפעלט, ווייל פיל פון זיי האָבן זיך אינצווישנצייט באַהאַלטן. פרויען פון קינדער האָט מען נישט דערלויבט זיך אָנצושליסן אין די דאָזיקע גרופּן.

איינע אַ פרוי, אַן עדות, האָט אין יאָר 1962 דערציילט אין לאַנד־שטאַב פון דער ישראל־פּאָליציי אין תל־אביב, פּאָלגענדעס:

„ווען מ׳האָט אויסגערופן די נעמען פון די פּאַכלייט, וואָס בלייבן, האָבן זיך אין די רשימות געפונען די נעמען פון מיין פאָטער, מוטער, ברודער און אויך מיין נאָמען. איך האָב געהאַלטן אויף מיין האַנט מיין פינפיאָריק שוועסטערל און איך האָב געפּרוווט אַריבערגיין צוזאַמען מיט די איבעריקע אין דער גרופּע פון די פּאַכלייט. עבנער, וועלכער האָט עס באַמערקט, האָט מיט אַ געשריי באַפוילן איינעם פון די דייטשן, ער זאָל צונעמען ביי מיר דאָס קינד. דער דייטש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר, אַרויסגעריסן מיט כוח מיין שוועסטערל פון מיינע אָרעמס און האָט זי אַריבערגעפירט אין דער פאָריקער גרופּע".

אַ באַשטעטיקונג צו די דאָזיקע ווערטער געפינען מיר אין אַן אַנדער עדות־דערקלערונג, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1945:

„דער שניידער שערמאַן האָט געהאַלטן צווישן זיינע קינדער אויך זיין 4 יאָריק טעכטערל. אַ דייטש, וואָס האָט עס באַמערקט, האָט דערלאַנגט אַ זעץ די קליינע אַזוי, אַז זי האָט זיך איבערגעקערט און איבערגעקייקלט עטלעכע מאָל"...

די אָפּגעטיילטע גרופּן אַרבעטער האָט עבנער אַריינגעפירט אין עטלעכע ליידיקע הייזער אין דער געגנט, און אין עטלעכע שעה אַרום — זיי אַלעמען איינגעקוואַרטירט אין פּאַוויאַטאָון שפּיטאָל, נאָענט פון געטאָ, ווו זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער פוילישער פּאָליציי. דאָרט האָבן זיי זיך געפונען דריי טעג און האָבן געזען דורך די פענצטער דעם גאַנג פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ און די דערמאָרדונג פון די יידן, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע באַהעלטענישן, אַרויסגעפירט אויפן קאַרלינער בית־עולם און זיי דאָרט דערשאָסן.

פאַרן פאָרזיצער פון תל־אביבער קרייז־געריכט, ד״ר נתן בן־זכאי, האָט איינע פון די עדות דערציילט:

„איך געדענק דאָס שוידערלעכע בילד, וואָס איך האָב געזען דורכן פענצטער פון שפּיטאָל. די דערמאָרדעטע יידן זענען געלעגן און צוויי בערגלעך, און די העק, מיט וועלכע מ׳האָט זיי דערהרגעט, האָבן נאָך געשטעקט אין די שאַרבנס פון זייערע קעפּ. אין יעדן בערגל האָבן זיך געפונען אַ 30—40 טויטע קערפּערס.

אין משך פון די דריי טעג, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל האָט עבנער באַפוילן צו דערשיסן די אַלע יידן, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן אַהין, נישט באַזיצנדיק אויף דער געלער לאַטע די אויפשריפט: „נוצלעכער יודע". אונדז, די גליקלעכע באַזיצער פונעם לעבנס־צייכן, האָט מען באַפוילן אַרויסצוגיין אויפן הויף און די דערשיסונג איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די שפּיטאָל־זאַלן. מיר האָבן געזען, ווי אַ סך פון די קרבנות האָבן געקלעטערט אויף די פענצטער, מאַכנדיק פאַרצווייפלטע פרוון צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען פון טויט. אין שפּיטאָל זענען דערשאָסן געוואָרן ביי 200 יידן".

פאַרן זעלבן געריכט האָט אַ צווייטע פרוי, אין אירע עדות־דערקלערונגען, דערציילט:

„ווען מיר זענען געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן הויף די קראַנקע און קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און זענען דערמאָרדעט געוואָרן פאַר אונזערע אויגן. צופעליק האָט איין קויל געטראָפן אין אויג פון אַ דייטש, און דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז די רוצחים האָבן גענומען שרעקלעך ווילדעווען און אין זייער רציחה האָבן זיי זיך געוואָרפן מיט די העק אויף אַלע, וואָס האָבן געהאַט דעם צייכן: „נוצלעכע יודע" און זענען וואָ סהאָבן געהאַט דעם צייכן: „נוצלעכער יודע" און זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייט. אין דער גרויסער בהלה, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין בנין, און ווער עס האָט נישט באַוויזן עס צו טאָן, איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע אויפן הויף".

אויך צווישן די פּאַכלייט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צוגאָב־סעלעקציע און נישט אַלע זענען באַשטימט געוואָרן אויף צו בלייבן לעבן.

אויפן זאַמל־פּלאַץ

נאָכן אַרויספירן די פּאַכלייט פון געטאָ, האָבן די ס״ס־לייט גענומען צוגרייטן גרופּעס יידן אויף אַוועקצופירן זיי צו די גריבער. די טויזנטער יידן, וואָס זענען פאַרזאַמלט געווען אויפן פּלאַץ, נעבן בית־הקברות, זענען איינגעטיילט געוואָרן אין גרופּעס, צו 200—300 פּערזאָן.

אין חיפה׳ער פרידנס־געריכט האָט דערציילט דער אויבנדערמאָנטער עדות:

„די ס״ס־לייט האָבן אונדז אַרויסגעשלעפּט פון שטוב, שלאָגנדיק מיט די קאָלבעס פון די ביקסן און באַפוילן אונדז צו מאַרשירן אין דער ריכטונג פון בית־הקברות. כ׳האָב דערזען, אַז די לאַגע איז אַ געפערלעכע, אַז מ׳פירט אונדז צום טויט.

איך האָב זיך דאָן אַריינגעכאַפּט אין אַ גרופּע פון אַ דרייסיק מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוווט זיך אַרויסכאַפּן דורכן טויער. די דייטשן האָבן געעפנט אויף אונדז אַ פייער

גרינטלעכע. די גרעסטע טייל פעקלעך זענען אָן שום שוועריקייטן אַרייַנגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ. אויך די קלעפּ פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען געווען סתם אַזוי זיך, אויף צופּלייסן. די צוריקגעקומענע פון דער אַרבעט אין שטאָט האָבן מיט גרויס פאַרוואונדערונג און איבעראַשונג דערציילט וועגן אַ דייטשישער מעלדונג וואָס איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אין די גאַסן, אויסערן געטאָ, אין וועלכער עס איז געווען אַ שטרענגע וואָרענונג צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג: נישט צו רירן קיין יידיש האָב און גוטס. פאַר עובר זיין אויפן דאָזיקן באַפעל דראָט טויט־שטראָף.

אין יענעם אָוונט איז אין געטאָ פאַרשפרייט געוואָרן אַ פריידיקע ידיעה, וואָס איז, לויט ווי מ׳האָט געזאָגט, איבערגעגעבן געוואָרן דורך בערטאַ שוואַרצמאַן. די ידיעה איז ווירקלעך געווען אַ וויכטיקע און אַ דערפרייענדיקע: די דייטשישע סעקרעטאַרין פון קרייז־קאָמיסאַר, וואָס איז געווען בערטאַס אַ פריינדין. האָט איר אין יענעם טאָג געוויזן אַ טעלעגראַמע, מיט דער חתימה פון „פירער", בכבודו ובעצמו, ווו עס ווערט באַפוילן: נישט צו טשעפּען די פּינסקער יידן, ווייל זיי זענען אַרבעטס־מענשטן... פאַר גרויס שמחה האָבן זיךביידע פריינדינס צעקושט...

די האָפענונג אויף רעטונג האָט ווידער אויפגעלויכטן, גאָר אומגעריכט, און די געטאָ־יידן האָבן, נאָכן אָנפרייען זיך מיט דער „גוטער בשורה", זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ רואיק געמיט. אין יענעם אָוונט זענען צוריקגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ אַריין די יידן, וואָס האָבן געזאָלט אַרבעטן די נאַכט־שיכט. בלויז אין די פאַניס־פאַבריקן איז די אַרבעט פאָרגעזעצט געוואָרן. אָבער אין מיטן נאַכט האָט מען די יידישע אַרבעטער אַריינגעפירט אין איינעם פון די מאַגאַזינען, וווּ מ׳האָט זיי פאַרשלאָסן. אַרום 2 אַזייגער ביינאַכט זענען באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע הייזער די קריסטלעכע איינוווינער, וועלכע האָבן געוווינט נאָענט פון געטאָ און דאָרט זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן קוילנוואַרפערס און מאַשין־געווער.

דאָס געטאָ אַרומגערינגלט

נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן עטלעכע יידן באַמערקט, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט דורך דייטשיש מיליטער. איין ייד, וואָס איז געלאָפן צום געטאָ־צוים און זיך געוואָלט אַרויסקריגן אין דרויסן, כדי זיך צו ראַטעווען, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. דער דאָזיקער שאָס האָט געמאַכט אויפציטערן די געטאָ־איינוווינער. מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון די הייזער און דערזען, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

בליץ־שנעל האָט זיך די דאָזיקע ידיעה פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן געטאָ. טויזנטער יידן זענען אַרויס אין די גאַסן, באַהערשט פון אַ שוידערלעכן פחד און בהלה־שטימונג. אַ סך זענען, ווי צעמישטע, סתם געלאָפן אָן אַ ציל. אַ גרויסע טייל האָט געאיילט צו די עפענונגען אין געטאָ־צוים, וואָס זיי האָבן פריער נאָך געהאַט צוגעגרייט, אויף אַן עת־צרה. אָבער דאָרט האָבן זיי שוין באַגעגנט די אָנגעשטעלטע ביקסן פון די דייטשן.

אַרום זעקס אַזייגער, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען שוין דייטלעך געזען די גרויסע מאַסן באַוואָפנטע דייטשן, וואָס האָבן געדיכט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ.

דער פלויט פון שטעכל־דראָט איז פון דרויסן געווען אַרומגענומען דורך אַ קייט פון דייטשן, וועלכע זענען געשטאַנען צו דריי אין אַ גרופּע, — אַן ערך 10 מעטער איין גרופּע פון דער צווייטער, אַלע באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן, ביקסן און רעוואָלווערן. אַ צווייטע קייט האָט, מיט מאַשין־געווער, זיך קאָנצענטרירט אין די פענצטער און אויף די דעכער פון די הייזער אַרום געטאָ. נעבן די טויערן זענען דאָסמאָל נישט געשטאַנען קיין יידישע פּאָליציאַנטן אינעווייניק און פּוילישע — אין דרויסן, נאָר געסטאַפּאָוצעס. קיינעם איז נישט דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פון געטאָ.

„איך בין צוגעגאַנגען צום טויער — דערציילט אַן עדות־ראייה — און האָב געזאָגט, אַז איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי, ווו איך בין באַשעפטיקט. היינט וועסטו אַרבעטן דאָ — האָט מיר געענטפערט דער דייטש — און אָנגעוויזן אויף דער ערד"...

הונדעטער מענטשן זענען געלאָפן צום טויער, כדי אַרויסצוגיין, ווי געוויינלעך, צו דער אַרבעט, ווייל עס האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די וועלכע באַזיצן אַרבעטס־שיינען, דאַרפן זיך אויסשטעלן, ווי שטענדיק, אין שורות, גרייט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט, און אפשר אַזוי אַרום וועלן זיי בלייבן לעבן. אין משך פון געציילטע מינוטן, איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגע קאָלאָנע פון הונדערטער־הונדערטער יידן, אין מאַרש־אָרדענונג, איבער דער גאַנצער לענג פון גלינישטשאַנסקע גאַס.

האַלב זיבן אַזייגער זענען אַריין אין געטאָ אָפּטיילונגען ס״ס־לייט, מיטן ס״ס־צייכן אויף די מאַנטלען און טויטן־קאָפּ אויף די היטלען, באַוואָפנטע מיט שטעקנס און העק מיט צוויי שאַרפן, אין באַגלייטונג פון הינט. זיי האָבן זיך צעשפרייט איבערן געטאָ, מיט געשרייען און קלעפּ האָבן זיי גענומען טרייבן די יידן צום זאַמל־פּונקט, נעבן קאַרלינער בית־עולם. אַ טייל פון זיי האָט באַפוילן אַוועקצומאַרשירן די געאָרדנטע קאָלאָנע יידן, מיט אַרבעטס־שיינען, פּונקט ווי צוליב דעם וואָלטן זיי זיך אויסגעשטעלט, צום באַשטימטן זאַמל־פּלאַץ, באַגלייטנדיק זיי מיט קלעפּ, געשרייען און הינט־בילעריי. אין דער גרויסער בהלה, וואָס איז אנטשטאַנען, איז אַ טייל יידן געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן אין זייערע פון פריער־צוגעגרייטע באַהעלטענישן.

די אַלע צונויפגעטריבענע אויפן זאַמל־פּלאַץ, האָט מען באַפוילן צו שטעלן זיך אויף די קני און נישט רירן זיך פון אָרט, ביז מ׳וועט זיי פירן ווייטער. פאַכלייט און ספּעציאַליסטן, ווי דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַרבעטער פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון צווישן די פאַרזאַמלטע מאַסן און זענען אַריבערגעפירט געוואָרן צום פּלאַץ אַנטקעגן יודנראַט.

גופים פון די אָפּגעשטאַנענע, וועלכע האָבן נישט געקענט ווייטער גיין. די קערפּערס זענען געווען צעריסענע פון די דום־דום־קוילן, מיט וועלכע מ׳האָט זיי דערשאָסן. נעבן מיר איז געגאַנגען אַ פרוי מיט דריי פּיצלעך קינדער, וועלכע האָבן שרעקלעך געוויינט. איין עופה׳לה האָט די מאַמע געטראָגן אין אירע אָרעמס, און די אַנדערע צוויי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו גיין. איינער פון אונדזערע דייַ־טשישע באַגלייטער האָט מיר באַפוילן צו נעמען איינס פון אירע קינדער אויף די הענט. איך האָב געטראָגן דאָס קינד, וואָס האָט כסדר געוויינט און געשריען: „איך וויל צו דער מאַמע!" ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די גריבער, האָב איך געבעטן דעם דייטש, ער זאָל הייסן עמעצן אַנדערש נעמען דאָס קינד, ווייל איך וויל זיין צוזאַמען מיט מיין פרוי, וועלכע איז געגאַנגען נעבן מיר, אין די לעצטע רגעס פון אונדזער לעבן!... ער איז אַנטקעגנגעקומען מיין בקשה און האָט איבערגעגעבן דאָס קינד עמעצן אַנדערש. אַלע זענען מיר געגאַנגען שטיל־שווייגנדיק אַנטקעגן דעם טויט.

אויף די פּוסטע פעלדער, נאָכן שניט, האָבן מיר געזען די דייטשן, וועלכע זענען געווען צעזייט איבערן שטח, טייל רייטנדיק אויף פערד, טייל מיט הינט ביי דער זייט. מיט יעדן טריט האָבן מיר זיך אַלץ מער דערנענטערט צו די בערגלעך ערד, אַרום די אָפענע גריבער. ווען מיר זענען צוגעקומען עטלעכע מעטער פון די גריבער, האָבן מיר דער־הערט געשרייען: „שטיין בלייבן! טוט אויס אַלץ פון זיך און לייגט אַוועק אייערע מלבושים לויט אַ סדר, יעדער בגד אויף זיין באַשטימטן אָרט! גיך! גיך! פאַרשאָלטענע הינט!"...

פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט די אָפענע גריבער. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין די גופים פון די דער־שאָסענע יידן, וועלכע זענען געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, שורותוויַיז, איינער אויפן צווייטן. זייערע קעפּ זענען געווען צעלעכערט און צעריסן פון די קוילן.

די רוצחים האָבן אָנגעהויבן צו שטופּן און שטויסן די נאַקעטע יידן אין די גריבער אַריין, שלאָגנדיק זיי מיט וויל־דער רציחה. מ׳האָט זיי געצוווּנגען אַראָפּצוגיין אויף די טרעפּ, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן דערצו אין די ווענט פון די גריבער, זיך לייגן מיטן פּנים אַראָפּ אויף די רוקנס פון די טויטע און פאַרווונדעטע, און די מערדער האָבן זיי געשאָסן אין נאַקן אַריין. פון די גריבער האָבן זיך געטראָגן די קרעכצן פון די פאַרווונדעטע, וועלכע האָבן זיך נאָך גע־וואָרפן און געצאַפּלט אין טויט־יסורים".

עס גיט צו איינע פון די עדות:

„דער זון פון דעם בויער דוד גיטעלמאַן, וועלכער וווינט איצט אין קובאַ, האָט מיר דערציילט, אַז ווען זיי האָבן זיך געפונען נעבן די גריבער, איז געקומען אַן אָפּטיילונג ס״ס־לייט, וועלכע האָבן אַרויסגעשלעפּט 50 יידן, פון צווישן די וואַרטנדיקע אויף זייער ריי, נעבן די גריבער, און איינגע־אָרדנט מיט זיי אַזאַ מין מאָרד־שפּיל: איין דייטש האָט אַוועק־געשטעלט אַ ייד מיטן פּנים צו זיך, אַ צווייטער דייטש, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, האָט אַ שטויס געטאָן דעם ייד צום ערשטן. אין דער זעלבער רגע האָט אַ דריטער דייטש, וואָס איז געשטאַנען פון זייט, אַריינגעהאַקט אין פּלייצע פון יידן דעם שפּיץ פון אַ קירקע און דערמיט אים אַרויסגע־שלעפּט אַ טויטן אָדער אַ האַלב־טויטן און אַוועקגעשליידערט אויף דער ערד.

ער האָט מיר אויך דערציילט, ווי ער האָט געזען, ווי אַ וווּנדערשיין יונג מיידל האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן נאַקעט. מיט אַ ווילדער רציחה האָבן די אויס־וווּרפן זיך געוואָרפן אויף איר און מיט גוואַלד אַראָפּגעריסן פון איר די קליידער. אין משך פון די דאָזיקע מינוטן זענען פאַר אונדזערע אויגן אירע פעך־שוואַרצע האָר געוואָרן ווייס ווי שניי.

אין די גריבער

צו די דאָזיקע גרויליקע גיהנום־בילדער גיט צו אַן עדות־ראייה, וועלכער איז געווען אין די גריבער:

„דעם צווייטן טאָג פון דער „אַקציע" בין איך און אַנדערע געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין די גריבער אין דאָבראָוואָליע. אין משך פון גאַנצן טאָג האָט מען געבראַכט יידן. אַלעמען האָט מען געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט און זיך שטעלן אויף די קני. אַ דייטש האָט צוגעפירט יעדן נאַקעטן יידן צום גרוב און אים געשאָסן אין קאָפּ אַריין פון זיין רעוואָלווער. אונדזער אויפגאַבע איז געווען אויסצולייגן די געשאָסענע אין גרוב שורותוויַיז. ווען אין רעוואָלווער האָבן זיך גע־ענדיקט די קוילן, האָט דער דייטש אים אַוועקגעשליידערט אין אַ זייט און ס׳איז אים דערלאַנגט געוואָרן אַ צווייטער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער. די דאָזיקע טייוולאָנישע שחיטה איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אפילו אויף אַ מינוט.

אונדז האָט מען באַפוילן צו ציילן און פאַרצייכענען די צאָל הרוגים. ווען די דייטשן האָבן געזען, אַז מיר זענען נישט מסוגל צו פאַרצייכענען, ווי געהעריק, האָט אַ דייטש צוגע־נומען ביי אונדז דאָס פּאַפּיר און בליי־פעדער און האָט עס אַליין געטאָן. עטלעכע מאָל האָט מען אונדז געהייסן זיך לייגן אויף דער ערד, זאָגנדיק, אַז אויך אונדז וועט מען באַלד שיסן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אונדז געהייסן אויפשטיין און פאַרזעצן אונדזער אַרבעט.

איך האָב אַזוי געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע יידן פיר טעג. אויף נאַכט־לעגער האָט מען אונדז געפירט אין תפיסה אויף בריסקער גאַס. ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז נאָכן ענדיקן די אַרבעט, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און פאַראייניקט מיט דער גרופּע לעבנגעבליבענע יידן — פּאַכ־לייט".

אַן אַנדער עדות גיט איבער:

„דער פּוילישער פּאַליציאַנט טשאַרני האָט דערציילט מיי־נעם אַ פריינד, אַ קריסט, ביי וועמען איך האָב זיך באַהאַלטן און ער האָט געראַטעוועט מיין לעבן, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן צו היטן די גריבער בייַנאַכט, דעם ערשטן טאָג נאָך דער „אַקציע". אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך די ערד געהויבן, אַזוי ווי כוואַליעס פון אַ ים. אַ שטראָם פון בלוט און אַ ווייסער שוים האָט זיך געריסן פון אינעווייניק, באַגלייט פון

און 10 פון אונדז דערהרגעט. איך האָב זיך צוריקגעצויגן אין געלויף און זיך דערלאַנגט צו אַ בנין, נעבן שפּיטאָל. דאָס איז געווען אַ האָלץ־סקלאַד. איך און נאָך אַ יונגער מענטש, זענען זאַלבעצווייט אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, אונטערן משופּעדיקן דאַך און זיך דאָרט באַהאַלטן. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ דאָקטאָר מיט זיין משפּחה, וועלכע האָבן נאָך פריער, פאַר אונדז, זיך דאָרט באַהאַלטן.

אין משך פון גאַנצן טאָג האָבן מיר געקוקט דורך די שפּאַרונעס אין דאַך און געזען, ווי די ס״ס־לייט האָבן כסדר געפירט יידן צום זאַמל־פּלאַץ, נעבן בית־עולם. מ׳האָט זיי איינגעטיילט אין גרופּן, זיך איזדיעקעוועט איבער זיי, געשלאָגן און אַ טייל פון זיי אפילו געהרגעט אויפן אָרט.

כ׳האָב געזען, ווי מ׳האָט אַרויסגעריסן קליינע קינדער פון די עלטערנס אָרעמס, אָנגעכאַפּט זיי פאַר די פיסלעך, ווען די קעפּלעך זענען אַראָפּגעהאַנגען אונטן און זיי דערשאָסן״.

די מיטגלידער פון יודנראַט, וועלכע זענען צוגלייך מיט אַלעמען געבראַכט געוואָרן אויפן זאַמל־פּלאַץ, זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייט, צוזאַמען מיט די פּאַכלייט. זיי האָבן געפּרוווט כאַפּן אַ שמועס מיט עבנערן וועגן זייער גורל און אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם אַן עדות־ראייה:

„די ערשטע האָט געאיילט און איז צוגעגאַנגען צו אים בערטא שוואַרצמאַן. זיין ענטפער איז געווען: „דו, בערטאַ, וועסט גיין די ערשטע צום גרוב!״ און באַלד האָט ער זי אַוועקגעשטעלט, צוזאַמען מיט איר מאַן אין דער ערשטער שורה פון דער גרופּע. וואָס איז געפירט געוואָרן קיין דאָבראָוואָליע. דעם זעלבן גורל האָבן אויך געהאַט די איבריקע מיטגלידער פון יודנראַט, וועלכע זענען געפירט געוואָרן די ערשטע צו די גריבער.

אויך אַנדערע יידן, וועלכע האָבן זיך געקענט מיט עבנערן, זענען צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן רחמים, ער זאָל זיי לאָזן לעבן. צווישן זיי איז געווען דער מעבל־סוחר סעגאַליעוויטש, אַ הויכער, שלאַנקער זקן. עבנער האָט אים באַפוילן צו שטעלן זיך אויף די קני, זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד. עבנער האָט דאַן אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און אים געשאָסן אין נאַקן״.

איינע פון די עדות דערציילט, ווי זי האָט געזען עטלעכע מיטגלידער פון יודנראַט — דערמאָרדעטע אויפן בית־עולם. אייניקע זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט און עטלעכע זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דורך אַראָפּשלינגען סםטאַבלעטן.

די דורכקעמונג פון די באַהעלטענישן

אין די צוויי ווייטערדיקע טעג — פרייטיק און שבת (י״ט, כ׳ מרחשון — דעם 30־טן און 31־טן אָקטאָבער) האָבן די רוצחים, אין באַגלייטונג פון שפּיר־הינט, אָן איבעררייס פאָרגעזעצט די דורכקעמונג פון געטאָ.

איינער אַן עדות דערציילט:

„פרייטיק, אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, האָבן מיר אין אונדזער באַהעלטעניש דערהערט די שטים פון דייטשן, וואָס האָבן איינער צום אַנדערן געזאָגט:

— אָט דאָ געפינען זיך יידן!

באַלד האָט זיך אַ הונט אַריינגעריסן אין אונדזער באַהעלטעניש און אָנגעהויבן שטאַרק בילן. די דייטשן האָבן אַריינגעשריען צו אונדז: „פאַרוואָס גייט איר נישט צו דער אַרבעט? צי ווילט איר נישט אַרבעטן? אויב איר וועט תיכף נישט אַרויסגיין, וועט איר אַלע אומקומען. מיר וועלן אייך פאַרניכטן מיט גראַנאַטן!״

מיר זענען געזעסן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, אין טיפן שטיל־שווייגן און זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי קיין לעבעדיק וועזן וואָלט זיך אינעווייניק נישט געפונען. די דייטשן האָבן זייער וואָרענונג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט ד׳עם אויפרייס פון אַ האַנט־גראַנאַט, און באַלד דערנאָך — אַ צווייטן אויפרייס, נאָענט פון אַריינגאַנג. די באַהעלטעניש איז פול געוואָרן מיט רויך. נאָך אַ רגע און מיר וואָלטן דערשטיקט געוואָרן. בלית־ברירה האָבן מיר גענומען פויזען און אַרויסקריכן פון דער נאָרע. ווען איך בין אַרויס, האָב איך דערזען: דייטשן שטייען אויף די קני, נעבן אַריינגאַנג פון דער באַהעלטעניש און קוקן אויף אונדז מיט ווילדע גזלנישע אויגן, האַלטנדיק אַנטקעגן אונדז אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין זייערע הענט. זיי האָבן אונדז גענומען שלאָגן מיט גומי־שטעקנס איבער די קעפּ און אונדז אויסגעזעצט אויף דער ערד. אַן ס״ס־אָפיציר איז צוגעגאַנגען צו אונדז און באַפוילן אָפּצוגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן ביי זיך. זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט אונדזערע חפצים, וואָס מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן און האָבן אויך אַראָפּגעצויגן די אויבערשטע זאַכן פון אונדז. איך האָב געוויזן דעם אָפיציר מיין אַרבעטס־קאַרטע. ער האָט אָנגעקוקט און ווילד גענומען שרייען: „דו הינטישער זון! פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן? אַלע אַרבעטער פון דרוקעריי געפינען זיך איצט אין שפּיטאָל־בנין און וועלן בלייבן לעבן״. און ער האָט מיין אַרבעטס־קאַרטע צעריסן אויף פּיצלעך.

נאָך דעם ווי מ׳האָט אונדז פאַראייניקט מיט נאָך אַ גרופּע געכאַפּטע יידן, האָט מען אונדז געהייסן מאַרשירן צום זאַמל־פּונקט נעבן קאַרלינער בית־עולם. דאָרט האָט מען אונדז באַפוילן זיך צו שטעלן אויף די קני, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידן. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ רציחהדיק אויסגעשריי: „אויפשטיין! מאַרשירן!״

מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען, מיר זענען אַרויס פון די גרענעצן פון געטאָ און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דאָבראָוואָליע, וואָס געפינט זיך ביי אַ דריי קילאָמעטער פון שטאָט.

ס׳איז געווען אַ וואַרעמער, לויטערער טאָג. מיר האָבן מאַרשירט גיך. פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געשטאַנען גרופּנווייז און אונדז אָנגעקוקט מיט צופרידנקייט און פאַרגעניגן. מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו די גריבער. מיט שוידער האָבן מיר דערזען טויטע גופים, וואָס זענען געלעגן צוואָרפן אין די זייטן פון וועג. דאָס זענען געווען

זיך אויסגעשטעלט ווי מ׳האָט זיי באַפוילן, און אויף זייערע פּנימער האָט זיך געלאָזט מערקן אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט. דעם אינזשיניער יאָסעליעוויטש און דעם אַרבעטסלייטער, בערעזנבוים, האָט ער פּלוצים געהייסן זיך אומקערן צוריק אין בנין אַריין.

די אויסגעשטעלטע אַרבעטער אין דרויסן זענען גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַן אָפּטיילונג ס״ס־לייט. אָבער — אַנשטאָט זיי פירן צו דער אַרבעט, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויפן בית־הקברות און דאָרטן זיי דערשאָסן. פאַר די אויגן פון הונדערטער יידן וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן דורך די שפּיטאָל־פענצטער. די מענטשן אין שפּיטאָל האָבן גענומען אַרומלויפן איבער די פּאַלאַטעס, ווי משוגעים, געוויינט און געשריען. ווייל, אויב מ׳האָט אומגעבראַכט פאַבריק־אַרבעטער, וועלכע זענען אַזוי נויטיק פאַר די דייטשן — האָבן די איבערגעבליבענע געזאָגט — איז דאָך שוין קלאָר, וואָס אונדז דערוואַרט... עטלעכע פון די אָנוועזנדיקע זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַראָפּשלינגען סם־טאַבלעטן, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך גרייט. דער ערשטער האָט עס געטאָן דער הויט־דאָקטאָר גרינבערג. נאָך אים — די טאָכטער פון דעם קאַרלינער רבין (זי איז נישט באַלד געשטאָרבן). אַ סך מענטשן האָבן זיך געווענדעט צו די דאָקטוירים און געבעטן רחמים מ׳זאָל זיי געבן צו פאַרציעס סם. אָבער די דאָקטוירים האָבן געהאַט צוגעגרייט סם בלויז פאַר זיך און זייערע משפּחות. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גענומען פאַרניכטן זייערע חפצים: צעריסן געלט, צעבראָכן זייגערס א. א. וו.

עבנער האָט זיך צוריקגעקערט און מיט אים דער אינזשיניער זיג. ביי זייער אַריינקומען האָבן די מענטשן זיך צוריקגעצויגן אין שרעק און געזוכט אַ באַהעלטעניש אין די ווינקלען. עבנער האָט אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און געמאָלדן אַז די פאַכלייט, וועמענס נעמען ער וועט אויסרופן, זאָלן גלייך אַרויס אויפן הויף.

ער האָט אָנגעהויבן מיט דער רשימה פון די שניידער. פון 60 נעמען האָט ער אויסגערופן בלויז 20. אויך פון די מיט־אַרבעטער פון שטאָט־ראַט האָט ער גענומען בלויז אַ העלפט פון די פאַרשריבענע. אַזוי איז אויך געווען מיט די שלאָסערס, בויערס, פּלויטן־מאַכערס, סטאָליאַרעס, שוסטערס, רימאַרעס, דרוקעריי־אַרבעטער און אַנדערע. די איבעריקע האָבן זיי באַפוילן צו פאַרבלייבן אין שפּיטאָל־בנין.

פאַרן ריכטער א. נוימאַן פון פרידנס־געריכט אין חיפה האָט דערציילט איינער פון די עדות:

נאָכן מאָרד איבער די אַרבעטער פון לוריעס פאַבריק, זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צוגאָב־גרופּן און אויך זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. נאָך דעם האָט מען אַרויסגעפירט אַ גרופּע ציין־דאָקטוירים, אינערלעכע דאָקטוירים, שניידערס, שוסטערס, דרוקערס, אין סך־הכול — אַ 30 מענטשן און מ׳האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. אין דערזעלבער רגע איז צוגעלאָפן אַן ס״ס־מאַן, מיט אַ געשריי: אויב עס געפינען זיך צווישן אונדז סטאָליאַרעס. איך האָב געטראַכט, אַז ס׳איז סיי־ווי נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, האָב איך געעפנט אַ פּענצטער, אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן און געשריען: „איך בין אַ סטאָליער!“ גלייך נאָך מיר האָבן גענומען אַרויסשפּרינגען נאָך מענטשן.

דער אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט מיט אַן אויסדרוק פון שרעקלעכער רציחה אויפן פּנים, גענומען שרייען: „קיינע טישלער! צוריק, פאַרפלוכטע יודען!“ דאָס דאָזיקע פּנים וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. גלייך איז געעפנט געוואָרן אַ פייער און אייניקע פון די, וואָס זענען געשפּרונגען הינטער מיר, זענען דערהרגעט געוואָרן. ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מיר איז געלונגען צו דערלאַנגען זיך און פאַראייניקן מיט דער גרופּע פון די 30 פאַכלייט“.

143 יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך דער סעלעקציע, זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּוילישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי אַוועקגעפירט דורך די גאַסן אַלברעכטאָווסקע און זאַוואַלנע, אין דער שטאָטישער תפיסה, אויף ברישקער גאַס.

איינער פון די עדות רעכנט אויס אייניקע נעמען פון די 143 יידן: חיה כראַפּונסקי; די משפּחות פון די שניידער שערמאַן און טשערטאָק; גייער פון קאָסטושקאָ־גאַס; די ציין־דאָקטאָרין בעקערמאַן און אירע צוויי ברידער: וואָווקע און מיקי; אברהם פערטשיק (וווינט היינט אין חיפה); ברוך פרידמאַן (געפינט זיך איצט אין אַמעריקע); ד״ר יאַקובזאָן און 7 אַנדערע דאָקטוירים.

און נאָך איינער גיט צו אַ ריי נעמען: די דאָקטוירים פראַגער, יאָז, ליעמישאָוו און וואָלאָוועלסקי; אויסער זיי: באָניע וואָלקאָוויטש; סיאָמע יעלינסקי (לעבט היינט אין דייטשלאַנד); ליודוועניצקי; דער איינבינדער קאָלאָמיצקי; ליובאַשעווסקי פון דער זייף־פאַבריק; דוד גלייבמאַן (געפינט זיך היינט אין אַמעריקע); יוסף באַנקאָווסקי (אַ שלאָסער); ראובן דאָלינקאָ (אַ פוטער־אַרבעטער); משה׳ל ראָזשאַנסקי (אַ שלאָסער); דוד פעדערמאַן; יודל פורמאַן; יחיאל גרושקאָ (דער זון פון שניידער אויף האָנטשאַרסקי גאַס); בערעזנבוים (מייסטער פון לוריעס פּאַפּיר־פאַבריק); דער הינקענדיקער פעלדשטיין (אַ ציין־טעכניק); באַנקאָווסקי פון אייזן־געשעפט, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דער שחיטה אין סאַרנע.

צווישן די פרויען האָבן זיך געפונען: נעמי קאַזר; קלוי־בערזאָן (פון פעדערן־געשעפט); קערמאַן (די טאָכטער פונעם הייוון־פאַרקויפער); די פרויען און קינדער פון די שניידער: שערמאַן, גייער, טשערטאָק; דאָס מיידל קלאָצמאַן; חיה שטיינבערג און חנה׳לע, די טאָכטער פון קאַרלינער רבין, וועלכע האָט צוליבן סם, וואָס זי האָט איינגענומען, מיט מאַטערניש זיך קוים דערשלעפּט ביז דער תפיסה, ווו זי איז ביינאַכט געשטאָרבן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די פאַרבליבענע אין שפּיטאָל, האָט מען באַפוילן זיך אויסצוטאָן נאַקעט, נאָכדעם האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויפן שפּיטאָל־הויף, ווו מ׳האָט זיי דערשאָסן.

אַ רעש. אַזוי איז געווען ביז אינדערפרי, ווען אויפן אָרט זענען געקומען ס״ס־לייט און באַגאָסן מיט הייסן קאַלך די בערגלעך ערד פון די פאַרשאָטענע גריבער.

דער פּאָליציאַנט האָט שפּעטער געליטן פון אַ נערוון־דערשיטערונג און אין משך פון אַ גאַנצער וואָך נישט געגעסן און נישט געשלאָפן.

דער נס אין דער לעצטער רגע

אַ נס, ענלעך צו דעם, וואָס האָט געטראָפן מיט דעם ייד, וואָס האָט געאַרבעט אין די גריבער און געבליבן לעבן, האָט אויך געטראָפן מיט אַנדערע דריי פאַראורטיילטע צום טויט. איינער פון זיי דערציילט אין זיינע עדות־דערקלערונגען:

„אויפן וועג צו די גריבער האָט מיר געבעטן די מוטער פון בערטאַ שוואַרצמאַן, וועלכע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט איר איינינקל, צו זאָגן דעם אָפּיציר, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אין איר שטוב אַ פולע גלאָז מיט גאָלד. איך האָב אירע רייד איבערגעגעבן דעם דייטש, נאָר ער האָט מיר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט.

אין מאָמענט, ווען מיר זענען שוין געשטאַנען ביי די גריבער און גענומען זיך אויסטאָן, האָב איך באַמערקט, ווי יענער אָפּיציר לויפט אין געאייל, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. איך בין אים אַרויס אַנטקעגן. ער האָט צו מיר אַ ווונק געטאָן, איך זאָל צוגיין צו אים. איך האָב אָנגעכאַפּט מיין פרוי ביי דער האַנט און זי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

— ניין, ניין, נאָר דיך האָב איך גערופן! — האָט ער געשריען און געפאָכעט מיט זיין רעוואָלווער. אָבער, ווען ער האָט געזען, אַז איך וועל אָן מיין פרוי נישט גיין, האָט ער אונדז ביידן געהייסן זיך זעצן אין אַ זייט. ער איז וועגן דעם געגאַנגען פרעגן דעם ס״ס־עלטסטן און האָט זיך צוריקגעקערט, נישט זאָגנדיק אונדז גאָרנישט. פונוייטן האָב איך דערזען, אַז די טאָכטער פון בערטאַ שוואַרצמאַן שטייט שוין אַ נאַקעטע, און נאָר זי האָט געוווּסט ווו דאָס גאָלד איז באַהאַלטן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צום אָפּיציר און אים געזאָגט, אַז בלויז מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן מיידל, קאָן איך געפינען דעם באַהאַלטענעם אוצר. דער דייטש איז אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ ביס פון אַ שלאַנג און געשאָלטן און צום סוף געפרעגט:

— ווו איז זי?

איך האָב גערופן דאָס מיידל. פון דעם באַרג מלבושים האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ מאַנטל, זיך איינגעהילט אין אים און צוגעלאָפן צו אונדז. אַלע דריי האָבן מיר זיך געזעצט אויף דער ערד און אַ דייטש האָט אונדז געהיט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אונדז געהייסן אַרויפגיין אויף אַ מאַשין, אין באַגלייטונג פון עטלעכע דייטשן, וואָס זייערע פנימער זענען געווען זייער רויט — באַשפּריצט מיט בלוט. מיר זענען געקומען צום הויז פון די שוואַרצמאַנס, אויף אַלעקסאַנדראָווער גאַס, אויסערן געטאָ. אַן ס״ס־אָפּיציר איז צוזאַמען מיט שוואַרצמאַנס טאָכטער אַריין אין שטוב און געזוכט, אָבער זיי זענען אַרויס מיט ליידיקע הענט. מיר זענען דאַן אַוועקגעפירן אין געטאָ, געזוכט אין דער באַהעלטעניש, אונטער דער אַפּטייק, און געפונען אַ טעקע מיט פּאַפּיר־געלט, גאָלדענע רינגלעך און אַ פּאַפּיראָסן־פּושקע. דער אָפּיציר האָט צוגענומען די רינגלעך און פּאַפּיראָסן־פּושקע, דאָס פּאַפּיר־געלט האָט ער איבערגעלאָזן.

מיר זענען אַראָפּ אין דער באַהעלטעניש אָן דעם דייטש און נאָכאַמאָל גענומען זוכן. דאַן האָבן מיר געפונען די גלאָז מיטן גאָלד, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו מעלדן וועגן דעם און פאַרזעצן אונדזער זוכן, ביז ס׳וועט טונקל ווערן. אַ ביסל פונעם גאָלד האָבן מיר געגעבן דעם דייטש, וואָס האָט געהיט ביים אַריינגאַנג. ווען עס איז טונקל געוואָרן, האָט ער אונדז געהייסן אַרויסגיין און מיטגיין מיט אים. ער האָט אונדז צוגעפירט צום אָפּיציר און איבערגעגעבן אים דאָס גאָלד, וואָס ער האָט פון אונדז באַקומען. יענער האָט עס אַריינגעלייגט אין קעשענע. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך דערווייל נישט געפונען דאָס גאַנצע גאָלד. מאָרגן, גלייך פון באַגינען וועלן מיר פאַרזעצן דאָס זוכן און מיר וועלן געוויס געפינען. ער האָט אונדז צוגעפירט צו די ס״ד־זעלנער, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט. זיי זענען געווען פון דער ספּעציעלער פאַרניכטונגס־אָפּטיילונג, וואָס איז געקומען און האָבן נישט געקענט די שטאָט. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן אונדז אָפּפירן אין שפּיטאָל־בנין, ווו עס געפינען זיך די פאַכלייט, און מאָרגן אינדערפרי זאָלן זיי אונדז קומען נעמען, כדי פאַרזעצן דאָס זוכן אין דער באַהעלטעניש. צו אונדזער גרויסער פאַרוווּנדערונג און גליק זענען זיי, צוליב עפּעס אַ סיבה, נישט געקומען, און אַזוי זענען מיר פאַרבליבן אין שפּיטאָל, צווישן די פאַכמענער״.

צווישן די לעבנגעבליבענע אין שפּיטאָל־בנין

צו די הונדערטער יידן, וועלכע זענען אויסגעטיילט געוואָרן ווי פאַכלייט און נוצלעכע אַרבעטער, זענען אין משך פון די דריי טעג פון דער „אַקציע״ צוגעקומען נאָך הונדערטער יידן, וועלכע האָבן זיך דורך אַלע מיטלען און וועגן דערלאַנגט צום שפּיטאָל, ווי צום לעצטן און איינציקן רעטונגס־פּונקט. די ענגשאַפט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן און צוזאַמען דערמיט די אומריינקייט און שמוץ. קיין עסן האָט מען נישט געגעבן. די איינציקע שפּייז איז געווען: בוראַקעס און ריבן, נישט קיין געקאָכטע, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די נאָענטע גערטנער. אין דער זעלבער צייט זענען פון די גריבער געבראַכט געוואָרן ביי אַ צוואַנציק יונגע בחורים, וועלכע זענען שוין געשטאַנען נאַקעטע. די דייטשן האָבן באַמערקט זייערע שיין־געבויטע שטאַרקע קערפּערס און האָבן צו זיי געזאָגט: „אויב איר ווילט אַרבעטן, וועט איר בלייבן לעבן!״

זונטיק — דעם 1־טן נאָוועמבער, 9 אַזייגער אינדערפרי, איז עבנער געקומען אין שפּיטאָל און ער האָט באַפוילן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די אַרבעטער פון לוריעס פאַניר־פאַבריק, זאָלן אויסשטעלן זייערע מענטשן אין שורות און גיין צו דער אַרבעט. זיי זענען איילנדיק אַרויס אין דרויסן,

עטלעכע אַרומיקע קליינע שטיבלעך. צוזאַמען — 11 הייזער — אַרומגעצוימטע מיט שטעכל־דראָט. דורך די פענצטער פלעגן מיר זען דעם שטח פון געוועזענעם גרויסן געטאָ, וואָס איז איצט געשטאַנען חרוב, פּוסט, איינגעהילט אין אַ טויט־שטילקייט... יעדער איינער האָט פאַר זיך געפונען אַ שטיקל אָרט און זיך, ווי עס איז, איינגעאָרדנט. פון דרויסן האָבן אונדז געהיט פּוילישע פּאָליציאַנטן. נעבן טויער האָט געברענט אַ שייטער און אונדזערע היטער זענען וואַך געווען גאַנצע נעכט.

יעדן פרימאָרגן פלעגן מיר אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אין באַגלייטונג פון די קריסטלעכע אַרבעטס־לייטער, וועלכע פלעגן וואַרטן אויף אונדז ביים טויער, פון וואַנען זיי פלעגן אונדז פירן צו אונדזערע אַרבעטס־פּלעצער. פאַרן אַרויסגיין פלעגן אונדז די פּאָליציאַנטן ציילן. אין יעדן הויז איז דערלויבט געווען צו פאַרבלייבן איין מענטש — צו מאַכן אָרדענונג און צוגרייטן אָוונט־ברויט פון די קאַרטאָפל, גרויפּנס, סוכאַרעס און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הייזער, ווי אַ זֵכר פון זייערע פריערדיקע איינוווינער, וועלכע האָבן עס דורך אומגעהויערע שוועריקייטן און מסירת־הנפש זיך דערוואָרבן... אין די אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפקומען צו די שניידער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין געטאָ גופא — צו הערן און דערציילן נייעס.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער גרופּע שניידער איז געווען לייבל שערמאַן, אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף זיין געביט, אַזוי, אַפילו די דייטשן האָבן אָפּגעשאַצט זיין פאַכמענישקייט. אין איינעם אַן אָוונט האָט אונדז שערמאַן דערציילט, אַז עבנער און אינזשיניער זיג האָבן בייטאָג באַזוכט דאָס געטאָ, כדי צו זען, ווי אַזוי מ׳האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט. ער האָט באַפּולמעכטיקט שערמאַנען און בערל גייער אַכטונג צו געבן, אַז אין געטאָ זאָל זיין ריין און אַז מענטשן זאָלן זיך נישט אַרויסדרייען פון דער אַרבעט, און דאַן וועט ער זאָרגן וועגן זייער באַשפּייזונג. ער האָט אויך באַפוילן: מ׳זאָל אַכטונג געבן, אַז אין געטאָ זאָלן נישט אַריינדרינגען קיין יידן, וואָס זענען נישט רעגיסטרירט צווישן די געטאָ־איינוווינער. אויב אַזאַ פאַל וועט געשען — האָט ער אָנגעזאָגט — וועט פאַלן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף אַלעמען.

מ׳שמוגלט זיך אַריין אין קליינעם געטאָ

און ווירקלעך — נאַכט נאָך נאַכט זענען אַריינגעדרונגען אין קליינעם געטאָ יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן זינט דער שחיטה, אין גרויסן געטאָ. און איצט — מיטן קומען פון ווינטער — האָבן זיי נישט קאָנענדיק מער אויסהאַלטן די קעלט און דעם הונגער, זיך אַריינגעקריגן אין קליינעם געטאָ. זייערע נעמען האָבן נישט פיגורירט אויף די רשימות פון די אַרבעטנדיקע און דעריבער האָבן זיי געמוזט זיך היטן פאַר פרעמדע אויגן. די פּוילישע פּאָליציי האָט עס אָבער דערשפּירט. זי פלעגט דורכפירן אומגעריכטע רעוויזיעס און די געפונענע נישט־לעגאַלע יידן פלעגן דערמאָרדעט ווערן.

כדי אויסצומיידן די זוכונגען און דורכקעמונגען פון געטאָ, האָבן די צוגעקומענע יידן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אויף אַרבעט, צוזאַמען מיט די באַרעכטיקטע דערצו. די אַרבעטס־לייטער פלעגן פאַרן דאָזיקן „חסד״ זייערן קריגן גוט באַצאָלט. צווישן די צוגעקומענע האָבן זיך געפונען: מאָטל שוכמאַן; גוטקע פעלדמאַן; דער שוסטער פעלדמאַן, זיין טאָכטער און זון; די משפּחה האָלצמאַן — דער מאַן און אַ זון; חיה פאָרטנאָי; די טאָכטער פון ד״ר יאַקובסאָן; פּסח שערמאַן. אָבער שלעכט און ביטער איז געווען דער גורל פון די פרויען מיט קינדער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעקריגן אין קליינעם געטאָ. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אַרויסגיין צו דער אַרבעט און די סכנה פון טויט איז געהאַנגען איבער זיי יעדן טאָג און יעדע רגע.

איין עדות דערציילט: „אַ באַזונדערער פאַל האָט פּאַסירט מיט דער פרוי און צוויי טעכטער פון געוועזענעם דירעקטאָר פון דער תרבות־שול אין קאַרלין, טוביה לעווין, וועלכער האָט אַלס העברעאישער שרייבער זיך אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים טל (ער איז אומגעקומען אין דער ערשטער אַקציע פון די 8000 מענער). די אַלע דריי פרויען האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הויז אויף בערנאַרדינסקע גאַס. בעת די זוכונגען האָט זיי אַ דייטש געפונען. די גרויסע טאָכטער האָט זיך זייער דערשראָקן און אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. אין האַרץ פון דייטש האָבן זיך דערוועקט מענטשלעכע געפילן. ער האָט זיי צוגעדעקט מיט שמאַטעס און געזאָגט, אַז אין דעם דאָזיקן אָרט וועט מען שוין מער נישט זוכן, און אין אָוונט וועט ער זיי ברענגען ברויט. און ווירקלעך — ער האָט געהאַלטן וואָרט. די דריי פרויען האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן דריי וואָכן צייט. איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט און אַדורך יענץ הויז, האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע רייען און אַריין אין געטאָ. בעת איינער פון די דורכקעמונגען און רעוויזיעס האָט מען זיי געפונען און דערהרגעט.

די זוכונגען אין אַלטן געטאָ

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיך באַנייט די זוכונגען אין אַלטן געטאָ, און יעדן טאָג זענען דאָרט געפונען געוואָרן באַהאַלטענע יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. דער אָרגאַניזאַטאָר פון די דאָזיקע זוכונגען איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי: סאָלאָגיאָוו. אין די נעכט פלעגן די איינוווינער פון קליינעם געטאָ זען דורך די פענצטער די געכאַפּטע יידן, ווי זיי פלעגן זיצן אויף דער ערד, אין דער שטאַרקער קעלט, נאָענט פון דעם שייטער, ווו די פּאָליציאַנטן פלעגן זיך וואַרעמען. זיי האָבן אויסגעזען, ווי פאַרשטיינערטע. אין משך פון די וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן, פאַרפרוירענע, אויסגעהונגערטע און דורכגעדרונגענע פון שרעק, ווי געיאָגטע חיות, זענען זיי אינגאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרן פון די כוחות. געווען צווישן זיי אויך פּיצלעך קינדער. מיטן באַגינען פלעגט מען זיי אָפּפירן אין אַרעסט־הויז פון ס. ד., דאָרט זענען זיי געזעסן און געוואַרט, ביז עס פלעגט זיך צונויפקלייבן אַ גרעסערע גרופּע יידן, און דאַן פלעגט מען זיי אַוועקפירן אין דאַבראָוואָליע און דערשיסן.

דער סוף פון די לעבנגעבליבענע

די פוילישע פּאָליציי האָט איבערגעגעבן די 143 יידן צו דער תפיסה־מאַכט. איינער פון זיי דערציילט:

„דאָ האָבן געהערשט בעסערע, מער־מענטשלעכע באַציונגען און בעסערע באַדינגונגען. די געבראַכטע יידן האָבן באַקומען אַרעסטאַנטן־קליידער און די פרויען און מענער האָט מען פונאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע קאַמערן, צו 30—40 פּערזאָן אין אַ קאַמער. די דאָקטוירים האָט מען געגעבן אַ באַזונדערן צימער. אין יעדן קאַמער האָבן זיך געפונען: אַ טיש און צוויי בענקלעך. די תפיסה־אויפזעער האָבן געפרעגט די יידן, צי זיי האָבן עפּעס געגעסן? אָבער קיין עסן האָט מען זיי נישט געבראַכט. הונגעריקע האָט מען זיך געלייגט שלאָפן אויף דער שטיינערנער, הוילער און קאַלטער פּאָדלאָגע. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען געגעבן צו קליינע שטיקלעך ברויט און זודיק וואַסער. אין יענעם טאָג האָט מען אַלעמען געפירט אין באָד אַריין. דאָרט זענען אויך דיזינפעקציאָנירט געוואָרן זייערע מלבושים און חפצים. נאָך דער באָד, האָט מער געקריגן מיטאָג: אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ.

נאָך מיטאָג האָט מען די אַרעסטאַנטן אַרויסגעפירט אויף אַ שפּאַציר אין תפיסה־הויף, אויף אַ פערטל שעה. נאָך דעם, ווי מ׳האָט זיי צוריקגעקערט אין די קאַמערן, איז געקומען עבנער און געזאָגט: „זייט וויסן, אַז איר זענט ווי ניי־געבוירענע. איר דאַרפט אַרבעטן פלייסיק און דאַן וועט איר בלייבן לעבן. אין תפיסה וועט איר זיך געפינען עטלעכע טעג, ביז מ׳וועט אויפשטעלן פאַר אייך אַ קליינעם געטאָ". ער האָט זיך געווענדעט צו איינעם און געפרעגט אים זיין פאַך. יענער האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ שמיד. עבנער האָט אים געהייסן ווייזן זיינע הענט. ער האָט זיי באַטראַכט און זיך צעריטשעט:

— וואָס? אַ שמיד מיט אַזעלכע איידעלע הענט? — ער האָט אים אַרויסגעפירט אויפן הויף און מער האָט מען אין תפיסה דעם מענטש נישט געזען.

איינע אַ פרוי דערציילט:

„אויך אין קאַמער פון די פרויען האָט זיך עבנער אויפגעפירט אויף אַן ענלעכן אופן. דורך זיינס אַ באַוועגונג מיטן פינגער: רעכטס אָדער לינקס, איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון אַ מענטש — לעבן אָדער טויט. איך געדענק, ווי דעם ערשטן טאָג האָט ער געהייסן אַרויספירן פון קאַמער די ציין־דאָקטאָרין בעקערמאַן און די כלה פון איר ברודער אוןביידן האָט ער געטויט. עבנער איז געווען זייער טעטיק אין יענע טעג. ער האָט כמעט יעדן טאָג באַזוכט די תפיסה, און יעדער באַזוך זיינער האָט באַדייט: אַ טויט־אורטייל אויף נאָך עטלעכע יידן. דעם דריטן טאָג איז ער געקומען און האָט אָפּגעטיילט די דאָקטוירים פון די איבעריקע אַרעסטאַנטן, זאָגנדיק זיי, אַז זיי גייען אויף אַרבעט אין קראַנקן־קאַסע (אין עטלעכע טעג אַרום האָט איינער אַ קריסט דערציילט דעם שניידער שערמאַן, אַז די דאָקטוירים האָט מען אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם און נאָך דעם, ווי מ׳האָט זיי באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט, זענען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן).

איינער פון זיי — דער דענטיסט וואָוקע בעקערמאַן, האָט געפּרוווט אַנטלויפן. ער איז אָבער געכאַפּט געוואָרן און מ׳האָט אים דערשאָסן.

נאָך אַ פרוי, אַן עדות, גיט צו: „מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די דאָקטוירים האָט מען דערשאָסן דערפאַר, ווייל די קריסטלעכע דאָקטוירים: דילעווסקי און מיכיילאָוו האָבן דערקלערט די דייטשן, אַז לויט זייער מיינונג זענען די יידישע דאָקטוירים מער נישט פּעאיק צו קיין אַרבעט, צוליב זייערע דערשיטערטע נערוון, נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין געטאָ".

נאָכן פינפטן טאָג פון געפינען זיך אין תפיסה, זענען די ערשטע גרופּעס אַרויס צו דער אַרבעט. די קריסטלעכע אַרבעטס־לייטער זענען געקומען אין תפיסה, מיט באַשטעטיקונגען פון אינזשיניער זיג, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו באַקומען אַרבעטער.

עס דערציילט איינער פון די דרוקעריי־אַרבעטער:

„מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט ערשט אויפן זעקסטן טאָג. מיר זענען געגאַנגען מיט וואַקלענדיקע פיס דורך בריסקער גאַס. די קריסטן האָבן אונדז באַטראַכט, אַזוי־ווי מיר וואָלטן געווען עפּעס וונדער־באַשעפענישן פון אַן אַנדער פּלאַנעט...

די קריסטלעכע אַרבעטס־חברים אונדזערע אין דער דרוקעריי האָבן גערעדט צו אונדז מיט פריינדשאַפט און זיך באַטייליקט אין אונדזער צער. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז דאָס זענען פּוסטע רייד, סתם פון יוצא וועגן.

דאָרט האָבן מיר אויך געקראָגן עפּעס צו עסן. נאָך דער אַרבעט האָט מען אונדז צוריקגעפירט אין תפיסה אַריין, אין דער באַגלייטונג פון אַ קריסטלעכן אַרבעטער, וועלכער האָט אונדז געהיט. אַזוי איז געווען יעדן טאָג.

אין יענע טעג האָבן מיר אָנגעהויבן פרייער אָפּצואָטעמען, קריגן שפּייז און מיר האָבן געקאָנט אַפילו ברענגען עפּעס פאַר אַנדערע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן נאָך דערווייל נישט געאַרבעט. עבנער פלעגט מאַכן „באַזוכן" ביי אונדז יעדן אָוונט, כדי צו קאָנטראָלירן צי אַלע אַרבעטן. עטלעכע פרויען, וועלכע האָבן נאָך פאָרלויפיק נישט געאַרבעט, האָט ער אַרויסגעפירט אין דרויסן און זיי דערשאָסן".

אין עלף טעג אַרום, דעם 12־טן נאָוועמבער, ס׳איז דאַן געווען זייער אַ קאַלטער טאָג, האָבן די אַרעסטאַנטן צוריקבאַקומען זייערע מלבושים.

מ׳האָט אונדז באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין הויף אויף אַן אַפּעל, און דער תפיסה־נאַטשאַלניק האָט זיך מיט אונדז פריינדלעך געזעגנט. ער האָט אונדז געטרייסט, אַז פון איצט אָן וועט זיך אונדזער לאַגע פאַרבעסערן. אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זענען מיר געפירט געוואָרן דורך די פּוסטע און וויסטע גאַסן פון דער שטאָט, אין באַגלייטונג פון תפיסה־וועכטער, אין קליינעם געטאָ אַריין.

דער קליינער געטאָ

דער קליינער געטאָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן הינטערן פּאָוויאַטאָוון שפּיטאָל אין קאַרלין. זיין צענטער איז געווען דאָס הויז, ווו עס האָט זיך פריער געפונען די ישיבה, און

נישט געווען אויפן פלאַץ און זיי האָבן מיר באַהאַלטן אין אַ טאַפּטשאַן. אין אָוונט האָבן זיי מיר אַרויסגענומען פון דאָרטן און איינציקווייז זענען מיר אַוועק צום אָפּגעשטימטן פלאַץ, אויף לאַהישינער גאַס, נעבן די באַן־רעלסן, און פון דאָרט האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון קאָברין.

נאָך 6 שעה גאַנג זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף ווולקע. דאָרט האָט אויף אונדז שוין געוואַרט אַ קריסט, וועלכער האָט אונדז געפירט דורך אַ זייטיקן, ווייטן וועג, און אונדז איבער־געגעבן צו אַ צווייטן קריסט, וועלכער האָט אונדז אויף אַ שיפל אַריבערגעפירט אויף דער צווייטער זייט טייך. ער האָט אָנגעוויזן אויפן נאָענטן וואַלד און וואַרעם געזאָגט: „גייט, און גאָט זאָל אייך העלפן!" אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געבלאָנדזשעט. צומאָרגנס האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע מענטשן וועלכע האָבן גערעדט רוסיש. זיי האָבן זיך פאָר־געשטעלט פאַר אונדז אַלס פאַרטיזאַנער, און געזאָגט, אַז זיי קאָנען זיך מיט אונדז נישט פאַרנעמען, ווייל זיי גייען אויס־פירן אַ באַשטימטע אויפגאַבע. דעריבער האָבן זיי אונדז אָפּ־געשיקט צו זייער שטאַב, אָנווייזנדיק די ריכטונג, וווהין מיר דאַרפן גיין. ביי אַ 40 קילאָמעטער פון קאָברין האָט אונדז באַגעגנט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אונדז אַריינ־געפירט אין אַ שטוב און האָבן אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען דאָרט איבערנעכטיקן און צומאָרגנס וועלן זיי אונדז קומען נעמען צו די פאַרטיזאַנער. דער שומר, וועלכער האָט אונדז געהיט, האָט אונדז פאַרטרויט, אַז דאָס איז אַ באַנדע אוקראַי־נער און מיר דאַרפן תיכּף אַנטלויפן פון דאַנען, אויב מיר ווילן בלייבן לעבן. מיר זענען אַנטלאָפן און ווידער געקומען אין וואַלד אַריין. נאָך אַ געוויסער צייט בלאָנדזשען האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע רייטער. דאָס זענען געווען יידישע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אונדז אַוועקגעפירט צום רוסישן קאָמאַנדיר. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אונדז אָן געווער און האָט אונדז אָפּגעשיקט צוריק קיין פינסק.

אויסגעמאַטערטע און צעבראָכענע האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. יעדעס מאָל האָבן מיר געשיקט עמעצן פון אונדזערע מענטשן אין אַ הויז פון אַ פויער צו קריגן עפּעס עסן. ליידער האָט קיין איינער פון די געשיקטע זיך נישט צוריקגעקערט... ביז מיר זענען אָנגעקומען צוריק קיין פינסק, איז פון אונדזער גרופּע פון 11 פּערזאָן, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ, געבליבן בלויז דריי: איך, פרידמאַן און פערטשיק. נאָך פיל ליידן און מאַטערניש אין פינסק, זענען מיר ווידער אַרויס זוכן פאַרטיזאַנער. דאָסמאָל — אין דער ריכטונג פון מאָלאָדעטשנע. מיר זענען אָנגעקומען אַהין פונקט בעת אַ שלאַכט צווישן דייטשן און פאַרטיזאַנער. דעריבער זענען מיר אַוועק פון דאָרטן אין דער ריכטנג פון שטעטל סערניק. אין דאָרף סוואַריצעוויטש איז אונדז געלונגען צו פאַרייניקן זיך מיט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און אַ דאַנק דעם האָט מען אונדז אָנגענומען אין דער גרופּע אָן געווער".

איין עדות האָט דערציילט וועגן דעם גורל פון צוויי בלאָנדזשענדיקע פינסקער יידן אין וואַלד:

„בעת איינער פון די דורכקעמונגען פון גרויסן געטאָ, האָט מען אַנטדעקט אונדזער באַהעלטעניש און מ'האָט אונדז אַוועקגעפירט אין הויז פון דער ס. ד. מיין שוואָגער שמואל קאָראָבייניק האָט געהאַט ביי זיך אַ באַהעלטענע שער אין אַ שטיוול. ס'איז אונדז געלונגען אין משך פון די ערשטע שעה'ן פון דער נאַכט אַרויסצוציען עטלעכע אייזערנע קראַטעס פון פענצטער־ראַם, און באַרוועסע, מ'זאָל נישט דערהערן אונדזערע טריט, זענען מיר אַנטלאָפן און זיך דערלאַנגט אין געטאָ. דאָרט האָבן מיר געפונען שיך, אַ טשייניק און צונויפגעקליבן אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן אין עטלעכע פאַרלאָזטע בונקערס, און פאַרטאָג זענען מיר אַריין אין אַ קעלער פון אַ פאַרלאָזט הויז אויף נאָוואַ גאַס, נעבן די באַן־רעלסן. דאָרט זענען מיר אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג. אָוונט־צייט האָבן מיר דורך הינטער־געסלעך פון שטאָט, זיך דערלאַנגט צום טייך, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרפרוירן ווערן. אַריבערגייענדיק דעם טייך, זענען מיר נאָך פיל בלאָנדזשענישן אָנגעקומען אין אַ וואַלד, נאָענט פון דאָרף ווולקע.

אונטער אַן אַרויסגעריסענעם בוים, וואָס זיינע וואָרצלען האָבן זיך געצויגן אין דער הויך, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַהעלטעניש, וווּ מיר זענען געזעסן 4 חדשים. אויף דער דאָזיקער צייט האָבן אונדז געקלעקט די שפּייז־פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך פון געטאָ. מיר פלעגן עסן איין מאָל אין טאָג און שטילן דעם דורשט מיט שניי, וועלכן מיר האָבן צעלאָזן ביי אַ פייער, וואָס מיר פלעגן אָנצינדן אין די פאַרנאַכטן, אָדער באַגינען. אין מערץ 1943 האָבן זיך ביי אונדז געענדיקט די שפּייז־פּראָדוקטן. מיר זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוקערן אין פאַרלאָזטן פוסטן געטאָ אין פינסק, ווו מיר האָבן געזוכט, און אין פאַרשידענע באַהעלטע־נישן נאָך געפונען אַ ביסל גרויפּן און מעל און די זעלבע נאַכט זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין. אין אַפּריל האָבן מיר באַשלאָסן צו געפינען פאַרטיזאַנער, פאַר יעדן פּרייז, ווייל מיר זענען אינגאַנצן געבליבן אָן שפּייז. צוויי מאָל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף באַנדעס פויערים, וועלכע האָבן ביי אונדז צוגערויבט אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך. דאָס ערשטע מאָל איז אונדז געלונגען ביידע צו אַנטלויפן, אָבער — ביים צווייטן מאָל איז מיין שוואָגער געהרגעט געוואָרן דורך די פויערים. בלייבנדיק אַליין, האָב איך, נאָך פיל מאַטערנישן, איבערגעטאָן זיך ווי אַ פויער, זיך דערלאַנגט אין דער געגנט פון פּאָהאָסט־זאַגאָראָדזקי. דאָרט האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע יידישע פאַרטיזאַנער, אויפן נאָמען פון קאַגאַנאָוויטש, וואָס איר קאָמענדאַנט איז געווען דוד באָבראָוו".

די לעצטע טעג פון קליינעם געטאָ

אויף די איבעריקע איינוווינער פון קליינעם געטאָ האָבן זיך געגרייט גרופּעסווייז צו אַנטלויפן. יעדע גרופּע האָט באַשטימט איינע פון די ליידיקע הייזער, אויסערן געטאָ, אַלס אַ טרעף־פּונקט, ווען עס וועט קומען דער דעצידירנדי־קער מאָמענט. דאָרט האָבן זיי אָנגעגרייט ברויט און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זיי פלעגן ברענגען צוריקגייענדיק

געוועז אויך פֿאַלן, ווען די דייטשן אַליין פֿלעגן ברענגען צוגאָב־יידן אין געטאָ. אַזוי איז אויך געבראַכט געוואָרן דוד ניידיטש (דער געוועזענער סעקרעטאַר פֿון גימנאַזיע „תרבות"). צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון זיין באַהעלטעניש אין אַלטן געטאָ און זיך צו דערלאַנגען אין איינעם פֿון די דערפֿער. אויפֿן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אַ פּויער, וועלכער האָט זיי איבערגעגעבן צו דער ס. ד. ווען מ׳האָט זיי געפֿרעגט וועגן זייער פֿאַך, האָט ניידיטש געזאָגט, אַז ער איז אַ סטאָליער, און אַ דאַנק דעם איז ער געבראַכט געוואָרן אין געטאָ.

אין קליינעם געטאָ האָט מען דערציילט, אַז בעת די דורקעמונגען פֿונעם שטח פֿון גרויסן געטאָ, האָט מער דאָרט געפֿונען דעם רב ראָזענצווייג. ווען דער פּאָליציאַנט האָט אים גענומען אַרויסשלעפּן פֿון זיין באַהעלטעניש, האָט דער רב אים געשטאָכן מיט אַ מעסער און איז אַנטלאָפֿן. אַ צווייטער פּאָליציאַנט האָט אים נאָכגעשאָסן און דערהרגעט.

דער באַראָמעטער פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון קליינעם געטאָ

די מענטשן אין קליינעם געטאָ האָבן, ווי עס איז, זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבנס־שטייגער — געאַרבעט, געקאָכט, געשלאָפֿן און צייטנווייז אַפֿילו געשפּילט אין קאָרטן. אָבער דאָס אָנגעשטרענגטע טראַכטן און שרעק פֿאַרן מאָרגן — האָט קיינעם אויף אַ רגע נישט געגעבן קיין רו. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ביז יאַנואַר 1943 וועט פּינסק זיין „יודן־ריין"... ביז דאַן דאַרפֿן די קריסטלעכע אַרבעטער זיך אויסלערנען ביי די יידן זייערע פֿאַכן, כדי זיי זאָלן קאָנען פֿאַרטרעטן די יידן אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

אויך דאָס פֿיבערהאַפֿטע פֿאַרגרייטן זיך פֿון די דייטשן מיט קליידונג, שיך, לעדערוואַרג און אַנדערע אַרטיקלען, האָט פֿאַרשטאַרקט אין געטאָ די זאָרג און מורא, אַז בלויז אַ קורצע צייט איז פֿאַרבליבן פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון געטאָ, און דערפֿאַר נוצן זיי אויס וואָס מער די יידישע בעלי־מלאכות, — די שניידערס, שוסטערס, גאַרבאַרעס און סטאָליאַרעס זענען געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט. און כדי אויסצופֿירן די גרויסע צאָל באַשטעלונגען פֿון די דייטשן, זענען די יידישע בעלי־מלאכות געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער באַראָמעטער פֿאַר דער צייט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון געטאָ זענען, בעיקר, געווען — דער שניידער שערמאַן און דער ציין־טעכניק פֿעלדשטיין. לויט דער צאָל טעג, וואָס זיי איז נויטיק געווען אויף אויסצופֿירן די דייטשישע באַשטעלונגען, האָט מען אויסגערעכנט די צאָל טעג, וואָס זענען פֿאַרבליבן פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון געטאָ.

מ׳גייט אַרויס אין די וועלדער

אין יענע טעג זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן כלערליי מינים פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצוגיין פֿון געטאָ אין די וועלדער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפֿן געווער, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז דער ערשטער באַדינג, כדי אריינגענומען צו ווערן אין די רייען פֿון די פּאַרטיזאַנער.

ביי דער גאַנצער סכנה, וועלכע האָט געדראָט די געבליבענע אין געטאָ, צוליב דעם אַרויסגיין פֿון אָרגאַניזירטע גרופּעס אין וואַלד אַריין, האָט זיך דאָך געלאָזט מערקן דאָס פֿעלן פֿון אַ טייל מענטשן, וועלכע זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון געטאָ. אין אַ געוויסן שבת־צונאַכטס איז איינע פֿון די גרופּעס אַרויס אין וואַלד. אַזוי ווי זונטיק איז נישט געווען קיין אַרבעטס־טאָג, האָבן די אַנטלאָפֿענע געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע צוויי נעכט און אַ טאָג, ביז מ׳וועט באַמערקן זייער פֿאַרשווינדן. ווען מ׳האָט מאָנטיק געפֿרעגט ביי די פֿאַרבליבענע אַרבעטער: ווו זענען זייערע חברים? האָט מען געענטפֿערט, אַז זיי זענען קראַנק. ערשט מיטוואָך איז אויפֿגעדעקט געוואָרן די זאַך, אַז אין געטאָ פֿעלן יידן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן צו די פּאַרטיזאַנער. אָבער „מ׳האָט שוין זיי געכאַפּט!" — אַזוי האָבן ליגנעריש דערקלערט די דייטשן, כדי אָנצושרעקן אַנדערע, זיי זאָלן נישט אַנטלויפֿן פֿון געטאָ.

דער גורל פֿון די אַנטלאָפֿענע אין די וועלדער

איינער אַן עדות דערציילט:

„מיר זענען צוזאַמען געווען 20 פּערזאָן, ווען מיר זענען אַרויס פֿון קליינעם געטאָ צו זוכן פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. אויפֿן וועג האָט אונדז איינער אַ קריסט געוויזן די ריכטונג, וווהין צו גיין. מיר האָבן באַגעגנט פֿיר פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אונדז פֿריינדלעך באַגריסט און געזאָגט, אַז זיי וועלן באַלד צוריקקומען מיט זייער קאָמאַנדיר. אין עטלעכע שעה אַרום זענען געקומען ביי אַ צוואַנציק באַוואָפֿנטע רייטער. זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך: אַ ביקס, אַ רעוואָלווער און אַנדערע ווערט־זאַכן און האָבן אונדז איבערגעלאָזט. מיר זענען געווען געצווּנגען צוריקקערן זיך אין שטאָט אַריין. נאָכן באַהאַלטן זיך עטלעכע טעג אין אַן אַלט פֿאַרלאָזט הויז, בין איך אַוועק צוזאַמען מיט הערשל באָבראָוו, מיר זענען אַריבער דעם פֿאַרפֿרוירענעם טייך און זיך באַהאַלטן אין די זומפּן. עטלעכע פֿון אונדזערע באַקאַנטע פּויערים האָבן אונדז אייניקע מאָל געבראַכט ברויט. אַזוי האָבן מיר געלעבט 4 חדשים אין שוידערלעכע באַדינגונגען, ביז מיר זענען אַוועק ווייטער און דאָרט ענדלעך זיך פֿאַראייניקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג: „מיסיוראַ". אונדזער דירעקטער קאָמענדאַנט איז געווען: וואָלאָדיאַ קאָוואַלטשיק".

וועגן אַ צווייטער גרופּע אַנטלאָפֿענע פֿון קליינעם געטאָ, דערציילט אַ פּרוי, אַן עדות, פֿאָלגענדעס:

„אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר געקומען ברוך פֿרידמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אויסערן געטאָ און האָט מיר פֿאַרטרויט אַ סוד, אַז 10 אַרבעטער, צוזאַמען מיט אים, האָבן באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין וואַלד אַריין, און אויב איך וויל, קאָן איך מיטגיין מיט זיי. אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר צוגעגרייט עסן און שטיוול. די בחורים זענען אַרויס אינדערפֿרי צו דער אַרבעט. איך האָב אַראָפּגענומען פֿון מיינע מלבושים די געלע לאַטעס און אַזייגער איינס בייטאָג בין איך אַרויס פֿון געטאָ און אַוועק צום אַרבעטס־פּלאַץ פֿון די צען בחורים. דער קריסטלעכער אַרבעטס־לייטער איז בעת־מעשה

פאַרטיזאַנער־באַנדעס, וועלכע זענען טעטיק אין דער געגנט פון די זומפּן אַרום פּריפּעט.

דעריבער באַפעל איך, נישט געקוקט אויף די עקאָנאָמישע וואַקלונגען (אָדער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט), צו פאַרניכטן און ליקווידירן דעם פינסקער געטאָ.

מ׳דאַרף איבערלאָזן 1000 מענער — פאַכלייט, אויף וויפל דאָס וועט מעגלעך זיין אויסצופירן, און זיי האַלטן אונטער אַ געהעריקער אויפזיכט. אויך די 1000 וועט מען שפּעטער דאַרפן פאַרניכטן״.

געחתמעט:
ה. הימלער.

(דער דאָזיקער דאָקומענט געפינט זיך אין די טעקעס פון דאָקומענטאַציע־צענטער אין בערלין, און ער ווערט אויך דערמאָנט אינעם אַרטיקל פון ד״ר יוסף קערמיש א. נ. „יידישע העלדישקייט לויט די דאָקומענטן פון שונא״, פאַרעפנטלעכט אינעם העפט נומ. 6—7: „ידיעות פון יד־ושם״ — טבת תש״ך — יאַנואַר 1956).

די רעדער פון דער נאַצי־מאַשין האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן מיט דער נאַטירלעכער דייטשישער פּינקטלעכקייט און טייוולאָנישער שנעלקייט, און אין צוויי טעג אַרום — דעם 29־טן אָקטאָבער, 4 אַזייגער פאַרטאָג, זענען שוין אָנגעקומען קיין פינסק ספּעציעלע פאַרניכטונגס־קאָמאַנדעס.

וועגן די צוגרייטונגען און טעטיקייט פון די דאָזיקע אָפּטיילונגען ביים פאַרניכטן די פינסקער יידן, געפינט זיך ביי אונדז דער דין־וחשבון פון דער אויספירונג און דער סך־הכול־באַריכט פונעם קאָמאַנדיר אונטער וועמענס אָנפירונג די ליקווידאַציע פון געטאָ איז דורכגעפירט געוואָרן. דער דאָזיקער דאָקומענט ווערט געבראַכט אין זיין פולן טעקסט אינעם ענדגילטיקן באַריכט פון דער דייטשישער פּראָקוראַטור. דער אָריגינאַל פונעם אויבנדערמאָנטן דאָקומענט געפינט זיך צווישן די דאָקומענטן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט פאַרכאַפּט ביי דער קאָמאַנדשאַפט פון 15־טן דייטשישן פּאָליציי־רעגימענט, און איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אין אַ געקירצטער פאָרם, אין דער צייטונג „דבר״ אין ארץ־ישראל — דעם 6־טן פעברואַר 1944 (י״ב שבט תש״ד), אַלס אַ טעלעגראַמע פון איליאַ ערנבורג, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע.

אַ פולע איבערזעצונג פונעם דאָקומענט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „דבר״ דעם 15־טן נאָוועמבער 1953.

דער דאָזיקער באַריכט איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם רוסישן בוך א. נ. „באַשולדיקנדיקע דאָקומענטן״ — צווייטער טייל — אויף די זייטן 34—36, און אָט איז זיין פולער טעקסט:

סך־הכול באַריכט (ערפאַרונגס־באַריכט)

נאָך דעם, ווי עס איז אָפּגערופן געוואָרן דער באַפעל וועגן דעם באַלדיקן מאַרש, האָט די קאָמפּאַניע באַקומען דעם 27.10.42 אַ באַפעל צו קומען דעם 28.10.42, 21 אַזייגער, קיין קאָברין. אין הסכם מיטן באַפעל איז די קאָמפּאַניע געקומען אויף מאַשינעס קיין קאָברין און פון דאָרט איז זי געשיקט געוואָרן קיין פינסק. צו דעם מערב־אַריינגאַנג פון שטאָט איז די קאָמפּאַניע אָנגעקומען דעם 29.10 — 04.00 אַזייגער פאַרטאָג.

אויף דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28.10.42 אין פינסק, ביים רעגימענט־קאָמאַנדיר, קורסק, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צוויי באַטאַליאָנען, און נעמלעך, דער צווייטער באַטאַליאָן פון דעם 15־טן פּאָליציי־פּאָלק און די צווייטע רייטער אָפּטיילונג, וועלן נעמען אויף זיך די אויסערלעכע אַרומרינגלונג, בעת די 10־טע ראָטע פונעם 15־טן פּאָליציי־פּאָלק און די 11־טע ראָטע פונעם 11־טן פּאָליציי־פּאָלק, אָן צוויי אָפּטיילונגען, ווערן באַשטימט אויף דורצוקעמען דאָס געטאָ.

די 11־טע ראָטע פונעם 11־טן פּאָליציי־פּאָלק, אָן איין אָפּטיילונג (וועלכע וועט אין אָוונט באַפרייט ווערן פון דורכקעמען) איז באַשטימט געוואָרן צו באַוואַכן דעם זאַמלפּונקט און די באַזונדערע טראַנספּאָרטירונגען צום טויטונגס־אָרט, וואָס האָט זיך געפונען 4 קילאָמעטער פון פינסק, ווי אויך אויף אַרומצורינגלען דעם טויטונגס־אָרט.

צו אָט דער לעצטער אויפגאַבע זענען שפּעטער טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן רייטער. דאָס דאָזיקע מאָסמיטל האָט זיך גלענצנדיק באַרעכטיקט, ווייל, ווען 150 יידן האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן, האָט מען זיי אַלע געכאַפּט, הגם אייניקע פון זיי איז שוין געלונגען אַוועקצוגיין עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט.

די אַרומרינגלונג איז באַשטימט געוואָרן אויף 04.30 פאַרטאָג, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס די אָנפירער האָבן באַצייטנס פערזענלעך דורכגעפירט די אויסשפּירונג און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס אַלץ איז דורכגעגאַנגען געהיים, איז די אַרומרינגלונג געמאַכט געוואָרן זייער גיך און די יידן האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען.

לויטן באַפעל האָט די דורכקעמונג פון געטאָ געדאַרפט זיך אָנהויבן 06.00 אַזייגער פאַרטאָג, אָבער צוליב דער פינצטערקייט איז דער אָנהויב פון דער דורכקעמונג איבערגערוקט געוואָרן אויף אַ האַלבער שעה. די יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר, האָבן, צום גרעסטן טייל, אָנגעהויבן פרייוויליק זיך זאַמלען אויף אַלע גאַסן — צו דער דורכקאָנטראָלירונג, אַזוי אַז מיט דער הילף פון צוויי וואַכמייסטערס האָט זיך גלייך, אין דער ערשטער שעה איינגעגעבן צו ברענגען עטלעכע טויזנט יידן צום זאַמלפּונקט. ווען די איבעריקע יידן האָבן דערזען ווהין עס גייט דער שטראָם, זענען זיי אַליין צוגעשטאַנען צו דער קאָלאָנע, אַזוי אַז צוליב דעם קאָלאָסאַלן מענטשן־געזאַמל, האָט זיך נישט איינגעגעבן דורכצופירן די קאָנטראָל אויפן זאַמל־פּלאַץ, וועלכע די וואַך־פּאָליציי האָט געהאַט פאַרפּלאַנירט (אין דעם ערשטן טאָג פון דער דורכקעמונג האָט מען אויסגערעכנט בלויז אויף 1000—2000 מענטשן). די ערשטע דורכקעמונג האָט זיך פאַרענדיקט 17.00 אַזייגער, אָן קיין שום פּאַסירונגען.

פון דער אַרבעט. „מיר האָבן באַשטימט פּישקאָס מויען אויפן מאַרק־פּלאַץ — דערציילט איינער — אַלס אונדזער געהיימען טרעף־פּונקט". אין די דאָזיקע טעג פלעגן אַ סך בלייבן נעכטיקן ערגעץ אויסערן קליינעם געטאָ, כדי עס זאָל זיי נישט איבעראַשן אַ פּלוצלינגע „אַקציע" אין מיטן דער נאַכט. אפילו די, וואָס האָבן גענעכטיקט אין געטאָ, האָבן אין יענע נעכט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע וואַכזאַמקייט.

„שטענדיק זענען מיר געווען אויף דער וואַך — האָט דערציילט איינע, אַן עדות — יעדן פרימאָרגן, פון סאַמע באַגינען, זענען איך און מיין מאַן, געשטאַנען מיט קליינע פּעקלעך אין די הענט ביים צוים פון שטעכל־דראָט: אויב מ'וועט אַרומריגלען דאָס געטאָ — האָבן מיר געטראַכט — וועט אונדז אפשר געלינגען צו אַנטלויפן. יעדן פרימאָרגן פלעגן די חברים לאַכן פון אונדז: „איר זעט שוין, אַז עס האָט גאָר־נישט פּאַסירט! מיר זענען רואיק געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און איר זענט געפרוירן געוואָרן פון קעלט אין דרויסן".

די אַרבעט ביים שניידער שערמאַן איז אַלץ וויניקער געוואָרן. פעלדשטיין האָט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן ביי אים צוריקגענומען דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן אים געהאַט געגעבן אויף צו מאַכן ציינער. עס האָט זיך ממש געשפּירט אין דער לופט, אַז די טעג פון געטאָ זענען די לעצטע. אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נאָך אַ גרופּע יידן האָט זיך אַרויסגעקריגן פון געטאָ און איז אַוועק אין וואַלד. די דייטשן האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי באַמערקן עס נישט.

מיטוואָך באַגינען — דעם 23־טן דעצעמבער 1942 — ט"ז בטבת תש"ב — איז דאָס קליינע געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן און אַלע זיינע איינוווינער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן קאַרלינער בית־עולם, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. בלויז געציילטע מענטשן איז גע־לונגען צו אַנטלויפן בעת דער „אַקציע" ממש. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַרומיקע הייזער. איינע, אַ קליינע גרופּע, האָט זיך באַהאַלטן אין אַ מיסט־גרוב, אויפן שטח פון קליינעם געטאָ. די רוצחים זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע צוגריי־טונגען צום ווייַנאַכט־יום־טוב, דעריבער איז פיל יידן גע־לונגען צו אַנטלויפן אומבאַמערקטערהייט. אָבער די גרעסטע טייל פון זיי זענען געכאַפּט געוואָרן שפּעטער אין שטאָט און אין דער סביבה און זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

איינער פון די אַנטלאָפענע אין יענע טעג דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען:

איך האָב זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט מיין קוזינע, נעמי קאַזור, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַן אַריערין, ביי אַ קריסטין — אירס אַ באַקאַנטע. זי האָט פאַר מיין קוזינע געשאַפן אַ מעג־לעכקייט אַריבערצוגיין קיין בריסק.

איך בין אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט, וועלכער האָט מיר דערלויבט צו פאַרבלייבן ביי אים בלויז איין טאָג. ער האָט מיר געגעבן ברויט מיט וואַסער. אין אָוונט בין איך אַוועק זוכן די באַהעלטעניש, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אויפן בוידעם־שטיבל אין פּישקאָס חרובן הויז אויפן מאַרק־פּלאַץ. וועגן דעם האָב איך נאָך געוווּסט אין די טעג פון קליינעם געטאָ. איך האָב אַנגעקלאַפּט, לויטן אָפּגערעדטן צייכן, און האָב אַרויפגעקלעטערט אין דער הויך. נאָך דעם, ווי איך האָט זיי געזאָגט, ווער איך בין, אַז איך בין אַליין, און אַז אונטן איז קיינער נישטאָ, האָבן זיי מיר אַראָפּגעלאָזט דעם קליינעם לייטער. כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ גרופּע יידן, צווישן זיי — ווילקאָוויטשן פון דער דרוקעריי. נאָך אַ באַ־ראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון שטאָט. צו דעם צוועק האָבן מיר זיך באַמיט צו קריגן געווער. איך, צוזאַמען מיט מיינעם אַ חבר, האָבן זיך אַריינגעקריגן אין הויז פון אַ דייטש — אַן אינספּעקטאָר אין תפיסה, כדי צוצונעמען זיין ביקס. ליידער האָבן מיר אין שטוב נישט געפונען נישט דעם דייטש און נישט זיין ביקס. מיר האָבן מיטגענומען בלויז עטלעכע פלעשער שנאַפּס און שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן געפונען אין דעם הויז. צומאָרגנס זענען מיר אַוועק צו אַ פּאַליאַק, וועלכער האָט, לויט אונדזערע ידיעות, געהאַט אַ רעוואָלווער. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און דינגענישן, און נאָכן געבן אים אַ זאַק מיט לעדער, וואָס איך האָב פאַר־זיכטיק אַרויסגעטראָגן פון פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט, האָבן מיר באַקומען דעם רעוואָלווער מיט 10 קוילן. יענע נאַכט זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן און אָפּגעשטימט זיך צו טרעפן צווישן די חורבות פון דער גרויסער שול, כדי זיך צו טיילן מיט ידיעות, און יעדער איינער וועט דאַן זיך לאָזן אין זיין וועג, אויפן באַראָט פון זיין אייגענעם גורל".

די פאַרניכטונג פון די פינסקער יידן — לויט דאָקו־מענטן פון שונא

אין דעם ענדגילטיקן באַריכט, וואָס איז צוגעגרייט גע־וואָרן צום משפט פון די נאַציסטישע מלחמה־פאַרברעכער, וועל־כע זענען פאַרמישט געווען אין דער פאַרניכטונג פון די פינס־קער יידן, האָט דער פּראָקוראָר אונטערגעצויגן פאָלגנדיקן סך־הכול פון דער געטאָ־תקופה:

אין פינסקער געטאָ, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מאַי 1942, זענען אין גרויס ענגשאַפט אַריינגעשפּאַרט געוואָרן ביי 30,000 יידן. ביז אָקטאָבער 1942 זענען מער נישט פאַרגעקומען קיין גרויסע אַקציעס קעגן די יידן. דעם 27־טן אָקטאָבער 1942 האָט דער רייכספירער פון ס"ס, הימלער, אַרויסגעגעבן פאָלגענדיקן באַפעל:

„געהיים.

צום הויפּט־קאָמאַנדיר און קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי אויף אוקראַינע, ס"ס־אויבערגרופּנפירער און פּאָליציי־גענע־ראַל, פּראַצמאַן:

דער הויפּט־שטאַב פון דער וועהרמאַכט איז מיר מודיע, אַז דער שטח: בריסק—האָמעל ליידט אַלץ מער און מער פון איבערפאַלן פון פּאַרטיזאַנער־באַנדעס, וועלכע שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן אונדזערע מעגלעכקייטן פון צושטעלן פאַר־שטאַרקונגען פאַר די מלחמה־כוחות.

אויפן סמך פון די ידיעות, וואָס זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן, געפינט זיך אין פינסקער געטאָ דער צענטער פון די

מענטשן", כדי איבערצוקליגן דעם גרויזאַמען פּיינט און זיך אַרויסדרייען פון זיינע טייוולשע פאַרניכטונגס־פּלענער.

באַקען זיך מיט די רוצחים!

און אָט זענען צוגאָבלעכע עדות־דערקלערונגען פון דייטשן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון די פּינסקער יידן.

ערנסט ביגאַלק דערציילט, אַז ער האָט אויסגעפירט די באַפעלן פון זאָורן און האָט זיך באַטייליקט אין דער „אַקציע" אַלס זעלנער פונעם באַטאַליאָן, וואָס האָט דורכגעפירט די אַרומרינגלונג פון געטאָ (דאָס רוב דייטשישע עדות, אַנטיילנעמער אין דער „אַקציע", האָבן צוליב עפּעס וואָס, געהערט בלויז צו די אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ, און נישט אינעווייניק...). לויט אים, האָבן די דורכקעמונג פון געטאָ אויסגעפירט די ס. ד.־לייט. ער איז אַריין אין געטאָ, נאָכן אַראָפּנעמען די אויסערלעכע אַרומרינגלונג, און האָט געזען אין די גאַסן טויטע קערפּערס פון קינדער און דערוואַקסענע, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט. אָבער ער האָט נישט געשאַצט זייער צאָל אויף קיין 1200.

נאָך אַ צוגאָבלעכער אויספאָרשונג האָט ער מודה געווען, אַז אויך די מענטשן פון זיין באַטאַליאָן האָבן אַנטיילגענומען אין דער דורכקעמונג פון געטאָ — אינעווייניק. ביגאַלק אַרבעט איצט אַלס אינספּעקטאָר אין אַ געריכטס־אַמט אין בערלין — שפּאַנדאַו.

וואַלטער ריבערג, וועלכער האָט געדינט אינעם פּאַנצער־באַטאַליאָן פון 15־טן פּאָליציי־פּאָלק, האָט געפּרוווט זיך דערלאַנגען צום טויטונגס־אָרט אין זיין געפּאַנצערטן אויטאָ, אָבער ער איז צוריקגעקערט געוואָרן דורך די ס. ד.־לייט. אויפן וועג האָט ער געזען גרופּעס מענטשן צו 100 פּערזאָן, אַן ערך, אין יעדער גרופּע — אין גרעסטן טייל זענען עס געווען פרויען און קינדער. צווישן די מאַרשירנדיקע יידן, זענען אויך געווען פרויען, וועלכע האָבן געטראָגן טויטע קינדער אין זייערע אָרעמס. אייניקע פון זיי האָבן זיך געפּרוווט וואַרפן אונטער זיין פּאַנצער־מאַשין. צוליב דעם האָט ער אַלעמאָל געמוזט זיך פאַרהאַלטן און איבערוואַרטן, ביז די גרופּע וועט אַדורכגיין. די באַגלייטער פון די גרופּן זענען געווען פון „שופּאָ" (שוץ־פּאָליציי). ריבערג איז איצט קרימינאַל־אָבערמייסטער אין דער פּאָליציי אין מערב־דייטשלאַנד.

דער קעלנער, ווילהעלם רונאָ, וועלכער וווינט איצט אין בערלין — נויהאַלן, האָט זיך פערזענלעך באַטייליקט אין דער דורכקעמונג פון פּינסקער געטאָ. ער האָט געזען הרוגים אין די גאַסן, אָבער אַליין האָט ער נישט געשאָסן...

קורט סעגנער, וווינט איצט אין בערלין — שטיגליץ, האָט געדינט אין פּאַנצער־קאָמפּאַניע. ער האָט געזען די געפירטע צו די טויט־גריבער, באַגלייט דורך דער גראַנאַט־פּאָליציי און ס"ס־לייט, מיט הינט. אויפן וועג האָבן די באַגלייטערס געשאָסן אין מענער און פרויען, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין כוח מיטצוהאַלטן דעם גיכן גאַנג. זייערע טויטע קערפּערס האָבן די באַגלייטערס אַריינגעוואָרפן מיט די פיס אין די גראַבנס ביי די זייטן וועג.

עריך הירשקאָרן, וועלכער וווינט איצט אין בערלין — ראַדאָוו, האָט פון דרויסן, דורכן געטאָ־צוים צוגעזען דעם גאַנג פון דער „אַקציע" און ער האָט זיך געשעמט מיט דער אויפפירונג פון דער דייטשישער פּאָליציי. ער האָט געזען הרוגים צעזייט אין די גאַסן. ווי אויך אַ גרופּע פון אַ 150—200 יידן, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. די דאָזיקע פּאָליציאַנטן האָבן אויך געהאַט מיט זיך הינט, וואָס עס האָט דערוועקט ביי אים באַזונדערע פּאַרדאַכטן. דער קאָמאַנדיר פון זיין קאָמפּאַניע, קאַקאָט, וועלכער איז געווען קעגן די שטראָף־מעטאָדן און די אכזריותן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט לגבי די יידן, האָט פאַרווערט זיינע זעלנער אַריינצוגיין אין געטאָ און פון נייגעריקייטס־וועגן זיך צוקוקן צום גאַנג פון דער „אַקציע". הירשקאָרן אַרבעט איצט אַלס ראַטגעבער אין בויאונגס־וועזן.

ווייטער ברענגען מיר אַ טיילווייזע רשימה פון די אַנטיילנעמער אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע אין פּינסקער געטאָ.

דער קאָמענדאַנט פון 15־טן פּאָליציי־רעגימענט איז געווען עמיל קירסק, געבוירן אין רעוועל — עסטאָניע, אין יאָר 1892 און איז געשטאָרבן אין יאָר 1944. 8 חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון פּינסקער געטאָ, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין פרוי לעהענאַ פון דער משפּחה פעלדהויז (אַ געבוירענע אין טאַלין — עסטאָניע) איז אַ האַלבע יידישקע, פון דער ערשטער מדרגה. זי וווינט היינט אין אַמעריקע.

אַנדערע שטאַב־אָפיצירן פון זעלבן רעגימענט, וועלכע זענען געבליבן לעבן, זענען ביז איצט נישט געפונען געוואָרן.

דער פּאָליציי־באַטאַליאָן 306, איז געווען דער צווייטער באַטאַליאָן פון 15־טן פּאָליציי־רעגימענט. זיין קאָמאַנדיר איז געווען פּאַול לאַנדוער (געבוירן אין 1906, געשטאָרבן אין 1945). זיין אַדיוטאַנט איז געווען: אויבערלייטענאַנט פון דער שוץ־פּאָליציי — היינריך פעלאַנטיוס (געבוירן אין 1914). ער דינט היינט אַלס הויפּט־קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי, אין פראַנקפורט אַם־מיין. אַן אַנדער שטאַב־אָפיציר פון זעלבן באַטאַליאָן איז געווען עקשטיין, וועלכער דינט היינט, אַזוי ווי פעלאַנטיוס, אין זעלבן ראַנג, אין פראַנקפורטער פּאָליציי.

מיט דער דריטער אָפּטיילונג אין 306־טן באַטאַליאָן האָט אָנגעפירט דער אויבערלייטענאַנט יאָהאַן יוזעף קור (געבוירן אין 1916), וועלכער דינט היינט, אַלס קאָמיסאַר אין דריטן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אין פראַנקפורט. ס'איז באַוווסט, אַז ער האָט זיך באַמיט מיט עטלעכע יאָר צוריק צו אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש מיט זיינע געוועזענע קאָמאַנדירן, אָבער קיין סך האָבן זיך נישט באַטייליקט אין איר.

צו יענער אָפּטיילונג האָבן אויך געהערט: דער גרופּן־פירער היינריך גראַס (געבוירן אין 1911), וווינט היינט אין פראַנקפורט; גרופּן־פירער גערד קורצע, היינט — אַ מלוכה־אינספּעקטאָר אין פראַנקפורט. לויט זיינע עדות־דערקלערונגען האָבן אין דער זעלבער גרופּע אויך געדינט: פריץ יאָרשעדע — איצט אַ פּאָליציי־אָפיציר אין פראַנקפורט, און

דעם ערשטן טאָג זענען געטויט געוואָרן ביי 10,000 פּערזאָן. ביינאַכט האָט זיך די אָפּטיילונג, אין שלאַכט־גרייטקייט, גע־פונען אין זעלנער־קלוב.

דעם 30.10.42 איז דאָס געטאָ דורכגעקעמט געוואָרן אַ צווייטן מאָל. דעם 31.10 — אַ דריטן מאָל און דעם 1.11.42 — אַ פערטן מאָל. אין אַלגעמיין זענען צום זאַמל־פּלאַץ צונויפ־געטריבן געוואָרן ביי אַ 15,000 יידן. די קראַנקע יידן און די קינדער, וועלכע זענען פאַרבליבן אין די הייזער, זענען גע־טויט געוואָרן אויפן אָרט. אין געטאָ זענען געטויט געוואָרן ביי 1,200 יידן. קיין שום פּאַסירונגען, חוץ איינע, זענען נישט פאָרגעקומען. ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן די יידן, אַז די, וועלכע וועלן אָנווייזן, ווו זיי האָבן באַהאַלטן גאָלד, וועט געשענקט ווערן דאָס לעבן, איז געקומען אַ ייד און האָט גע־מאָלדן, אַז ער האָט באַהאַלטן אַ מאַסע גאָלד. איין וואַכ־מייסטער איז אַוועק מיט אים. צוליב דעם, וואָס דער ייד האָט די גאַנצע צייט אָפּגעצויגן, בעטנדיק דעם וואַכמייסטער, ער זאָל אַרויפגיין מיט אים אויפן בוידעם, האָט אים דער וואַכ־מייסטער אומגעקערט צוריק צום זאַמל־פּלאַץ, אין געטאָ. דאָרט האָט דער ייד זיך אָפּגעזאָגט צו זעצן אויף דער ערד, ווי די איבעריקע יידן, און פּלוצלינג האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַ רייטער פון עסקאַדראָן, האָט אַרויסגעכאַפּט ביי אים די ביקס און דעם שטעקן און אָנגעהויבן שלאָגן דעם רייטער. בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָבן זיך אַריינגעמישט די זעלנער פון דער אָפּטיילונג, איז דער דאָזיקער אָנפאַל נישט געלונגען. צוליב דעם פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט הייס געווער, האָט מען דעם יידן בעתן געראַנגל דערלאַנגט אַ זעץ מיט אַ האַק איבערן קאָפּ. ער איז געפאַלן אויף דער ערד און איז תיכף געטויט געוואָרן.

דעם 1.11.42, 17.00 אַזייגער, איז די קאָמפּאַניע באַ־שטימט געוואָרן אויף אויסערלעכער אַרומרינגלונג. דער צוויי־טער רייטער־אָפּטיילונג איז צוריקגעשיקט געוואָרן צו זיין איינקוואַרטירונגס־פּלאַץ. קיין שום באַזונדערע פּאַסירונגען זענען נישט פאָרגעקומען.

דעם 2.11.42, 08.00 אַזייגער, איז די קאָמפּאַניע אָפּגע־רופן געוואָרן פון איר ספּעציעלער אויפגאַבע אין פּינסק און איז צוריקגעקערט געוואָרן צו איר איינקוואַרטירונגס־פּלאַץ. 13.00 אַזייגער איז די קאָמפּאַניע געקומען קיין קאָברין און 17.00 אַזייגער האָט זי זיך צוריקגעקערט אויף אירע באַזעס.

אויספירן

1) די אָטריאַדן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דורכקעמען, דאַרפן אומבאַדינגט האָבן מיט זיך העק, האַקמעסערס, און אַנדערע אינסטרומענטן, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אַלע טירן זענען געווען פאַרשלאָסן, און מ'האָט זיי געמוזט עפענען נאָר מיט כוח.

2) אַפילו אַז מ'באַמערקט נישט קיין אַרויפגאַנג אויפן בוידעם, דאַרף מען נעמען אין אַכט די מעגלעכקייט, אַז דאָרט געפינען זיך מענטשן. מ'דאַרף גענוי באַטראַכטן די בוידעמער סיי פון אינעווייניק, פיי פון אויסנווייניק.

3) ווען מ'זעט אַפילו נישט קיין קעלערס, געפינט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל מענטשן אויפן ענגן שטח, אונטערן דיל. אַזעלכע ערטער דאַרף מען אויפברעכן פון אויסנווייניק און דורכפירן דאָרט זוכונגען, ביי דער מיטהילף פון שפּיר־הינט (בעת דער „אַקציע" אין פּינסק האָט זיך ביי די זוכונגען באַזונדערס אויסגעצייכנט דער שפּיר־הונט „אַסטאַ"), אָדער אַריינוואַרפן אהין אַ האַנט־גראַנאַט. נאָך דעם גייען די יידן אין אַלע פאַלן אַרויס אין דרויסן.

4) מ'דאַרף מיט אַ האַרטן און שאַרפן מכשיר בודק זיין אַלץ אַרום די הייזער, ווייל אַן אַ שיעור מענטשן באַהאַלטן זיך אויס אין גוט־פאַרמאַסקירטע גריבער.

5) עס ווערט רעקאָמענדירט צוצוציען קינדער, וועלכע זאָלן אָנווייזן די דאָזיקע באַהעלטענישן, צואָגנדיק זיי דער־פאַר צו שענקען דאָס לעבן. דער דאָזיקער מעטאָד האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן.

האַופּטמאַן (קאַפּיטאַן) פון דער שוץ־פּאָליציי

דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער קאָמפּאַניע פונעם באַטאַליאָן 310 — 15־טן פּאָליציי־רעגימענט — **העלמוט זאַוּר**, איז געבוירן געוואָרן אין ברעמען, אין יאָר 1914, און וווינט איצט אין נירנבערג־פּירט, אין שטילער־ווינקל גאַס, נומ. 6, און אַרבעט אַלס באַאַמטער אין אַ האַנדלס־פירמע. אין די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן קעגן אים אין יאָר 1964, איז ער באַפרייט געוואָרן אויף קויצע, נאָך דעם, ווי ער איז צוויי מאָל אַרעסטירט געוואָרן. בעת דער אויספאָרשונג האָט ער געלייקנט די באַשולדיקונג קעגן אים, אַז זיין קאָמפּאַניע האָט געהרגעט קראַנקע און קינדער. זיין אויפגאַבע — האָט ער געזאָגט — איז געווען בלויז: אַרומריגנגלען דאָס געטאָ, אַרויסנעמען יידן פון די הייזער און זיי ברענגען אויפן זאַמל־פּלאַץ. ער האָט געגעבן אָנווייזונגען די אָנפירער פון זיינע אָפּטיילונגען, זיי זאָלן זאָגן די קינדער, אַז זיי ווערן גענומען אויף אַרבעט...

„די שילדערונג פון זאַוּר אין דעם אויבנגעבראַכטן באַ־ריכט זיינעם — דערקלערט אין זיין ענדגילטיקן באַריכט דער פּראָקוראָר ד"ר ארצט — ווערט באַשטעטיקט אין פולן פאַרנעם דורך די יידישע עדות".

און ווירקלעך — די עדות־דערקלערונגען, וועלכע מיר האָבן ברייטער געבראַכט אויבן, האָבן געדינט, ווי אַ באַ־שולדיקונגס־מאַטעריאַל אין פּראָצעס קעגן זאַוּרן און די איבעריקע פאַרברעכער, וועלכע זענען פאַרמישט געווען אין דער פאַרניכטונג פון צענדליקער טויזנטער יידן פון פּינסק. עדות, וועלכע האָבן דאָס אַלץ געזען, זענען געפאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי אָפּצוגעבן זייערע עדות־דערקלערונגען אין דעם פּראָצעס קעגן די פאַרברעכער.

דער אויבנגעבראַכטער מיליטערישער באַריכט, וועלכער דערציילט בולט וועגן דעם קאַלט־בלוטיק־אויסגעפירטן מאָרד, אינעם נוסח פון „דיסציפּלינירטן אויספירן אַ מיליטערישן באַפעל", וואַרפט אַ בולט ליכט אויף דער שוידערלעכער לאַגע פון די פּינסקער יידן — סיי אין זייערע פּרוּוון צו אַנטלויפן, סיי אינעם איבערפאַל פון אַן איינציקן יידן אויף אַ דייטשישן רייטער, סיי אינעם באַהאַלטן זיך פון „אַן אַ צאָל

צווייטער טייל

ווידערשטאַנד

קאַפּיטל איינס

אונדזערע פּינסקער לאַנדסלייט אין אַקטיוון קאַמף קעגן נאַצישן שונא

אין אַכטן קאַפּיטל פונעם ערשטן טייל: „די קאַטאַסטראָפע" („השואה") האָבן מיר דערציילט וועגן דעם סוף פון די לעצטע לעבנגעבליבענע יידן אין פּינסק און וועגן דעם גורל פון די אַנטלאָפענע פון קליינעם געטאָ אין די וועלדער אַריין.ליידער באַזיצן מיר נישט קיין ידיעות וועגן דעם אַנטלויפן פון יידן פון פּינסקער געטאָ אין די וועלדער — אין פריערדיקן פּעריאָד. פונדעסטוועגן זענען מיר פון פאַרשידענע עדות־דערקלערונגען געוואויר־געוואָרן, אַז געוויסע אָרגאַניזירטע גרופּעס האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו אַנטלויפן פון געטאָ. אָבער, אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט, איז, צוליב פאַרשידענע סיבות, ליידער, דער דאָזיקער פּלאַן נישט רעאַליזירט געוואָרן, און בלויז יחידים פון אונדזער שטאָט האָבן זוכה געווען זיך נוקם צו זיין אין אונדזער בלוטיקסטן שונא, קעמפנדיק אַלס פּאַרטיזאַנער, מיט געווער אין האַנט.

זיך שטיצנדיק אויף די עדות־דערקלערונגען, וואָס מיר באַזיצן, האָבן מיר אויך דורכגעשטודירט די ליטעראַטור וועגן דער קאַטאַסטראָפע און וועגן דעם ווידערשטאַנדס־קאַמף קעגן די נאַציס, און אַרויסגענומען פון דאָרט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו פּינסקער יידן, וועלכע האָבן אַלס פּאַרטיזאַנער געקעמפט קעגן די היטלער־רוצחים. בעיקר — האָבן מיר זיך געשטיצט אויפן „בוך וועגן די יידישע פּאַרטיזאַנער", וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „ספרית פועלים", מרחביה, אין יאָר 1955, ווי אויך אויפן בוך „די מלחמה פון יידן־פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע", פון משה קאַהאַנאָוויטש, דערשינען אין פאַרלאַג „עיינות", תל־אביב, 1954.

די רשימה, וואָס מיר באַזיצן, ציילט 21 נעמען פון פּינסקער יידן־פּאַרטיזאַנער. מיר ווילן דערציילן וועגן זיי, אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, צו וועלכע זיי זיי האָבן געהערט; וועגן זייער אָנטייל אין די רייען פון דער יידישער קעמפנדיקער אונטערגרונט־באַוועגונג; ווי אויך צווישן די געטאָ־אויפשטענדלער, אין די פאַרשידענע ערטער, ווו זיי האָבן זיך געפונען און געקעמפט.

9 פון זיי האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער איינהייט — דאָס איז די פּאַרטיזאַנער־איינהייט אויפן נאָמען פון וואָראָשילאָוו, אין פּיאַדאָראָווס דיוויזיע, אין די פּאָלעסיער וועלדער, וואָס איר קאָמאַנדיר איז שפּעטער געווען: גענעראַל־מאַיאָר בייגאַמאַ.

און דאָס זענען די נעמען פון די פּינסקער פּאַרטיזאַנער אין דער אויבנדערמאָנטער דיוויזיע:

1) באַקאַלטשוק מלך, 2) גורוויטש שאַיע, 3) גאַלעצקי גאָלדע, פון דער היים: שערמאַן, 4) גאַסמאַן דוד, 5) גראָוּבאַרט טאַמאַראַ, 6) דאָלינקאָ לייב, 7) זיין פרוי דאָלינקאָ ציליע, פון דער היים פעלדמאַן, 8) פרידמאַן ברוך, 9) פּערטשיק אברהם.

8 אַנדערע פּינסקער יידן זענען געווען טעטיק אַלס פּאַרטיזאַנער אין פאַרשידענע באַזונדערע איינהייטן, וואָס נישט אַלע נעמען פון די אָפּטיילונגען און זייער טעטיקייט זענען אונדז באַקאַנט. און דאָס זענען:

1) גלייבמאַן־גלאָב דוד, 2) ד"ר טעמטשין מישאַ (מיכאל), (ער האָט זיך געפונען אין אַן אָפּטיילונג פון „אַרמיא לודאָוואַ" (פאָלקס־אַרמיי) — דאָס איז אַ פּוילישע פּאַרטיזאַנער־אַרמיי וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די לינקע פּוילישע פּאַרטייען — אין די ווישקאָווער וועלדער, לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), 3) לוא פאַניע, פון דער היים סאָלאָמיאַן. זי האָט זיך געפונען אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט א.נ. פון קוטוזאָוו, אין דער בריגאַדע א.נ. פון מאָלאָטאָוו — אין דער „פּינסקער" דיוויזיע, און שפּעטער — אין דער בריגאַדע א.נ. פון לאַזאָ, און אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־איינהייט „קאָסטשושקאָ", אין די פּאָלעסיער וועלדער, 4) מישאַלאָוו שכנא (אין וואָס פאַר אַן אָפּטיילונג ער האָט זיך געפונען, איז אונדז נישט באַוווּסט), 5) פעלדמאַן משה — אין דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין זאַמויסקיס וועלדער, לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, 6) פּלאָטניק דוד — אין דער 620־טער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג א.נ. פון טשקאַלאָוו, און שפּעטער — אינעם רעגימענט א.נ. פון קאַלינין, אין דער קאָמסאָמאָל־בריגאַדע, דיוויזיע פון גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָן, אין די נאַליבאָקער וועלדער, אין דער געגנט פון מיר—באַראַנאָוויטש, 7) קאַליוואַטש אַהרן — אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט א.נ. פון קאַגאַנאָוויטש, אין דער קויבישעוו־בריגאַדע — „פּינסקער" דיוויזיע, און שפּעטער — אין דער איינהייט א.נ. פון קיראָוו, אין דער זעלבער דיוויזיע, 8 שוסטער שמאי (סיאָמע), אין דער 1־טער מאַי־בריגאַדע, אין ראָדימינסקער וואַלד — האָראָדישטשער געגנט, באַראַנאָוויטשער וואָיעוואָדשאַפט.

אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג און צווישן די געטאָקעמפער אין פאַרשידענע שטעט האָבן זיך געפונען 1) אַנטין שלמה — אין ווילנע און אין פאַרשידענע אַנדערע געטאָס און ערטער אין אָקופּירטן פּוילן, 2) פּלאָטניצקי חנה — אין פאַרשידענע געגנטן פון אָקופּירטן פּוילן, אין בענדין, וואַרשע א. אַנד., 3) פּלאָטניצקי פרומקע — אין וואַרשע, בענדין און אַנדערע ערטער פון אָקופּירטן פּוילן, 4) רעזניק ניסן — אין דער ווילנער אונטערגרונט־באַוועגונג: פ.פ.א. (פּוילישע פּאַרטיזאַנער־אַרמיי) און שפּעטער — אַלס פּאַרטיזאַן, אין די וועלדער פון קאַזיאַן (צפון־מזרח פון ווילנע).

שולץ — היינט אַן אָפיציר אין דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין פראַנקפורט. זיין פאַרטרעטער איז געווען: האַנס הוט — היינט אַ באַאַמטער אין דער פראַנקפורטער פּאָליציי. דאָרט האָבן אויך געדינט: קליינע, איצט אַ באַאַמטער אין דער פּאָליציי אין העסן, און: היינריך לאַם — היינט אַן אָפיציר אין פראַנקפורטער פּאָליציי.

ווילהעלם פרידריך מאַקס ברינקמאַן, וועלכער וווינט היינט אין באדנהיים, האָט זיך אויך געפונען אין יענער אָפּטיילונג און האָט אין זיינע עדות־דערקלערונגען איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון פינסקער געטאָ, דורך אנטיילנעמען אין דער אויסערלעכער אַרומרינגלונג. ווי אַ קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג האָט ער זיך נישט באַטייליקט איז דער שחיטה גופא. ער האָט בלויז געהערט פון די איינוווינער פון דער סביבה, אַז דאָרט זענען דערשאָסן געוואָרן פון 12 ביז 18 טויזנט יידן.

דער באַטאַליאָן 310 איז געווען דער דריטער באַטאַליאָן פון 15־טן פּאָליציי־רעגימענט, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון פינסקער געטאָ.

די צווייטע קאָמפּאַניע, אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון העלמוט זאור, וועלכער האָט געשריבן דעם אויבנגעבראַכטן באַריכט וועגן דער ליקווידאַציע פון פינסקער געטאָ, איז געווען אַ טייל פון דעם באַטאַליאָן. קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן איז געווען מאַיאָר פון דער שוץ־פּאָליציי, האָסינג, וועלכער איז געשטאָרבן פון זיינע ווונדן אין רוסלאַנד. זיין אַדיוטאַנט איז געווען עדואַרד פסאטאַ (געבוירן אין 1908). איצט איז ער אַ הורט־סוחר אין מינכען.

די צווייטע רייטער־אָפּטיילונג האָט זיך צום אַקטיווסטן באַטייליקט אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע. איר קאָמאַנדיר איז געווען מאַיאָר ווילהעלם האפמאַן (געבוירן אין 1908), וועלכער וווינט איצט אין האַמבורג. בעת דער אויספאָרשונג האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט ווירקלעך געזען געהרגעטע פרויען און קינדער. זיין אַדיוטאַנט איז געווען אָטאָן מיגע (געבוירן אין 1906), וווינט איצט אין בלאונבערג אויף דער עלבע. קאָמאַנדיר פון דער ערשטער אָפּטיילונג אין זעלבן באַטאַליאָן איז געווען ווילהעלם וועסטרינג (געבוירן אין 1908) — היינט פּאָליציי־קאָמאַנדיר אין האַמבורג. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1961, און ער האָט אין זיינע עדות־דערקלערונגען געזאָגט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אויסערלעכער אַרומרינגלונג פון געטאָ און ער האָט נישט געזען קיין פרוון פון אַנטלויפן פון געטאָ. ער האָט אָבער יידן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע הייזער.

די זיכערהייטס־פּאָליציי און ס. ד. האָבן גענומען אַ באַדייטנדיקן אנטייל אין דער פאַרניכטונג פון די פינסקער יידן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער פאַרניכטונגס־אַקציע איז געווען דער ס״ס־גרופּנפירער, ס״ס־גענעראַל פון אוקראַינע, ד״ר מאַקס טאָמאַס, וועלכער איז געשטאָרבן נאָך דער מלחמה, אונטער אַ פאַלשן נאָמען. קאָמענדאַנט אין פינסק איז געווען שטורמבאַנפירער פון ס״ס, ד״ר פּיץ, וועלכער איז אין יאָר 1945 באַגאַנגען זעלבסמאָרד.

צו די נאַצישע מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין פינסק, האָבן אויך געהערט:

1) ווילהעלם ראַספּ וווינט איצט אין מינכען; 2) דער אינספּעקטאָר פון דער קרימינאַל־פּאָליציי; 3) היינריך גייגענשעדער, וווינט איצט אין גילכינג; 4) דער שאָפער פּאַטיק — געבוירן אין ברין; 5) אַדאָלף פּעטש, פון סודעטן־לאַנד, וועלכער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין מאַסן־מאָרד פון יידן, און אַז מיט די אייגענע הענט האָט ער דערשאָסן פון 6000 ביז 7000 יידן. (לויט דער קאָרעספּאָנדענץ אין „מעריב" פון 18.9.1962). 6) מאַסיק — געבוירן אין ברעסלאַו; 7) ווילי בירקעל פון לודוויגסהאַפען; 8) בעלבעק פון קייזערסלאַוטערן; 9) יוזעף וואַגנער — אַ דייטש פון וואָלגע־געגנט; 10) גוצי פון ריינלאַנד; 11) קאָך — אויך פון ריינלאַנד.

די פיר לעצטע געפינען זיך אויף דער רשימה פון די געזוכטע דורך דער מערב־דייטשישער פּאָליציי און זענען נאָך ביז איצט נישט געפונען געוואָרן. אַזוי זענען אויך ביז היינט נישט געכאַפּט געוואָרן:

דער קרייז־קאָמענדאַנט פון ס״ס־פּאָליציי, טעסמאַן, און דער זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדיר קאָפּענהאַנס.

סוף זומער 1962 זענען אַרעסטירט געוואָרן: יוזעף קור, היינריך פּעלאַנטיוס, רודאָלף עקראַט און אַדאָלף פּעטש. זייערע פּראָצעסן וועלן פאָרקומען אין פראַנקפורט. פּרטים וועגן דער ציוויל־מאַכט אין פינסק און אירע אָנפירער: קרייז־קאָמיסאַר קלעי און זיין פאַרטרעטער, עבנער, האָבן מיר שוין געבראַכט אויבן, אינעם קאַפּיטל, ווו עס ווערט באַהאַנדלט דאָס אנטשטיין פון דער ציוויל־מאַכט אין פינסק.

אַ באַזע פאַרן פאַרטיזאַנישן קריג

די פּאָליעסער וועלדער און זומפּן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אידעאַלן שטח פאַר אַ פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין קאַמף מיטן דייטשישן אָקופּאַנט. אין מזרח־טייל פון פּאָלעסיע, וואָס האָט זיך צווישן ביידע וועלט־מלחמות געפונען אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט, האָבן זיך נאָך אין מיטן חודש יולי 1941, אָרגאַניזירט פאַרטיזאַנער־מחנות, וועלכע זענען באַוואָפנט געוואָרן מיטן געווער, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער סאָוויעטישער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרלאָזט די געביטן, אונטערן שטאַרקן דרוק פון אָנגרייפנדיקן שונא. די גרעסטע טייל פון די דאָרטיקע דערפער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „נייטראַלער זאָנע”, ווו די דייטשן פלעגן קומען אויף „באַזוכן” בייטאָג און די פאַרטיזאַנער — ביינאַכט... גרויסע שטחים זענען דאָרט אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער באַפעלקערונג און זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס פאַרטיזאַנער־זאָנע.

די דייטשן זענען געצווּנגען געווען צו אויסגעפינען פאַר זיך ספּעציעלע לאַנדונגס־פּלעצער אין די צענטראַלע וועלדער, ווו זיי האָבן זיך איינגעגראָבן און פאַרפעסטיקט.

פרילינג־צייט 1942 זענען גאַנצע איינהייטן און גרופּן פאַרטיזאַנער איבערגעגאַנגען פון מזרח־פּאָלעסיע קיין מערב, מיטן ציל זיך צו פאַרבינדן מיט די וואַנדערנדיקע פאַרטיזאַנער־גרופּן, כדי צו פאַרשטאַרקן זייערע כוחות, געבן די נויטיקע הילף און אָנווייזונגען און צוגרייטן זיי צו ערנסטע שלאַכטן מיטן שונא. אין יענער צייט איז קאָמאַראָוו אַריבערגעגאַנגען אינעם ראַיאָן: פּינסק—לענין—זשיטקאָוויטש, און האָט אָרגאַניזירט די „פּינסקער דיוויזיע”. און אַזוי זענען געקומען אין דעם ראַיאָן די איינהייטן פון קאַפּוסטאַ און לינקאָוו („באַטיאַ”) און די באַרימטע איינהייטן פון גענעראַל קאָווּפּאַק.

אינעם ראַיאָן סערניק—וויסאָצק, אין די סוואָריטשעווישער וועלדער, אין דרום־פּאָלעסיע, זענען געווען טעטיק די איינהייטן פון גענעראַל פיאָדאָראָוו (הרובענאָי), מיטן שטאַב פון גענעראַל בייגאַמאַ.

אין פּאָלעסיע האָבן זיך אויך געפונען קרובישע פּוילישע פאַרטיזאַנער־גרופּן און איינהייטן, און צווישן זיי — די איינהייט א.נ. פון קאָשטשושקאָ, וואָס איר קאָמאַנדיר איז געווען משה סאַטאַנאָווסקי.

אין פּאָלעסיע האָבן זיך אויך געפונען באַזעס פון פאַרטיזאַנישע פאַראַשוטיסטן־איינהייטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דיווערסיע־אַקטן. דער מערסטער טייל פון די דאָזיקע גרופּן פלעגן לאַנדן ביים ראַנד פון די זומפּן און אין די טרוקענע ראַיאָנען. די דאָזיקע געביטן האָבן פאַר זיי געדינט ווי אַלס אַ פעלד פאַר קאַמפּס־טעטיקייטן, און די זומפּן — אַלס געביט פון צוריקציִען און זיך שיצן קעגן אָנגרייפנדיקן שונא.

איינצלנע יידישע פאַרטיזאַנער האָבן געקעמפט אין די רייען פון רוסישע פאַרטיזאַנער־איינהייטן. אויף פּאָלעסיער ערד איז נישט געווען קיין איין פאַרטיזאַנער־איינהייט, אין וועלכער עס האָבן זיך נישט געפונען קיין יידן־קעמפער, צווישן די יידישע קעמפער האָבן זיך געפונען אַזעלכע דרייסטע, וואָס זענען די ערשטע געגאַנגען אין שלאַכט. עס זענען אויך געווען באַזונדערע יידישע פאַרטיזאַנער־איינהייטן און גרופּן.

קאַפּיטל דריי

דער וואַלד — אַ רעטונגס־אָרט פאַר יידן

שווער זענען געווען די באַדינגונגען פון די וואַלד־קעמפער — די נאַטור האָט זיך נישט געצערטלט מיט זיי. אָבער — די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך צוביסלעך צוגעוווינט און זיך צוגעפּאַסט צו די שווערע וואַלד־באַדינגונגען און צו יעדער מין לאַגע בכלל. נאָך אַ ווינטער־נאַכט פון קאַמפן אָדער אויסשפּיר־אַקציעס, פלעגט די גרופּע זיך צוריקקערן אין וואַלד אַריין, וועלכער האָט זיך געפונען נאָענט פון זייער טעטיקייטס־פעלד, זיי פלעגן זיך דאָרט אַוועקלייגן אויפן הוילן שניי און איינשלאָפן. אין זייער אומגעהויערער מידקייט, האָבן די מענטשן נישט געפילט נישט די קעלט און נישט די פייכטקייט. אין די רעגנדיקע האַרבסט־נעכט איז נישט שטענדיק געווען וואָס אונטערצולייגן אויף דער נאַסער ערד. מיט ערד־שטיבלעך („זעמליאַנקעס”) האָבן די פאַרטיזאַנער זיך געקאָנט באַנוצן בלויז דאַן, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ מער־ווייניקער שטענדיקער און זיכערער באַזע. אין ערטער, ווו עס האָט געהערשט פאַרהעלטנישמעסיקע רו און זיכערקייט, האָבן די פאַרטיזאַנער־קעמפער געקאָנט אַפילו אַריינגיין אין וווין־הייזער און זיך אָפּרוען עטלעכע שעה. מיטן קומען פון פרילינג און מיטן פאַרגרעסערן זיך פון די וואַסערן, פלעגט נישט מעגלעך זיין אויסצוהאַלטן פון דער ריזיקער צאָל קאָמאַרעס. צוליב דער אומגעהויערער ענגשאַפט אין די ערד־שטיבלעך, זענען מענטשן קראַנק געוואָרן אויף פאָרונקלען, וואָס פלעגן זיך גיך איבערטראָגן פון איינעם צום צווייטן, און ס'איז גאָר קיין עצה דערצו נישט געווען.

מיטן אָנקום פון פרילינג פלעגט אויך אָנהויבן בושעווען דער פלעק־טיפוס. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען זיך באַנוצן מיט איזאָלאַציע־בונקערס. ס'איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין מעדיקאַמענטן און זייער אָפט איז אויך קיין דאָקטער נישט געווען. צוליבן מאַנגל אין רפואות פלעגט מען זיך מוזן באַנוצן מיט „באַבסקע” מיטלען, ווי פאַרשידענע בלעטער, שוואַרצע, געטריקנטע יאַגעדעס א.אַ.וו. דאָס אָרט פון אַ דאָקטער פלעגט אָפטער פאַרטרעטן אַ קראַנקן־שוועסטער. דאָס צוגעוווינען זיך צו די לעבנס־באַדינגונגען אין די זומפּן, איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. שפּייז פלעגט מען מוזן גיין זיך איינשאַפן אין ווייטע ראַיאָנען און דער גאַנג הין־און־צוריק פלעגט אָפט דויערן אַ וואָך און צוויי. אַזוי, אַז מ'איז גאַנץ אָפט געווען געצווּנגען „איינצוציִען דעם פּאַסיק”... דער עיקר מאַנגל האָט זיך געלאָזט פילן אין ברויט און זאַלץ. געווען פיל טעג, ווען מ'האָט געגעסן געקעכטס אָן זאַלץ. אויב עמעצער אין וואַלד האָט פאַרמאָגט אַ „פּריוואַט־אייגנטום”, איז עס געווען „דאָס זעקעלע זאַלץ”, וואָס איז אָפטער געווען קלענער פונעם זעקעלע טאַבאַק. דאָס זעקעלע זאַלץ און זעקעלע טאַבאַק האָבן אין וואַלד געהערט צו די טייערסטע חפצים, צו־

דער פּאָלעסיער קאַנט — אַ באַזע פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (לויט דעם „בוך וועגן יידן־פּאַרטיזאַנער")

די געגנט און איר באַפעלקערונג

פּאָלעסיע — דאָס לאַנד פון די גרויסע זומפּן, איז דורכגעשניטן פון פיל־צאָליקע אָזיערעס, טייכן און טייכלעך, וועלכע פאַלן אַריין אין פּריפּעט. צווישן די גרויסע זומפּן און טייכן, געפינען זיך קליינע ערד־שטחים, פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער באַאַרבעטונג. די דאָרפישע באַפעלקערונג, וואָס איז מאַטעריעל אָרעם און גייסטיק אָפּגעשטאַנען, פאַרנעמט זיך מיט האָדעווען פי, בעיקר — אויף פליישצוועקן, און באַאַרבעטונג פון די מאָגערע פעלדער — פאַר זעלבסט־אויסהאַלטונג, ווי אויך — מיט האָלץ־פאַרקויף. אין משך פון אַ סך וואָכן און חדשים אין יאָר זענען די באַפעלקערטע ישובים, דערפער, וואָס ליגן צעזייט, ווי אינדזעלעך צווישן די פּאָלעסיער זומפּן, אָפּגעשניטן פון די אַרומיקע שטעט און געגנטן, און בלויז ווינטער־צייט, ווען די זומפּן ווערן איינגעפרוירן, עפנט זיך פאַרן פּאָלעסיער פויער אַ וועג צו דער „ברייטער וועלט" און ערשט דאַן קאָן ער אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די אַרומיקע ישובים. ער פאָרט אַרויס אויף זיין שליטן, וואָס איז באַלאָדן מיט זיין „גוטס". עטלעכע שטיקלעך פי, האָלץ און האָלץ־אויסאַרבעטונגען, דאָרפיש לייוונט — זיין אייגענע פּראָדוקציע, א. אַנד. וואָס ער פאַרקויפט אין שטאָט און פאַרן אָפּגעלייזטן געלט קויפט ער איין לעבנס־וויכטיקע אַרטיקלען, הערינג א.אַ.וו.

פיל גרויסע וועלדער און גיטער אין פּאָלעסיע, זענען געוועזן דאָס אייגנטום פון פּוילישע גראַפן און גוט־באַזיצער, ביי וועמען די ערדלאָזע אָרעמע פויערים האָבן שווער געהאָרעוועט פאַר גראָשנס, און וועלכע האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט און גאָרנישט געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּאָלעסיער קאַנט.

די פּאָלעסיער יידן און זייערע שכנים

צווישן די אומענדלעכע זומפּן, ביי די ברעגן פון די פּאָלעסיער טייכן און אָזיערעס האָבן דורות איינגעוואָרצלטע יידן געבויט זייער היים, זייער לעבן פאַרבראַכט, קינדער געהאָדעוועט און אויסגעגעבן, דערלעבט אייניקלעך און אוראייניקלעך. די יידישע קינדער האָבן באַקומען אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע און קולטורעלע דערציונג. אין די העברעאישע שולן און אין דער חלוצישער באַוועגונג איז די יוגנט דערצויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַלן גייסט, און ס'איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין זייערע הערצער די ליבע צום אַלטן יידישן היימלאַנד — צו ארץ־ישראל.

די יידן אין די פּאָלעסיער שטעט און שטעטלעך האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די מערהייט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און מלאכה. דער גרעסטער טייל יידן איז באַשטאַנען פון האַנטווערקער. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי איז געווען באַשעפטיקט אין דער האָלץ־פּראָדוקציע, אין די ריזיקע פּאָלעסיער וועלדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די נאַטירלעכע אוצרות פון דער געגנט.

די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די אָרטיקע פויערים, און די לאַגע פונעם פּאָלעסיער יידן — האָבן נישט געדינט און נישט מיטגעווירקט צום איינשטעלן און פאַרפעסטיקן גוטע און פריינדלעכע באַציונגען צווישן די יידן און זייערע שכנים.

די יידן — חוץ זייערע אויבנדערמאָנטע פאַכן, האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט האַלטן אין אַרענדע ביי די פּוילישע פּריצים און גוט־באַזיצער אָזיערעס צו פיש־פאַנג, גיטער און וואַלד־שטחים צום עקספּלאָאַטירן. אַזוי, אַז דער דאָזיקער רייכערער קלאַס יידן, איז געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע פון פאַרמיטלער צווישן דעם פּריץ און פויער, און דעריבער איז די שנאה פונעם פויערטום צו די גוט־באַזיצער גאַנץ אָפט געווענדעט געוואָרן צו די דאָזיקע יידן, ווי צו פאָרשטייער פונעם עקספּלאָאַטירנדיקן קלאַס, פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

דער איבערגאַנג פון מאַכט צו מאַכט

מיטן אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אין מערב־ווייסרוסלאַנד, זענען געקומען פיל ענדערונגען צום בעסערן אינעם דאָזיקן לאַנד־טייל. אָבער איין זאַך איז געבליבן ביים אַלטן: די שנאה צו יידן. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַפילו נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. דער רייכערער פויערים־קלאַס, די קולאַקעס, די פּוילישע „אוסאַדניקעס" וועלכע האָבן פיינט געהאַט די סאָוויעטן, צוליב דער מורא פאַר קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן געזען אין די יידן אַ פּריווילעגירטן עלעמענט, וועמענס מצב האָט זיך פיל פאַרבעסערט מיטן קומען פון דער סאָוויעטנמאַכט, און וועלכע האָבן זיך גוט אַריינגעפּאַסט און אַקטיוויזירט אין דער נייער אָרדענונג.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט אויפגענומען מיט צופרידנקייט דעם דייטשישן אָקופּאַנט. זייער ערשטער „אויפטו" איז געווען: דאָס באַרויבן די יידישע באַפעלקערונג. פיל יוגנטלעכע ווייסרוסן און פּאָליאַקן האָבן זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין דער ווייסרוסישער פּאָליציי און אין די מיליטערישע איינהייטן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם נאַצישן אָקופּאַנט.

זייער אַ קליינער טייל פון די פּאָלעסיער יידן האָט געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטלויפן אין טיף־ראַטנפאַרבאַנד, בעת די סאָוויעטישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן און פאַרלאָזט די פּאָלעסיער געביטן. צווישן די, וואָס זענען דאַן אַרויס, זענען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געווען יענע, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. בלויז אַ גאָר קליינעם טייל פון די פּאָלעסיער יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין, ווו זיי זענען געוועזן צווישן די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין די פּאָלעסיער וועלדער. צום מערסטן טייל איז דאָס אַנטלויפן אין וואַלד אַריין פאָרגעקומען זומער־צייט פון יאָר 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון די געטאָס אין פּאָלעסיער קרייז.

פנדיק זיך אויף די דייטשן, מיט וואָס איינער האָט געקאָנט. פון די 600 אַנטלאָפענע יידן איז אָבער בלויז ביי אַ 120 געלונגען זיך צו דערלאַנגען אין וואַלד. די איבעריקע פון זיי זענען קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אָרטיקע פויערים.

אין שטעטל בערעזעוו, נעבן סטאָלין, זענען פון 200 יידן, געפירטע צו די גריבער, אַנטלאָפן ביי 70 פערזאָן.

אין שטעטל סערניק איז געלונגען צו אַנטלויפן 272 פערזאָן פון די 1000 יידן, אַרומגערינגלטע אויפן מאַרק־פּלאַץ, בעת דער לעצטער „אַקציע".

דער סך־הכל איז, אַז פון עטלעכע טויזנט אַנטלאָפענע יידן, איז בלויז עטלעכע הונדערט געלונגען זיך צו דערלאַנגען אין וואַלד אַריין. די איבעריקע זענען דורך די אָרטיקע איינוווינער דערמאָרדעט געוואָרן אויפן וועג.

אין אַכטן קאַפּיטל „השואה" האָבן מיר דערציילט וועגן די איבערלעבונגען פון עטלעכע פינסקער יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון געטאָ אין וואַלד אַריין. זייער גורל איז געווען ענלעך צו דעם גורל פון די אַנטלאָפענע יידן אין די קליינע שטעטלעך. פון די 18 פערזאָן, וועלכע זענען פון פינכקער געטאָ אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון קאָברין, און האָבן, נישט געפינענדיק קיין שוץ־ווינקל, זיך צוריקגעקערט קיין פינסק, זענען בלויז דריי צוריקגעקומען אין פינסקער געטאָ. דאָס זענען: אברהם פערטשיק, ברוך פרידמאַן און גאָלדע גאַלעצקי־שערמאַן. די איבעריקע — וואָס אייניקע נעמען פון זיי ווערן דערמאָנט אין די עדות־דערקלערונגען פון אברהם פערטשיק, און דאָס זענען: די ברידער קופערמאַן, בערעזנבוים און יאַנקעלע דער איוואַניקער — זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן וועג דורך די אָרטיקע איינוווינער.

דעם זעלבן גורל האָט געהאַט שמואל קאָראָבייניק. דאַקעגן זיין שוואָגער, אהרן קאַליוואַטש, איז צוויי מאָל דורך נסים געראַטעוועט געוואָרן פון די הענט פון אָרטיקע פויערים, וועלכע האָבן אים געוואָלט דערמאָרדן, און ס'איז אים געלונגען זיך צו דערלאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער.

פון די דאָזיקע איינצלנע געראַטעוועטע יידן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן די יידישע פּאַרטיזאַנער־איינהייט.

איצט וועלן מיר דאָ געבן אַ געויע באַשרייבונג וועגן דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די 9 פינסקער, וואָס די געשיכטע פון איר אַנטשטייאונג און קאַמפס־וועג איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַנדערע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, באַזונדערס פאַר יידישע.

אין דער באַשרייבונג וועגן דער איינהייט, טיילן מיר באַזונדערס אויס די 9 פינסקער לאַנדסלייט אונדזערע, וועלכע האָבן פיל בייגעשטייערט צו איר אַקטיווער טעטיקייט.

קאַפּיטל פיר

די געשיכטע פון א יידישער פּארטיזאנער־איינהייט

אַ גרופּע יוגנטלעכע פון סערניק, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ אַ טאָג פאַר דער ליקווידאַציע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 28־טן סעפּטעמבער 1942, האָבן געגרינדעט די פּאַרטיזאַנער־איינהייט א. נ. פון וואָראָשילאָוו, אין דער געגנט פון סוואַריטשעוויטש, אין וועלכער עס זענען אויך אַריינגענומען געוואָרן די 9 פינסקער צוזאַמען מיט קליינע גרופּעס, אַנטלאָפענע פון די געטאָס פון די שטעטלעך: פּאָהאָסט־זאַרעטשי, מאָראָטשנע, האָראָדנויע, ברעזניטש, וויסאָצק, וולאַדימירעץ און דאָמבראָוויץ.

אָנגעהויבן האָט זיך די זאַך נאָך דאַן, ווען אַ גרופּע סערניקער יוגנטלעכע האָט, נאָך זייענדיק אין געטאָ, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פייוול גלעזער (געוועזענער פּאָרזיצער פון „החלוץ" אין סערניק), אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט מיסיוראַן — אַן איינוווינער פונעם דאָרף וויטשעווקע (5 קילאָמעטער פון סערניק), וועלכער האָט אין דער צייט פון די סאָוויעטן געדינט אין דער מיליץ. מיט אים איז אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט אפרים באַקאַלטשוק (אַ קוזין פון מלך באַקאַלטשוק), וועלכער האָט אין דער סאָוויעטן־צייט געדינט צוזאַמען מיט מיסיוראַן אין דער דער זעלבער מיליץ־אָפּטיילונג, און האָט זיך, ביי דער געמיינזאַמער אַרבעט, שטאַרק באַפריינדעט מיט אים.

מיסיוראַ האָט צוגעזאָגט דער גרופּע יידישע בחורים צו באַזאָרגן מיט געווער. לויטן פּלאַן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט, האָט די גרופּע יוגנטלעכע געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ ערב דער שחיטה, צוזאַמען מיט מיסיוראַן האָבן זיי געדאַרפט אַרומרינגלען די דייטשן אין סערניק און דערמיט געבן די יידן פון שטעטל אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. אָבער דאָס צוגעזאָגטע געווער איז מיסיוראַן נישט געלונגען צו באַקומען, ווייל די פויערים, וועלכע האָבן געהאַט צום פאַרקויפן דאָס געווער, האָבן אין דער לעצטער מינוט חרטה געקריגן. זיי האָבן, קענטיק, דערשמעקט די נאָענטע שחיטה אין סערניק און ס'איז זיי אַ שאָד געווען צו פאַרלירן די געלעגנהייט צו באַרויבן די יידן און זיך צעטיילן מיט זייער פאַרמעגן.

מיסיורא און אפרים באַקאַלטשוק האָבן זיך געפונען אין אַ באַהעלטעניש אין דער געגנט פון די כוטאָרס. אין יענער צייט איז אַ קליינער גרופּע יידן פון סערניק, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך מלך באַקאַלטשוק, געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ און דורך וועגן און אומוועגן זענען זיי געגאַנגען אויפצוזוכן און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט מיסיוראַן. ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן צו קויפן ביי אַ פויער אַ יאַגדביקס, און אַ דאַנק דער מיטהילף פון דעם זעלבן פויער, איז זיי געלונגען איינצושאַפן זיך נאָך אַ ביסל געווער. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער, אַ קליינע אין צאָל, אָבער אַ גוט־אָרגאַניזירטע און טיילווייז־באַוואָפנטע.

מלך באַקאַלטשוק

דער פּאַרטיזאַן מלך באַקאַלטשוק, אַ געבוירענער אין סערניק, האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין פינסק, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס לערער אין דער פאָלקס־שולע „תל־חי", און שפּעטער — אין דער פאָלקס־שול „תרבות" אין קאַרלין. ער האָט חתונה געהאַט אין פינסק מיט דער טאָכטער פונעם האָטעל־אייגנטימער אייזנשטיין, אויף קאָשטשושקאָ־גאַס. זיין פרוי און טאָכטער זענען אומגעקומען אין געטאָ. ער אליין איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן און האָט זיך דערלאַנגט אין

גלייך מיטן געווער און אַמוניציע, און די פאַרבליבענע זעלטענע אָנדענקונגען פון דער היים, וואָס זענען אָפּגעהיט געהיט געוואָרן, ווי הייליקייטן...

צייטנווייז האָט מען באַקומען ברויט און קאַרטאָפל — אומבאַגרענעצט, אָבער — אָן ברויט און אָן זאַלץ... די מענטשן האָבן דעריבער געזוכט און געפונען דערצו אין פעלד פאַרשיידענע שאַרפע גרינסן, ווי ציבעלע און קנאָבל.

כדי צו געפינען שאָף, איז די פאַרטיזאַנער אויסגעקומען צו וואַנדערן זייער ווייט. צווישן טיפע זומפּן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף ווייטע קילאָמעטערס, האָט דאָ און דאָרט זיך געפונען אַ שטיקל טרוקענער שטח, פון וואַנען כ'האָבן נאָכבעכדיק אַרויסגעבליקט די אָרעמע, צאַנקענדיקע פּאָלעסיער דערפלעך.

אין די דאָרפישע כאַטקעס האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע נויט און דחקות. דאָס בידנע שטיקל פאַרמעגן — די עטלעכע שטיקלעך שאָף זענען ביים פויער צוגענומען געוואָרן סיי דורך די דייטשן, סיי דורך פּאַרטיזאַנער. עס זענען געווען פויערים, ביי וועלכע מ'האָט די לעצטע בהמה צוגענומען, און צוויי־דריי פויערים־משפחות פלעגן זיך מוזן טיילן מיטן פלייש פון איין בהמה.

„ביי די פּאַרטיזאַנער האָבן געהערשט נישט־געשריבענע געזעצן, וועלכע האָבן פאַרוועררט צוצונעמען ביי אַ פריינדלעך־געשטימטן פויער די לעצטע בהמה, אָדער חזיר" — האָבן אין זייערע עדות־דערקלערונגען איבערגעגעבן גאָלדע און שלום גאַלעצקי.

איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די גרופּן פּאַרטיזאַנער, וועלכע פלעגן געשיקט ווערן צו קריגן שפייז, פלעגן מוזן דורכגיין אָן אַ שיעור קילאָמעטערס, ביז זיי פלעגט געלינגען זיך איינצושאַפן אַ ביסל עסנוואַרג.

די לאַגע פון די יידן אין וואַלד

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז די פּאַרטיזאַנער אויסגעקומען צו פירן זייער לעבנס־שטייגער. אָבער די לאַגע פון דעם יידישן פּאַרטיזאַן איז נאָך געווען אַ פילפאַכיק־ערגערע, ווי די לאַגע פון די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער, און אין פאַרגלייך מיט זיי, איז די לאַגע פון די יידן און משפחות־לאַגער געווען פשוט אַ פאַרצווייפלטע.

אויף דעם קריסטלעכן פּאַרטיזאַן האָט געלויערט בלויז איין סכנה: דער שוידערלעכער דייטשישער פיינט. אָבער אויף דעם יידישן פּאַרטיזאַן, און נאָך מער, אויף די יידן אין משפחות־לאַגער, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין געווער, האָבן — אויסער דער סכנה מצד די דייטשן — אויך געלויערט צוויי אַנדערע געפאַרן: די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין די אַרומיקע ישובים, סיי איינצלנע, סיי אָרגאַניזירטע אין דער זעלבסט־שוץ: „סאַמאָאָכאָוואַ" און אין די „ווייסע" באַנדעס, ווי די „בולבאָווצעס", „באַנדאַראָווצעס" א. אַנד., ווי אויך מצד די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער גופא, וואָס פיל פון זיי זענען געווען אָפענע אַנטיסעמיטן. געווען צווישן זיי אַפילו גאַנצע גרופּעס, וואָס פלעגן זיך ספּעציאַליזירן אין הרגענען יידן, אַזוי ווי די טרויעריק־באַרימטע זשורקינצעס א. אַנד. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך געלאָזט פילן אַפילו אין דער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדשאַפט, ווו עס זענען געווען נישט ווייניק שונאי־ישראל. ביי די דאָזיקע פאַרהעלטענישן איז אַנטשטאַנען דאָס האַרטע, נישט־געשריבענע געזעץ, אַז מענטשן אָן געווער ווערן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען נישט אָנגענומען. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ערשטער ריי האָט דאָס דאָזיקע „געזעץ" אָנגערירט יידן, און באַזונדערס: יידישע משפחות, ווייל ווו האָבן זיי געקאָנט זיך איינשאַפן געווער, ווען זיי זענען קוים מיטן לעבן אַרויס פון געטאָ.

דער פּאַרטיזאַן מלך באַקאַלטשיק, וואָס שטאַמט פון שטעטל סערניק, ביי פּינסק, דערציילט אין זיין בוך:

„די יידן זענען אַנטלאָפן פון זייער שטאָט, אָדער שטעטל אין די לעצטע שעהן פאַר דער שחיטה. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוגעגרייטע פּלענער צו איינשאַפן זיך געווער — פאַר זעלבסטשוץ־צוועקן, אָדער אָנגריף־צילן. שוין זייענדיק נאָענט צום אַריינגאַנג אין וואַלד, זענען זיי באַפאַלן און דערמאָרדעט געוואָרן דורך פויערים־באַנדעס. אין די ערשטע חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין יאָר 1942, ביז דער צווייטער העלפט פון 1943, איז געפאַלן די גרעסטע צאָל קרבנות פון צווישן די יידן, וועלכע זענען אַוועק אין וואַלד אַריין אָן געווער אין האַנט".

„די יידן זענען געגאַנגען אין וואַלד אַריין מיט אַ פּשוטן חשבון: קיין אויסזיכטן צו עקזיסטירן דאָרט זענען נישט געווען, קיין געווער האָבן זיי נאָך דאַן נישט געהאַט, קיין אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן זענען נאָך דאַן אויך נישט געווען, אויסער צופעליקע גרופּעס, אַנטלאָפענע פון דייטשישער געפאַנגענשאַפט. האָבן די יידן באַשלאָסן איינס: אויב עס איז זיי באַשערט אומצוקומען, אָדער אויסגיין פון הונגער אין וואַלד, טאָ זאָל כאָטש די גאַנצע משפחה זיין צוזאַמען. ווי עס זאָל נישט זיין — איז צוזאַמען לייכטער. און אפשר וועט פאָרט עמעצן געלונגען זיך צו ראַטעווען?..

פון די דאָזיקע יידן האָבן זיך נאָכדעם אויסגעבילדעט די משפחה־לאַגערן אין וואַלד, וועלכע האָבן שפּעטער, אין גאַנצן פּאַרטיזאַנער־ראַיאָן אין מזרח־אייראָפּע, געציילט ביי 15.000 פּערזאָן". (118).

אין אַ גאַנצע ריי שטעטלעך און שטעט, ווי פּינסק, האָבן די דייטשן אָפּגענאַרט די יידן ביז דער לעצטער מינוט, צוזאָגנדיק זיי, אַז זיי וועט קיין שלעכטס נישט געשען. באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פון די יידן אין פּינסקער געטאָ, וועלכער איז געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן. אַזוי, אַז קיין שום יידן כמעט איז נישט געלונגען צו אַנטלויפן, טראָץ די פּרווון פון עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע — זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ און אַנטלויפן אין וואַלד אַריין (זע אויבן — קאַפּיטל זיבן).

געווען אָבער שטעטלעך, ווו די דייטשן איז נישט געלונגען אוממעגלעך צו מאַכן דאָס אַנטלויפן פון יידן, בעת, אָדער ערב דער לעצטער „אַקציע". מיר וועלן אָנווייזן אויף עטלעכע פאַלן:

אין דעם שטעטל לאַכווע זענען פון 2.300 יידן אַנטלאָפן ביי 600, נאָכן שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד — וואָר־

פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען דריי יידן: יוסף און ברוך פליישמאַן פון יאַנעווע, ביי פינסק, און אַלעק אַבוגאַוו, אַ געבוירענער אין אָדעס — אַן אָפיציר אין דער סאָוויעטי־שער אַרמיי, וועלכער איז אַנטלאָפן פונעם סאָוויעטישן גע־פאַנגען־לאַגער אין קאָוועל (ער וווינט היינט אין תל־אביב).

די באַגעגעניש מיט גרופּעס יידן אין וואַלד, האָט אויפ־געוועקט אין אַבוגאַוון דאָס פינטעלע ייד, און ער האָט באַ־שלאָסן צו פאַרבלייבן אין דער יידישער באַוואָפנטער פּאַר־טיזאַנער־איינהייט. ער האָט אויך משפּיע געווען אויף דריי רוסן פון זיין גרופּע, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער איינהייט פון מיסיוראַ. דאָס זענען געווען: אַנאַטאָלי קוראַטשקין — קאָמאַנדיר פון אַ קאָמפּאַניע אין פּאַפּאָווס פּאַרטיזאַנער־איינ־הייט, סערגיי קאַרטשאַוו — אַ מאַיאָר אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, און דער דריטער — מיטן נאָמען ניעקאַנאַראַוו.

ס'איז אַנטשטאַנען אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער־איינהייט

אַלס קאָמאַנדיר פון דער קליינער יידישער פּאַרטיזאַנער־איינהייט איז אויסגעוויילט געוואָרן סערגיי קאַרטשאַוו. מיט־גלידער פון דער קאָמאַנדשאַפט זענען געווען: מיסיוראַ, אַלעק אַבוגאַוו און אפרים באַקאַלטשוק. אין שפּיץ פון דעם אויס־שפּיר־גרופּע זענען געשטאַנען: אַבוגאַוו און מינקאָווסקי.

דאָס אָנשליסן זיך פון די פיר געניטע פּאַרטיזאַנער פון פּאַפּאָווס אָפּטיילונג אין דער יידישער פּאַרטיזאַנער־איינהייט האָט שטאַרק אויפגעמונטערט און אָנגעשטעקט מיט קאַמפּס־גייסט די יידישע פּאַרטיזאַנער. שפּעטער, ווען אין דער געגנט איז געקומען די פּאַרטיזאַנער־איינהייט פון גענעראַל פּיאָ־דאַראַוו (הרובענאָי), איז קאַרטשאַוו אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער קאָמאַנדשאַפט פון דער דיוויזיע, און אַלס קאָמאַנדיר פון דער יידישער איינהייט איז אויסגעוויילט געוואָרן מיסיוראַ. פון דאַן אָן האָט די יידישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג געהייסן: די איינהייט פון מיסיוראַ. און כאָטש זי איז נאָך געווען קליין אין צאָל, האָט זי אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ לעבהאַפטע טעטיקייט.

די פּאַרטיזאַנער־איינהייט האָט אויך גענומען אויף זיך די פליכט צו זאָרגן פאַר די גרופּעס יידן, וואָס זענען געווען צע־זייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע ווינקעלעך פון וואַלד. זיי האָבן געקריגן שפּייז און קליידונג פאַר די דאָזיקע יידן, וואָס פון זייערע גרופּעס איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער משפּחה־לאַגער — נאָענט פון דער קעמפנדיקער פּאַרטיזאַנער־איינהייט, אונטער וועמענס אויפזיכט דער לאַגער האָט זיך געפונען. די אַקטיווע פּאַרטיזאַנער האָבן מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט געזאָרגט סיי פאַר דער זיכערקייט, סיי פאַר דער באַשפּייזונג פונעם לאַגער.

שוין די ערשטע שריט אין דער טעטיקייט פון דער איינ־הייט, כאָטש זיי זענען נאָך געווען פון קליינעם פאַרנעם, האָבן זיי דאָך מיטגעווירקט דערצו, אַז די באַציונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג צו די פּאַרטיזאַנער האָט זיך בהדר־רהגה'דיק געענדערט צום בעסערן. די פּויערים האָבן געקריגן דרך־ארץ פאַר די פּאַרטיזאַנער. מ'דערציילט, אַז באַלד, ווי מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז אַ פּויער פון אַ נאָענטן דאָרף האָט געכאַפּט צוויי יידישע יינגלעך און זיי אויפגעשניטן די אָדערן, זענען אין דער זעלבער נאַכט אַוועק צום פּויער עטלעכע פּאַרטיזאַנער, מיט אַלעק אַבוגאַוו בראָש, זיי האָבן אַרויסגע־פירט דעם פּויער אין דרויסן און אים אויפן אָרט דערשאָסן. די דאָזיקע דרייסטע, גיכע און אַנטשלאָסענע האַנדלונג האָט ביי פיל פּויערים אָפּגענומען דעם חשק צו פאַרנעמען זיך מיט מאָרדן יידן, אָדער — מסרן און איבערגעבן זיי צו די דייטשן, ווי זיי האָבן עס פריער געטאָן. דרייסטקייט און שנע־לע, אַנטשלאָסענע האַנדלונג האָבן דאַן צייטנווייז אויפגעטאָן מער, ווי דאָס בעסטע געווער.

די טעטיקייט פון דער יידישער איינהייט

די יידישע פּאַרטיזאַנער־איינהייט האָט צו פאַרצייכענען זייער פיל ווירקזאַמע אויפטוען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט ערנסטע שלאַכטן און קרבנות פון איר זייט. און אָט זענען אייניקע פון זיי:

1) בעת אַן איבערפאַל אויף פּאָליציי־לייט, אין דער צייט פון אַ חתונה, אין דאָרף וויטשעווקע, איז אומגעקומען בערל באַבראַוו און ס'איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן לייבל טור־קעניטש.

2) אין רעזולטאַט פון אַ לענגערער נאָכשפּירונג, האָט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער געכאַפּט אין אָזירסק און געבראַכט אין וואַלד אַרײַן [illegible] וועלכער איז געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנישער פאַרבינדלער.

3) בעת אַ באַזוך פון מיטגלידער פון דער איינהייט אין שטעטל סערניק, איז דורך זיי אויסגעפירט געוואָרן אַ טויט־אורטייל איבער עטלעכע פּויערים, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און געמאָרדעט יידן.

4) ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געלונגענער איבערפאַל אויף דער דייטשישער קאָמענדאַנטור אין שטעטל וויסאָצק, וווּ מ'האָט פאַרכאַפּט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

5) מ'האָט אויסגעפירט דיווערסיע־אַקטן אין דער אַלקאָ־האָל־פאַבריק אין דאָמבראָוויץ און לסוף — פאַרניכטעט די פאַבריק.

6) צוגענומען 100 שטיקלעך שאָף אין דער לאַנדווירט־שאַפט אין לאַפּאַטין, נעבן דאָרף קאַניוכי.

7) אויסגעפירט אַן אָנפאַל אויף דעם פּאָליציי־פּאָסטן אין ליובאַשעוויטש, 12 קילאָמעטער פון פינסק.

8) מ'האָט פאַרכאַפּט 12 ביקסן ביי דער פּאָליציי אין דאָרף זשולקין.

מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל געווער איז אויס־געברייטערט געוואָרן די איינהייט, וועלכע האָט מיט איר טעטיקייט אַרויסגערופן אָנערקענונג ביי דער אָרומיקער באַ־פעלקערונג. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי צו מיסיוראַן, וועלכער איז געווען אַ גוטער, באַ־שיידענער און פאַרגעשריטענער מענטש, ווי אויך אַ געניטער און דרייסטער שלאַכטמאַן. ער האָט געהאַט הינטער זיך פיל יאָרן פון תפיסה אין פאַרמלחמהדיקן, סאַנאַצאָרישן פּוילן, ווו ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר זיינע לינקע פּאָליטישע אָנ־

די סוואָריטשעוויטשער וועלדער, נישט ווייט פון זיין היימשטעטל, ווו ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די פאַרטיזאַנער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע אין דער יידישער פאַרטיזאַנער־איינהייט אינעם ראַיאָן.

נישט געקוקט אויף זיין עלטער — ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די פופציקער — האָט ער פאַרנומען זייער וויכטיקע פּאָסטנס און האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין די פאַרטיזאַנער־רייען.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך געפונען אין עסטרייך, ווו ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם פאַרבאַנד פון דער שארית־הפליטה. ער איז דאָרט אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „אויפגאַנג" אין יידיש. צוליבן מאַנגל אין יידישן שריפט, איז די צייטונג געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך מיט לאַטיינישע אותיות. ער איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע.

מלך באַקאַלטשוק האָט, נאָך אַ באַזוך אין ישׂראל, זיך באַזעצט אין דרום־אַפריקע. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן זיין בוך: „זכרונות פון אַ יידישן פאַרטיזאַן", וואָס איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס, אינעם פאַרלאַג פונעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. זיין בוך איז געווען די 135־טע אויסגאַבע פון דער ביכער־סעריע א.נ. „דאָס פּוילישע יידנטום", אַרויסגעגעבן דורכן אויבנדערמאָנטן פאַרלאַג. ער האָט אויך רעדאַגירט דאָס יזכור־בוך פון דער שטאָט כעלם.

ער איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג אין יאָר 1961.

אין דער סערניקער געגנט איז געווען טעטיק די פאַרטיזאַנער־גרופּע פון שלום גאַלעצקי (היינט דער מאַן פון גאָלדע שערמאַן), וועלכער איז אַרויס אין וואַלד פונעם דאָרף סוואָריטשעוויטש, אין יוני 1942.

די גרופּע האָט געציילט 8 מענטשן, באַוואָפנטע מיט הילצערנע ביקסן (אייגענע פּראָדוקציע). מיטן דאָזיקן „געווער" האָבן זיי געלויערט אויף די וועגן און פלעגן צונעמען שפּייז, וואָס איז געפירט געוואָרן פאַר די דייטשן. פון פאָרזיכטיקייטס־וועגן פלעגן זיי אַרומוויקלען די „מאַשין־ביקסן" מיט רעגן־מאַנטלען, כדי אָפּצונאַרן די פּויערים, זיי זאָלן מיינען, אַז ס'איז עפּעס... אין משך פון דער צייט איז זיי געלונגען צו איינשאַפן זיך צוויי יעגער־ביקסן און איין דייטשישן רעוואָלווער. גאַלעצקי דערציילט אין זיינע עדות־דערקלערונגען, אַז די ערשטע ביקס האָבן זיי באַקומען בעתן אַריבערגאַנג פון פאַרטיזאַנער איבערן טייך האָרין, ביי וויסאָצק, און די צווייטע — מיט 5 קוילן — האָבן זיי זיך איינגעשאַפט ביי אַ פּאָליאַק, נעבן דאָרף דובא.

נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ אין דאָמבראָוויץ, זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע יידן פונעם דאָזיקן שטעטל, און צווישן זיי — ברוך מינקאָווסקי, וועלכער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט האַנדל אין די דערפער און האָט דעריבער גוט געקענט די געגנט און אירע וועלדער. זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט דער סערניקער גרופּע, געוווינט האָבן זיי אין באַזונדערע ערטער, נאָענט איינע פון די אַנדערע, אָבער די פאַרטיזאַנישע אַקציעס פלעגן זיי דורכפירן צוזאַמען.

אין וואַלד האָבן זיך געפונען נאָך גרופּעס יידן, וועלכע פלעגן, מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, זיך אַרויסלאָזן אין דער סביבה, כדי זיך איינצושאַפן שפּייז. גייענדיק אין וואַלד פלעגן זיי זוכן צו געפינען די שפּורן פון נאָך יידן.

„מ'רעדט דאָ יידיש!" — פלעגט איינער צום צווייטן זאָגן שעפּטשענדיק. אַ דאַנק די דאָזיקע באַגעגענישן האָבן זיך די באַזונדערע גרופּעס, צעזייטע אין באַזונדערע ווינקעלעך פונעם גרויסן וואַלד, באַהעפט און פאַראייניקט צוזאַמען אין איין יידישער פאַרטיזאַנער־איינהייט, אין אַ קיבוץ יידן.

צוזאַמענקום פון די „וואַלד־איינוווינער"

סוף אָקטאָבער 1942 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון די „וואַלד־איינוווינער", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע גרופּן. בעתן דאָזיקן צוזאַמענקום האָבן די פאָרשטייער זיך געטיילט מיט ידיעות וועגן איינצלנע בלאָנדזשענדיקע יידן אין וואַלד. ס'איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון געווער. די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזירטער גרופּע האָבן דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן מיט ליידיקע הענט זיך איינגעשאַפט געווער ביי די פּויערים. די סודות פון וואַלד־לעבן זענען צווישן די פאַרטיזאַנער פאַררעכנט געוואָרן, ווי אַ הייליקייט. יידן, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, זענען שוידערלעך געפּייניקט געוואָרן, אָבער זיי האָבן געשוויגן, ביזן אויסהויכן די נשמה, אָפּהיטנדיק שטרענג דעם נישט־געשריבענעם פאַרטיזאַנער־אָפּמאַך: נישט אַנצוווייזן קיין באַהעלטעניש, ווו עס האַלטן זיך אויף יידן.

אין איינעם פון די נאָוועמבער־טעג אין יאָר 1942, איז אַ פּויער פון די כוטאָרס אין באָטאָוו אַוועק אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור אין סטאָלין און געמאָלדן, אַז אין די סוואָריטשעוויטשער וועלדער באַהאַלטן זיך אויס אַ סך גרופּעס אומבאַוואָפנטע יידן.

צומאָרגנס האָט מען דורכן נעפּל אין וואַלד באַמערקט עלעקטרישע פייערן. אין דער ריכטונג פון דער פאַרטיזאַנער־וואַך זענען דאַן אָפּגעגעבן געוואָרן עטלעכע שאָסן, און אין דער וואַלדיקער שטילקייט האָבן אָפּגעקלינגען דערשראָקענע אויסרופן: דייטשן!" אין דער זעלבער רגע האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַנישער געלויף אין די באַהעלטענישן אַריין.

אין דער זעלבער צייט איז דורכן וואַלד דורכגעגאַנגען אַ פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, וועמענס קאָמאַנדיר עס איז געווען פּאָפּאָוו. די דאָזיקע אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויס פון די ליבישייער וועלדער, האָט געעפנט אַ שטאַרקן פייער אויף די דייטשן, וואָס עס האָט זיי געטראָפן אומגעריכט, ווייל זיי האָבן אינעם דאָזיקן אָרט נישט דערוואַרט קיין שום ווידערשטאַנד. די דייטשן האָבן אין שרעק זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. נאָך דעם, ווי די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט, זענען די פאַרטיזאַנער נאָך פאַרבליבן אין וואַלד עטלעכע טעג און זיי האָבן געהאָלפן די יידן זיך איינצושאַפן עסן און קליידונג. אין דער דאָזיקער

ראַטעוועט געוואָרן לייבל און ציליע דאַלינקא. דעם 14־טן פעברואר 1943 זענען זיי אַרויס פון פינסק, איבער דעם פאַרפרוירענעם פינאַ־טייך, נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך ביי צוויי חדשים צייט אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם, ביי זייער רעטערין און וויל־טוערין, די פּוילישע פרוי באַרבאַראַ מאַכייסקא — דערציילט אין זיין ביכל (ר׳ „מקורות" מס׳ 7) לייבל דאַלינקאַ:

זיי האָבן געהאַט ביי זיך אַ רעוואָלווער מיט עטלעכע קוילן. זיך לאָזנדיק פון פינסק אין וועג אַריין, איז זייער ציל געווען: דערלאַנגען זיך אין וואַלד און זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט גענוי דאָס אָרט, וווּהין זיי דאַרפן גיין. זיי האָבן געפּרוּווט זיך דערוויסן וועגן דעם, אין וועג גייענדיק, ביי זייערע באַקאַנטע פּויערים, אין די אַרומיקע דערפער. די באַקאַנטע פּויערים האָבן זיי צום גליק זייער גוט אויפגענומען, געגעבן עסן און אַ ווינקל צום אָפּרוען זיך, און זיי אויך געגעבן די נויטיקע ידיעות און אָנווייזונגען וועגן זייער ווייטערדיקן וועג. אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט אין דאָרף ווילאַטיטש — 12 טעג, אין אָסטראָווע — 2 טעג, און אין וויטשעווקע — 10 טעג. בעת זייער געפינען זיך אין וויטשעווקע, האָבן זיי זיך אומגעריכט באַגעגנט מיט אַ פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט זיי אָפּגעשיקט אין דער פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט אין דאָרף סוואָריטשעוויטש. קומענדיק אַהין האָבן זיי זיך געטראָפן מיט די פינסקער מלך באַקאַלטשוק, דוד גאַסמאַן, ברוך פרידמאַן, אַברהם פּערטשיק און גאָלדע שערמאַן.

ווען זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורכן קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט מיסיוראַ, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער האָט שוין וועגן זיי אַ רעקאָמענדאַציע פון מלך באַקאַלטשוק (דעם דאָזיקן פּרט דערמאָנט אויך מלך באַקאַלטשוק אין זיין בוך).

לייבל דאַלינקאָ, ווי אַ דרוקער־אַרבעטער, ווערט דורך מלך באַקאַלטשוק איינגעשלאָסן אין דער גרופּע פון אויפקלערונג־און פּראָפּאַגאַנדע.

זיין פרוי — ציליע דאַלינקאָ, האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס קעכין אין דער זעלבער גרופּע און אין איר פרייער צייט איז זי געווען טעטיק ביי איר פאַך, אַלס לערערין און אַלס איבערזעצערין פון רוסיש אין פּויליש. גלייכצייטיק האָט זי אויך מיטגעהאָלפן אין דער דרוק־אַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט אַ סאָוויעטישער עראָפּלאַן, וועלכער האָט געבראַכט געווער אין וואַלד, אויך מיטגעבראַכט אַ קליינע פּרימיטיווע דרוק־מאַשין, ווי אויך שריפט צום דרוקן. די גאַנצע „דרוקעריי" האָט זיך געפונען אין אַ קאַסטן, אויף אַ וואָגן, און ביי דער מינדסטער סכנה איז אַלץ איינגעפּאַקט געוואָרן און איז גרייט געווען זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

די צאָל שריפט איז געווען אַ צו קליינע אויף צו קאָנען אויסזעצן דערמיט אַ גאַנצע צייטונג פאַר איין מאָל. פלעגט מען אויסזעצן אַ זייט, זי אָפּדרוקן, פאַנאַנדערוואַרפן דעם שריפט לויטן אַלף־בית, און ווידער אויסזעצן אַ פרישע זייט. און אַזוי, צוביסלעכווייז, פלעגט אָפּגעדרוקט ווערן אַ צייטונג. מען דאַרף דערביי אונטערשטרייכן, אַז די דאָזיקע גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין דרויסן, אין קעלט און רעגנס. די דרוקער־אַרבעטער האָבן דאַן געהערט צום פּאַרטיזאַנער־שטאַב, וועלכער האָט זיך געפונען אין דאָרף דאָברוויסק. אַ געוויסע צייט האָבן לייבלען מיטגעהאָלפן אין דער דרוק־אַרבעט אַ פרוי מיטן נאָמען וויערא יעוווסייעווּטאַ, וועלכע איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פון אַ סאָוויעטישן עראָפּלאַן אין וואַלד, אין יוני 1943, צוזאַמען מיט אינגנאַצי בעסקראָמני, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין מאָסקווע — אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון די פּאַרטיזאַנער־אויסגאַבן אין וואַלד, און פון די צוויי צייטונגען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען א.נ. „טשערוואָני פּראַפּאָר" אין אוקראַיניש און „טשערוואָני שטאַנדאַר" אין פּויליש.

דער ערשטער נומער פון „טשערוואָני פּראַפּאָר" איז דערשינען אין יולי 1943, אין דער צייט ווען די רעדאַקציע האָט זיך געפונען אינעם גוט לאַסיטשקאָ. אין משך פון דעם חודש פון זייער זיין דאָרט, זענען דערשינען נאָך צוויי נומערן פון דער צייטונג אין אוקראַיניש און דער ערשטער נומער פון דער פּוילישער צייטונג („טשערוואָני שטאַנדאַר"). יעוווסייעווּנאַ איז דאַן אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער איינהייט און לייבל דאַלינקאָ איז געבליבן דער איינציקער זעצער און דרוקער. ער האָט זיך פאַרנומען נישט נאָר מיט אויסזעצן און אָפּדרוקן די צייטונג, נאָר אויך מיט אויסזעצן פלוג־בלעטלעך. זיין פרוי ציליע האָט אים געהאָלפן ביים אָפּדרוקן די אויסגעזעצטע זייטלעך.

מלך באַקאַלטשוק שטרייכט אונטער אין זיין בוך, אַז „אויב אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן מיר מצליח געווען אַרויסצוגעבן אַ גאַנצע ריי אויסגאַבן, איז עס הויפּטזעכלעך צו פאַרדאַנקען דער איבערגעגעבנער, מסירת־נפשדיקער אַרבעט און אידעאַליזם פון לייבל דאַלינקאָ" (זייט 225). אויף אַ צווייטן אָרט דערציילט באַקאַלטשוק וועגן די באַדינגונגען פון דער דרוקעריי־אַרבעט אין וואַלד: ‚מיר האָבן זיך געפינען ביים ברעג וואַלד פון פלאַטער ביולין, אין שכנות פונעם דאָרף ליסינסק.

ס׳איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן, ווען דאַלינקאַ האָט אַרויסגעצויגן די וואַליזע מיטן שריפט, כדי אויסצוזעצן די ראַדיאָ־ידיעות, וועלכע איך האָב די נאַכט אויפגענומען און צוגעגרייט צום דרוק. פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבן אַ דייטשישע אַטאַקע אויפן וואַלד. פעדיאַ דער פורמאַן, אויף וועמענס וואָגן עס האָט זיך געפונען די דרוקעריי, האָט זיך גיך אָוועקגעלאָזט צו ברענגען און איינשפּאַנען די פערד. לייבל דאַלינקאָ האָט אויף גיך איינגעפּאַקט זיין וואַליזע מיט די דרוק־מאַטעריאַלן און אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן" (זייט 247).

די פאַרשידענע וואַלד־אויסגאַבן זענען דערשינען אין 1000 עקזאַמפּלאַרן, און ביי אַ דרייסיק רייטער האָבן זיי פונאַנדערגעפירט און צעטיילט אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. אָבער — מ׳האָט זיך מיט דעם אַליין נישט באַנוגנט און מ׳האָט אָנגעהויבן צו דרוקן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן אויך אין דער דייטשישער שפּראַך, וואָס איז אַריבערגעפירט גע־

שוי־אונגען. די יידן אין דער איינהייט האָבן מיט זייער דרייסטער און אַקטיווער טעטיקייט אַרויסגערופן אָנערקענונג און גרויס צוטרוי צו זיי, מצד זייערע נישט־יידישע חברים. געניסנדיק פון אַלע רעכט, זענען די יידן שטענדיק, אומעטום און אין אַלץ געווען די ערשטע און זענען אויך די ערשטע געגאַנגען אין שלאַכט קעגן די דייטשן.

אין האַרבסט 1942 האָט די איינהייט געציילט 130 פּערזאָן. אין דער דאָזיקער צאָל זענען געווען איבער 80 יידן. די גרעסטע טייל פון זיי — איינוווינער פון די שטעטלעך אין דער אַרומיקער געגנט. אין דער איינהייט האָט געאַרבעט דער דאָקטער ברוך ערליך, וועלכער איז דורך די פּאַרטיזאַנער צוגענומען געוואָרן פונעם שפּיטאָל אין דאָמבראָוויץ און איז געבראַכט געוואָרן אין וואַלד אַריין. צוזאַמען מיט אים האָבן אין וואַלד אויך געאַרבעט די קראַנקן־שוועסטערס: שאַמאַראַ גראַובאַרט פון פּינסק, און מאַטילדאַ כאַווינא — אַ געבוירענע אין פּולטוסק —ביידע זענען געקומען אין וואַלד אַריין נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ אין סטאָלין. זיי זענען ביידע לעבן געבליבן אַ דאַנק דעם צופאַל, וואָס דער דייטשישער קרייז־קאָמיסאַר האָט זיי אַרויסגענומען פון דער קאָלאָנע יידן, וואָס איז געפירט געוואָרן צום טויט. ער האָט עס געטאָן אויף דער ביטע פונעם דירעקטאָר פון אָרטיקן שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך געניטיקט אין זיי, ווי אין גוטע שוועסטערס. בלייבנדיק צייטווייליק לעבן, האָבן זיי אָבער גוט געוווּסט, אַז אויך זייער גורל איז אַ געחתמעטער און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט מען אויך זיי אָוועקפירן צו די גריבער. זיי האָבן זיך דעריבער פאַרבונדן מיט אַ פּויער, וואָס זיין קראַנקע טאָכטער איז געלעגן אינעם זעלבן שפּיטאָל. ווען דער פּויער איז געקומען אָפּנעמען זיין טאָכטער, זענען די צוויי קראַנקן־שוועסטערס אַנטלאָפן מיט אים. ביי טאָג האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין וואַלד און ביינאַכט — אין הויז פונעם פּויער. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיי צופעליק געטראָפן אפרים באַקאַלטשוק און האָט זיי געבראַכט אין דער איינהייט מיט מיסיוראַ, ווו זיי האָבן זיך איינגעבירגערט.

טאַמאַראַ גראַובאַרט

די קראַנקן־שוועסטער טאַמאַראַ גראַובאַרט איז געקומען קיין פּינסק אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם לערער גראַובאַרט, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אין דער באָראָכאָוו־שול, פון די לינקע פּועלי־ציון. אַזוי ווי איר מאַן, איז אויך טאַמאַראַ געווען טעטיק אין די רייען פון דער אויבנדערמאָנטער פּאַרטיי. לויט, ווי ס'איז אונדז באַוווּסט, איז איר מאַן, דער לערער, אומגעקומען אין לעמבערג, און זי איז, צוליב געוויסע סיבות, געבליבן אין פּינסק. שפּעטער איז זי אַריבערגעפאָרן קיין סטאָלין, און פון דאָרט — ווי מיר האָבן שוין אויבן דערציילט — איז זי געקומען אין וואַלד אַריין, צוזאַמען מיט דער קראַנקן־שוועסטער — מאַטילדאַ כאַווינאַ.

אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע

שוין באַלד ביי אירע ערשטע שריט האָט די איינהייט אָנגעהויבן צו פירן אַן אַקטיווע אויפקלערונג־און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין די אַרומיקע דערפער. דאָס אַנטשטיין פון אַ קעמפנדיקן כוח אין די וועלדער און זיינע כסדרדיקע דיווערסיע־אַקטן און איבערפאַלן אויף דייטשישע אָביעקטן — האָט רייף געמאַכט דעם באָדן פאַר דער איינפלאַנצונג פון דער פּאַרטיזאַנישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער געגנט. אָבער — דאָס איז נישט געווען קיין לייכט שטיקל אַרבעט. צווישן די פּויערים האָט געהערשט אַ שטאַרקער פּחד: סיי פאַר די פּאַרטיזאַנער, סיי פאַר דער שטראָף פון די דייטשן: פאַר אָנהאַלטן קאָנטאַקטן און העלפן פּאַרטיזאַנער. באַזונדערס גרויס איז געווען זייער מורא פאַר אַ באַגעגעניש מיט יידן־פּאַרטיזאַנער, צוליב דעם צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן, וואָס האָט זיך געפונען אין זייערע הייזער און די יידן האָבן עס געקאָנט דערקענען... אַזוי, אַז סיי מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, סיי מיט דער שנאה צו אַלדאָס פּראָגרעסיווע, וואָס האָבן געהערשט אין פּאָלעסיער דאָרף, איז אויסגעקומען צו קעמפן סיי מינדלעך, סיי מיטן געשריבענעם וואָרט.

מלך באַקאַלטשוק, וועלכער איז געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפקלערונג־און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין דער איינהייט, דערציילט אין זיין בוך, אַז אין איינעם אַ זונטיק, האָט ער, אין באַגלייטונג פון עטלעכע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען אין 5 דערפער, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן פאַרן פאַרזאַמלטן עולם. 10 אַזייגער אין דער פרי — אין דאָרף זשולקין — ביי דער אָנוועזנהייט פון 600 פּויערים, 1 אַזייגער בייטאָג — אין דאָרף ניטשעסאָוו — ביי דער באַטייליקונג פון 400 פּויערים, און שפּעטער איז ער אויפגעטראָטן אין די דערפער: אָסטראָווע, פּאָרע — מיט 700 באַטייליקטע, און אין דאָרף דאַראַזש.

אָבער בדרך־כלל איז שווער געווען צונויפרופן פאַרזאַמלונגען אין די דערפער, צוליב דעם, ווייל די עיקר־טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער איז געווען אין די נעכט. דעריבער איז די אויפקלערונגס־אַרבעט געפירט געוואָרן בעיקר דורך געשריבענע, אָדער געדרוקטע פלוג־בלעטלעך. די ערשטע צייט זענען די דאָזיקע אויפרופן געשריבן געוואָרן אויף אַ שרייבמאַשין, אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן. שפּעטער זענען די פלוג־בלעטלעך דערשינען צום מיינסטנס געדרוקטע. די דאָזיקע אויפקלערונג־און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער סביבה, ווו געציילטע, אָבער איבערגעגעבענע און באַוווּסטזיניקע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ פּראָגרעסיווע פּאָליטישע פאַרגאַנגנהייט, ווי אויך סתם פּשוטע, ערלעכע פאָלקס־מענטשן זענען אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער, אָדער זענען געוואָרן איבערגעגעבענע פאַרבינדלער מיטן וואַלד, שטייענדיק אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער.

צו דער אויפקלערונגס־אַרבעט אין שריפט זענען שפּעטער צוגעטראָטן אויך ציליע און לייבל דאָלינקא, באַלד נאָך דעם, ווי זיי זענען געקומען אין וואַלד אַריין.

לייבל און ציליע דאָלינקא

אויבן, אין קאַפּיטל צען א.ב. „גראַטעוועטע און זייערע רעטער" האָבן מיר שוין דערציילט, ווי אַזוי עס זענען גע־

און מיר זענען אַהין אַוועק. מ'האָט אונדז נישט געוואָלט גלייך אָננעמען אין דער קעמפנדיקער איינהייט און מ'האָט אונדז דערווייל איינגעקוואַרטירט אין דער איבערגאַנגס־איינהייט אין דאָרף, אין דער צייט, ווען די קעמפנדיקע איינהייט האָט זיך געפונען אין וואַלד״.

פערטשיק איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון איינער פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין וואַלד, מיט וועלכער ער האָט אַדורכגעמאַכט דעם גאַנצן קאַמפּס־וועג, ביז דער באַפרייאונג פון דער שטאָט ראָוונע.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך: „בעת איינער פון די שלאַכטן איז פערטשיק פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער ער האָט נישט פאַרלאָזן דאָס שלאַכט־פעלד, און זיך ווייטער באַטייליקט אין די שלאַכט־אָפּעראַציעס״. (זייט 95).

אברהם פערטשיק וווינט היינט אין חיפה.

ברוך פרידמאַן

אין די שווערע פּיין־און קאַמפּס־יאָרן פון אברהם פערטשיק, איז ברוך פרידמאַן געווען זיין טרייער חבר און שותף צו אַלע ליידן און קאַמפן מיטן נאַציזם שונא, אָנהייבנדיק פון די טעג פונעם קליינעם געטאָ אין פּינסק. ברוך פרידמאַן לעבט היינט אין אַמעריקע און די עטלעכע פּרטים וועגן אים, וואָס מיר ברענגען דאָ, האָט אונדז איבערגעגעבן זיין חבר, אברהם פערטשיק:

ברוך פרידמאַן האָט געוווינט אין פּינסק, אויף ראָוויעצקע גאַס און ער האָט געאַרבעט ביי זיין משפּחה־פאַך — סטאָלעריי. אין אַלע שווערע באַדינגונגען און אומשטענדן האָט זיך פרידמאַן אַרויסגעוויזן אַלס אַ גוטער חבר און פריינד, און באַזונדערס האָט זיך עס געלאָזט מערקן און פילן אין די סכנות'פולע טעג, בעת זייער אַנטלויפן פון פּינסקער געטאָ און ביזן דערלאַנגען זיך קיין סוואַריטשעוויטש, וועגן וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערציילט. אין משך פון דער צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוט און דרייסקייט, און מיט זיין מסירת־נפשדיקער גרייטקייט צו העלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אין זיין הילף גענויטיקט.

אַנטיסעמיטישע ווינטן

מיטן אָנהייב פרילינג 1943, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן די סכנות אין די דערפער, צוליבן פאַרמערן זיך פון פאַשיסטישע רוצחישע באַנדעס, וועלכע זענען אין זייער גרעסטן טייל באַשטאַנען פון אָרטיקע פּויערים. אויך די דייטשן האָבן זיך גענומען מיט פאַרשטאַרקטע כוחות אָנצוגרייפן די פּאַרטיזאַנער, ווי אויך דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געוווינט אין דער נאָענט. די דייטשן האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אינעווייניק — אין די דערפער און אין וואַלד אַריין.

אין יענער צייט האָבן פּויערים פון די דערפער און אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע פון יענער זייט בוג — אין אַ פאַרגרעסערטער צאָל אָנגעהויבן צו שטראָמען אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער. פּאַקטיש האָט זיך דער פאַרשטאַרקטער שטראָם צו די פּאַרטיזאַנער נאָך אָנגעהויבן ווינטער־צייט — אין די טעג פון דעם גרויסן היסטאָרישן זיג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד. אָבער — די שווערע ווינטער־באַדינגונגען האָבן דעם שטראָם אַ ביסל פאַרלאַנגזאַמט. נישט ווייניק פון די געקומענע אין וואַלד אַריין זענען פריער געווען צווישן די, וואָס האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן די דייטשן ביים פאַרניכטן דער יידישער באַפעלקערונג. געווען אויך צווישן זיי פיל פאַרעטער און דייטשישע אַגענטן. אָט די דאָזיקע עלעמענטן זענען עס געווען די, וואָס האָבן מיט פייער פאַרדאָרבנקייט און יידן־שנאה געשטעלט אין געפאַר די זיכערקייט פון די יידן אין וואַלד.

אין דער איינהייט פון מיסיוראַ האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל נישט־יידן און ס'איז דערמיט געשטיגן די שפּאַנונג אין דער איינהייט. אין וואַלד איז געקומען דער יונגער פּאַרטיזאַן יאַשקע (יאַסקע?). אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער זיך באַפריינדעט מיט איניקע מיטגלידער פונעם שטאַב און איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן די יידן דערקענט זיין פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער און האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם נאָמינירן אים אַלס קאָמאַנדיר. זיי האָבן אפילו געדראָט מיט נישט אויספירן צוליב דעם די באַפעלן פון שטאַב. נאָך אַ ריי וואָרענונגען און דראָאונגען מצד די יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט דער שטאַב סוף־כל־סוף באַזייטיקט יאַשקען פון זיין אַמט אַלס קאָמאַנדיר. ער האָט אים אָבער אָנגעטרויט אַנדערע וויכטיקע פונקציעס. יאַשקע האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן און אָנטאָן צרות די איינצלנע בלאָנדזשענדיקע יידן אין וואַלד, ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט ער דערמאָרדעט אַ ייד פון האָראָדנויע. יאַשקע איז אַרעסטירט געוואָרן און ס'איז קעגן אים אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל, וואָס איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן. נאָך זיין טויט איז מען געוווירגעוואָרן, אַז ער איז געווען אַ דייטשישער אַגענט.

אין יענער צייט האָבן אין שטאַב גופא זיך אָנגעהויבן אַנטי־יידישע שטימונגען. סערגיי קאָרטשאָוו האָט געפּרוווט באַזייטיקן איניקע יידן פון אָנפירנדיקע אַמטן. די עיקר־סיבה דערצו איז געווען — די אומצופרידנקייט פונעם שטאַב מיטן יידישן משפּחה־לאַגער אין וואַלד, וועלכן די רוסישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אָנרופן: „אומזיסטע ברויט־פרעסער!״

דער קאָמיסאַר פון דער איינהייט, פּלאָזשניקאָוו, האָט מיט כוח צוגענומען די „וואַנדערונגס־רעכט״ פון די אומבאַוואָפנטע — צוזאַמען מיט די באַוואָפנטע שלאַכט־לייט, און פון די דאָזיקע רעכט איז אָפּהענגיק געווען דער גורל פון דעם פאַמיליען־לאַגער. אָבער טראָץ די אַלע דערווידערונגען און פאַרבאָטן האָבן די יידישע שלאַכט־לייט דערלאַנגט ערנסטע הילף דעם משפּחה־לאַגער — באַזאָרגנדיק די שוצלאָזע מענטשן סיי מיט שפּייז־פּראָדוקטן, סיי מיט קליידונג.

נאָך דעם, ווי עס איז געקומען פון מאָסקווע דער גענעראַל בייגאַמאַ, וועמען ס'איז פּרעמד געווען דער באַגריף: אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע, און וועלכער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדשאַפט איבער דער דיוויזיע, האָט

וואָרן אין די שטעט, ווו מ'האָט עס צעטיילט צווישן די
דייטשן. פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט איז לייבל דאָלינ־
קאָ אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן פאַרטיזאַנער־מעדאַל, צווייטע
מדרגה, און ער איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף צו באַקומען
דעם הויכן סאָוויעטישן אָרדן „רויטער שטערן". ציליע איז
געווען אַ קאַנדידאַטין אויף צו באַקומען אַ פאַרטיזאַנער־
מעדאַל.

אין דער צייטונג „אָגאָניאָק", וואָס דערשיינט אין מאָסק־
ווע, אינעם נומ' 17 פון יאָר 1945, זענען דערמאָנט געוואָרן די
נעמען פון לייבל און ציליע דאָלינקאָ, און פון מלך באַקאַל־
טשוק, אין אַן אַרטיקל וועגן דער דיוויזיע, אין וועלכער זיי
האָבן זיך געפונען. זייער פאַרטיזאַנער־לעבן האָט זיך פאַר־
ענדיקט מיטן פאַרנעמען דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, ביי
דער מיטהילף פון די פאַרטיזאַנער־איינהייטן, אין פעברואַר
1944, די שטאָט ראָוונע. זיי האָבן זיך נאָך באַטייליקט אין
אַ שלאַכט מיט די דייטשן ביי דעם שטעטל צומאַן. אַ טאָג
פאַר דער באַפרייאונג. דאָס פאָרפאָלק דאָלינקאָ לעבט היינט
אין פתח־תקוה.

פאַרטיזאַנער־זאָנע

די געגנט פונעם דאָרף סוואָריטשעוויטש איז פאַר־
וואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרטיזאַנער־זאָנע, וועלכע האָט זיך
פונאַנדערגעשפרייט אויף הונדערטער קילאָמעטער. די פאַר־
טיזאַנער האָבן זיך דאָרט פריי באַוועגט בייטאָג און ביינאַכט.
די פויערים איז פאַרווערט געווען אַרויסצוגיין פון די גרענעצן
פונעם דאָרף. איבער דעם הויז אין דאָרף, ווו די פאַרטיזאַנישע
קאָמאַנדשאַפט האָט זיך געפונען, האָט געפלאַטערט אַ רויטע
פאָן. אַ געוויסע צאָל יידן איז צוגעקומען אין וואַלד אין משך
פונעם ווינטער 1942—1943, און צווישן זיי — דער לעצטער
איבערבלייב פון פינסקער געטאָ, וועגן וועלכע מיר האָבן
שוין אויבן דערמאָנט, דערציילנדיק וועגן דער באַגעגעניש
פון לייבל און ציליע דאָלינקאָ מיט די פינסקער יידן, בעת די
לעצטע צוויי זענען געקומען אין וואַלד אַריין.

וועגן דעם ליידנס־וועג פון דריי פון זיי: גאָלדע שער־
מאַן, ברוך פרידמאַן און אברהם פערטשיק, וועלכע האָבן צו־
זאַמען דורכגעמאַכט דעם וועג פון פינסקער געטאָ — אין
דער ריכטונג פון קאָברין און צוריק, ביז צו די סוואָריטשע־
וויטשער וועלדער, דערציילט אברהם פערטשיק:

„איך בין דאַן אַלט געווען דרייסיק יאָר. פאַר דער מלחמה
האָב איך געאַרבעט אַלס האָלץ־בראַקער ביים באַקאַנטן פינס־
קער גביר משה שמיד. בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ בין
איך על־פי־נס צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע „אַרבעטס־
נויטיקע יידן" און אַזוי אַרום בין איך ניצול געוואָרן פון דער
שחיטה (זע אויבן קאַפּיטל זיבן: „די לעצטע ציילונג").
זייענדיק אין קליינעם געטאָ האָב איך, צוזאַמען מיט אַ
גרופּע חברים, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אויף אַרויסצוגיין אין
וואַלד אַריין. מיר זענען אַרויס אַ גרופּע פון 18 פערזאָן און
צוריקגעקערט זיך קיין פינסק האָבן מיר זיך בלויז דריי...
די איבעריקע זענען אין וועג אומגעבראַכט געוואָרן — ווי
מיר דערציילן וועגן דעם אין אַ צווייטן אָרט (וועגן דעם דאָ־
זיקן פאַל דערציילט אויך גאָלדע שערמאַן אין איר גביית־
עדות — זע אויבן: קאַפּיטל אַכט, אין דעם טייל: „דער גורל
פון די אַנטלאָפענע אין די וועלדער"). איך האָב זיך צעשיידט
מיט דער גרופּע, בעתן צוריקוועגס פון קאָברין קיין פינסק,
און אין דער נאַכט פון 23־טן דעצעמבער 1942 — האָב איך,
אַ הונגעריקער, אַ צעבראָכענער, זיך דערלאַנגט צו מיין
פריערדיקן אַרבעטס־פּלאַץ, אויסערן געטאָ, און מיט דער
הילף פון דעם אַלטן שומר, האָב איך זיך דאָרט באַהאַלטן אין
אַ בוידעם־שטיבל. צומאָרגנס איז צו מיר אַרויפגעקומען דער
שומר און האָט מיר דערציילט, אַז אַלע יידן פון קליינעם
געטאָ זענען פאַרטאָג אַרויסגעפירט געוואָרן און מ'האָט זיי
אַלעמען אומגעבראַכט.

די צווייטע נאַכט בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטער קריס־
טין און האָב געבעטן עפּעס עסן און אַן אָרט אויף צו באַ־
האַלטן זיך. זי האָט מיר צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט שפּייז,
אָבער בלויז מיטן באַדינג, אַז אַ באַהעלטעניש זאָל איך פאַר
זיך געפינען ערגעץ אַנדערש. איך האָב פאַר זיך אָפּגעזוכט
אַ באַהעלטעניש אין דעם הויז פונעם שניידער פסח טשער־
טאָק (מ'פלעגט אים רופן „פסח פעטקאָ"). דאָרט האָב איך
זיך באַהאַלטן 20 טעג. אין די נעכט פלעג איך קומען אין
הויז פון דער קריסטין, וועלכע פלעגט מיר פאַרזאָרגן מיט
שפּייז. איך פלעג אויך קומען צו אַ באַקאַנטן קריסט אויף
יאַסלעדאָווסקע גאַס (ר' זרחס געסל). ביי אים האָב איך זיך
דערוווּסט, אַז ברוך פרידמאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך
צעשיידט אויפן וועג פון קאָברין, געפינט זיך אין פינסק.
ביי דער מיטהילף פונעם קריסט, האָב איך צומאָרגנס ביי־
נאַכט זיך באַגעגנט מיט ברוך פרידמאַן. ער האָט מיר דער־
ציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען, און אויך, אַז צוזאַמען מיט
אים האָט זיך אומגעקערט גאָלדע שערמאַן, וועלכע באַהאַלט
זיך אויס מיט אים צוזאַמען. אַזוי ווי גאָלדעס פיס זיינען געווען
טיילווייז אָפּגעפרוירן, האָבן מיר זי אַריבערגעפירט אין מיין
באַהעלטעניש, ווו עס איז געווען אַ ביסל וואַרעמער און
גאָלדע האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז
דער פּינא־טייך איז שוין פאַרפרוירן געוואָרן און מ'קאָן אים
שוין אַריבערגיין. מיר האָבן זיך דאַן געלאָזט אין וועג אַריין.
אין משך פון 4 טעג זענען מיר געגאַנגען דורך זומפּן און
געקומען אין דער געגנט פון מאָראָטשנע. ביי די כוטאָרס
האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָרט געפינען זיך פאַרטיזאַנער.
און ווירקלעך — די זעלבע נאַכט האָבן מיר געזען ווי עס
האָט געברענט די לאַנדווירטשאַפט אין מאָראָטשנע, וועלכע
איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך פאַרטיזאַנער.

אינעם דאָרף פאָרע האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט סאָ־
וויעטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך דאָרט צופעליק גע־
פונען, בעת זייער דורכמאַרש אין דער דאָזיקער געגנט,
ווייל זיי האָבן זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף דייטשן, מיט
וועלכע זיי האָבן געפירט אַ קאַמף עטלעכע טעג. זיי האָבן
אונדז אַלע דריי אַרעסטירט און געפאָרשט אין דער קאָ־
מאַנדשאַפט. נאָך דער אויספאָרשונג האָבן זיי אונדז געגעבן
אַ בריוו צו דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט אין סוואָריטשעוויטש

אַ כוס פֿאַרן לעבן און געזונט פֿון די וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטענדער.

שלאַכט־אָפּעראַציעס

די שלאַכט־לײַט פֿון דער ײדישער פּאַרטיזאַנער־אײנהײט האָבן כסדר געפֿירט קאַמפֿן מיטן שונא. די געגנט פֿון די סוואָביטשעווער וועלדער איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן דער הערשאַפֿט פֿון די ײדישע פּאַרטיזאַנער. פֿון דער דאָזיקער באַזע פֿלעגן אַרויסגײן סאַבאָטאַזש־גרופּן אין ווײַטערע ראַיאָנען: אויף לויערונג, צעשטערן באַן־רעלסן און פֿאַרניכטן פּאָליצײַ־סטאַציעס. די שלאַכט־אָפּעראַציעס זענען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אַ דאַנק דער הילף אין געווער און אויפֿרײַס מאַטעריאַלן, וועלכע גענעראַל פּיאָדאָראָוו האָט צוגעשטעלט דער אײנהײט. די שטענדיקע קעמפֿער און גרינדער פֿון דער אײנהײט האָבן זיך דערוואָרבן אַ נאָמען מיט זײערע באַדײַטנדיקע שלאַכט־פֿאַרדינסטן און אויפֿטוען. זײ האָבן גוט געקענט די געגנט און זענען געווען צווישן די איניציאַטאָרן פֿון די קאַמפֿן. די גרעסטע צאָל אַקציעס זענען דורכגעפֿירט געוואָרן דורך קלײנע גרופּעס. די דאָזיקע שיטה פֿון קאַמפֿן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס די ווירקזאַמסטע. די שלאַכט־לײַט זענען באַוואָפֿנט געווען מיט אויטאָמאַטיש געווער און האַנט־גראַנאַטן. די ײדישע פּאַרטיזאַנער האָבן אויך אויסגעפֿירט אַלץ מער נקמה־אַקטן איבער די אָרטיקע דײַטשישע מיטהעלפֿער און ײדן־מערדער.

אין מאַי 1943 האָבן די באַנדעראָווצעס און בולבוואָצעס מיט זײערע אָנפֿאַלן אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף דער אַרומיקער געגנט. אין אײנער אַ נאַכט זענען זײ באַפֿאַלן און אויסגעקוילעט 75 ײדן פֿונעם משפּחה־לאַגער נעבן דאָרף וויטשעווקע. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן די פּאַרטיזאַנער אויסגעפֿירט אַ קעגן־אָנפֿאַל און האָבן ווי געהעריק אָפּגעצאָלט די רוצחים. צווישן די אומגעבראַכטע דורך די מערדער־באַנדעס איז אויך געווען די קראַנקן־שוועסטער, מאַטילדאַ כאַווינא. די רוצחים האָבן זי דערמאָרדעט בעתן דערלאַנגען מעדיצינישע הילף די פֿאַרוווּנדעטע פֿונעם משפּחה־לאַגער...

מלך באַקאַלטשוק דערצײלט אין זײַן בוך, אַז: „אָנהויבנדיק פֿון דער צווײטער העלפֿט פֿון יאָר 1943, ווען עס איז אָנגעקומען געווער פֿון מאָסקווע, זענען צוגעשטאַנען צו די קעמפֿנדיקע פּאַרטיזאַנער כמעט אַלע ײדן, פֿעאיקע צו טראָגן געווער, פֿונעם משפּחה־לאַגער, און דאָרט זענען פֿאַרבליבן בלויז זקנים און קינדער. פֿונעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל צו געבן די געהעריקע שוץ דעם משפּחה־לאַגער און צו זאָרגן פֿאַר אַלע זײַנע באַדערפֿענישן”.

דאָס ארויסשיקן 10 ײדישע מײדלעך פֿון דער אײנהײט

אין יענע טעג איז געקומען אַן אָנווײַזונג פֿון שטאַב, ווו עס זענען געווען טעטיק צוויי אַנטיסעמיטן: דער הויפּט פֿון שטאַב — יערמאָלענקאָ און דער קאָמיסאַר פּלאָזשניקאָוו: אַרויסצוטרײַבן פֿון די פּאַרטיזאַנער־רײען 10 ײדישע מײדלעך, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דער אײנהײט פֿון ערשטן טאָג אָן זינט איר אַנטשטײאונג. די דאָזיקע מײדלעך האָבן אָפּגעהיט זײער מײדלשן כבוד און אויסגעפֿירט לעבנס־וויכטיקע אויפֿגאַבן פֿאַרן נוצן פֿון דער אײנהײט.

צווישן די אַרויסגעשיקטע מײדלעך האָבן זיך געפֿונען: פֿײגע־חיה — אַ מײדל פֿון דאָמבראָוויץ; זשעניע און בײלע — פֿון האָראָדנויע; בוניע טורקעניטש; מיכליע מאַרקלס, מיט אַ שוועסטער און אַנדערע.

די כלומרשטע סיבה פֿאַר דעם באַזײטיקן זײ איז געווען אַז זײער אָנוועזנהײט ווירקט נישט גינסטיק אויפֿן קעמפֿערישן גײַסט פֿון די מענער. מיסיוראַ אַלײן האָט, וואָס אַן אמת, אויך אָפּגעשיקט זײַן פֿרוי און קינד. אָבער זײ איז געגעבן געוואָרן אַ זיכער אָרט צום וווינען און באַהאַלטן זיך, וואָס די באַזײטיקטע ײדישע מײדלעך האָבן נישט געקריגן. אַלס פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג, האָבן פֿאַרלאָזט די אײנהײט אַ גרופּע פֿון די בעסטע ײדישע שלאַכ־לײַט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען: אַלעק אַבוגאָוו, שמואל פּורים, משה ערדמאַן, משה בראָמבערג, אברהם מאיר טורקעניטש, ברוך מינקאָווסקי אַ. אַנד. זײ האָבן זיך אַ געוויסע צײַט געפֿונען נאָענט פֿון דעם משפּחה־לאַגער, וועלכן זײ האָבן באַשיצט און אויך אים אַנטקעגנגעקומען מיט הילף. מיסיוראַ האָט געשיקט דעם ד״ר ערליך צו זײ, ער זאָל מיט זײ אונטערהאַנדלונגען, וועגן צוריקקערן זיך אין דער אײנהײט, אָבער אַלעק אַבוגאָוו האָט געפֿאָדערט אַלס שטראָף פֿאַר דער נישט ריכטיקער האַנדלונג לגבי די ײדישע מײדלעך, צו באַזײַטיקן פֿון זײערע אַמטן דעם שטאַב־עלטסטן י. יערמאָלענקאָ און דעם קאָמיסאַר פּלאָזשניקאָוו. אַבוגאָוו האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט אין דער אײנהײט פֿון מיסיוראַ, הגם ער האָט אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט איר — אַלס עלטסטער פֿון דער אויסשפּירער־אָפּטײלונג — אַ זײער וויכטיקע ראָל, וואָס ער האָט אויסגעפֿירט מיט גרויס פֿלײַס און פֿעאיקײט, ביז צום טאָג פֿון דער באַפֿרײַאונג. ברוך מינקאָווסקי און אַנדערע האָבן זיך שפּעטער יאָ צוריקגעקערט, לויט אַ באַפֿעל פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט, אין דער אײנהײט אַרײַן. די 10 ײדישע פֿרויען זענען צוריקגעקערט געוואָרן אויף זײערע פֿריערדיקע ערטער אין דער אײנהײט.

די שלאַכט בײַ פּערקאַליאַ

דער שונא האָט נישט גערוט. ער האָט אָנגעגריפֿן פֿון לינקן ברעג סטיר גרופּעס וואַנדערנדיקע און רוענדיקע פּאַרטיזאַנער. דער שטאַב פֿון דער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע האָט באַשלאָסן צו דערלאַנגען אַ פֿעסטן קלאַפּ דעם נאַציִשן שונא און זײַנע מיליטערישע קאָנצענטראַציעס, אין די דערפֿער: פּערקאַליאַ און מאָראָטשנע. די דאָזיקע אויפֿגאַבע איז אַרויפֿגעלײגט געוואָרן אויף מיסיוראַס אײנהײט, וועלכע זאָל, בײַ דער מיטהילף פֿון אַנדערע פּאַרטיזאַנער־אײנהײטן, דערלאַנגען דעם שונא אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ. אין אײנער אַ נאַכט איז די אָפּטײלונג אויף שיפֿלעך אַריבער דעם סטיר און האָט דורך די פֿעלדער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פֿון פּערקאַליאַ.

אברהם פּערטשיק דערצײלט: „דער אָנגריף האָט זיך

זיך די לאַגע אין גאַנצן געענדערט. אַ דאַנק זיין השפּעה און אונטער זיין ווירקונג, האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט די באַציִונג פון די פאַרטיזאַנער־רוסן, לגבי די יידן אין וואַלד.

אין ראַיאָן פון סוואָביטשעוויטש און אין די אַרומיקע ראַיאָנען זענען געקומען די אָפּטיילונגען פון גענעראַל פּיאָדראָוו, וועלכע האָבן אָנגעבונדן פעסטע קאָנטאַקטן מיט דער אײנהייט פון מיסיוראַ. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די יידישע אײנהייט האָט זיך אַרײנגעגאָסן אין דער בריגאַדע פון גענעראַל פּיאָדראָוו, און האָט באַקומען דעם נאָמען: פּאַרטיזאַנישע אײנהייט אויפן נאָמען פון וואָראָשילאָוו. דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמאַנדשאַפט איז געווען פאָלגענדער: קאָמאַנדיר — מיסיוראַ; זיין פאַרטרעטער און אָנפירער פון דער דיווערסיע־גרופּע — אפרים באַקאַלטשוק; פּאָרזיצער פון שטאַב — יערמאָלענקאָ; קאָמיסאַר — פּלאָשניקאָוו; לייטער פון אינפאָרמאַציע־דינסט — אַלעק אַבוגאָוו; לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר אויפקלערונג־און־פּראָפּאַגאַנדע — מלך באַקאַלטשוק; געזונטהייטס־דינסט — ד״ר ב. ערליך. אין דער בריגאַדע זענען געווען זעקס אײנהייטן. מיטן קומען פון פּיאָדראָוס בריגאַדע האָט זיך דערפילט אין דער פּאַרטיזאַנער־סביבה אַן אָפּפרישנדיקע לופט, אַ בעסערע אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין, וואָס עס האָט געהאָלפן אַרויסצונעמען די איניציאַטיוו פון די הענט פון די אַנטי־יידישע עלעמענטן און האָט צונישט געמאַכט זייערע פאַרברעכערישע פּלענער.

צוזאַמענטרעף פון פאָרשטייער פון די פאַרטיזאַנער־אײנהייטן

דעם 21־טן מערץ 1943 איז אין דאָרף באָברויסק פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אײנהייטן אין דער סביבה.

דער „מאָדנער צוזאַמענטרעף״ — האָט אים אָנגערופן מלך באַקאַלטשוק, וועלכער האָט דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר געווידמעט אין זיין בוך אַ גאַנץ קאַפּיטל א. נ. „די פּאַרטיזאַנישע קאָנפערענץ״ (אויף די זייטן: 148—162). אין דער דעלעגאַציע פון דער אײנהייט א. נ. וואָראָשילאָוו, האָבן זיך געפונען: יערמאָלענקאָ, פּלאָזשניקאָוו און מלך באַקאַלטשוק. דער צוזאַמענטרעף האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין צערעמאָניאַלער יום־טובֿדיקייט, אָבער די אַטמאָספערע זיינע איז געווען אַ פייערלעכע און אויפמונטערנדיקע ביז גאָר. מ׳האָט ממש דערפילט בחוש דעם מעכטיקן כּוח, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די פּאַרטיזאַנער־אײנהייטן.

נאָכן דערפעפענונגס־וואָרט פונעם גענעראַל בייגאַמאַ, האָבן די פאָרשטייער פון די אײנהייטן איבערגעגעבן באַריכטן וועגן זייער טעטיקייט. „דעם באַריכט פון אונדזער אײנהייט, האָב איך איבערגעגעבן — שרייבט אין זיין בוך מלך באַקאַלטשוק — כ׳האָב דערציילט, ווי אַזוי ס׳איז אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אונדזערע, ווי אַזוי די יידן האָבן מיט ליידיקע הענט זיך איינגעשאַפן געווער, און ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט קעגן די פאַשיסטישע באַנדעס, קעגן דער פּוילישער פּאָליציי און קעגן די דייטשן. כ׳האָב אונטערגעשטראָכן, אַז ביי דער זייט פון דער קעמפנדיקער אײנהייט, געפינט זיך אַ יידישער פאַמיליען־לאַגער, וועלכער איז נאָך אומבאַוואָפנט, און צווישן די לאַגער־מיטגלידער געפינען זיך אויך אַלטע לייט און קינדער״.

וועגן אַ סך העלדישע טאַטן איז דערציילט געוואָרן אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר, און מלך באַקאַלטשוק ברענגט אין זיין בוך אַ סך פּרטים וועגן זיי. מ׳האָט זיך געטיילט מיט דערפאַרונגען און באַקומען אינסטרוקציעס וועגן די ווייטערדיקע אויפגאַבן. די אַלע באַלערנדיקע מאָמענטן און פאַקטן זענען שפּעטער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַלע אײנהייטן און האָבן געדינט, ווי אַ ריכט־ליניע פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

דער אָפּקלאַנג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד צווישן די פאַרטיזאַנער אין וואַלד

דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף האָט געאייניקט די קרעפטן און געהויבן דעם גייסט פון די שלאַכט־לייט, אָנגעפילט זיי מיט טיפן גלויבן און זיכערקייט אין נצחון. אין אַ חודש נאָך דעם צוזאַמענטרעף האָבן אַלעמענס הערצער אויפגעצאַפּלט פון איבעראַשונג און פרייד, ווען עס איז אין וואַלד טראַנסמיטירט געוואָרן די ידיעה וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. באַזונדערס אויפגערודערט זענען געווען די יידן פון דער אויסערגעוויינלעכער ידיעה, ווייל די לעצטע לעבן־געבליבענע און דורך ניסים־געראַטעווטע יידן אין וואַלד, נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין די שטעט און שטעטלעך פון פּאָליעסיע און וואָלין, האָבן געמיינט, אַז זיי זענען די לעצטע מאָהיקאַנער און איינציקע לעבנסגעבליבענע יידן, אונטער דער דייטשישער הערשאַפט, און אַז די יידן אין פּוילן עקזיסטירן שוין לאַנג נישט. און דאָ — האָבן זיי זיך פּלוצלינג און אומגעריכט דערוווסט, אַז אין וואַרשע געפינען זיך נאָך יידן, וועלכע זענען אַזוי העלדיש אַרויס אין קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט און רוצח.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך: „בעת איינעם פון מיינע וויזיטן אין דיוויזיע־שטאַב, האָב איך געשמועסט מיטן גענעראַל בייגאַמאַ וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דער גענעראַל האָט געזאָגט: „דאָס איז דער גרעסטער אויפשטאַנד קעגן נאַצישן אָקופּאַנט אין דער איצטיקער מלחמה אין אייראָפּע. דאָס איז דער פאַקטישער אָנהייב פון אַ צווייטן פראָנט, וואָס זיינע איניציאַטאָרן און אויספירער זענען נישט געווען די מערבֿ־פעלקער, — די פאַרבינדעטע אין איצטיקן קריג, נאָר שוצלאָזע יידן, פאַרשלאָסענע אין אַ געטאָ־שטייג און פאַרמשפּטע צום טויט״...

אין שייכות מיט דער נישט־געוויינלעכער ידיעה איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַרטיזאַנער פון מיסיוראַס אײנהייט, אויף וועלכער מ׳האָט איבערגעגעבן פּרטים וועגן דעם אויפשטאַנד. די הערצער פון די יידן אין די פאַלעסיער וועלדער זענען איבערפולט געווען מיט שטאָלץ, פרייד און צער. טרערן פון פרייד און ווי האָבן זיי געשטיקט אין האַלדז, אין דער צייט, ווען די רוסישע פאַרטיזאַנער האָבן געשטורעמט פון פרייד, געשריען הוררא! און געהויבן

„פּאַרטיזאַנער־מעדאַל — צווייטע מדרגה״. זי איז געווען איינע פון די ערשטע דריי אין דער איינהייט, וואָס האָבן באַקומען די דאָזיקע אויסצייכענונג.

מיר האָבן שוין אויבן דערציילט וועגן דעם יסורים־וועג, וואָס גאָלדע האָט אַדורכגעמאַכט (צוזאַמען מיט אברהם פּערטשיק און יצחק פרידמאַן), פון פּינסקער געטאָ אָן, ביז צו די סוואָביטשעוויטשער וועלדער. אָנקומענדיק אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער, האָט זי דאָרט געטראָפן איר געוועזענעם מדריך (אינסטרוקטאָר) פון „גורדוניה״־אָרגאַניזאַציע אין פּינסק, שלום גאַלעצקי, וועלכער איז געווען פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. ער האָט איר געהאָלפן זיך אַנצושליסן אין דער קעמפנדיקער איינהייט.

שלום גאַלעצקי, וועלכער שטאַמט פון סוואָביטשעוויטש, איז געקומען אין פּינסק אַלס אַ 13 יאָריק ייִנגל, און האָט דאָרט געענדיקט די האַנטווערקער־שול פאַר ייִנגלעך. אַ קורצע צייט נאָך זייער באַגעגעניש אין וואַלד האָבן שלום און גאָלדע חתונה געהאַט, און זיי האָבן צוליב דעם דורכגעמאַכט אַ סך שוועריקייטן. די זאַך איז שפּעטער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי זענען אין סעפּטעמבער 1943 געצוווּנגען געווען אַריבערצוגיין אין אַן אַנדער איינהייט (פון שושמאַבאַוו), ווו זיי האָבן זיך געפונען און געקעמפט ביז דער באַפרייאונג.

ביי אַ זעקס וואָכן נאָך דעם, ווי גאָלדע איז, נאָך די פיל וואַגלענישן, געקומען אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן דער ד״ר ערליך און די קראַנקן־שוועסטער גראַ־באַרט, אָרגאַניזירט אַ קורס אין וואַלד פאַר אויסבילדן קראַנקן־שוועסטער. גאָלדע איז צוזאַמען מיט דריי אוקראַינישע מיידלעך אַוועק פּריוויליק אויפן קורס, וועלכן זיי האָבן געענדיקט אין זעקס וואָכן אַרום. ביים ענדיקן דעם קורס זענען פאַרגעקומען עקזאַמענס, בעת וועלכע יעדע געענדיקטע שוועסטער האָט געדאַרפט אַלס ביישפּיל ווייזן, ווי אַזוי זי מאַכט אַן איינשפּריצונג — כדי צו דעמאָנסטרירן אירע דערוואָרבענע קענטנישן. אירע צוויי אוקראַינישע חברטעס פונעם קורס, זענען נישט מסכים געווען, אַז גאָלדע זאָל איינע פון זיי מאַכן די איינשפּריצונג. נישט וואַקלענדיק זיך אַ רגע האָט גאָלדע געמאַכט די איינשפּריצונג אין איר אייגענעם לייב.

די משפחה גאַלעצקי וווינט איצט אין גבעתיים, ביי תל־אביב.

די ייִדישע מיידלעך אין די פּאַרטיזאַנישע איינהייטן

מלך באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך: „בדרך כלל האָבן ייִדישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער, זיך אָנגעשטויסן אויף גרייסע שוועריקייטן און קעגנערשאַפט. די פּאַרטיזאַנער שטאַבן זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז די מיידלעך וועלן זיך נישט קאָנען צופּאַסן צו די נויטיקע אַרבעטן און אויפגאַבן אין וואַלד, און אַז זיי וועלן נישט ברענגען קיין שום נוצן. צוליב דעם האָט זיך די גרעסטע טייל ייִדישע מיידלעך געפונען אינעם משפחה־לאַגער און בלויז געציילטע פון זיי, זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. ביי די אַלע עקזיסטירנדיקע שוועריקייטן און שטערונגען, האָט יעדעס ייִדיש מיידל געשטרעבט צו קעמפן מיט געווער אין האַנט.

די פרויען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די קעמפנדיקע פּאַרטיזאַנער־רייען האָבן אויסגעפירט זייער ווירקליכע שלאַכט־אויפגאַבן. זיי פלעגן שטיין אויף דער וואַך, ביים אַריינגאַנג אין די וועלדער, און ביי דער דאָזיקער זייער געפערלעכער אויפגאַבע, זענען פיל פרויען געפאַלן אויף זייערע פּאָסטנס. אַנדערע פרויען זענען געגאַנגען אויף לויערונג — צו אָבסערווירן די באַוועגונג פון שונאס חילות און באַנען, טייל פון זיי האָבן זיך אַריינגעקריגן אין רוקן פון שונא און דורכגעפירט דיווערסיע־אַקטן: אויפגעריסן בריקן, באַן־ליניעס, אויטאָס מיט מיליטער און אַמוניציע. אַ געוויסע צאָל פרויען האָבן געאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנער־ווירטשאַפט אין וואַלד — אַלס קעכינס, אַלס שניידערינס און וועשערינס. אַנדערע האָבן אויסגעפירט ביוראָ־אַרבעטן — אַלס סעקרעטאַרינס און איבערזעצערינס — אין די מיליטערישע שטאַבן. טייל פרויען האָבן זיך מטפל געווען מיט קראַנקע און פאַרווונדעטע״.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר דערציילט וועגן די קראַנקן־שוועסטער: טאַמאַרע גראַובאַרט און גאָלדע שערמאַן גאַלעצקי. ווייטער — אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר דערציילן וועגן די אויפטוען פון נאָך אַ קראַנקן־שוועסטער פון פּינסק: פאַני לוץ (פון דער היים: סאָלאָמיאַן), וועלכע האָט זיך געפונען אין אַן אַנדער פּאַרטיזאַנער־איינהייט.

דאָס זענען דריי פרויען פון די 21 פּינסקער פּאַרטיזאַנער, וועגן וועלכע מיר דערציילן אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג. די ווירקליכע ראָל, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט אין דער געזונטהייטס־דינסט אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, האָבן זיי פאַרהיט פון די סכנות, וועלכע האָבן געלויערט אויף זיי אַלס פרויען.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט אין זיין בוך: „עס זענען געווען קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן צוגענומען פרויען אין זייערע אָפּטיילונגען, אויף „ספּעציעלע״ באַדינגונגען... דאָס הייסט, אַז זיי האָבן געמוזט מסכים זיין אויסצונוצט צו ווערן אַלס פרויען דורך די פּאַרטיזאַנער... די פרויען, וועלכע האָבן אָנגענומען די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן עס געטאָן אויס נויט, נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג... ווייל אין די פאַמיליען־לאַגערן האָבן זיי געליטן הונגער און האָבן זיך געפונען אויסער יעדער שוץ, זייענדיק שטענדיק אויסגעשטעלט אויף לעבנס־געפאַר״...

פּוילישע איינהייטן

נאָענט פון דעם דאָרף דאַבאַ, האָבן אין וואַלד זיך געפונען 300 פון די פאַרבליבענע פּאַליאַקן אין דער געגנט. דאָס רוב פּוילישע איינוווינער פון דער סביבה זענען דורך די אוקראַינער און רוסן אויסגעקוילעט געוואָרן, און זייערע דערפער האָבן די רוצחים פאַרוואַנדלט אין בערגלעך אַש. מלך באַקאַלטשוק און שלום גאַלעצקי זענען געשיקט געוואָרן צו זיי, מיטן ציל: צו פירן צווישן זיי אַן אויפקלערונגס־אַרבעט, און צו מוטיקן זיי אין זייער שווערן מצב און דערדריקטן געמיט־צושטאַנד. מ׳האָט זיך באַמיט אַריינצוציען די קאַמפּס־פעאיקע פון זיי, און באַזונדערס די יוגנטלעכע אין

אָנגעהויבן מיטן באַגינען. די דייטשישע כוחות זענען געווען גרויסע און גוט־באַוואָפנטע, און זייערע פּאָזיציעס — באַקוועמע און פאַרפעסטיקטע, ווייל דאָס דאָרף האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפונען אויפן פלאַכלאַנד, אין דער נידער. פון אָנפאַנג האָבן די דייטשן נישט אויסגעהאַלטן דעם קלאַפּ פון די פּאַרטיזאַנער און זענען אָפּגעטראָטן מיט גרויסע פאַרלוסטן. נאָך אַן אָטעם־איבערכאַפּ האָבן די דייטשן קאָנצענטרירט זייערע כוחות און מיט אַ שטאַרקן פייער אָנגעגריפן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געפונער, אומבאַשיצט, אויפן הוילן פעלד”.

„צום שלימזל האָבן די איבעריקע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין קעגנזאַץ צום פאָרויס־אָנגעצייכנטן פּלאַן — זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דעם אָנגריף און נישט געקומען צו הילף די אָנגרייפנדיקע פּאַרטיזאַנער — שרייבט אין זיין בוך מלך באַקאַלטשוק (זייט 184). די איינהייט א. נ. פון וואָראָשילאָוו, וואָס דער גרעסטער טייל פון אירע שלאַכט־לייט זענען געווען יידן, איז געבליבן אַליין אויפן שלאַכט־פעלד. ווען די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט, איז געקומען אַ באַפעל: אָפּטרעטן! אויפן שטח פון אָנדערהאַלבן קילאָמעטער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אָפן פעלד, צוליב וואָס דאָס צוריקציען זיך איז אָנגעקומען זייער שווער”.

אין דער דאָזיקער שלאַכט איז געפאַלן פייוול גלעזער, וועלכער איז געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער איינהייט און האָט געהערט צו אירע בעסטע קעמפער. אַ פאַרוווּנדעטער אין ביידע פיס, איז ער אַ הילפלאָזער געבליבן ליגן אויפן פעלד. נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון שונא, האָט ער זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין בויך, אָבער ער האָט זיך נאָך געראַנגלט אין טויט־יסורים. אויף זיין בקשה האָט דאַן איינער פון די אָפּטרעטנדיקע פּאַרטיזאַנער געשאָסן אין אים און געמאַכט אַ סוף צו זיינע יסורים. אין דער דאָזיקער שלאַכט זענען געפאַלן עטלעכע פון די בעסטע קעמפער פון דער איינהייט. צווישן זיי: דוד גאַסמאַן.

„עטלעכע פון אונדזערע חברים־פּאַרטיזאַנער און צווישן זיי דוד גאַסמאַן — דערציילט פּערטשיק — זענען מיר געלעגן און געשאָסן. פּלוצלינג האָט נאָענט פון אונדז אויפגעריסן אַ דייטשישער גראַנאַט. כ׳האָב געשריען: דוד! — אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. כ׳האָב גערופן פייוול גלעזערן, און ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ שוואַך קול: „אברהם, דערציילט וועגן אונדז, ווי אַזוי מיר האָבן נקמה גענומען פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט!” דאַן האָט ער אַרויסגעצויגן זיין געווער און געשאָסן צו זיך אַליין, כדי ער זאָל אַ לעבעדיקער נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן”.

דוד גאַסמאַן

די אַלע, וועלכע געדענקען דוד גאַסמאַנען, ליבן אים, ווי אַ זייער ווערטפולן מענטש. אברהם פּערטשיק דערציילט: „דוד גאַסמאַן איז געבוירן געוואָרן אין פּינסק, ווו ער האָט געוווינט אויף נאַדבזשעזשנע גאַס (ברעג־גאַס), נאָענט פון דער טעכנישער שולע. ער איז געווען אַ פאַרהאַרטעוועטער קעמפער אין דער איינהייט. ער איז געגאַנגען אין שלאַכט דרייסט, אָן שרעק, זעענדיק שטענדיק פאַר זיינע אויגן זיינע מערדערלעך־פאַרפייניקטע ברידער און שוועסטער, דאָס בלוט פון צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס שרייט פון די גריבער אַרויס... זיין לעבנסציל איז געווען: בלוט פאַר בלוט! וואָס גרעסער זאָל זיין די נקמה אין די דייטשישע רוצחים! שעהןלאַנג פלעגן מיר זיצן צוזאַמען אין וואַלד און — שווייגן... און דאָס דאָזיקע ווייטאָקלעכע שווייגן האָט מער גערעדט, ווי שטאַרקסטע ווערטער”.

מלך באַקאַלטשוק שרייבט אין זיין בוך (זייט 91): „דוד גאַסמאַן איז געווען אַ מוטיקער און אַמביציעזער קעמפער. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, וועלכע האָט דאַן געפירט אַן אומלעגאַלע טעטיקייט”.

שלום גאַלעצקי גיט צו:

„בעת דער פערקאַליער שלאַכט האָב איך געזען, ווי גאַסמאַן האָט געכאַפּט די ביקס פון אַ געהאַרגעטן פּאַרטיזאַן, און אין שטורעם פון דער שלאַכט איז ער געלאָפן און געפויזעט מיט צוויי ביקסן אין די הענט, כדי דאָס געווער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא. דאָס זענען געווים געווען די לעצטע מינוטן אין זיין לעבן”.

גאָלדע און שלום גאַלעצקי

בעת די פּאַרטיזאַנער זענען אָפּגעטראָטן פונעם דאָרף פערקאַליע, האָבן זיי, איבערלאָזנדיק קרבנות אויפן שלאַכט־פעלד, דערגרייכט צום ברעג פון סטיר. איינער פון די שלאַכט־לייט האָט דאַן צוויסן געגעבן, אַז דער פּאַרטיזאַנער אַנאַטאָל קוראַטשקין געפינט זיך אַ פאַרוווּנדעטער אויפן פעלד. דער קאָמאַנדיר האָט זיך געוואַקלט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און זיך אָפּגעהאַלטן פון געבען אַ באַפעל צו ברענגען דעם פאַרוווּנדעטן, ווייל דאָס פעלד האָט זיך נאָך געפונען אונטערן פייער פון שונא און כדי אים צו ברענגען האָט מען געדאַרפט שטעלן אין קאָן נאָך מענטשלעכע לעבנס. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טרויעריקע שטילקייט.

„די קראַנקן־שוועסטער, גאָלדע גאַלעצקי — ווערט דערציילט אינם „בוך פון די יידישע פּאַרטיזאַנער” — האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט און מיט אַ שטילן אָבער אַנטשלאָסענעם קול געזאָגט: „דאָס איז מיין פליכט!” — און נישט וואַקלענדיק זיך אַ מינוט איז זי אַוועק אין פעלד אַריין צו דעם פאַרוווּנדעטן, ווו דער שונא האָט נאָך געהאָגלט מיט פייער, און זי האָט בשלום געבראַכט דעם פאַרוווּנדעטן אין וואַלד אַריין.

דער דאָזיקער העלדישער טאַט פון גאָלדע גאַלעצקי, ווי אויך אירע אַנדערע העלדישע מעשים אויפן שלאַכט־פעלד, האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג און ליב פאַר דער דרייסטער פּאַרטיזאַנערין מצד דער קאָמאַנדשאַפט און אַ הויכע אָפּשאַצונג מצד אירע שלאַכט־חברים. פאַר אירע העלדישע מעשים איז גאָלדע אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן

דריי רוסישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אינעם דאָזיקן צושטאַנד האָבן זיי צוגענומען צו זיך. אין משך פון דער צייט איז די גרופּע פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 10 פּערזאָן. דאָס איז געווען אַ וואַנדערנדיקע גרופּע אין וואַלד, אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער, בעת איינער פון זייערע אַקציעס אין דער געגנט פון פּלאָטניצע, איז הערשל באַבראָוו אומגעקומען און גורוויטש איז פאַרבליבן דער איינציקער ייד אין דער גאַנצער גרופּע. ווען די דאָזיקע גרופּע איז פאַרגרעסערט געוואָרן, זענען זיי צוגעשטאַנען צו דער איינהייט פון מיסיורא.

שלום גאַלעצקי געדענקט, אַז ס'איז טאַקע געווען אַזאַ קליינע גרופּע אין זייער איינהייט. אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זייער קאָמאַנדיר: וואָלאָדיאַ קאָוואַלטשוק צוזאַמען מיט דיקאָוויעצקין געשאַפן אַ באַזונדערע איינהייט און גורוויטש האָט זיך, קענטיק, געפונען אין איר. אַזוי אַרום זענען די איבעריקע פּינסקער נישט געווען אין קאָנטאַקט מיט אים.

גורוויטש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1897, אין דאָרף ווולקע, אָבער אַלע זיינע יאָרן האָט ער געלעבט אין פּינסק. ער איז געווען פון פאַך אַ שמיד. וועגן אים האָבן מיר אויבן געהאַט דערציילט, אַז ער איז געווען איינער פון דער גרופּע, וואָס איז דורך די דייטשן באַשטימט געוואָרן אויף צו פאַרשיטן די גריבער אין דאָבראָוואָליע, נאָך דער גרויסער שחיטה אין 1942, בעת דער ליקווידאַציע פון פּינסקער געטאָ. ווי אַזוי ער איז געבליבן לעבן קאָן ער אַליין נישט פאַרשטיין און באַגרייפן.

נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1945, איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט לינץ, אין עסטרייך, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט מלך באַקאַלטשוק, וועלכער האָט געשמועסט מיט אים און פאַרצייכנט זיינע איבערלעבונגען. זיינע עדות־דערקלערונגען געפינען זיך איצט ביי אונדז. לײדער ווייסן מיר נישט דאָס אָרט, ווו גורוויטש געפינט זיך היינט צו טאָג, און צוליב דעם האָבן מיר אויך נישט געקאָנט קריגן זיינס אַ בילד.

די שלאַכט ביי צומאַן

אויפן ברעג פון טייך סטיר האָבן זיך פאַראייניקט די פּאַרטיזאַנישע כוחות, וועלכע זענען אַרויס פון די וועלדער. רייטער־אויסשפּירער האָבן אויסגעפאָרשט די וועגן, וואָס הינטער די טייכלעך, זומפּן, אָזיערעס און וועלדלעך. נאָך די אויסשפּירער האָבן געפירט די אָבאָזן, באַגלייט פון פוסגייער. אין די צומאַנער וועלדער זענען די פּאַרטיזאַנער געווען געצוואונגען דורכשניידן אַ וועג דורך די זומפּן. אַ שניי איז געפאַלן אָן אויפהער. אין דער צייט פון אָפּרו האָבן בערגלעך שניי צוגעדעקט די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלייגט ביי די זייטן וועג. נעבן אַנטאָנאָווקע האָט די פּאַרטיזאַנער־קאָלאָנע זיך צונויפגעטראָפן מיט די אויסשפּירער פון די סאָוויעטישע אַרמיי־טיילן. דער פאָראויסמאַרש פון דער פּאַרטיזאַנער־קאָלאָנע האָט צוגעגרייט אַ וועג פאַר דער אַרמיי וועלכע האָט דורכגעשניטן די פיינטלעכע כוחות און האָט זיי אַרומגערינגלט.

נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט האָט די פּאַרטיזאַנישע אַרטילעריע, דורך אַ שטאַרקן אָנגריף, פאַרנומען דאָס שטעטל צומאַן, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גוט־פאַרפעסטיקטער דייטשישער פּאַנצער־כוח.

מלך באַקאַלטשוק, וועלכער דערציילט אין זיין בוך וועגן דעם דאָזיקן מאַרש און די שלאַכטן, מיט באַזונדערע פּרטים, ווייזט אָן, צווישן אַנדערן, אויף דער „אויפטרייסלונג, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די יידן פון דער איינהייט, ווען זיי זענען אַריין אין שטעטל וולאַדימירעץ און האָבן דאָרט געטראָפן די יידישע הייזער גאַנצע און פאַרשלאָסענע. ווען זיי האָבן זיי געעפנט און אַריין אינעווייניק. האָבן זיי, צו זייער גרויסער שטוינונג, געטראָפן אַלץ אין די הייזער נישט גערירט. דאָס מעבל — אין די צימערן, דאָס קליידונג — אין די שאַפעס, אויך אַלע כלים אין שטוב זענען געווען גאַנץ, אָט אַזוי ווי די באַלעבאַטים האָבן זיי איבערגעלאָזט, ווען מ'האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די הייזער און אַוועקגעפירט אויף זייער לעצטן וועג — צו די גריבער... דאָס איז געווען עפּעס אַ מאָדנע, אומגלויבלעכע דערשיינונג, אויף וועלכער די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך נישט אָנגעטראָפן אין קיין שום אַנדער שטעטל„ אויף דעם גאַנצן לאַנגן וועג, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט” (זייט 274).

אין דער לעצטער סטאַדיע פון פאַרפאָלגן דעם אָפּטרעטנדיקן שונא, האָט זיך ממש אָנגעהויבן אַ וועט־געלויף אין דער ריכטונג פון ראָוונע. די קאָמאַנדשאַפט האָט באַשלאָסן צו העלפן די סאָוויעטישע אַרמיי־טיילן איינצונעמען די שטאָט און באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער דעצידירנדיקער שלאַכט, ביים אַרויסטרייבן דעם שונא. נישט ווייט פון ראָוונע האָט זיך אויף אַ לענג פון צענדליקער קילאָמעטערס געצויגן די פּאַרטיזאַנער־קאָלאָנע. די קאָלאָנע האָט זיך אויף אַזויפיל אויסגעשפּרייט, אַז די קאָמאַנדירן האָבן פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט זייערע איינהייטן. ס'האָט געדראָט אַ געפאַר פון צעברעקלונג פון די כוחות.

די פּאַרטיזאַנער־קאָלאָנע האָט זיך באַגעגנט מיט די סאָוויעטישע פּאַנצער־כוחות, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון ראָוונע.

„די ערשטע איינהייט, וועלכע איז אַריין אין פאַרשטאָט פון ראָוונע — דערציילט מלך באַקאַלטשוק אין זיין בוך — איז געווען די יידישע איינהייט א. נ. פון וואָראָשילאָוו, און האָט אָנגעבונדן אַ שלאַכט מיט אַ דייטשישער אָפּטיילונג אויף איינער פון די ראָוונער גאַסן. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַרויסגעוויזן גבורה און גרויסמוטיקייט ביים פאַרנעמען די שטאָט און האָבן דורך דעם געעפנט אַ וועג צום קאַמף מיט דעם נאַצישן שונא — פאַר דער גאַנצער דיוויזיע”.

דער פערטער פעברואַר 1944, איז געווען דער טאָג פון נצחון. די יידישע פּאַרטיזאַנער, און צווישן זיי — 8 פּינסקער, האָבן מאַרשירט איבער די ראָוונער גאַסן מיטן זיגרייכן סאָוויעטישן מיליטער און מיט דער טריאומפירנדיקער פאַרניזאַנער־דיוויזיע. אָבער — ביי דער גאַנצער פרייד, זענען די יידישע הערצער געווען צעווייטאָקט און צעבראָכן — ביים אָנבליק פון דער אויסגעליידיקטער, חרובער יידישער שטאָט.

פוילישער פּאַרטיזאַנער־איינהייט א. נ. פון קאָסטשיושקאָ, אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם גענעראַל: משה סאַטאַ־נאָווסקי, וועלכער איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פון אַ סאָוויעטישן עראָפּלאַן, מיט אַ פּאַראַשוט, אין דעם ראַיאָן. אָבער בלויז 25 פּערזאָן האָבן זיך פאַרשריבן אין דער איינהייט. די איבע־ריקע זענען געבליבן אויף זייער אָרט אין וואַלד, זיך פאַר־נעמענדיק מיט פּאַשען די סטאַדעס שאָף, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון זייערע דערפער. אין עטלעכע טעג אַרום זענען אָנגעפאַלן אויף זיי די בולבאָווצעס און האָבן פיל פון זיי אויסגעשאָכטן און זייערע פאַרמעגנס צוגערויבט.

די יידישע איינהייט באַקומט מיליטערישע פאַרשטאַר־קונגען

אין יוני 1943 האָט דער דיוויזיע־שטאַב באַקומען אַ באַפעל, צו לאָזן זיך מיט דער דיוויזיע, אונטער דער קאָ־מאַנדשאַפט פונעם גענעראַל בייגאַמאַ, אין די דובניצקער וועלדער אַריין (מאָזירער ראַיאָן), כדי צו ברענגען פון דאָרט מיליטערישע אויסשטאַטונג.

די יידישע איינהייט א. נ. פון וואָראָשילאָוו, איז געבליבן אויפן אָרט, כדי צו האַלטן שמירה אין דעם פּאַרטיזאַנער־ראַיאָן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס די איינהייט איז געבליבן איינע אַליין אין דער געגנט, האָט זי דרייסט, מוטיק און ווירדיק אויסגעהאַלטן אַלע אַטאַקעס פון די פיינט און מיט כוח זיי צוריקגעשטויסן. דווקא אין די דאָזיקע טעג האָבן די יידישע דיווערסיע־גרופּן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט. אויך די אויפקלערונגס־אַרבעט איז אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט געוואָרן, דורך רופן אָפטע פאַרזאַמלונגען און פאַרשפּרייטן פלוג־בלעטלעך אין די דערפער, ווי אויך — דורך איבערגעבן יעדן אינדערפרי די ראַדיאָ־ידיעות פאַר די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

אין יענע טעג איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין וואַלד אַ שפּיטאָל — דורך דעם דאָקטער ערליך און דער קראַנקן־שוועסטער: טאַמאַראַ גראַבאַרט.

אין שייכות מיט דער דערוואַרטונג פונעם צוריקקער פון דער דיוויזיע פון די דובניצקער וועלדער מיטן געווער, וואָס זיי האָבן געזאָלט מיט זיך ברענגען, האָט די יידישע איינהייט באַקומען אַ פּאַראָרדנונג: אויסצובויען אַ בריק איבערן טייך האָרין. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן 150 פּויערים, מיט זייערע פורן צום אַריבערפירן דאָס געווער, וואָס איז אַזוי נויטיק און טייער געווען. דער בריק איז אויפגעבויט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג און אינסטרוקציעס פון שלום גאָ־לעצקי. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע און פאַראַנטוואָרט־לעכע אויפגאַבע, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס דייטשישע מיליטער האָט זיך געפונען דריי קילאָמעטער פונעם אָרט, ווו דער בריק איז געבויט געוואָרן. אָבער — די אויפגאַבע איז דערפאָלגרייך דורכגעפירט געוואָרן. גענעראַל בייגאַמאַ האָט, אין באַגלייטונג פון שטאַב־מיטגלידער, באַזוכט די באַזע פון דער יידישער איינהייט. בעתן באַזוך האָט ער אָפּ־געגעבן אַ באַריכט פון איר טעטיקייט. בייגאַמאַ האָט גע־לויבט און אויסגעדריקט אָנערקענונג די חברים פון דער איינהייט און די אַקטיוויסטע פון זיי האָט ער באַלוינט מיט מעדאַלן און אַנדערע אויסצייכענונגען.

מיטן צוריקקערן זיך פון דער דיוויזיע זענען די קאַמפּן מיט די דייטשן פאַרשטאַרקט געוואָרן. אַ דאַנק אַ זייער געלונגענעם אָנגריף פון דער יידישע פּאַרטיזאַנער־איינהייט אויפן שטעטל האָראָדנויע, זענען די דייטשן געצוווּנגען געווען דאָס דאָזיקע שטעטל צו פאַרלאָזן. די פּאַרטיזאַנער־כוחות איז סוואָביטשעוויטשער ראַיאָן האָבן שוין דאַן געציילט ביי 2000 מאַן; די יידישע איינהייט — 400 פּערזאָן.

פון דובניצק האָט מען געבראַכט מאַשינען צו דרוקן און דרוק־מאַטעריאַלן. דער דיוויזיע־שטאַב האָט באַשלאָסן אויס־צוברייטערן די אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט — אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל אויף להבא געפירט ווערן אין דריי שפּראַכן: אוקראַאיניש, רוסיש און פּויליש. די דאָזיקע אויפ־גאַבע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מלך באַקאַלטשוק און אויף ציליע און לייבל דאָלינקאָ, וועלכע האָבן שוין געהאַט פיל פּראַקטיק און דערגרייכונגען אויף דעם געביט.

אין די האַרבסט־חדשים פון יאָר 1943 האָט די דיוויזיע זיך געלאָזט אין מאַרש — צו די דובניצקער וועלדער. נאָענט פונעם טייך האָרין, נעבן דאָרף ליסינקי, איז פאָרגעקומען אַ שווערע שלאַכט מיט די דייטשן, וועלכע האָט זיך פאַרענ־דיקט מיטן פאַלן זיג פון די פּאַרטיזאַנער. ווען די דיוויזיע איז איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין דעם דאָרף אָזירי, האָבן די פּאַרטיזאַנער דורכגעפירט אַ ריי דיווערסיע־אַקטן אויף דער באַן־ליניע: סאַרנע—ראָקיטנע—אָולבסק. אין די דובניצקער וועלדער איז אויף דער יידישער איינהייט אַרויפגעלייגט געוואָרן די זייער־וויכטיקע אויפגאַבע — צו האַלטן שמירה (וואַך) אויפן פלי־פעלד, וואָס דורך אים האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט מאָסקווע.

מיטן דערנענטערן זיך פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט די דיוויזיע באַקומען אַן אויפגאַבע: אַריינצודרינגען אין הינטערלאַנד פון שונא. ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן וואַנדע־רונגען. מ׳איז צוריק אַריבער דעם האָרין־טייך, אָפּשלאָגנדיק שווערע אַטאַקעס פון די דייטשן. אין יאַנואַר 1944 האָט די דיוויזיע באַקומען אַ באַפעל צו לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון ראָוונע, פאַרצוימען דעם וועג דעם שונא, דערלאַנגען קלעפּ די אָפּטרעטנדיקע דייטשן און באַפרייען דערפער און ישובים. די יידישע איינהייט איז דאַן פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 500 מאַן. צוזאַמען מיט דער דיוויזיע האָט די יידישע איינהייט זיך באַוועגט דורך ראַפּאַלאָווקע אין די וועלדער פון צומאַן.

שאַיע גורוויטש

מיט דער דאָזיקער דיוויזיע האָט אייך דורכגעמאַכט זיין וועג נאָך אַ פּינסקער ייד, מיטן נאָמען: שאַיע גורוויטש. אויבן, אין אַכטן קאַפּיטל, אין דעם אָפּטייל: „דער גורל פון די אַנטלאָפענע אין וואַלד״, האָבן מיר געבראַכט די עדות־דערקלערונגען פון שאַיע גורוויטש, ווו ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט צוזאַמען מיט זיין חבר הערשל באַבראָוו זיך געפונען 4 חדשים אין פאַרפרוירענע זומפּן.

כדי צו מאַסקירן דעם קעלער, האָט די קריסטין צעוואָרפן דעם טייל הויז, וואָס איבערן קעלער און די ברוק־שטיקער און גרוז געלאָזט ליגן פון אויבן.

דער צווייטער טייל פונעם הויז, וואָס איז גאַנץ געבליבן, איז צעטיילט געווען אויף צוויי: אין איין צימער און אַ קיך האָט געוווינט דאַכמאַצקאַ, מיט אירע צוויי טעכטערלעך נינאַ און די דריי־יאָריקע ליאַליע. אין די איבעריקע צוויי צימערן, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, האָבן געוווינט דייטשישע אָפיצירן.

די דאַכמאַצקאַ פלעגט פאַרקויפן פון אונדזערע זאַכן, וואָס זענען איר איבערגעלאָזט געוואָרן צום אָפּהיטן. זי פלעגט זיי אויסבייטן ביי פויערים אויף שפּייז־פּראָדוקטן, און אַזוי אַרום האָט זי אונדז באַזאָרגט מיט קאַרטאָפל, ברויט און אַנדערע זאַכן. אויך וואַסער האָט זי אונדז געבראַכט. אין די יום־טוב־טעג פלעגט זי זיך באַמיען אונדז צוצושטעלן אַ רייכערן „מעניר" פון די שיריים פון קיך אין דעם דייטשישן רעסטאָראַן, ווו זי האָט געאַרבעט.

אַלעק — דער פריינד פון יעלינסקי, איז געווען אַ פאַרבינדונגס־מאַן ביי די פּאַרטיזאַנער, און אין סעפּטעמבער 1943 האָט ער געבראַכט אין אונדזער באַהעלטעניש צוויי רעוואָלווערן, כדי צו דערמעגלעכן די צוויי מענער, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם קעלער, צו פאַרייניקן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער. מאַרעק און סיאָמע האָבן אויך אַרויסגעשלעפּט צוויי גראַנאַטן פון דעם צימער פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן געוווינט אין זעלבן הויז.

אין אַ געוויסן טאָג זענען געקומען צוויי קריסטן — זיי אָוועקצופירן אין וואַלד אַריין. ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַריבערגיין דעם טייך, האָבן די קריסטן באַפוילן די צוויי יידן זיך אויסצוטאָן נאַקעט. מאַרעק און סיאָמע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די צוויי פאַרשוינען ווילן ביי זיי צונעמען די זאַכן און געווער און זיי דערמאָרדן. נאָך אַ שווערן געראַנגל מיט די אויסוואורפן איז די צוויי יידן געלונגען צו אַנטלויפן און צוריקקערן זיך אין קעלער אַריין. מאַרעק איז געווען פאַרוווּנדעט און איך האָב זיך מטפל געווען מיט זיין ווונד, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

אין מאַי 1944 האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, נאָענט פון פּינסק. צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס מ'האָט געפונען ביי די געכאַפּטע, איז אויך געווען מיין אַדרעס, וועלכער איז זיינער צייט איבערגעגעבן געוואָרן אַ פאַרשטייער פון די פּאַרטיזאַנער, מיטן ציל, אַז זיי זאָלן מיך און מיין טעכטערל אַרויספירן אין וואַלד אַריין.

אַ גרופּע דייטשן איז געקומען אין הויז פון פרוי דאַכמאַצקאַ אונדז צו זוכן. איר טאָכטער נינאַ, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אַליין אין שטוב, האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און געזאָגט, אַז ביי זיי געפינען זיך נישט קיין שום יידן, אַז זי האָט פיינט יידן און ווען עס וואָלט צו זיי געקומען אַ ייד, וואָלט זי אים אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן.

די דייטשן האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך אין שטוב. דורך עפּעס אַ נס איז נינאַ איינגעפאַלן אָוועקצולייגן די צויג זייערע, מיט די הינטעלעך, וואָס זי האָט דאַן נישט לאַנג געבוירן, אויף דער טיר פון קעלער, און אַזוי אַרום האָבן די דייטשן אונדזער באַהעלטעניש נישט געפונען, און אַ דאַנק דעם זענען מיר ניצול געוואָרן.

נאָך דעם דאָזיקן פאַל זענען מיר אַלע פיר אַריבער וווינען אינעם חרובן הויז אויפן הויף, ווו מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ פרישע באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך געלערנט צו באַנוצן מיט געווער און באַשלאָסן זיך קעגנצושטעלן מיט די רעוואָלווערן און גראַנאַטן, אין פאַל, אויב די דייטשן וועלן אונדז געפינען.

ווען עטלעכע טעג זענען אַדורך שטיל, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אינעם פריערדיקן קעלער, ווו מיר האָבן זיך געפונען נאָך פיר חדשים.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו פּינסק. די דייטשן האָבן פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט, אונטערגעצונדן אַ סך הייזער און צווישן זיי אויך אונדזער הויז אויף קאַרמעליצקע 30. אונדז איז, ווי עס איז, געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פונעם קעלער פון ברענענדיקן הויז און זיך אויסבאַהאַלטן אין הויף. אין דריי טעג אַרום זענען די סאָוויעטן אַריין אין פּינסק".

תמר (טעמע) קאָברינעטשיק, פון דער היים גאַרבוה, (וווינט היינט אין רמת־גן), גיט איבער אין איר גביית־עדות:

„אין דער נאַכט פון 27־טן אָקטאָבער 1942, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פונעם קנאַל פון אַ שאָס, און ווי נאָך פיל געטאָאיינוווינער בין איך אַרויס אין דרויסן. האַלטנדיק אויף די צערודערטע געלאָפן, אַליין נישט וויסנדיק וווּהין — אַבי צו הענט מיין פיר־יאָריקן זונעלע, בין איך אַ דערשראָקענע און געפינען ערגעץ אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז. פּלוצלונג האָב איך דערהערט דאָס קול פון מיין מאַמע חנה, וועלכע האָט מיר גערופן. ווען כ'בין צוגעקומען צו איר, האָט זי געזאָגט:

— גיי אַראָפּ, מיין טאָכטער, אין קעלער און באַהאַלט זיך מיטן קינד. איך וועל בלייבן אין שטוב און זיין אייער קרבן!... אַלצאיינס בין איך שוין אַלט!...

אַריינקומענדיק אין שטוב, האָבן מיר אָפּגערוקט די שאַפע, וועלכע איז געשטאַנען אויפן טירל פון קעלער, און מיר זענען אַראָפּ אונטן. געפינענדיק זיך אין קעלער, האָבן מיר געהערט, ווי די מאַמע האָט צוריק צוגעריקט די שאַפע אויף איר אָרט און דערמיט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין קעלער.

זיך אַרומקוקנדיק האָב איך באַמערקט, אַז אין קעלער געפינען זיך נאָך יידן, וועלכע האָבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אויף דעם, וואָס ווייטער וועט געשען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר דערהערט די ווילדע געשרייען פון די דייטשן.

— אַלע אַרויס!

מיר האָבן געהערט, ווי איין דייטש איז אַריין אין שטוב און געפרעגט דער מוטער: „ווו זענען אַלע?". זי האָט געענטפערט: „אַלע זענען שוין אַרויס אין דרויסן!.." מיר האָבן געהערט ווי ער האָט באַפוילן: זי זאָל מיטגיין מיט

גרֵאַטעווּעטע און זייערע רעטער

דעם 14־טן יולי 1944 האָבן די סאָוויעטישע אַרמיי־טיילן באַפרייט פּינסק. אין דעם טאָג פון דער באַפרייאונג זענען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן ...17 גראַטעוועטע יידן — דער איבערבלייב פון איינער פון די גרעסטע און שענסטע יידישע קהילות. דאָס זענען געווען שאָטנס פון מענטשן, לעבעדיקע מתים, וואָס זענען אַרויס פון זייערע נאָרעס — אונטער דער ערד, אָדער פון בוידעם־שטיבלעך, ווּ זיי האָבן דורך ניסים ממש אויסגעהאַלטן ביי 650 טעג און נעכט.

דאָס זענען געווען: מלכה שיינבערג־גאָרפינקעל און איר 9 יאָריק טעכטערל סעניע; איר שוואָגער מאַרעק שיינבערג און זיין חבר סיאָמע יעלינסקי. די אַלע פיר האָבן זיך געפונען אין איין באַהעלטעניש.

פיר אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ בוידעם־שטיבל זענען געווען: תמר (טעמע) קאָברינטשוק־גאַרבוז מיט איר זעקס יאָריק זונעלע חיים; איר שוועגערין פּיראַ זילבערמאַן־טאַנצמאַן און איר 16־יאָריקער זון לאָלעק, וועלכער איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז — דריי חדשים נאָך דער באַפרייאונג.

פון אַן אַנדער באַהעלטעניש זענען אַרויס: מיליאַ כהן־ראַטנאָווסקי; איר מוטער — זלאַטע ראָטנאָווסקי; דער בעקער ישראל קופּער, זיין פרוי חוה; טאָכטער — סאָניע און פלימעניצע חיה.

אויסער זיי זענען אויך אַרויס די איינצלנע באַהאַלטענע אין באַזונדערע ערטער: חיה שערמאַן, דוד גלאָב־גלייבמאַן און גוטקע פורמאַן־פעלדמאַן.

זייערע רעטער זענען געווען אַ קריסט אָדער אַ קריסטין פון די חסידי־אומות־העולם, וועלכע האָבן ריזיקירט מיט זייער אייגן לעבן און לעבן פון זייערע משפחות, כדי צו ראַטעווען פון די מערדערישע הענט אַ יידיש לעבן, און די שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייד, איז געווען איינע: טויט־שטראָף.

די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן די דאָזיקע קריסטן צו ריזיקירן מיט זייער לעבן, כדי צו ראַטעווען יידן, זענען געווען פאַרשידענע. ליידער זענען געווען זייער ווייניק קריסטן, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט און ווילן עס צו טאָן. דעריבער זענען טאַקע ליידער אַזוי ווייניק יידן געראַטעוועט געוואָרן סיי אין פּינסק, סיי אין אַנדערע ערטער. און דערפאַר טאַקע האַלטן מיר פאַר אונדזער הייליקן חוב אַרויסצוברענגען די נעמען און ווייזן מער־ווייניקער די געשטאַלטן פון די רעטער, מיט כבוד, דאַנק און אָנערקענונג פאַר זייער הייליקער, טיף־מענטשלעכער און העלדישער טאַט.

צום באַדויערן האָבן מיר נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צונויפצוזאַמלען און ברענגען דאָ דעם פאַרלויף פון די איבערלעבונגען פון די אַלע 17 געראַטעוועטע. אָבער פון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר ברענגען דאָ, קאָן מען פיל לערנען און זיך פאָרשטעלן די איבערלעבונגען פון די אַלע, דורך ניסים לעבנגעבליבענע, יידן פון פּינסק.

מאַניע שיינבערג, פון דער היים י. פינקעל, וואָס ווינט היינט אין תל־אביב, דערציילט פאָלגענדעס:

„צוזאַמען מיט מיין 8־יאָריק טעכטערל, רעניע, האָב איך געווינט אין געטאָ אויף לאַהישענער גאַס, צווישן די גאַסן זאַוואַלנע און באָלאָטנע. נאָענט פון אונדזער וווין־אָרט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַהעלטעניש, צוזאַמען מיט נאָך פיר משפחות. אונדז איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן דאָרט, נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, ביז צוויי וואָכן צייט. אָבער צוליבן מאַנגל אין שפּייז און וואַסער זענען מיר געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די באַהעלטעניש. איינגעהילט אין דיקן, וואַרעמען מאַנטל פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן, ז״ל, בין איך אַרויס מיט מיין טעכטערל פון דער באַהעלטעניש, און דורך הייפן און הינטערגעסלעך האָבן מיר זיך דערלאַנגט אויף קאַרמעליצקע 30, ווּ מיר האָבן געהאַט צוויי הייזער. און אַהין זענען מיר אַריין און דאָרט איבערגענעכטיקט. אַזוי ווי אָבער מיין טעכטערל איז געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט פון די כוחות: זי האָט געוויגן צען קילאָ און האָט אויסגעזען ווי אַ פינף־יאָריק קינד, האָב איך באַגינען באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אונדזער פראָנטאָווער שטוב, ווּ עס האָבן געווינט אונדזערע קריסטלעכע שכנים.

אויף מיין קלאַפּן אין טיר, האָבן די הינט אָנגעהויבן בילן. דורכן פענצטער האָט דאַן אַרויסגעבליקט נינאַ — דאָס 12־יאָריקע טעכטערל פון אונדזער שכנה שוראַ דאָרמאַצקאַ. ווען זי האָט דערזען, ווער עס קלאַפּט, האָט זי געעפנט די טיר.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט אונדז דאָרמאַצקאַ באַגעגנט מיט אַ ברוגז פּנים — האָסט אונדז געבראַכט דעם טויט אין שטוב אַריין?..

— שרעק זיך נישט! — האָב איך איר געענטפערט — מיר ווילן דאָ בלויז איבערזיין דעם טאָג און ווען ס׳וועט טונקל ווערן, וועלן מיר אַוועקגיין. גיב אונדז בלויז אַ שטיקל ברויט און וואַסער. זי האָט אונדז דערלאַנגט ברויט און וואַסער און איז נעלם געוואָרן.

ווען זי האָט זיך אין עטלעכע מינוט אַרום צוריקגעקערט, האָבן מיר זיך פון איר דערוווּסט, אַז אין קעלער פונעם הויז רעק שיינבערג. אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער קאַלאַנע, וואָס איז געפירט געוואָרן צו די גריבער, בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. זי איז אַראָפּ אין קעלער און אים צוגעזאָגט וועגן אונדזער קומען.

איך בין מיט מיין טעכטערל אַראָפּ אין קעלער און מיר זענען שוין דאָרט פאַרבליבן.

נאָך דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, איז געקומען אין דער באַהעלטעניש אַריין מאַרעקס חבר — סיאָמע יעלינסקי, וועלכער ווינט היינט אין דייטשלאַנד. עס האָט אים געבראַכט צו זיך די פרוי דאָכמאַצקאַ, אויף דער ביטע פון סיאָמעס פּוילישן פריינד אַלעק.

פון יאַנואַר 1943, האָבן מיר זיך דאָרט אויסגעבאַהאַלטן זאַלבעפערט.

אונדז אַריינגעבעטן אינעווייניק און פאַרשלאָסן די טיר. ווען ער האָט אין עטלעכע מינוט אַרום זיך באַרואיקט, האָט ער אונדז גענומען אויספרעגן איינצלהייטן: ווו זענען מיר געווען ביז איצט, און וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט? און אַזוי שמועסנדיק האָט ער אונדז דערלאַנגט עסן. ווי הונגעריקע וועלף האָבן מיר זיך געוואָרפן אויפן שפייז און עס איינגעשלונגען.

— און איצט — האָט ער אונדז געזאָגט — גייט אַרויף אויפן בוידעם־שטיבל שלאָפן, אָבער מאָרגן אינדערפרי מוזט איר פאַרלאָזן מיין הויז, ווייל יעדער קריסט, וואָס באַהאַלט ביי זיך אויס אַ יידן, איז אויסגעשטעלט אויף טויט־געפאַר, דורך מוראדיקע יסורים. די לעצטע וואָך — האָט ער דערציילט — איז געכאַפּט געוואָרן אַ קריסט, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך יידן. די דייטשן האָבן אים אַרויסגעפירט אויפן מאַרק־פּלאַץ און לעבעדיקערהייט צעריסן אויף שטיקער.

צומאָרגנס זענען באַלד פון דער פרי געקומען עטלעכע קריסטן וועגן געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, און ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קאָנטאַקטירן זיך מיט אונדז. אַ טאָג שפּעטער איז ער אַוועק צו דער אַרבעט, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פאַרנאַכט, איז ער אַרויף צו אונדז און געמאָלדן, אַז מיר מוזן פאַרלאָזן זיין הויז, ווייל אונדזער געפינען זיך ביי אים שטעלט אין סכנה זיין לעבן.

נישט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן און וווהין צו גיין, האָב איך אים געענטפערט:

— אויב דו צווינגסט אונדז אַוועקצוגיין, וועל איך גיין מעלדן, אַז מיר האָבן זיך ביי דיר אויסגעבאַהאַלטן אין משך פון די לעצטע צוויי וואָכן.

דער מענטש האָט גענומען אומרואיק שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק, רויכערנדיק איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, און באַטראַכט, וואָס ער האָט צו טאָן. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן און אונדז געזאָגט:

— איר וועט פאַרלויפיק פאַרבלייבן דאָ ביי מיר און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אייך אַריבערפירן אין אַ צווייטן אָרט.

די געלעגנהייט איז, קענטיק, נישט געקומען און מיר זענען אַזוי פאַרבליבן אין אונדזער באַהעלטעניש אינעם בוידעם־שטיבל ביי 20 חדשים.

מיין פיר און אַ האַלב־יאָריקער זון, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן דעם הונגער, האָט כסדר געוויינט און דערמיט געשטעלט אין געפאַר אונדזער אַלעמענס לעבן. איך פלעג אים אין אַזעלכע מאָמענטן אָנכאַפּן און פּרווון פאַרשטאָפּן דאָס מויל. נישט איינמאָל האָב איך זיין מויל אַזוי שטאַרק צוגעדריקט מיט מיינע הענט, אַז די נעגל האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין פּנים ביז בלוט. דריי מאָל האָט דער קריסט זיך געוואָרפן אויפן קינד אים צו דערשטיקן, ווען ער האָט געשריען, און איך האָב אים מיט מיינע לעצטע כוחות קוים אַרויסגעראַטעוועט אַ לעבעדיקן פון מעדיאַנאָוויסקיס הענט.

די אַלע איבערלעבונגען האָבן שווער געווירקט אויף אונדזער געמיט. מיר זענען געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. מיין זון האָט דאַן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דעפעקטיוו קינד. אַזאַ איז אויך געווען זיין אויסערלעכער אויסזען. דער קאָפּ — גרויס, דער בויך — געשוואָלן, די פיס — דאַר, ווי שטעקלעך.

ווען די דייטשן האָבן פאַר זייער אָפּטרעטן אונטערגעצונדן אַ סך הייזער אין שטאָט, האָט דאָס פייער באַדראָט אויך דאָס הויז, ווו מיר האָבן זיך באַהאַלטן. צו אונדזער גליק איז דאָס הויז גאַנץ געבליבן.

ווען מיר האָבן אין עטלעכע טעג אַרום באַמערקט דורך די שפּאַלטן פון אונדזער באַהעלטעניש, ווי עס שפּאַנען אין גאַס באַוואָפנטע זעלנער — נישט קיין דייטשן, האָבן מיר נאָך נישט געוואוסט אַראָפּצוגיין, נישט זייענדיק זיכער, צי דאָס זענען סאָוויעטישע זעלנער. אָבער אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מיר סוף־כל־סוף זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויס אין דרויסן. דערזעענדיק נעבן זיך צוויי זעלנער בין איך געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע. אויך זיי זענען מבולבל געוואָרן זעענדיק מיין אויסזען.

— ווער ביסטו? — האָבן זיי איבערראַשטע געפרעגט.

— אַ יידישקע! — איז געווען מיין ענטפער.

— איצטער איז די גאַנצע וועלט פריי פאַר אייך! — האָבן זיי מיט צופרידנקייט געזאָגט.

ענדלעך האָבן מיר ווידער דערזען די שיין פון טאָג, ווי פרייע מענטשן!..."

חיה שערמאַן (תל־אביב) דערציילט:

„מיין פאָטער איז געווען דער לייטער פונעם שניידער־וואַרשטאַט אין געטאָ. דעם 22־טן דעצעמבער 1942 — אַ טאָג פאַר דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ — האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צוריקצונעמען די שטאָפן, וואָס זיי האָבן געגעבן צום אויפנייען, ווי אויך די נישט־פאַרענדיקטע מלבושים זייערע, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז עס דערנענטערט זיך די ליקווידאַציע פון געטאָ.

דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז טונקל געוואָרן, האָט מיך מיין פאָטער אַרויסגעפירט פון געטאָ — אויף אַלברעכטאָווסקע גאַס, ווו עס האָט מיך אָפּגעוואַרט, לויט אַ פריערדיקן הסכם, דער פּאָליאַק בראָניסלאַוו ניימאַטקאַ, וועלכער האָט מיך מיטגענומען צו זיך אַהיים, אויף אוניצקע גאַס.

ניימאַטקאַ איז געקומען קיין פינסק פון אַ דאָרף נעבן ביאַליסטאָק, אין דער צייט פון די סאָוויעטן, כדי צו לערנען אין אַ שול פאַר אויטאָ־מעכאַניקער, און איז שוין פאַרבליבן אין פינסק. ער איז געווען אַ זון פון פויערים, אַ פאַכמאַן אין לאַנדווירטשאַפט, האָבן אים די דייטשן איבערגעגעבן די אָנפירונג און אויפזיכט איבער דריי גערטנער, וועלכע האָבן צוגעשטעלט גרינסן פאַר די באַדערפענישן פון דער אַרמיי. ער איז געווען מיין פאָטערס אַ קליענט, און אויס אַכטונג צו מיין פאָטער, איז ער אַנטקעגנגעקומען זיין בקשה: מיך צו ראַטעווען.

ניימאַטקאַ האָט געוווינט אין הויז פון אַ קריסטלעכער משפחה, ווו אין שכנות האָט זיך געפונען די פאַרלאָזטע שטוב פון דער אומגעבראַכטער משפחה פעלדמאַן, מיט אַ גרויסן

אים. זיי זענען אַרויס און אין שטוב איז געוואָרן טויט־שטיל...

אַזוי זענען מיר געלעגן אין קעלער דריי טעג. אויפן פערטן טאָג האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט, ווי דייטשן דערנעענטערן זיך צו אונדזער באַהעלטעניש. ווען זיי האָבן דערשפּירט, אַז אין קעלער געפינען זיך מענטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפרייסן די ברעטער פון פּאָדלאָגע און איינציקווייז אונדז אַרויסגעשלעפּט פונעם קעלער אין דרויסן אַרויס.

איך מיט מיין זונעלע און פּירא זילבערמאַן און איר זון ליאָלעק האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות אַריינגעשפּאַרט אין אַ שמאָלער עפענונג, אונטער אַן אויוון. די דייטשן האָבן געוואָרנט, אַז זיי וועלן אַריינוואַרפן האַנט־גראַנאַטן אין קעלער, אויב מיר וועלן נישט אַלע אַרויסגיין. איך האָב שושקענדיק געזאָגט צו מיין שוועגערין:

— בעסער צעריסן ווערן פון אַ גראַנאַט, איידער אַריינפאַלן אין זייערע שמוציקע הענט...

און אַזוי זענען מיר פאַרבליבן. די דייטשישע באַנדיטן זענען פאַרשווונדן מיט זייערע קרבנות און רויב.

אין משך פון אַ פּאָר וואָכן זענען מיר געלעגן באַהאַלטן אונטערן אויוון און האָבן זיך געשפּייזט מיט די צעפּוילטע גרינצייג, וואָס האָבן זיך געפונען אין קעלער. צייטנווייז פלעגן מיר ביינאַכט אַרויסגיין זוכן פּיצלעך ברויט און שפּייזאָפּפאַל אַרום שטוב. וואָס מיר פלעגן געפינען, פלעגן מיר אָפּגעבן די קינדער. אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר דערהערט פון אויבן, אין שטוב, דאָס קול פון אַ ייד, וואָס דאַוונט.

— דאָס איז, דוכט זיך, דאָס קול פון דיין פאָטער — האָב איך געזאָגט צו מיין שוועגערין.

זי איז פאָרזיכטיק אַרויף אין שטוב, און דאָס איז טאַקע געווען איר פאָטער: דוד טאַנצמאַן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין משך פון די פּאָר וואָכן האָט ער זיך באַהאַלטן אין שטאַל, צווישן האָלץ און ער האָט זיך געשפּייזט מיט צוקער, וואָס ער האָט געפונען ערגעץ. פון די אַלע צרות און איבערלעבונגען איז ער גייסטיק קראַנק געוואָרן. מיט כוח האָבן מיר אים אַראָפּגעשלעפּט צו אונדז אין קעלער. אָבער צומאָרגנס האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין קעלער. ער איז אַרויף צוריק אין שטוב און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט געשרייען פון איינעם אַ קריסט, וואָס איז אַריין אין שטוב, כדי צורויבן עפּעס פון די געבליבענע זאַכן. דערזעענדיק דעם אַלטן טאַנצמאַן, האָט ער גלייך אים איבערגעבן צו די דייטשן, וועלכע האָבן דעם אַלטן אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן און דערשאָסן.

צומאָרגנס האָבן מיר געהערט, ווי אָרטיקע קריסטן, אונטער דער אויפזיכט פון דייטשן, דרייען זיך אַרום אין שטוב און שלעפּן אַרויס אַלץ, וואָס עס געפינט זיך דאָרט. מיר האָבן געהערט, ווי איינער פון די רויבער האָט געזאָגט צו אַ צווייטן:

— איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די יידן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזויפיל גוטס. לאָמיר מאָרגן ווידער קומען אַהער און אַ זוך טאָן אין קעלער. זיי האָבן דאָרט זיכער באַהאַלטן ווערטפולע זאַכן!...

מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס מאָל וועלן זיי אונדז געפינען און האָבן באַשלאָסן עוקר צו זיין פון דער באַהעלטעניש.

ס'איז מיר איינגעפאַלן פּרוּוון צוגיין צום קריסט מעדיאַנאָווסקי, וועלכער איז געווען מיין אַרבעטס־לייטער אין פאָרט, ווו איך האָב געאַרבעט אין דער צייט פון געטאָ און האָב אים געקענט אַלס אַן אָנשטענדיקן מענטש.

מיט אַ שוואַכער האָפענונג, אַז דער קריסט וועט מסכים זיין אונדז צו באַהאַלטן, זענען מיר אַרויס פון קעלער אין די פריע אָוונט־שעהן. מיר האָבן, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, זיך אָנגעשטויסן אין טויטע קערפּערס און פאַרשידענע חפצים אין גאַס. פּלוצלינג האָבן מיר פון דער נאָענט דערהערט מענטשלעכע שטימען. ס'האָבן געשמועסט צווישן זיך פּאָליאַקן און דייטשן. שטאַרק־דערשראָקענע האָבן מיר זיך גלייך צוריקגעקערט אין קעלער אַריין.

צומאָרגנס אין אָוונט — ס'איז געווען שבת — זענען מיר ווידער אַרויס און געבליבן שטיין, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, נישט וויסנדיק וווּהין זיך צו קערן. מיין פּיריאָריק זונעלע, באַמערקנדיק אונדזער פאַרלוירנקייט, האָט געזאָגט:

— קום, מאַמע, און איך וועל דיר ווייזן, ווי אַזוי אַרויסצוגיין.

ער האָט אונדז צוגעפירט צום געטאָ־פּלויט, ווו אונטערן דראָטענעם צוים איז געווען אַ היפּשע פאַרטיפונג אין דער ערד, וואָס די קינדער האָבן אויסגעגראָבן, בעת זייערע שפּילן אין געטאָ. מיר זענען אַדורכגעקראָכן דורכן דאָזיקן קליינעם גראָבן אונטערן געטאָ־צוים און האָבן זיך געפונען אויפן אַלטן בית־עולם, פונוואַנען מיר זענען אַרויס אויף זאַוואַלנער גאַס.

מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן דעם איינדרוק פון שטאָטאיינוווינער און האָבן גערעדט צווישן זיך פּויליש. מיין זונעלע האָב איך אָנגעזאָגט, נישט אַרויסצולאָזן קיין פּיפּס פון מויל. דער זון פון מיין שוועגערין האָט געטראָגן אין האַנט אַ לעדערנע ביוראָ־טעקע און האָבן געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז מיר קערן זיך צוריק פון ערגעץ אַ רייזע.

אויפן ראָג זאַוואַלנע־האַנטשאַרסקע איז פּלוצלינג אויסגעוואָקסן אַנטקעגן אונדז אַ פּאָליציאַנט. מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו דערשראָקן, אָבער באַלד האָבן מירביידע אָנגעהויבן רעדן הויך אויף פּויליש און דערביי כלומרשט פריילעך געלאַכט, דער פּאָליציאַנט איז פאַרבייגעגאַנגען, נישט לייגנדיק בכלל אויף אונדז קיין אַכט.

גייענדיק האָבן מיר אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז אין פאַל מעדיאַנאָווסקי וועט בעת אונדזער קומען נישט זיין אין שטוב, וועלן מיר זיך פאַרשליסן אין קלאָזעט, וואָס אויפן הויף און וואַרטן ביז ער וועט קומען. אָבער ווען מיר זענען צוגעקומען אויף קראַיעווסקי גאַס, צום צוויי־שטאָקיקן הויז, ווו ער האָט געוווינט, האָבן מיר באַמערקט ליכט אין זיין דירה, אויפן צווייטן שטאָק.

מיר זענען פאָרזיכטיק אַרויף און אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווען מעדיאַנאָווסקי האָט געעפנט די טיר און אונדז דערזען, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק. פונדעסטוועגן האָט ער

דין, זאָפיאַ פיאָדאָרטשענקאָ, אויף מאַרשאַל פאָש־גאַס, ווו איך פלעג אָפּעסן צו זאַט.

איך האָב מיט איר אָפּגערעדט, אַז אין דעציִדירנדיקן מאָמענט, וועל איך, צוזאַמען מיט מיין מוטער, זלאַטע (נפטר געוואָרן אין רמת־גן אין יאָר 1962), קומען און זיך באַהאַלטן ביי איר.

פיר טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, איז צו אונדז געקומען אונדזער פריינדין, די פרוי פון בעקער קופער, און האָט דערציילט וועגן די צוגעגרייטע גריבער אין דאָבראָוואָליע, און וועגן אַ באַהעלטעניש, וואָס זיי האָבן פאַר זיך צוגעגרייט ביי אַ קריסט. יענער האָט אָבער אין לעצטן מאָמענט חרטה געקריגן און איז נישט מסכים זיי צו באַהאַלטן ביי זיך.

מיר האָבן זיך דאַן געווענדעט צו דער פיאָדאָרטשענקאָ, זי זאָל, אויסער מיך און מיין מוטער, מסכים זיין צו באַהאַלטן נאָך פיר פערזאָן פון דער משפחה קופער.

קופער האָט איר געבראַכט שנאַפס און פאַפּיראָסן און זי איז אַנטקעגנגעקומען אונדזער בקשה צו באַהאַלטן ביי זיךביידע משפחות.

דעם קעלער, אונטערן הויז פון דער פיאָדאָרטשענקאָ, האָבן מיר צעטיילט אויף צוויי העלפטן, און אין דעם טונקעלן, אומבאַמערקבאַרן טייל האָבן מיר זיך באַהאַלטן 6 פערזאָן. צוזאַמען מיט דער פיאָדאָרטשענקאָ האָט געוווינט אירס אַ פריינדין — אויך אַן עלטערע פרוי עלזרבעטאַ באַראַנאָווסקאַ. אויך איר האָבן מיר געשאָנקען ווערט־זאַכן און ביידע האָבן גליַיכצייטיק געזאָרגט פאַר אונדזער אויסהאַלטונג. צוויי מאָל אין טאָג פלעגן מיר באַקומען הונגערפּאָרציעס: אַ ביסל זופּ און אַ שטיקל ברויט.

„מיר האָבן געהאַט אַ שווער לעבן — שרייבט פיאָדאָרטשענקאָ אין דער אויבנדערמאָנטער פאַרצייכענונג אין ציַיטונג — איך האָב געקאָכט און געבאַקט ברויט פאַר מיר און פאַר די זעקס מענטשן אין קעלער. אויסער דעם האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט וואַשן וועש פאַר די דייטשן, כדי די שכנים זאָלן זען, אַז איך האַלט זיך אויס פון אַרבעט.

איינמאָל — אַזייגער דריי ביינאַכט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. „דאָס זענען זשאַנדאַרמען!” — האָב איך געזאָגט צו באַראַנאָווסקאַן, און איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט זיך דער ערשטער אַריינגעריסן אין צימער אַ גרויסער וואָלפהינט, און הינטער אים — דייטשן. אָבער דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטס: אין אַ ווינקל פון צימער איז געשטאַנען אַ קויש, ווו עס האָט זיך געפונען אַ קאַץ מיט אירע קעצעלעך, וועלכע זי האָט געבוירן מיט עטלעכע טעג צוריק. די קאַץ — דערזעענדיק דעם הונט, האָט זיך דערשראָקן, אַז ער גייט פאַרצוקן אירע קעצעלעך און זי האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט די נעגל אין די אויגן אַריין. די זשאַנדאַרמען האָבן זיי קוים פאַנאַדערגענומען, און נישט פרעגנדיק און נישט זוכנדיק, צעטומלטע פון דעם וואָס איז געשען, האָבן די דייטשן גענומען זייער פאַרוווּנדעטן הונט און זענען אַוועק”.

די אַלטע באַראַנאָווסקאַ האָט געהאַט אַ זון אַ פּאָליציאַנט און איינמאָל האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר אים וועגן אונדז. צו אונדזער גרויסער פאַרוווּנדערונג, האָט ער אונדז נישט איבערגעגעבן צו די דייטשן. אונדזער לאַגע האָט זיך אַפילו מאַטעריעל פאַרבעסערט, ווייל מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען שטריקעריי־אַרבעט, וועלכע האָט אונדז דערמעגלעכט עפּעס צו פאַרדינען. מיטן דאָזיקן געלט האָבן מיר געצאָלט פאַרן עסן און האָבן אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן מעדיקאַמענטן, אין וועלכע מיר האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט, לעבנדיק אין אַזעלכע שווערע, אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען.

בערך אַ חודש פאַר דער באַפרייאונג האָבן די דייטשן דורכגעפירט אין שטאָט צאָלרייכע און גרינטלעכע רעוויזיעס, זוכנדיק פאַרטיזאַנער. דער פּאָליציאַנט באַראַנאָווסקי האָט אונדז באַציַיטנס געוואָרנט וועגן דעם, אַ דאַנק וואָס מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט בעסער צו פאַרמאַסקירן אונדזער באַהעלטעניש.

נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די צוויי פרויען — אונדזערע רעטערינס. די משפחה קופער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר זאָפיע פיאָדאָרטשענקאָ, און איך, מיט מיין מוטער — פאַר דער פרוי באַראַנאָווסקאַ. מיר האָבן דער אַלטער ביז איר טויט געשיקט פעקלעך און נאָך איר טויט — האָבן מיר באַצאָלט פאַר אַ מצבה, וואָס מ׳האָט געשטעלט אויף איר קבר”.

דוד גלאָב־גלייבמאַן (ניו־יאָרק) שרייבט וועגן דער דאָזיקער תקופה, אַלס דערגענצונג צו זיינע דערקלערונגען, וועלכע מיר האָבן געבראַכט צום סוף פונעם קאַפּיטל אַכט, פאָלגענדעס:

„נאָך דעם, ווי מיר איז געלונגען צו קריגן אַ רעוואָלווער און קוילן, האָב איך זיך דערפילט זיכערער. איך האָב געוווּסט, אַז די דייטשן וועלן טייער באַצאָלן, אויב זיי וועלן מיך כאַפּן, און קיין לעבעדיקער וועל איך צו זיי אין די הענט נישט אַריינפאַלן.

זוכנדיק אַ פּלאַץ, ווו זיך צו באַהאַלטן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אויף וואָדאָטשאָנגאָווע (פריער: וואָדאָפּראָוואָדנע) גאַס וווינען צוויי שוועסטערס, עלטערע קריסטינס — אין די זיבעציקער, וועלכע האָבן געקענט מיך און מיין משפחה, און אין די טעג פון דער ערשטער שחיטה אין אויגוסט 1941, האָבן זיי און זייערע משפחות געהאָלפן זיך צו ראַטעווען עטלעכע יידן. די נעמען פון די צוויי שוועסטערס זענען: אַנטאָנינאַ סקוואַרטשעווסקא און סטאַניסלאַוואַ טשייגולקאַ.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך אָנגעקלאַפּט צו זיי און בין אַריין. שטאַרק־פאַרוווּנדערטע פון מיין אומגעריכטן דערשיינען ביי זיי, האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם גורל פון מיין משפחה און ווי אַזוי איך בין ניצול געוואָרן. זיי האָבן מיר אויסגעדריקט מיטגעפיל צוליבן אומקום פון מיין משפחה. איך האָב זיי געזאָגט, אַז צוליב דער שפּעטער אָוונטשעה וועל איך זיך איצט נישט קאָנען ווייזן אין גאַס, איך בעט דעריבער זיי זאָלן מיר דערלויבן צו איבערנעכטיקן ביי זיי. און טראָץ דעם — האָב איך צוגעגעבן — האָב איך בכלל נישט וווהין צו גיין. איך בעט דעריבער: זיי זאָלן מיך אויס־

גאָרטן דערנעבן. איינע פון די יידישע אַרבעטערינס אינעם דאָזיקן גאָרטן, האָט אין יענעם הויז צוגעגרייט פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. אָבער מ׳האָט זי געכאַפּט און אומגעבראַכט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, איידער זי האָט באַוויזן זיך צו באַהאַלטן. אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש האָט מיך געבראַכט ניימאָטקאָ, ווו ער האָט מיך אָפּגעהיט פון אַ „בייזוויג״ און האָט אויך טאָג־טעגלעך געזאָרגט פאַר מיין באַשפייזונג.

אין חודש פעברואַר 1943, איז געקומען צו מיר אין דער באַהעלטעניש מיין ברודער, וועלכער האָט ערב דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, געפּרוווט זיך צו דערלאַנגען צו די פאַרטיזאַנער. ער איז אָבער אויפן וועג צום וואַלד באַרויבט געוואָרן, ס׳האָט אים געדראָט די געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דייטשן און ער איז געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן אין שטאָט אַריין.

אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אַלטער באָד און שפּעטער איז ער געקומען צו מיר.

צוויי חדשים זענען מיר געווען צוזאַמען. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס הויז איז באַשטימט געוואָרן אויף פאַנאַנדערצונעמען. מיין ברודער האָט דאַן געמאַכט אַ צווייטן פּרווו זיך צו דערלאַנגען צו די פאַרטיזאַנער. ער איז אַוועק און פון דאַן אָן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן זיינע שפּורן... ביז היינט ווייס איך נישט, וואָס מיט אים איז געשען. איך בין דאַן אַריבער ווּינען אינעם צימער פון ניימאָטקאָ, אָן קיין שום באַהעלטעניש.

צוזאַמען מיט בראָנקען האָב איך זיך געגרייט אַוועקצוגיין צו די פאַרטיזאַנער. כ׳האָב זיך אָבער פריער געוואָלט באַזאָרגן מיט אַן אַרישן דאָקומענט. איך האָב אַרויסגענומען מיין בילד פון מיין שול־צייגעניש פון דער פּוילישער גימנאַזיע, ווו כ׳האָב געהאַט געלערנט. בראָנעק האָט גענומען דאָס בילדל און געגעבן אַ פאָטאָגראַף זי צו פאַרגרעסערן און מאַכן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאָטאָגראַפיע פאַר אַ קען־קאַרטע. צו מיין שלימזל איז דער פאָטאָגראַף געווען אַן אַבסאָלווענט פון דער זעלבער גימנאַזיע, ווו איך האָב געלערנט, ער האָט מיך דערקענט, און וועגן דעם געמאָלדן אין דער פּאָליציי. אָבער מ׳האָט אונדז באַוויזן צו וואָרענען וועגן דעם און איך האָב אַ וואָך צייט זיך באַהאַלטן ביי אַ פּוילישער פרוי.

אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט ניימאָטקאָ געדונגען אַ נייע דירה, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, און איך בין אַריבער אַהין. נישט האָבנדיק מיט וואָס אויסצופילן מיין צייט, און נישט אַרויסגייענדיק אין ערגעץ, האָב איך גאַנצע טעג געלייענט ביכער. די ביכער האָט בראָנעק געליען ביי אַ פּוילישן אַדוואָקאַט און יענער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי ניימאָטקאָ באַווייזט אַזוי גיך איבערצולייענען אַזויפיל ביכער...

סוף־כל־סוף האָב איך ביי איינעם אַ פּויער געקריגן אַ קען־קאַרטע, אויפן נאָמען פון העלענאַ שאָלאָמיצקא (די פריערישע דאָקומענטן זענען געווען אָן פאָטאָגראַפיעס).

אין אַ געוויסן טאָג איז אין מיין צימער אַריינגעקומען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט קענטיק, זיך אָנגעשטויסן אַז איך בין אַ יידישע. ער האָט מיך אָבער נישט איבערגעגעבן צו די דייטשן. פאַרקערט — ער האָט אונדז געראָטן אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אויפן דאָרף, ווו איך וועל זיין זיכערער. מיר זענען דאַן אַריבער צו יענעם פּויער, פון וועלכן איך האָב באַקומען דעם דאָקומענט.

דער דאָזיקער פּויער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער. ער איז אָבער נישט מסכים געווען אַוועקצופירן אונדז צו זיי, אין וואַלד אַריין. ער האָט אַפילו געפּרוווט צונעמען ביי מיר צוריק דעם דאָקומענט. דאָס איז אים אָבער נישט געלונגען.

אין מאַי 1944 האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין און געדונגען אַ דירה ווייט פון צענטער שטאָט, אין אַ זייטיק געסל — אויף יענער זייט באַן־רעלסן (הינטערן „פּערעיעזד״). אָבער אויך אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון שטאָט איז געווען געפערלעך צו ווּינען. מיר זענען דעריבער אין צוויי וואָכן אַרום אַריבערגעפאָרן אין דאָרף לובעל, ווו עס האָט געווּינט אַ קריסטלעכע פרוי, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט ביי אונדז אַלס דינסט. ביי דער דאָזיקער פרוי האָבן מיר זיך שוין געפונען ביזן טאָג פון דער באַפרייאונג.

מיליא כהן, פון דער היים ראַטנאָווסקי (וווינט היינט אין רמת־גן), איז די איינציקע פון די לעבנגעבליבענע אין פינסק, וואָס די געשיכטע פון איר רעטונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך איר רעטערין — זאָפיאַ פּיאָדאָרטשענקאָ, אין דער יידישער צייטונג „פאָלקס־שטימע״, וואָס דערשיינט אין וואַרשע.

אין דער צייטונג פון 15־טן אַפּריל 1948 אין דער רובריק „די וועלכע האָבן געראַטעוועט״, דערציילט פּיאָדאָרטשענקאָ די איבערלעבונגען פון מיליאַן און איר מוטער, וועלכע ווערן פולשטענדיק באַשטעטיקט דורך מיליאַן גופא, וועלכע דערציילט:

„זאָפיאַ פּיאָדאָרטשענקאָ, זייער אַ פרומע קריסטין, פון אַ יאָר 70, האָט ביז דער מלחמה, פיל יאָרן געאַרבעט ביי אונדז אַלס דינסט. מיטן אַריינגיין פון די דייטשן זענען מיר געווען געצוווּנגען איבערצורייסן יעדע פאַרבינדונג מיט איר, צוליבן שטרענגן באַפעל פון די דייטשן, אַז יידן טאָרן נישט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט קריסטן.

זאָפיאַ פּיאָדאָרטשענקאָ איז אַריבער אַרבעטן אין אַ בעקעריי, און טראָץ דעם שטרענגן פאַרבאָט פלעגט זי זיך מיט אונדז קאָנטאַקטירן. פאַר געלט אָדער ווערט־זאַכן, וואָס מיר האָבן איר געגעבן, פלעגט זי איינקויפן פאַר אונדז שפּייזפּראָדוקטן, וואָס עס איז שווער געווען צו קריגן, און זי פלעגט אונדז העלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט.

אין דעם טאָג, ווען מיר זענען אַריבער אין געטאָ, האָט זי אָנגעטאָן אויף אירע קליידער אַ געלע לאַטע און האָט אונדז געהאָלפן אַריבערפירן אַהין אונדזערע זאַכן, ווי אויך אַ ביסל האָלץ צום הייצן.

ווען מיר זענען געווען אין געטאָ, פלעג איך געפינענדיק זיך אין שטאָט, צוליב מיין אַרבעט אין „פּאָליקליניק״, ביי דער געלעגנהייט זיך אַריינכאַפּן אין הויז פון אונדזער פריינ־

האָט אויך צווויסן געגעבן וועגן קאָליען, וועלכער איז צרמאָרגנס געקומען און אים צוגענומען.

קאָליאַ האָט מיר איבערגעגעבן אַ באַפעל פונעם קאָמאַנדיר צו בלייבן אין פּינסק, ביז אַ פרישער מעלדונג און האָט מיר איבערגעגעבן די אויפגאַבע: איבערצוזעצן געבעלטעס אַרטיקלען פון דער דייטשישער פּרעסע אין רוסיש און צרשטעלן ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון דייטשישן מיליטער.

ביי דער מיטהילף פון מיין באַלעבאָסטע, האָב איך געקריגן צייטונגען און ידיעות וועגן די דייטשישע מיליטעראיינהייטן אין שטאָט, די צוגעגרייטע מאַטעריאַלן פלעג איך איבערשיקן מיט אַ שליח פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכער פלעגט קומען עס אָפּצונעמען.

אין יענער צייט איז איינגעשטאַנען אין פּינסק אַ פּאָלק פון וולאַסאָווצעס. צוליב דער געפאַר, איך זאָל נישט דורך עמעצן דערקענט ווערן, האָט מען מיך אויף גיך אַריבערגעשיקט אין דאָרף. אין דריי וואָכן אַרום בין איך צוריקגעקערט געוואָרן אין שטאָט אַריין.

אין יוני 1944, אַ חודש פאַר דער באַפרייאונג, בין איך ניצול געוואָרן אין דער לעצטער רגע ממש, אַריינשפּרינגענדיק אין קעלער, ווען פיר דייטשן זענען געקומען זיך צו באַזעצן אין דער דירה. זיי האָבן זיך דאָרט געפונען בלויז דריי טעג און אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָב איך זיך נישט אַרויסגערירט פון מיין באַהעלטעניש אין קעלער.

אין יענעם חודש האָבן די דייטשן דורכגעפירט רעוויזיעס אין אַלע הייזער — זוכנדיק פּאַרטיזאַנער. ווען אַ גרופּע דייטשן איז אַריין אינעם דערבייאיקן הויז, האָבן זיי דאָרט געכאַפּט צוויי פּויערים פון דער סביבה, וועלכע זענען געקומען אין שטאָט אַריין פאַרקויפן שפּייז־פּראָדוקטן. די דייטשן האָבן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דעם דאָזיקן הויז. מ׳האָט יעדע רגע געקאָנט קומען אין שטוב אויף אַ רעוויזיע. מיין באַלעבאָסטע האָט זיך באַאומרואיקט און האָט געפּרוווט משפּיע זיין אויף מיר — איך זאָל אַרויסגיין פונעם קעלער און זיך באַהאַלטן אין שטאַל, וואָס אויפן הויף. איך בין אָבער נישט מסכים געווען דערויף, ווייל אין דרויסן האָבן זיך אַרומגעדרייט דייטשן מיט זייערע הינט. און אַזוי אַרום בין איך נאָך אַמאָל ניצול געוואָרן.

קורץ נאָך דעם איז געקומען דער טאָג פון דער באַפרייאונג. איך בין שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין פּוילן און די קריסטלעכע משפּחה, ביי וועלכער איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, איז אויך מיטגעפאָרן. איך האָב זיך דאָרט געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָך געקאָנט. ווען די באַלעבאָסטע, מיין רעטערין, איז געשטאָרבן, האָב איך אָפּגעבנדיק איר דעם לעצטן כבוד, מיטן געפיל פון דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג — געשטעלט אַ מצבה אויף איר קבר״.

יהושע ניידיטש (תל־אביב) דערציילט וועגן אַן אַרבעטער פון אַ דיקטן־פאַבריק אין פּינסק, מיטן נאָמען וואָלאָדיע דאָרגאָטש.

אין די ערשטע וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע פון פּינסקער געטאָ, האָט וואָלאָדיע געהאָלפן מיר, צוזאַמען מיט נאָך 8 יידן זיך צו באַהאַלטן. ביי אַ צוויי וואָכן צייט האָט ער אונדז אויסגעבאַהאַלטן און באַזאָרגט מיט שפּייז־פּראָדוקטן. נאָכדעם איז אונדזער באַהעלטעניש אַנטדעקט געוואָרן און מיר זענען געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון דאָרט און זוכן פאַר זיך אַ נייעם מקום־מקלט.

אויף וואָדאָטשאַנגאָווער גאַס האָט געוווינט אַ מיידל דוניא, וועלכע איז געווען באַפריינדעט מיט איינעם פון אונדזערע בחורים. זי איז מסכים געווען אונדז צו באַהאַלטן בלויז מיטן באַדינג, אַז נאָך דער מלחמה זאָל ער חתונה האָבן מיט איר. ביים דאָזיקן מיידל האָבן מיר זיך באַהאַלטן ביז מאַי 1943, און דאַן זענען מיר אַוועק אין וואַלד אַריין און זיך פאַראייניקט מיט די פּאַרטיזאַנער.

ציליע דאָלינקאָ (פּתח־תקוה, ישׂראל) גיט איבער אין איר עדות־דערקלערונג:

„פאַרנאַכט דעם 22־טן דעצעמבער 1942, האָב איך און מיין מאַן באַשלאָסן זיך נישט צוריקצוקערן אין געטאָ אַריין פון אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ — אין דער דרוקעריי אויף קאָשטיושקאָ גאַס (געוועזענע גלויבערמאַן־דרוקעריי).

אונטער דער אויפזיכט פונעם פּוילישן באַגלייטער, האָבן מיר טאָג־טעגלעך מאַרשירט, אויסגעשטעלט שורותווייז. איינדערפרי פון געטאָ צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט, נאָכן ענדיקן די אַרבעט, צוריק אין געטאָ אַריין. דאָסמאָל האָבן מיר אַזוי מאַרשירנדיק פון דער דרוקעריי אין געטאָ אַריין, אין אַ גינסטיקן מאָמענט זיך אַרויסגערוקט פון די שורות און נעלם געוואָרן.

מיט דער הסכמה פונעם פּוילישן פעלדשער מאַרטיניאַק, האָבן מיר די נאַכט זיך באַהאַלטן אין זיין שפּייכלער אויפן הויף — אויפן ראָג פון די גאַסן בערנאַרדינסקע־אַלברעכטאָווסקע. פאַרטאָג האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ און דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ אין יענער נאַכט.

נישט האָבנדיק קיין פון פאָרויס־צוגעגרייטע באַהעלטעניש, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אינעם בוידעמשטיבל אין בנין פון דער דרוקעריי, ווי עס האָט זיך פריער געפונען אַ סטאָלער־וואַרשטאַט. אָבער איצט איז דאָרט אַלץ געווען צעשטערט. די פענצטער־שויבן צעבראָכן און דער שניי און פראָסט האָבן פראַנק און פריי אַריינגעדרינגען אינעווייניק.

אינעם פאַרטער פונעם זעלבן הויז האָט זיך געפונען דאָס דייטשישע געריכט. אַלס רוימערין און שומרטע האָט דאָרט געאַרבעט אַ קריסטלעכע פרוי, מיטן נאָמען באַרבאַראַ מאַכייסקאַ. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה זענען מיר אַראָפּ צו איר און פאַרטרויט דעם סוד, אַז מיר באַהאַלטן זיך דאָרט אויבן און אויף דעם אופן האָבן מיר איבערגעענטפערט אונדזערע לעבנס אין אירע הענט.

די פשוטע, פּרימיטיווע און זייער־פרומע עלטערע קריסטלעכע פרוי האָט אויף אונדז רחמנות געקריגן און דערלויבט אונדז צו פאַרבלייבן אין דער באַהעלטעניש.

גאַנצע זעקס וואָכן האָט זי פשוט געטיילט זיך מיט אונדז מיט איר ביסן ברויט, וואָס איז דעמאָלט געווען ממש אַן אוצר.

באַהאַלטן ביי זיך און איך וועל זיי דערפאַר באַצאָלן מיט די פאַרשידענע חפצים און קליידונג, וואָס איך האָב באַהאַלטן און דאָס וועט קלעקן אויף באַשפּייזונג — סיי פאַר מיר, סיי פאַר זיי. נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרזיכערט, אַז קיינער האָט מיך נישט באַמערקט אַריינגייענדיק צו זיי, זענען זיי מסכים געווען איך זאָל נעכטיקן אין זייער הויז.

אַ סך ווערט־זאַכן האָב איך געהאַט געגעבן אויף צו באַהאַלטן דעם קריסט קאָזאַקיעוויטש, וועלכער איז פריער געווען אַ באַאַמטער אין שטאָט־ראַט, און אין דער צייט פון די דייטשן איז ער געווען דירעקטאָר פון דער לעדער־פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט.

צומאָרגנס בין איך אַוועק צו קאָזאַקיעוויטשן, וועלכער האָט צום גליק געווינט נאָענט פון דעם אָרט, ווו איך האָב זיך געפונען. ער איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט מיך דערזען און האָט מיר געזאָגט, אַז די דייטשן זוכן מיך אַרום, נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט.

זיין שוואָגער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז מיט מיין קומען צו זיי, קאָן איך ברענגען אויף זייער משפחה אַן אומגליק, און ער האָט מיך אויפגעפאָדערט תיכף צו פאַרלאָזן דאָס הויז. דאַן האָב איך אַרויסגעצויגן מיין רעוואָלווער און זיי געזאָגט, אַז איך בין דאָ נישט אַליין און עס וועט פאַר זיי געזונטער זיין, אַז זיי וועלן מיר אָפּגעבן מיינע זאַכן. איך האָב דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז איך וויל מיינע זאַכן אָפּנעמען צו ביסלעך און נישט מיט איין מאָל. איך האָב דערביי געהאַט אַ מיין, אַז אויב איך וועל ביי זיי צונעמען אַלץ מיט איין מאָל, קאָנען זיי מיך איבערגעבן צו די דייטשן, ווען זיי וועלן זען, אַז זיי קאָנען פון מיר מער קיין נוצן נישט האָבן.

מיין דראָונג און דערקלערונג האָבן געווירקט, און איך האָב דאַן באַקומען אַ טייל פון מיינע זאַכן.

צומאָרגנס איז איינע פון די שוועסטערס, ביי וועלכע איך האָב זיך געפונען, געגאַנגען און אויסגעביטן אַ טייל פון מיינע געבראַכטע זאַכן אויף שפּייז־אַרטיקלען. אַפילו אַ שטיקל פוטער האָט זי געבראַכט, וואָס איז דאַן געווען אַ יקר־המציאות. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז אויב זיי וועלן מיך באַהאַלטן ביי זיך, נעם איך אויף מיין חשבון זייער גאַנצע אויסהאַלטונג. זיי האָבן איינגעשטימט.

איך האָב געמאַכט פאַר זיך אַ צייטווייליקע באַהעלטעניש הינטערן קליידער־שאַנק, און שפּעטער בין איך אַראָפּ אין קעלער. פון פאַניר־פּלאַטן האָב איך געמאַכט אַ טאָפּל־וואַנט, ווו איך האָב זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין פאַל פון אַ רעוויזיע, אָדער אַן אַנדער געפאַר. פון צייט צו צייט פלעג איך אַריינגיין צו קאָזאַקיעוויטשן און נעמען אַ טייל פון מיינע חפצים.

אין איינער אַ נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך האָב זיך שנעל אַראָפּגעכאַפּט אין קעלער. נאָך דעם, ווי דער מענטש איז אַוועק, איז איינע פון די שוועסטערס אַראָפּ צו מיר אין קעלער און האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז געווען איר פלימעניק, קאָליאַ פּאָליכאָוויטש, וועלכער ווערט געזוכט דורך די דייטשן. ער איז פון דאַנען אַוועק אינעם דאָרף אָכאָווע, ווו ער האָט זיך צו באַגעגענען מיט פּאַרטיזאַנער. זייער מעגלעך, האָט זי צוגעגעבן, אַז ער וועט דאָ אין גיכן ווידער זיין. איך האָב איר געבעטן זי זאָל מיך צונויפפירן מיט אים, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט.

און ווירקלעך — ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געקומען. איך האָב גערעדט מיט אים און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערוויסן זיך ביי די פּאַרטיזאַנער, צי זיי וועלן מסכים זיין אַריינצונעמען אין זייערע רייען אַ ייד. ער האָט מיר צוגעזאָגט אין גיכן צו ברענגען פון זיי אַ תשובה.

ווען ער איז נאָך אַמאָל געקומען, האָט ער מיר געבראַכט אַ פּאָזיטיוון ענטפער. ער האָט מיך אָנגעטאָן אין פּויערישע קליידער און מיט זיין וואָגן זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין.

צוויי טעג האָב איך אין דאָרף געוואַרט ביי זיין פעטער, ביז עס זענען אָנגעקומען פּאַרטיזאַנער און האָבן מיך מיטגענומען צו זייער קאָמאַנדיר, ווו איך בין גרינטלעך אויסגעפאָרשט געוואָרן, און ערשט נאָך דעם, ווי עס איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז איינער פון די קאָמיסאַרן, וועלכן איך האָב דערמאָנט אַלס איינעם פון מיינע באַקאַנטע, געפינט זיך אין דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, האָט זיך געשטאַרקט זייער צוטרוי צו מיר און דער קאָמאַנדיר האָט מיר געזאָגט:

— דיין באַהערשן די דייטשישע שפּראַך און דאָס, וואָס דו ביזט אַ פּינסקער תושב, איז זייער וויכטיק פאַר אונדז און דו וועסט אונדז קאָנען ברענגען נוצן!

איך בין איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג.

די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען: גיין אין פּינסק, כדי דאָרט אָנצולאָדן פאַר זיי אַ ראַדיאָ־אַקומוליאַטאָר.

איך האָב געפּרוווט זיך אַרויסדרייען דערפון — דערקלערנדיק, אַז צופיל מענטשן קענען מיך אין פּינסק און דאָס קאָן שטעלן אין סכנה דאָס אויספירן מיין אויפגאַבע. אָבער זיי האָבן נישט אָנגענומען מיינע מאָטיוון און זענען באַשטאַנען אויף זייערס.

צוזאַמען מיט קאָליאַן און נאָך אַ קריסט זענען מיר אַרויסגעפאָרן מיט אַ פּויערישן וואָגן. דער אַקומוליאַטאָר איז דאָרט געלעגן באַהאַלטן אין אַ קויש.

מיר זענען צוגעקומען צום הויז פון די צוויי אַלטע שוועסטערס און זיי געבראַכט פלייש און אַנדערע שפּייזן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך פאַרבונדן מיט אַ מענטש פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, צו וועמען דער קאָמאַנדיר האָט מיך געשיקט. דאָס איז געווען אַ פאַבריקס־אַרבעטער, וועלכער האָט געזאָלט דעם אַקומוליאַטאָר אָנפילן אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

— דאָס וועל איך קאָנען טאָן בלויז ביינאַכט — האָט ער מיר דערקלערט — און דערפאַר וועט עס דויערן בערך אַ וואָך צייט!

איך האָב אים נישט געזאָגט דאָס אָרט, ווו איך געפין זיך. אין אַ וואָך אַרום האָב איך געשיקט צו אים קאָליעס מוטער, וועלכע האָט מיר געבראַכט דעם אָנגעפילטן אַקומוליאַטאָר. זי

יצחק אייזנברג / עירנו לאחר השואה

(מתוך דברים באסיפת אזכרה ב־1960)

לאחר 16 שנה של פרידה אני נמצא שוב ברכבת, המובילה אותי מוולדיווסטוק לפינסק. ככל שאני מתקרב לעיר מולדתי, מגביר לבי את פעימותיו. מרגיש אני, כי עוד ויתפקע מרוב התרגשות. כזאת היא, כנראה, הרגשתו של אדם, החוזר הביתה לעיר מולדתו אחרי שנים של גיהינום, יסורים וכאבים.

הביתה? — אבל בבית זה לא מצאתי זכר ממשפחתי, — לא אח ואחות, לא אשה וילדים, לא חברים ולא ידידים. כולם הושמדו באכזריות איומה על־ידי רוצחים גרמניים, פולניים ורוסיים גם יחד.

סיפר לי בעל המסעדה הפולני פטרינייץ׳ הרבה פרטים, איך נהרגו יהודי פינסק וידי מי עשו את המלאכה הנוראה. לדבריו, נטלו תושבי העיר והסביבה חלק ניכר בהשמדת קדושי פינסק.

הוא הזכיר את ד״ר דילבסקי, אשר רב חלקו באירגון השמדת האינטליגנציה היהודית בפינסק. הוא הועמד פעמיים לדין על ידי הפולנים, אך יצא זכאי. חומר מאשים נוסף עליו הבאתי אתי מפינסק לפולין, אך גם זה לא נתן תוצאות. הפולנים הבטיחו להעמידו בשלישית לדין, אך הוא הספיק לברוח מפולין.

באתי לפינסק בליל שבת. יצאתי מתחנת הרכבת החדשה, אשר בנו הרוסים במקום התחנה הישנה, שנשרפה בימי המלחמה. שכרתי מכונית־טכסי ונסעתי למלון היחיד שבעיר, המלון הממשלתי, אשר נמצא במקום „הוטל איירופייסקי״ של טורקוב. על־אף השעה המאוחרת נכנסתי בשיחה עם הפקיד־התורן במלון. שאלתי היחידה היתה: — הישנם יהודים בפינסק? הוא ענה, כי למרות זה שהוא גר בעיר זה כמה שנים, אין הוא יודע, אם ישנם יהודים בעיר.

למחרת, בשבת בבוקר, יצאתי לסייר בעיר. התחלתי בסביבות הבית שלנו, ברחוב לאהישינר, אחרי הדואר הישן. עצרתי אנשים אחדים לשאול על יהודים בעיר, אך לא העליתי דבר. רק זקן אחד מסר לי כתובת של סנדלריה בפינת הרחובות פרץ (באלאָטנע) ולאהישינר, בה עובדים שלושה יהודים. כיוונתי צעדי לשם.

רחוב קוסציושקי לא נפגע כמעט. חסרים בו בתים ספורים. בית שמיד, בן שלוש הקומות, עומד והוא שייך כיום לחיל־התעופה הרוסי, וכן גם בית נַיימן. הבתים של האחים קולודני, שני בנייני הגימנסיות, אשר באחת מהם בית־ספר תיכון ובשני — מכון למורים, וכן הכנסיה הקתולית שברחוב זה — כולם שלמים כשהיו.

מכיכר ה־3 במאי נעלמו ואינם ה„מונסטיר״ (המנזר) והכותל, אשר לידו נהרגו 37 קדושי פינסק ב־1919. הרוסים הרסו אותם לפני 3 שנים. נשארו רק הביתנים, בהם גרו הכמרים הצעירים, ובהם כיום מחנה צבאי.

אין זכר לבית־הכנסת הגדול. עוד הרוסים החלו להרוס אותו והגרמנים סיימו את המלאכה הנאה. במקום בית הכנסת נמצא מגרש לספורט של אגודת „ספרטק״. ב„שול־הויף״ נשמר בית הכנסת של החייטים, וכן ה„קלויז״ ובו עתה מועדון לספורט. גם בית הכנסת של חסידי סטולין קיים. סיפרו לי, כי בשנת 1946 מסרו בית־כנסת זה לעדה היהודית, אבל בגלל המס הגדול, שהוטל על העדה תמורתו, הוכרחו למסרו בחזרה לממשלה. בית הכנסת של חסידי קרלין קיים אף הוא ומשמש כבית־מגורים. גם בית הרבי ר׳ מלך׳קה בסביבה ההיא קיים.

כל יתר בתי־הכנסת בקארלינער שול־הויף נהרסו. אין זכר לבית־הכנסת ברחוב זבלנה, על יד בית־הקברות הישן, ואף לא לבתי הכנסת ברחובות פרץ ויסלדובסקה (ר׳ זרח׳ס). ברחוב הונצ׳רסקה משמש בית הכנסת לבית מגורים.

מפי שלושת הסנדלרים, יהודים בגיל 40—60, נודע לי, כי בעיר חיות כ־30 משפחות יהודיות, ומיעוטן הוא מתושבי פינסק הוותיקים. ביניהם: חיים קרולינסקי — צלם, אשר עבד לפני המלחמה אצל וויינטרויב וגר אז ברחוב הונצ׳רסקי.

שרדו עוד כמה משפחות. הגברים היו בימי המלחמה בצבא הרוסי או נמנו עם הפרטיזנים. אחדים מהם ביקשו עתה רשיון לצאת לפולין, אך נענו בשלילה.

על־יד טחנת הקמח של ברזר, שנשארה שלמה, נמצא מנין לתפילה. מצאתי שם דירה של חדר ומטבח. במטבח התפללו כמה נשים זקנות, ובחדר כ־15 גברים. איש מהם אינו מתושבי פינסק לשעבר. הם באו מרוסיה יחד עם בניהם או עם בנותיהם הקומוניסטים, שנשלחו לעבוד בפינסק, מתפל־לים לפעמים גם בימי החול, אם עולה בידם לאסוף מניין. יש להם ספר תורה אחד. החזן הוא גם השוחט. אגב, בנותיו של זה נשואות לגויים.

הייתי בפינסק גם ב„ימים נוראים״. אז התפללו בבית גדול יותר. ל„כל נדרי״ התאספו שם כמה מניינים של יהודים — גברים ונשים.

רוב המשפחות היהודיות בפינסק הן מעורבות. הגברים נשאו על־פי רוב נשים נוצריות. שמעתי, כי אין שלום־בית במשפחות אלו.

הרבה רחובות בעיר אין להכיר. חסרים בהם הרבה בתים. בתים חדשים נבנו, אך מעט באופן יחסי. ומרבית הבתים חסרים ברחובות, בהם היה הגיטו (פרץ, חלק מלא־הישינר, פולנוצנה, ברנרדינסקה, ליסטובסקה). לעומת זה נוספו בעיר הרבה גינות. נזדעזעתי בראותי, כי בית־הקברות הישן שברחוב זבלנה הפך לפארק. פארק שני גדול ניטע בריבוע הסגור ברחובות הונצ׳רסקה—זבלנה—טראוגוטה—פרץ. בכל האיזור הזה עומדים רק הבתים של ד״ר קובלסקי ושל עורך־הדין בושקין.

אין זכר לבניין הגימנסיה „תרבות״ ולבית הקרן הקיימת שלידו. בית סניף „תרבות״ ברחוב בריסקר עומד, ואילו בתי התלמוד־תורה שבפינסק וקארלין אינם. בסימטה שמאחורי

און כדי מיר זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן אויבן, פלעגט זי אונדז נאַכט נאָך נאַכט אַראָפּפירן אונטן אין די וואַרעמע זאַלן פון געריכט־הויז, ווו מיר פלעגן נעכטיקן. אַהין פלעגן זי אונדז אויך אַריינברענגען וואַרעמען זופּ, וואָס זיין געשמאַקער טעם ליגט נאָך אונדז ביז היינט אין מויל.

זי פלעגט אונדז פאַרשליסן פון דרויסן אינעם געריכטס־בנין און פלעגט מיטנעמען די שליסלען מיט זיך אין איר דירה אַריין. אַזוי פלעגן מיר שלאָפן אין דער וואַרעם און פאַרהעלטנישמעסיק זיכער ביז פאַרטאָג. איר זון און טאָכטער האָבן נישט געוווּסט וועגן אונדזער געפינען זיך דאָרטן, ווייל זי איז נישט געווען זיכער, צי זי קאָן זיך סומך זיין אויף זיי.

אין 6 וואָכן אַרום, אין פעברואַר, ווען דער פינאַ־טייך איז שוין געווען גוט פאַרפרוירן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן געהאָפט צו טרעפן אין די וועלדער, הינטער די טייכן פאַרטיזאַנער און זיך אָנשליסן צו זיי.

ערשט ביים געזעגענען זיך האָט אונדז פרוי מאַכייסקאַ געפרעגט אונדזערע נעמען. זי האָט אונדז געבראַכט אַ לעבל ברויט און געגעבן דעם אַדרעס פון איר נייער דירה, זאָגנדיק: „אויב אייך וועט זיין שלעכט, קאָנט איר צוריקקומען צו מיר!‟

ס'איז געווען אָונט־צייט. זי האָט אונדז באַגלייט ביזן טייך און אָבסערווירט פון וווייטנס, צי קיינער גייט אונדז נישט נאָך.

נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אַלס פאַרטיזאַנער אין חרוב־געוואָרענעם פינסק. מיר האָבן אויפגעזוכט אונדזער רעטערין, דער פרוי מאַכייסקאַ, און אונדזער אַלעמענס פרייד האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט.

אין טאָג פון דער באַפרייאונג, נאָך פיר יאָר און צען טעג פון דער בלוטיקער נאַצי־הערשאַפט אין פינסק, זענען געשטאַנען די 17 געראַטעוועטע, פאַריתומטע יידן ביים ריזיקן ברודער־קבר פון די צענדליקער טויזנטער אומגעבראַכטע יידן פון די קהילות פון פינסק און קאַרלין... די מיט בלוט־דורכגעזאַפטע ערד האָט געברענט זייערע טריט און דער ווינט האָט געוואָיעט אין זייערע אויערן: אַנטלויפט פון דעם וויסטן שחיטה־טאָל!

לייב מארגנטוי / גערעדט האט דער טויט אויף דער דייטשישער שפראך...

(פראַגמענט פון אַ פאָעמע)

אַ יאָר איז געקומען, אַ יאָר איז אַוועק.
פון איין יאָר ביז צוואַנציק נישט גרויס איז דער וועג.
און ווידער שוין פיבערן הערצער אין שרעק,
און ווידער זיך האָבן סירענעס צעקלאָגט...

— — — — — — — — — — —

אין חיה'שע געגל, אין שטאָלענע ציין
פאַרקוועטשט האָבן פינצטערע רוצחים מיין היים.
ווי הונדערטער שטעט איז מיין יידישע שטאָט
געוואָרן פאַרשפּאַרט הינטער שטעכיקן דראָט...
אַ קאָפּ אויף קאָפּ — אין דריי געסלעך פאַרשפּאַרט.
דער טויט האָט אַליין שטרענג די געטאָ באַוואַכט.
מיט שטאָלענע רערן די געטאָ געהיט —
נישט ראַטעווען זאָל זיך קיין איינציקער ייד...
געשפאַנט האָט דער טויט און האָט שיכור געלאַכט.
גערעדט האָט דער טויט אויף דער דייטשישער שפּראַך...
געהיט — אַז דער מענטש דאָרט מקנא זאָל זיין
דעם טויטן, וואָס פילט שוין נישט מערער קיין פּיין.
אַז צאַנקען אַ קינד זאָל אויף מאַמעשע הענט,
אַז צאַנקען אַ פאָלק זאָל אין פינצטערע ווענט...
דאָך האָט מען געלעבט און באַהאַלטן געגרייט
אַ כוח — זיך קעגנצושטעלן דעם טויט.
פאַר ס'איז זיי דער טויט גיך פאַרלאָפן דעם וועג —
אַ זעץ געטאָן האָט ער מיט אייזערנע העק
אין שטיבלעך פון געטאָ, אין טויער און טיר
אין איינער אַ האַרבסטיקער נאַכט זייגער פיר,
און ס'האָבן די מענטשן אין וואַכזאַמען שלאָף
דערהערט און באַנומען דעם אָנזאָג פון סוף...
געדרייט האָט אַ שאַרפער, אַ פראָסטיקער ווינט.
געבילט האָבן דייטשן, געבילט האָבן הינט —
געגנישטערט, געזוכט, ווו אַ ייד איז פאַרשטעקט,
געבראָכן מיט אייזערנע לאָמען און העק.
פאַרטויבט איז געווען פון יללות די גאַס...
אַ ברעג פונעם הימל געווען איז שוין בלאַס.

אַנטפּלעקט האָט פרימאָרגן דאָס גרויליקע בילד:
אין בלוט ליגן מענטשלעכע גופים פאַרקילט,
פון נאָרעס האַלב־נאַקעטע פרויען מען שלעפּט,
און עופהלעך מיט שטיינער צעזעצט מען די קעפּ,
און טאַטעס, און מאַמעס, און קינדער — צעשיידט —
מ'פירט אויף מאַשינעס באַזונדער — צום טויט...

— — — — — — — — — — — — —

דאָס וועלדל זאָפאַליע, נישט ווייט פון דער שטאָט —
דאָרט ווייסן די ביימער אַ יעטווערן סוד
פון יידישע מיידלעך, פול יידישן חן,
וואָס פלעגן מיט יינגלעך פאַרליבטע דאָרט גיין,
און מאָלן מ'פלעגט זיך דאָס קומענדע גליק,
ס'געדענקען די ביימער אַ יעטוועדן בליק...

דער האַרבסטיקער ווינט טראָגט די בלעטלעך פון וואַלד,
אין גריבער אַ בלאַט נאָך אַ בלעטעלע פאַלט...

צוויי טעג האָבן וועלדער די שאָסן געהערט...
דערנאָך האָט אַ טאַנק אויסגעגליכן די ערד,
דערנאָך האָט די ערד איינגעגליווערט דער פראָסט.

דער פרילינג באַדעקט האָט די קברים מיט גראָז...

לייב מארגנטוי / זאלן דורות געדענקען!

(פאָעמע)

א

כ׳בין צוריק אַהיים געפאָרן,
פעלדער — גרין, ווי ניי־געבאָרן,
טייכן — פול איבער די ברעגן,
זענען מיר אַרויס אַנטקעגן.
ס׳האָבן וועלדער, וואָס דערנעבן,
ברייט מיר שלום אָפּגעגעבן
און די שוועלבעלעך, מיט פרייד
האָבן מיך אַהיים באַגלייט.

כ׳בין צוריק אַהיים געפאָרן,
שיינט אַ זון אין הימל קלאָרן.
כ׳עפן ברייט די פייכטע וויעס:
ס׳אַראַ שיינקייט, ס׳אַראַ חיות! —
נאָך דעם פינצטערן געוויטער
אויף מיין היים־ערד קום איך ווידער,
אויסדערציילן מיינע ווייען,
מיט די טייערסטע זיך פרייען.

כ׳גיי פון באַן אַראָפּ אין פיבער,
איך דערזע באַקאַנטע שטיבער.
איך דערזע — פאַרקוילטע דעכער...
שוואַרצע קוימענס... ווענט מיט לעכער...
ס׳יאָגט אַ גרויל פון אַלע זייטן...
כ׳פיל מיין פנים נעמט זיך בייטן.

מיינע טריט אין שטילקייט קלאַפּן.
כ׳לויף, ווי עמעצן פאַרכאַפּן,
כ׳איל, ווי עפּעס נישט פאַרזאַמען,
און דאָס האַרץ מיינס האַמערט, האַמערט...

אָט איז שוין מיין טאַטנס געסל.
שטייט די שטוב זיך, ווי געוועזן
און די שוועלן און די טירן
אין דער זעלבער ווינונג פירן.
באַלד אַ טיר וועט זיך צעפּראַלן,
אויפן האַלדז מע וועט מיר פאַלן.

כ׳מעסט אַ צימער נאָך אַ צימער
און עס ברעכן זיך די קני מיר.
קיינער קומט מיר נישט אַנטקעגן,
און די ווענט די הוילע פרעגן:
ועמען וויל איך דאָ געפינען?
בין איך נישט געווירט פון זינען?...

פייגל זינגען,ביימער גרינען.
איך מיין היים קאָן נישט געפינען...
אָבער העלפן קאָן מיר קיינער.
כ׳דריי זיך אום אַ זכר איינער
פון אַ גאַנצער שטאָט מיט יידן,
וואָס דער נאַצי האָט פאַרשניטן.

שטייט אַ שטאָט האַלב וויסט און חרוב,
נישט קיין גואל, נישט קיין קרוב,
נישט קיין חבר, נישט קיין פריינט.
און אַ בלויער הימל שיינט
איבער הפקרדיקע שטיבער.
ס׳ליגט אַ שטאָט אין צוואַנציק גריבער...
ס׳ליגט אַ שטאָט... און ביימער רוישן
איבער קדושים — פערציק טויזנט...

ב

כ׳בין צוריק אַהיים געקומען.
פאַר די אויגן שטייען זומערס.
זומערס בונטע, זומערס רייכע,
שפע פול, ווי פולע טייכן.
שעפ דאָס גליק פון פולע הויפנס!
קינדער שטיפן אין די הייפן.
מיידלעך שטראַלן ביי די שוועלן,
און די מאַמעס גליקלעך קוועלן.
אין די הייזער ניי־מאַשינען
שטעפן, רוישן, ווי די בינען.
ס׳הילכן האַמערס ביי די שמידן.
שוסטער — האָרעפּאַשנע יידן —
זינגען, אַז די גאַס צעלייגט זיך.

שטייען זומערס פאַר די אויגן.
דאַמפּערס רוישן, ס׳פייפן באַנען,
אין די זאַמדן סקריפּען רעדער.
פרוכטן טרייסלט מען אין סעדער.
פול מיט זון־רויזן דער גאָרטן.
באַלעבאָסטעס פרעגלען פאַנען
מיט פאָווידלעס אַלע סאָרטן.
ווײנשל שטעלט מען, ווײן פון עפּל,
זאָל מען ווינטער נאָר דערלעבן!
און מען ווינטשט זיך און מען פרייט זיך.
און אויף קימפעטן מען גרייט זיך.

בית הקברות הישן עוד נמצאים הבתים בהם היו „החדרים" של גיטלמן, בקליר, בוימן ואחרים.

התיאטרון של הולצמן קיים, שיפצו אותו קצת, וכן עומד על תילו הקולנוע של בויארסקי — „קזינו". אפילו הגן שלידו נשמר.

בתי החרושת של לוריא והלפרן שלמים ועובדים בהם מהמנסרות המרובות — נשארה רק אחת. בהורודישץ נשאר שלם בית החרושת לדיקטים של קונדה—פלדמן.

את חוף הנהר שיפרו, והביצות אשר מעבר השני יובשו במידה ניכרת.

„לישטשער וואלד" (החורשה בקרלין) קיים, אבל בערב אין מבקרים בו מחשש סכנה.

בלכתך בעיר הנך פוגש רק פרצופים חדשים ובלתי מוכרים. אין זכר לאנשי פינסק שבעבר.

גם למתינו היקרים התנכלו. נעלמו כמעט כל המצבות בבתי הקברות בפינסק ובקארלין. אין שום ציון לקברות ההמוניים של יהודי פינסק מימי ההשמדה הנאצית. רק בדוב־רובוליה, שם נטבחו האלפים האחרונים של יהודי פינסק, אשר היו בגיטו, אפשר עוד להבחין גם כיום בורות עמוקים ותילי עפר כעדות אלמת להשמדה ההמונית, אך אין כל סימן או מצבה לזכור קדושינו היקרים במקום הזה.



אושום

ג.

דאָ אין שטאָט בין איך געבאָרן,
דאָ געשטאַנען איז מיין וויגל.
דאָ אַ שפּליטער פון אַ ניגון
לעבט מיר אויף די קינדער־יאָרן...
דאָ געלעבט אויך מיינע זיידעס.
פאַר די אויגן דורות שטייען.
דאָ פאַרזוכט די ערשטע פריידן
און די ערשטע ליבע־ווייען...

אין דער שטאָט מיינער דער בעסטער,
נישט קיין ברודער, נישט קיין שוועסטער...
נישט אַ בליק, וואָס זאָל דערפרישן,
נישט אַ האַנט, וואָס זאָל פאַרווישן
מיינע גליענדיקע טרערן.
נישט אַן אויער — זאָל מיך הערן,
נישט אַ מויל זאָל עפּעס זאָגן...
בלויז די ווענט, די שטיינער קלאָגן,
אַלע ריידן זיי אינאײנעם:
האָסט מער קיינעם, קיינעם, קיינעם...

און עס פירט דער גרויסער וויי מיר
הינטער שטאָט, צו יענעביימער
פונעם וואַלד, וואָס הייסט: זאַפּאָליע.
כ׳זע שוין קלאָר: ס׳איז נישט קיין חלום...
ביי די קברים כ׳שטיי געבויגן.
וויי דעם טאָג, און וויי די אויגן!...

שאַ און שטיל, די ערד איז הייליק!
יעדעס זאַמדל האָט זיין חלק
בלוט אין זיך אַריינגענומען.
— טייערע, צו אייך געקומען
איז אַ לעבעדיקער ברודער!

— — — — — — — — —

אַלע חושים מיינע הערן,
ס׳בלוט דאָס אומשולדיקע זידן.
ס׳בלוט פון פערציק טויזנט יידן,
וואָס אַנטשוויגן וויל נישט ווערן...
כ׳זע עס נעמט די ערד זיך רירן,
גלייך ווי דעמאָלט, נאָך דער שחיטה.

קאַלטע פינגער מיך באַרירן.
שאָטנס רינגלען מיך אַרומעט.
— פריינט, געבענטשט זאָל זיין דיין קומען!
און זיי רעדן און זיי זאָגן:
— טייערער, מען דאַרף נישט קלאָגן!
זאָל מיט אונדז זיין פול דיין וועזן.
זע, נישט ווערן זאָל פאַרגעסן
אונדזער אומגליקליכער נאָמען...
זאָל מען שטרענג אַ חשבון מאָנען!
נישט פאַרגעבן און נישט שענקען!
זאָלן דורות דאָס געדענקען!...

זאָל פאַרזייט ווערן דער זאמען
פון אַ ניי און ליכטיק לעבן!
אונדזער וואָרט וואָס נישט דערזאָגט איז,
אונדזער טאָג, וואָס נישט געטאָגט האָט.
אונדזער בענקען, אונדזער שטרעבן,
אונדזער דראַנג און אונדזער ווילן,
אַלע צילן און געפילן,
אָפּגעהאַקט אין מיטן בליען,
זאָלסטו אויפלעבן אַצינדער.
גיב עס איבער דיינע קינדער,
זאָלסט דעם פאָדעם ווייטער ציען
און אַ טרייסט וועסטו געפינען!

און דערזען כ׳האָב אַ באַגינען
איבער מיך זיך יונגע צעהעלן.
כ׳האָב דערהערט, ווי טייכלעך קוועלן
און דערזען ווי פייגל טראָגן
שנאָבלען שטרוי פאַר נייע נעסטן.
כ׳האָב דערזען ווי מענטשן מעסטן
קלעצער פאַר אַ נייעם בנין,
זעגן רוישן, האַמער שלאָגן
און די בויערס מוטיק זינגען...

און אַ שבועה כ׳האָב געגעבן,
ביי דער נייער שיין פון לעבן:
ערד און הימל וועלן זען:
אייער ווילן וועט געשען!

ד״ר חיים וייצמן

ימי נעורים בפינסק

פינסק היהודית היתה מחולקת לשתי קהילות: פינסק גופה וקארלין. לכל אחת בתי כנסת שלה, רבנים, בתי־חולים ובתי־לימוד. קארלין, מקום מגורי, נחשבה, כדרך שאומרים, „העלי שבמכתשת״. שם גדלתי מנערותי עד ראשית גברותי, שם קשרתי את קשרי החברתיים והרוחניים הראשונים, ושם הוכנסתי לתוך התנועה הציונית. פינסק טבעה איפוא את שני הפנים אשר לחיי; היא נתנה לי את הנטיה הראשונה למדע והקנתה לי את נסיונותי הראשונים בציונות.

שני שטחי חיי אלה נבדלים לחלוטין. הציונות לא נסבלה מעולם במשטר הצארי כתנועה מדינית. והעבודה הציונית המעשית, שהיתה פרימיטיבית למדי באותם ימים, התנהלה במסווה של צדקה. בשנת 1884, כשנה לפני בואי לפינסק, נתכנסה אסיפת קאטוביץ המפורסמת של חובבי ציון — הכינוס הראשון מסוג זה. מן הבחינה ההיסטורית מציינת אסיפה זו את תחילת הציונות בעלת ההכרה והמאורגנת, והיא באה סמוך לפרוץ תקופת הרדיפות. פינסק נעשתה אחד ממרכזי „חיבת ציון״. רבי דויד פרידמאן — שנודע, לפי הנהוג אצל היהודים, בשם המוקטן ר׳ דוידל, וגם ר׳ דויד׳ל קארלינר, על שם קהילתו — היה חבר הנשיאות באסיפת קאטוביץ, ועל כן נקרא ראש התנועה בפינסק. ר׳ דוד׳ל זה היה טיפוס מצוין, שמיזג בקרבו את המסורת הנעלה של יראת שמים ולמדנות עם חוש לגבי רוח הזמן. הוא היה אדם זעיר, מיובש ומקומט כלולב, בעל פנים משונים ונפלאים, היה צם בשני וחמישי ונחשב אפילו בין יראי השמים כמדקדק עד לאין שיעור במצווה קלה כבחמורה. היה לו בית כנסת קטן מחובר לביתו ולשם הייתי בא להתפלל. גיסו של ר׳ דויד׳ל היה ר׳ יחיאל פינס (השם יש לו שייכות לפינה ולפינסק), אחד מראשוני המתישבים בארץ־ישראל שעלה ממקומותינו; הוא הקדים, אם איני טועה, את קבוצת ביל״ו, שעלו מרוסיה כמתיישבים מודרניים על הקרקע בשנת 1882. כמה ענפים ממשפחה זו התיישבו גם באמריקה ועשרות צאצאיהם מפוזרים ברחבי ארצות־הברית. השם קיבל צורה אמריקנית — פיינס.


לפי שיעור גודלה נתנה קהילת פינסק מספר רב של עסקנים וחלוצים לתנועה הציונית. היה שם יהודה (לייב) ברגר, שנשא אשה ממשפחה פינסקאית, משכיל מפואר ובעל כשרון אמיתי של מנהיג. היה שם אהרן אייזנברג, שעלה לארץ־ישראל בעודי בפינסק. עלייתו היתה מאורע כביר ופינסק ערכה לו פרידה רבת רושם. ברגש של יראת רוממות התאספנו באותו ערב לראות במו עינינו אדם ההולך באמת לארץ־ישראל. הוא הבטיח לכתוב לנו על מראה הארץ; אחר כך חיכינו בצמא לכל פיסת חדשות על מעשיו וקורותיו שם. אייזנברג התיישב ברחובות ונעשה שם אחד האיכרים המועילים והמצ־ליחים ותרם הרבה לפיתוח הסביבה. כעבור ארבעים שנה קניתי את החלקה, שעליה הוקם ביתנו ברחובות, מידי אחד מבניו של אייזנברג. גיאורג האלפרן, שהיה לאחר שנים רבות מנהל אפ״ק, בא גם הוא מפינסק, וכן יצחק נידיץ׳, אחד



ח. וייצמן (יושב משמאל) בין חבריו בגימנסיה

ממייסדי קרן־היסוד בשנת 1920, מכשיר חשוב בבנין ארץ־ישראל. השרתוקים אף הם מפינסק באו; משה שרתוק, מצעירי המשפחה, שנתחנך בארץ־ישראל, הוא אישיות ראשית במחלקה המדינית של הסוכנות היהודית. בימי נערותי בפינסק היה שם צבי מאסליאנסקי, המטיף הלאומי הגדול, מורה בבית־ספר עברי. הוא היה אחד המגידים האהובים על העם והשפעתו היתה רבה עליו. הוא נשתקע אחר־כך באמריקה והיה מפורסם בין המוני העם המדברים יידיש, כשם שהיה מפורסם לפנים ברוסיה. הוא מת לפני כמה שנים, בן שמונים היה במותו, אחד משרידי הזוהר הראשונים של הציונות. שמות אלה אולי ידועים רק לציונים; אבל אלה הם שמות של אנשים, שחזו את חזון הגאולה לפני חמישים שנה, שהפכו את החלום למציאות ממשית, ושזרעו, על אף דברי הלעג והביטול לאין סוף מצד אנשי המעשה, את זרעי ההישגים החשובים, המהווים את ישוב ארץ־ישראל כיום הזה.

אל לנו לחשוב על הציונות של אותם הימים, זמן רב לפני בואו של תיאודור הרצל, במושגים של התנועה החדשה. פעולה מאורגנת, לפי מושגי זמננו, לא היתה קיימת כלל. עוד



חנה יפה / אמו של ח. וייצמן מספרת

אנו יושבות על המרפסת בבית הדר־קומתי בחיפה. הבית הוא מתנת חיים וייצמן לאמו, והריהוט הוא מעין תערובת של אתמול והיום, ממוטלה עד חיפה.

„הנה הכסא", אומרת היא, „עליו ישב שלום־עליכם בסעודת־צהרים אצלי בפינסק. היה זה בהושענה רבא. המאכלים מצאו חן בעיניו, בעיקר הקרעפלאך. אדם טוב, אדם חכם היה. עוד שמור אצלי המכתב שכתב אלי אחרי מות בעלי".

„...הנה, על ספה זו ישבו הילדים ודיברו על עולם ומלואו. אחד טען: ארץ־ישראל, השני צעק: „בונד", השלישי: „מהפכה", הרביעי „דמוקרטיה". אחד קילל את הצאר, השני ברך את הרצל".

„...החל מן העריסה היה לחיים גורל מיוחד במשפחה. לכאורה בית לא אמיד עם הרבה ילדים, בלי אפשרות לעודד יכולת וכשרונות של ילדים, בלי אפשרות להתמסר במיוחד לילד אחד. בכל זאת כשעוקבים אחרי חיי חיים, רואים שמימי ילדותו היה צפוי לו גורל מיוחד".

„קראנו לו בבית ,שלימזלניק'. תמיד היתה חולצתו מלוכלכת בשיירי דייסה של גריסי־פנינה. אבל במשפחה טענו כי חיים הוא אוצר. בשעת ה,ברית' כיסתה הסבתא את פניו מחשש ,עין־הרע'. היא גם העמידה את עריסתו על־יד מיטתה ותמיד ישנה על ידו. היתה חוזרת ואומרת: חיים הוא מלאך ולא ילד".

אמו של וייצמן ממשיכה: „חיים נשא חן בעיקר בעיני אבי, שהיה אומר תמיד: אינך יודעת, רחל, איזה אוצר יש לך. וכשחיים הגיע לגיל שלוש, לקח אותו אליו ופינק אותו מאוד. כל מה שביקש — קיבל. היו מוכנים לרתום את הסוסים ולנסוע להביא צעצוע מסויים בשבילו. היו מרתיחים חלב והיו נותנים לו את ה„קרומים". בימי החורף הקימו הרי־שלג כדי שיוכל להחליק עליהם וליהנות. במראהו החיצוני דומה היה ליתר הילדים: רזה, פנים ארוכות ועינים חדות. בילדותו כבר הציג דרישות מיוחדות. הוא אהב כותנות־משי ו,מתחת לאדמה' השיגו לו אותן".

הסבא התייחס אליו כאל בן־יחיד. מילדותו היה חיים אורח בבית.

הרבי הראשון שלו היה „בערעלע הלבנבן" („בערעלע דער ווייסינקער"), שהובא מפינסק לילדי וייצמן. אחר כך מסרו סבא לר' אברהם יצחק השחור. ב„חדר" היה תלמיד מצויין. הוא היה אז אדוק מאוד. כשסיים את התנ"ך, התחיל סבא מיכל לשכנע את ההורים, שאין לחיים מקום במוטלה. „הוא גדל כעילוי, ומוכרחים לשלוח אותו להמשיך בלימודים". בגיל 9 החליטו לשלחו לגימנסיה בפינסק, למרות שהמרחק ממוטלה לפינסק הוא רק 6 מיל, נראה היה לנו מרחק זה כעצום. האם בכתה בחשאי, אבל היא ידעה שיהודים מביאים קרבנות כדי שילדיהם יוכלו ללמוד תורה. הבכור, פייוול, שהיה כבר בר־מצוה, ליווה אותו לפינסק. מטענו היה: כר, עוגיות, כריכים ולבנים חמים.

שני הילדים גרו תקופה מסויימת, אצל משפחת פוליאק.



חיים למד בגימנסיה והמשיך גם בלימוד תלמוד אצל ר' שמואלקה ווילקומירער. האב היה מבקר אצל הילדים לעתים קרובות, וראה שאינם שבעים־רצון בנכר. אז הוא שלח אליהם את אחותו ברכה האלמנה והיא היתה ל„בעלת הבית" של הילדים.

סמוך לגיל הבר־מצוה למד חיים יומם ולילה, הירווה צמאונו בספרות אירופה ובספרות יהודית. הדי תנועת „חיבת ציון" הגיעו כבר אליו. לא פעם אסף את תלמידי הגימנסיה וניהל אתם ויכוחים על הציונות.

הוא גם אהב את השפה הרוסית ושנים רבות עוד התכתב עם מורו הראשון ברוסית שלמה סוקולובסקי. בשנים אלו כתב מכתבים רציניים מאוד, למורים — ברוסית, לאביו — בעברית, ולאמא — ביידיש.

חיים היה הגימנזיסט הראשון ממוטלה בפינסק. לא רק מיריו העריכוהו, אלא גם זרים. פינסק כבר הבחינה אז בנער ממוטלה, שדיבר רוסית ועברית כ„אינטליגנט", ואבא ואמא במוטלה היו מקבלים תכופות ד"ש שחיים הוא עילוי. אמא היתה שולחת חבילות עם דברי מאפה, ומפעם לפעם גם כותונת משי.

חגיגת הבר־מצוה שלו היתה בפינסק וערכנו אותה בצניעות. אמא ואבא באו ממוטלה והביאו עוגות עם משקה, אספו את המורים וכמה בעלי־בתים וערכו „סעודה". כיבוד לא חסר לנו, ב"ה. חיים'ל קרן ופיו הפיק מרגליות. הרבי,

לא חלמו אז על אירגון הנוער. היו אסיפות מקריות של אנשים בשנות העמידה, והצעירים באו שמה בהתגנב לשבת באחת הפינות. במקרים רחוקים, כשנשלח איזה חוזר, הורשה לנו לכתוב את הכתובות על המעטפות. אמצעינו הכספיים היו פרימיטיביים עד לגיחוך; עסקנו ברובלים ובקופיקות. אחד ממקורות הכנסתנו העיקריים היה איסוף המעות בחג הפורים. נרשמו נערים להפצת עלונים וחוזרים מבית לבית, ורוב בעלי הבתים תרמו תרומות צנועות. ולא כולם, בשום פנים לא כולם. לא הגבירים, כגון משפחת לוריא, אדירי התעשיה עם סניפים בוארשה, ליבאו ודאנציג, שהיו בעלי בית החרושת לגפרורים בפינסק. כבר אז, בראשית ימי התנועה, נתגלו פילוגי המעמדות בציונות, ופילוגים אלה לא פסקו עד הזמן הזה. אילי הכסף היהודים היו, מלבד מעטים יוצאים מן הכלל, אנטי־ציונים מובהקים. תומכינו היו בני המעמד הבינוני והעניים. אופוזיציה — בצורת תנועת פועלים — עדיין לא היתה קיימת אז, הואיל וה„בונד״, — הסתדרות הפועלים היהודית המהפכנית, לא נוסדה אלא בשנת 1897 — שנת הקונגרס הציוני הראשון.

מובן, שלקחתי חלק פעיל באיסוף מעות זה. כי בשל עמדתי כ„מורה״ בבית משפחה מיוחסת נפלו בחלקי לא רק בית פטרוני, אלא גם בתי כל הקרובים, גיסים וחתנים וכלות. פורים היה חל תמיד באמצע עונת הפשרת השלגים, ושעות על שעות הייתי מבוסס ברפשה של פינסק מקצה העיר עד קצה. זכורני, שאמי היתה נוהגת מטעמי חיסכון לעשות את בגדי העליונים ארוכים ממידתי, כדי להניח מקום לגידול, ובדרך הילוכי הייתי תכופות נכשל בשולי הבגד ולפעמים נפלתי מלוא קומתי לתוך שלולית קרה כקרח שברחוב. עבדתי עד שעה מאוחרת בלילה, אבל היה לי תמיד הסיפוק הגדול, שאספתי יותר מכל אחד. אלו היו שנות לימודי במקצוע, שעסקתי בו (באמת־מידה גדולה הרבה יותר) שנים רבות בחיי הבאים. פעולה אחרת, שמשכה את לבי — היה לה אך קשר בלתי ישיר לציונות — היתה עשיית הנפשות לחדר המשופר בצורה מודרנית — „החדר המתוקן״ — שנוצר באותן השנים ביהדות רוסיה. היה צורך רב בתיקון החינוך, לא רק מבחינת השיטה הפדגוגית וסדר הלימודים, אלא גם מבחינת הגישה כולה לחינוך היסודי של הילדים הצעירים. ותמוה הדבר, שדוקא היהודים, הנותנים ערך רב כל כך לחינוך בניהם, לא נתנו דעתם על דרגת החינוך הראשונה של ילדיהם. כל לא־יוצלח בקהל נחשב ראוי ללמד את התינוקות את ראשית הקריאה, והשם „מלמד״ היה שם נרדף לשלומיאל. אפשר שהיה להם לאבות היהודים חוש, שאמר להם, כי ילדיהם יתפסו איך שהוא את ראשית חכמת הקריאה וכתיבה. ואמנם משער אני, שהם תפסו, אבל במחיר יקר של אושר הילדות ותוך סכנה של מאיסה בתורת ישראל. „החדר המתוקן״ שאף להכניס ללימודים הראשונים יסוד של הומאניזם מתוך שימת הדגש על העברית כשפה חיה, על הצדדים החילוניים במסורת ועל נושאים מחיי העולם הזה, שהיו חרם בעיני הדור הישן.

(מתוך הספר „מסה ומעש״)

מכתבי חיים ווייצמן אל ליאו מוצקין

10.9.1895, פינסק

מוצקין היקר,

...פרט לבני משפחתי וכמה חברים הבאים הנה לחופש אין לי קשרים עם איש. אעפ״י שאני מכיר כתשע עשיריות מבני העיר. ישנו כאן גדוד שלם של חובבי ציון. החשובים ביניהם הנם ה״ה ברגר, שטריק וגילר. ללא משוא פנים אגיד, שהם האנשים ההגונים והמשכילים היחידים בעיר המדמנה שלנו. הם שקועים כולם בתנועת חובבי ציון. ברגר מסור לרעיון רובו ככולו ומנצל כל אפשרות להחדרת הרעיון אל לב העם. אמצעיו הם טהורים ביותר, אך כאיש מעשה הוא סובל לא אחת מן הסרקזם הטפשי מצד החמורים המתקדמים שלנו באפודות החדישות. הודות לשלושה אלה וכן למספר סטודנטים הצלחנו לייסד חוג לספרות אליו הצטרפו הטובים שבבני פינסק. חוג זה הוא לאומי לפי טיבו, אעפ״י שהחברים חסרים הבנה מלאה במהות הלאומית. בחוג זה התחלתי מדבר על תפוצת ספרי פרץ בין ההמונים, אך הרעיון נתקבל בהסתייגות. בפינסק כמעט ואין ספרים. ההמון אינו קורא ואין לו כל ענין רוחני.

בין היתר עלי לציין, כי רוב חברי חובבי ציון מתרכזים באיסוף כספים למען הועד האודיסאי ופחות בהרמת ההכרה העצמית של ההמונים. לא הבחנתי בכל זרמים בקרב היהודים. בכל מקום מורגש מצב רוח עמום. מחכים לנסים וצופים לעתיד מתוך ערפל.

29.11.1895, פינסק

...סיפרתי לך על ה„חדר המתוקן״. יכולני להודיעך, כי הענין מתקדם יפה וכן התלמידים. מספר התלמידים יגיע ל־40 עד סוף הקיץ. לחדר אופי של בית־ספר יהודי לדוגמא. כעת אנו עסוקים באירגון הרצאות עממיות בהיסטוריה היהודית. הגע בנפשך שנקבל לרשותנו את בית־הכנסת.

11.1.1896, פינסק

...החברה היהודית כאן נתונה בצל מצב של צפיה. משהו מרחף באויר ומחכים לשינויים לטובה. האם שמעת דבר על התזכיר, שמתכוננים היהודים להגיש לרגל הכתרת הצאר?

אתה זוכר בודאי את שספרתי לך בבריסק דליטא על יסוד של חדר לדוגמא בפינסק. החדר מצליח ביותר וגרם למהפכה בכל השטח החנוכי כאן. כמו כל מהפכה אף זו היתה מלווה בהתלקחויות ומחאות גסות מצד המלמדים. המאבק היה חריף. נראה שגם תלמוד תורה וכן יתר המוסדות החנוכיים יפלו לידינו ללא קרבות קשים.

שנת 1898 (לאחר הקונגרס הציוני הראשון), פינסק.

...בפינסק מתנהלים העניינים יפה מאד. התעמולה מניחה את הדעת. בחול המועד אצא לסביבה ואכתוב לך, כיצד הגיבו במקומות נדחים אלה על הקונגרס.

הירש אבראמאוויטש / היסטארישע דעבאטן ווייצמאן-טעפער

געווען איז עס אין אַ צייט, ווען מען האָט נאָך געהאַלטן פון דיסקוסיעס מיט קעגנער, הגם די פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס זענען געווען אויך דעמאָלט גאַנץ שטאַרק צעטיילט, אָבער מען האָט זיך נאָך באַגעגנט און דיסקוטירט צוליב אַגיטאַציע־צוועקן.

דאָס איז געווען פּסח־צייט 1903, אין דער עכט יידישער פּאָליעסער שטאָט פּינסק.

כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל פלעגן פאָרקומען דיסקוסיע־אָוונטן אויף דער טעמע: בונדיזם, ציוניזם, סאָציאַליזם. נישט זעלטן האָבן זיך אַזעלכע אָוונטן געענדיקט מיט „שלאָגנדיקע אַרגומענטן" (פשוטו כמשמעו). דער פאַנאַטיזם פון יעדער פּאַרטיי איז גרויס געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן ענטוזיאַסטישער און אָנגרייפערישער. ביידע הויפּט־פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס האָבן געהאַט דערפאַרענע פּראָפּאַגאַנדיסטן און גוטע מיטינג־און נישט־מיטינג רעדנער. עס האָט געטראָפן, אַז מענטשן פון דער מאַסע פלעגן אָפט איבערגיין פון איין פּאַרטיי אין דער אַנדערער, אָפּהענגיק פון דער רעדנער־קונסט פון דעם אָדער יענעם רעדנער. דערביי האָבן יידישע סאָציאַליסטן — פון בונד אָדער פּועלי־ציון — געוואָלט זיך איבערליציטירן אין טרייקייט צום מאַרקסיזם,* און איינע די אַנדערע פאָרגעוואָרפן אפּיקורסות (בערנשטייניזם און אַנדערע „אָפּנייגונגען". אָבער אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אויך מיטגעהאַלטן אין די טורנירן. זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו פאַרניינען דעם סאָציאַליזם. איינער פון זיי איז געווען חיים ווייצמאַן, וועמענס גרויסע משפּחה (עלטערן, ברידער און שוועסטער) האָבן געוווינט אין פּינסק.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו זיין יענעם ערב־פּסח אין פּינסק און זיך פאַרהאַלטן דאָרט אַ פּאָר חדשים. ביי דער פּינסקער יידישער אינטעליגענץ און אין אייניקע אַרבעטער־קרייזן איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון איינאָרדענען אַ גרויסן דיסקוסיע־אָוונט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון חיים ווייצמאַנס אַנוועזנהייט אין שטאָט. ער איז דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 27, אָבער איז שוין געווען באַוווּסט מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווי אַ שאַרפער פּאָלעמיקער אין קעגנער פון הרצל׳ס דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען. וואָס־וואָס, קיין שעמעוודיקער איז ווייצמאַן נישט געווען.

בכלל האָט די משפּחה ווייצמאַן מיט אירע פילצאָליקע מיטגלידער, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען אויף די ימים־טובים אַהיים, געלאָזט זיך מערקן אין שטאָט. אַלע ווייצמאַנס האָבן גערעדט הויך, געזונגען לידלעך ביי צוזאַ־

* כ׳געדענק אַ קאַריקאַטור פון אַרום 1905 אין אַ יידיש־הומאָריסטישן זשורנאַל: קאַרל מאַרקס אין אַ יאַרמולקע מיט אַ טלית־קטן אין זיין רבנישע באָרד, שטייט אויף אַ בענקל. אַרום אים דער בונד, פּ״צ, ס. ס. סיימאָוועצעס א. אַנד., זיי ציען מאַרקסן פאַר די ציצית פון טלית־קטן, יעדער אין זיין זייט. מאַרקס האָט אויפגעהויבן די הענט און שרייט: „יידן, ראַטעוועט!".

מענטשן. די יינגערע סטודענטן, אין די אוניפאָרמען פון די רוסישע הויכשולן, האָבן זיך געלאָזט הערן. כ׳געדענק אַ לידל, וואָס איינער פון זיי, דוכט זיך שמואל, האָט אונטערגעזונגען: „איין באַטל ביר, צוויי באַטל ביר, דריי באַטל ביר און משקה" אאז״וו. ס׳האָט זיך געשפּירט אין זיי אַ גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות, סיי גייסטיקע, סיי פיזישע. ס׳איז געווען אַ לעבנסלוסטיקע, אַ לעבנספרייקע יוגנט. חיים איז שוין געווען פון אַלעמען אָנערקענט ווי איינער פון די פאָרזאָגער פון אַ גרויסן טייל רוסישע ציוניסטן.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען קיין פּינסק קאָליע טעפּער, וואָס איז שוין דאַן געווען פּאָפּולער אין די אַרבעטער קרייזן ווי אַ גלענצענדיקער רעדנער און פאַנאַטישער בונדיסט. מיט אַ קורצער צייט פריער, איז ער נאָך געווען אַ הייסער ציוניסט, אַנטייל גענומען אין די קאָנגרעסן. נאָר ער האָט זיך „אַנטוישט". באַזונדערס נאָך בערנאַרד לאַזאַרס צוריקציִען זיך פון ציוניזם (צוליב דער גרינדונג פון קאָלאָניאַל באַנק וואָס האָט בולט אַרויסגעבראַכט, לויט זיין מיינונג, דעם „בורזשואַזן" כאַראַקטער פון ציוניזם). אַלס פּראָזעליט (גר) איז ער געווען אַ קנאַי און אויף די פאַרזאַמלונגען „געשמעטערט" דעם ציוניזם.

זענען טאַקע די צייט, דאָס אָרט און די מענטשן געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ גענעראַל־דיסקוסיע וועגן יידישער פּראָבלעמאַטיק אין די ראַמען פון די צוויי הויפּט־ריכטונגען: ציוניזם און סאָציאַליזם, מיט די צוויי „דועלאַנטן" — חיים ווייצמאַן און קאָליע טעפּער. ליתר תוקף האָבן די אַרבעטער־ציוניסטן אַרויסגערופן פון מינסק רובענטשיקן, אַ „וועטעראַן" פון אַרבעטער־ציוניזם, וועלכער איז אגב געווען דער עלטסטער צווישן די דיספּוטאַנטן. ער איז געווען אין די שפּעטע דרייסיקער.

די אַלע פאַרזאַמלונגען זענען געווען אומלעגאַלע. פּאָליציי האָט פון זיי נישט געטאָרט וויסן. האָט מען אויסגענוצט וועלדער אַרום שטאָט, אין ווינטער — פּריוואַטע דירות, אָדער פאַבריק־לאָקאַלן, פאַרשטייט זיך אָן דעם וויסן פון די בעלי־בתים. אין זעלטענע פאַלן האָבן „ליבעראַלע" פאַבריקאַנטן אַליין זיך באַטייליקט אין די פאַרזאַמלונגען. זיי זענען נאָטירלעך געווען, אין גרעסטן טייל, אַלגעמיינע ציוניסטן.

אין פּינסק איז געווען אַזאַ פאַבריקאַנט, אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך ניט — איינער ליכטנשטיין, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריק אויסער דער שטאָט, און דאָרטן האָט ער אויך אַליין געוווינט.

בכלל האָט פּינסק אין יענע יאָרן זיך שטאַרק אינדוסטריאַליזירט. מען האָט געעפנט אַ גאַנצע רייע פאַבריקן, צווישן זיי אַ שוועבל־פאַבריק מיט אַ טויזנט יידישע אַרבעטערינס; אַ פּאַפּיר פאַבריק, אַ פאַבריק פון „היגיענישע" קרייט (אייגנטימער גריגאָרי לוריע), אַ שיף ווערק (אייגנטימער אבריען דע־לאַסי, שפּעטער פאַרמישט געווען אין אַ סענסאַציאָנעלער מאָרד־געשיכטע, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ

ר׳ שמואל ווילקומירר התמוגג מנחת. חיים שוחח עם אחד ברוסית, עם משנהו בעברית ואני התחלתי להרגיש אז, שחיים שלי כבר אינו שייך למוטלה. אבל כשדיבר אתי, היה זה אותו חיים עם גריסי־הפנינה על החולצה הרוסית...

נעשה קשה ביותר ל„החזיק" את חיים בפינסק. כל שנה נוסף אצלנו ילד. האב ראה, שלא יוכל ללמד את כל ילדיו אבל החליט, כי חיים מוכרח להמשיך בלימודיו. אז החליט „לעשות" מפייבל סוחר. פייבל גילה כשרון גדול לחריטה אמנותית, אך הוא נכנס למסחר היערות ונעשה האב השני לילדים. כל ימיו הקדיש למשפחה, אך גם זה לא הספיק לשכר הלימוד של 8 ילדים, שכבר למדו. אמא ביקרה תכופות, בלי ידיעת האב, את ה„וואָכערניקעס" (מלווים בריבית).

בגיל 14 התחיל חיים לתת שיעורים בעברית וביידיש לילדי המשפחות הטובות בפינסק. כל שעה פנוייה הקדיש להוראה. הוא לא שלח כסף הביתה, אבל דאג לילדים. באחד המכתבים לאביו הציע למכור את הסוס והכירכרה ולשלוח את משה ללמוד בפינסק.

כשעברו ה„לובז׳ינסקים" לפינסק, העבירו אליהם מדי פעם ילד אחר מהחדרים במוטלה לגימנסיה בפינסק. כשמשה ושמואל נרשמו בגימנסיה, אמרו להם, שלא יביישו את שם וויצמן, שחיים הוציא לו מוניטין.

3—4 ילדים היו נמצאים דרך קבע בפינסק. כשהילדים היו חוזרים למוטלה, היו פוגשים מדי שנה בפנים חדשות של תינוק. נולדו 15 ילדים. המשפחה החליטה לעבור לפינסק כדי להיות יחדיו. גם מבחינת פרנסה היתה פינסק יותר רצוייה, ההעברה היתה בשנת 1895, וזה היה 3 שנים, לאחר שחיים סיים את הגימנסיה ועבר לטכניון בדרמשטט.

בפינסק התחילה ידידותו עם הציוני המפורסם גריגורי לוריא, בעל ביח"ר לחמרים כימיים. שם הכיר חיים בראשונה מעבדה כימית. משכה אותו גם הספרייה הגדולה בבית ההוא. אחר כך לימד את הילדים וגר אצלם. כשחיים מוכרח היה לעתים בגלל מחסור בכסף להפסיק את לימודיו, היה מכין תלמידים לבתי־ספר גבוהים. היה אוסף קצת כסף, קורא „ים" של ספרות, עושה תעמולה ציונית וחוזר לגרמניה.

פינסק היתה בהתחלת המאה עיר יהודית מעניינת ביותר. מקור לאינטליגנציה יהודית ומרכז לזרמים והסתדרויות ביהדות רוסיה. במשך הזמן נעשה בית־ווייצמן מרכז לאינטליגנציה הצעירה. כל ילד ספג יחד עם האב קצת מן המאבק החברתי. ברור, שאת היסוד הציוני הניח חיים, שהיה כבר אז מנהיג ציוני בברלין, ואת הרוח המהפכנית שאבו הילדים מן הגימנסיה ומחוגי הסטודנטים.

המסחר בעזרת פייבל קצת השתפר. אמא הכניסה תיקונים בבית, והיא והאב שאבו נחת מן הילדים.

בפינסק היו אז כמה צעירים, שנעשו ציונים ותפסו אחר כך מקום מרכזי בתנועה הציונית: גריגורי לוריא, גיאורג הלפרין, יצחק ניידיטש, יחזקאל ווארטסמאן, בוכמיל — שהרצל שלח אותו לעשות תעמולה בפינסק, — מאיר ליברמן, הערש הילער, לייב ברגר, משה ראם ואחרים. לכל אלה היה בית ווייצמן לא רק מכניס־אורחים, אלא גם מצאו בו אוירה חברתית נעימה מצד ההורים, ובמה לנאומיהם

— — — בפינסק היו בתים יותר עשירים מבית ווייצמן, אבל פה היתה שוררת רוח. הבנות ניגנו בכינור ובפסנתר, חיים היה מדקלם את ה„גלאקע" לשילר בגרמנית רהוטה.

השנים האחרונות של המשפחה בפינסק — 1900—1910 — היו שקטות. הילדים סיימו את לימודיהם. פייבל נעשה סוחר גדול, האב היה חולה וישב על ספריו. לקונגרס הששי נסע האב כציר. צירים נוספים מן המשפחה היו: חיים ומשה והגיסים לובז׳ינסקי וליכטנשטיין. שמואל נסע כאורח. האב הצביע בעד אוגנדה, היתר — נגד. כשחזרו הביתה, פרצה ברכבת „מלחמת אזרחים" רעיונית...

הבית הפך מ„בית" למקום מפגש של המשפחה. בעיקר התפרסמו ה„סדרים" של פסח, אשר בהם התרכזו כל בני המשפחה בבית.

*

צעדיו הראשונים בפעולה ציונית

„רוצה אני לתאר רק מומנטים אחדים בחייו, במחשבתו ובעבודתו למען האידיאל שלנו.

כיצד התחיל? רואה אני יום חורף בפינסק עירי לפני 55 שנה, פורים תרמ"ח או תרמ"ט. חובבי־ציון החליטו אז לשלוח לכל בעלי־הבתים של העיר משלוח מנות. תמונתו של משה מונטיפיורי, שהוצאה אז ע"י „מזכרת משה" בורשה, תמונה שנכתבו עליה החרוזים של יל"ג:

„ולנגד פניך תמיד בראותם
תבא גם רוחך בלב אחינו
ושמו את ציון על לבם כחותם
ונחמו חורבותיה ועפרה יחוננו".

מחיר התמונה היה רובל אחד, ותכניתנו היתה לאסוף 300 רובל כדי שנוכל לשלוח את הקולוניסט הראשון לא"י.

בערב פורים בא למשרד של חו"צ צעיר של הגימנזיום הריאלי בפינסק, הציג את עצמו כחיים וויצמן וביקש, כי ישתפוהו כמחלק „משלוח מנות".

בערב אחרי סעודת פורים התאספו כל מחלקי המנות, ובידיהם צרורות הכסף שאספו. גם וויצמן הצעיר היה ביניהם. הוא סיפר שאותו ואת מלווהו גירשו מבתים אחדים. „אבל לא איכפת", הוסיף ואמר, „אנו בכל זאת אספנו כמה וכמה עשרות רובלים".

כעבור שנתיים התחיל סובב בעיירות הקטנות שבסביבת פינסק לשם תעמולה לחיבת־ציון ולתרבות העברית. קשים היו נסעות אלה, מפני שלנאום אפשר היה רק בבתי־הכנסת — המקום היחיד, שהיהודים היו מתכנסים שמה — ובתי הכנסת היו כמעט סגורים בפני מטיפים, שבאו לדבר על ישוב א"י. זו היתה תחילתו של וויצמן בתחילת תקופת התחייה שלנו".

י. ניידיץ׳ — 50 שנה עם ד"ר חיים וויצמן, „דאס אידישע פאלק" טבת תש"ה.

טעפּער איז געווען דער בעסטער יידישער רעדנער, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. אפילו זשאַבאָטינסקי אין זיין בלי־צייט האָט נישט גערעדט מיט אַזויפיל עקספּרעסיע, ווי טעפּער. חיים ווייצמאַן, נישט קיין דורכשניטלעכער רעדנער, אַ רעדנער מיט גלאַנץ און סטיל, מיט סאַרקאַזם און איראָניע, איז דעמאָלט, אין דעם רעדנער טורניר, געבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי קאָליע טעפּערן. אַ פשיטא שוין רובענטשיק, מיט זיין אויסזען פון אַ עלטערן פּרוש, כאָטש ער איז געווען אַ גוטער רעדנער.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער צד האָט געהאַלטן, אַז ער האָט „געזיגט". אין פּינסק האָט מען דערציילט גאַנצע לעגענדעס וועגן די צוויי ווירקלעך מערקווירדיקע אָוונטן, און וועלכע אַזעלכע גרויסע רעדנער האָבן זיך באַטייליקט. די פּאָליציי האָט זיך סוף־כל־סוף דערוווּסט וועגן די דיספּוטן, אָבער שוין אַביסל צו שפּעט, נאָך די אוונטן. ס'זענען פאָרגעקומען עטלעכע אַרעסטן, די רעדנער האָבן עוקר געווען פון פּינסק. אין באַזונדערע קרייזלעך און אין פּריוואַטע הייזער האָט מען אָבער פאָרגעזעצט די דיסקוסיעס. יוגנט האָט זיך געהיצט נאָך עטלעכע אָוונטן. ס'האָט זיך אויך געטומלט אויף דער „בירזשע" (דאָרט ווּ אַרבעטער פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן) אויף קיעווער גאַס.

אָבער אין גיכן זענען די דיסקוסיעס איבערגעריסן און פאַרגעסן געוואָרן. וויכטיקערע געשעענישן זענען פאָרגעקומען: עס האָט אויסגעבראָכן דער קישענעווער פּאָגראָם, וואָס האָט ווי אַ דונער געטראָפן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און האָט אויך אַבסאָרבירט אַ געוויסן טייל פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט.

ווייצמאַן אין מאָכעס־שול

שבת־נחמו איז באַ די פּינסקער חובבי ציון געווען אַ טראַדיציע זיך צונויפצוזאַמלען אין דער גרויסער שול און פייערן דעם יערלעכן יום־טוב. איך געדיינק גוט דעם יום־טוב אין תרנ"ה (1895). די ווענט זענען געווען דעקאָרירט און די שול שטאַרק באַפּוצט. דער כאָר האָט געזונגען פּסוקים וועגן שיבת ציון און י. ל. בערגער האָט געהאַלטן אַ וואַרעמע רעדע וועגן דער נייער היים, וואָס מיר גייען בויען. צום סוף פון דער פייערונג האָט מען געמאָלדן, אַז אין אָוונט קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון חובבי ציון וועגן וויכטיקע פראַגן אין מאָכעס שול. צו דער באַשטימטער צייט איז די שול געווען פול געפּאַקט. י. ל. בערגער איז געווען פאָרזיצער. ר' יעקב אביגדור מינקאָוויטש, וועלכער איז געווען דעלעגאַט צו דער חובבי ציון קאָנפערענץ אין אָדעס, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ און זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דעם וויכטיקן אָרט, וואָס די פראַגן פון דערציאונג האָבן פאַרנומען אויף דער קאָנפערענץ. (דעם רעפעראַט וועגן חינוך האָט געהאַלטן מ. ל. לילענבלום).

ווען מינקאָוויטש האָט פאַרענדיקט, האָט גענומען דאָס וואָרט אַ יונגער בחור, אַ סטודענט פון אויסלאַנד. זיינע אייגן האָבן געגלאַנצט און מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם יידישן חדר, וואו אין אַ איינגן צימער, צוזאַמען מיטן רבי'נס ציג, זיצן צוזאַמענגעקוועטשט די צאן קדשים. דאָס קינד ווערט אַרויסגענומען פון דער ליכטיקער שטוב און פאַרברענגט זיינע טעג און אָוונטן אין אַ פינסטערן חדר אָן לופט. דאָס קינד פאַרלירט דעם רעספּעקט פאַר זיין דערציער, ווייל ער הערט שטענדיק פון זיינע עלטערן דאָס זידל־וואָרט: דו ביסט אַ מלמד! דער יונגערמאַן האָט אויך געשילדערט די קנעכטישע באַציאונג פון יידישע עלטערן צום גויאישן לערער פון דער רעגירונגס־גימנאַזיע. מען קריכט דורך דער הינטערשטער טיר און מען באַצאָלט מיט גאָלד, אַבי דאָס קינד זאָל אָנטאָן די מעשענע קנעפּלאַך... דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס יונגע צווייגעלע ווערט אָפּגעריסן פון יידישן וואָרצל. צוליב דעם דראָט אונדז די סכנה פון אַסימילאַציע. דאָס יידישע קינד ווערט דערצויגן אין אַ פרעמדער סביבה, פייערט פרעמדע יום־טובים און פאַרלירט דעם יידישן אינהאַלט.

דער יונגערמאַן האָט ווייטער געזאָגט, אַז מען דאַרף רעפאָרמירן דעם יידישן חינוך, מען דאַרף אַריינפלאַנצן „יפיפותו של יפת באהלי שם". די יידישע דערציאונג מוז ווערן מאָדערניזירט און צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען. דער יידישער מלמד דאַרף ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שם נרדף פון אַ שנאָרער, נאָר ער דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אויבנאָן, ווייל ער דאַרף זיין דער דערציער פון דאָס טייערסטע וואָס עלטערן פאַרמאָגן — זייערע קינדער. אויב מיר ווילן בויען אַ לאַנד — מוזן מיר פריער פון אַלץ מכשיר זיין דאָס פאָלק פאַרן לאַנד. נאָר אַ געזונט פאָלק, אַ קולטורעל פאָלק, וועלכער איז באַקאַנט מיט אַלע מעכאַנישע דערגרייכונגען פון דער נייער צייט, איז ראוי צו אַן אייגן לאַנד.

די גאַנצע שול איז געווען עלעקטריזירט פון דעם יונגערמאַנ'ס רעדע וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן מיט גרויס טעמפּעראַמענט. ווען ער איז אַראָפּ פון דער בימה, האָט אים בערגער געדריקט די האַנט און האָט צוגעגעבן, אַז מיר מוזן דאָס אַלטע פאָלק יונג מאַכן און שאַפן נייע שולן מיט אַ נייעם אינהאַלט.

אויפן אָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון די ה"ה: רובינשטיין, שאול מענדל ראַבינאָוויטש, שטריק, מינקאָוויטש, הילער, אפרים דב ליפשיץ, נחום ראַבינאָוויטש. עס איז גלייך צונויפגעזאַמלט געוואָרן 300 רובל כדי שאַפן דעם ערשטן חדר מתוקן, די ערשטע יידישע מאָדערנע שול.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט אַזוי באַגייסטערט דעם עולם און מיטגעהאָלפן גרינדן דעם יידישן חדר מתוקן, איז שפּעטער געווען דער גרינדער פון אונדזער היכל החכמה — פון דער אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים אין ירושלים. דאָס איז געווען אונדזער ליבער און טייערער חיים ווייצמאַן.

מרדכי קערמאַן

רוסלאַנד) און אַ רייע אַנדערע אינדוסטריעס. אויסער דעם שיף־ווערק, זענען די אַרבעטער און אַרבעטערינס געווען אין גרעסטן טייל יידן. פּינסק האָט פאַרמאָגט, ווי יעדע גרויסע יידישע שטאָט, איר „העק", וווּ די אָרעמקייט האָט געוווינט אין חורבות, כמעט נאָרעס. אין האָמעל איז געווען „דער ראָוו" (גראָבן). אין ווילנא — נאָוויגאָראָד, אין בעלאַייאַ צערקעוו („שוואַרצע טומאה" אויף יידיש) — „גרוזיע". אין אָדעס — מאַלדאָוואַנקע, אין פּינסק האָט עס געהייסן „לינישטשעס". דאָרטן האָבן געוווינט טויזנטער יידישע משפּחות אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן, אין הונגער, שמוץ און חורבות, אָפט אָן דעכער, אויסגעבויגן און צעקרימט מיט פענצטער פאַרשטאָפּטע מיט שמאַטעס.

פון לינישטשעס האָבן די נייע פאַבריקאַנטן געצויגן דעם ביליקן מענטשן־קראַפט. לינישטשעס איז געווען הונדערט פּראָצענט יידיש. די סאָציאַליסטישע יידישע פאַרטייען, און אין דער ערשטער ריי דער „בונד", האָבן די אַרבעטער געמאַכט באַוווּסטזיניק דורך סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און עקאָנאָמישע שטרייקן. אַזוי אַרום איז פּינסק געווען איינער פון די צענטראַלע פונקטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָנגעפירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן די אינטעליגענטן, לערער, יוגנט און מער באַוווּסטזיניקע אַרבעטער אַליין.

אָט פון דער לעצטער קאַטעגאָריע האָבן זיך פאָרמירט די פּאָר הונדערט צוהערערס פון דער דיסקוסיע. ס'איז געווען אַ פּרייטיק־צונאַכטס, געגאַנגען איז מען אויף דער פאַרזאַמלונג איינציקווייז, אָדער העכסטנס פּאָרווייז, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ קאַלאָסאַלן עסצימער, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט עטלעכע הונדערט מענטשן. אויפן וועג זענען פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן „פּיקעטן", וועלכע האָבן אָנגעוויזן ווו צו גיין און אויך געדאַרפט סיגנאַליזירן די געפאַר פון אַ ביין (פּאָליציייאיש) אויג...

מלבד היהודים, שעסקו בעקיפין בחקלאות, כחוכרי אחוזות של „פריצים", מפטמי בקר, אווזים ודייגים, היו כמאה משפחות, שהתפרנסו והתקיימו על חקלאות, על גננות ועל החזקת פרות. אמנם בעבודות עונתיות היו מעסיקים עובדים שכירים, אולם על פי רוב עבדו בעצמם, התמחו בענפי חקלאות וראו בזה יעודם בחיים.

המשפחות ילינסקי, פלדמן, לוסובסקי, שפירא, רובאחה ועוד התבססו יפה, בגו בתים, רכשו ציוד, היו לבעלי משקים מסודרים וראו ברכה בעמלם.

ביזמתן ובעזרתן של חברות י. ק. א. ו„אורט" הוקם קואופרטיב, שאיגד בתוכו את כל היהודים, שעסקו בענפי חקלאות בפינסק והסביבה. תפקידו היה להלוות כספים לחבריו, לקנות זרעים, חמרים וציוד אחר ולמכור את התוצרת. כמו כן השתדל להגיש הדרכה מקצועית לכלל החברים ולפרט, לעורר התענ־יינות ולעודד יהודים לעסוק בענפי חקלאות — בעיקר בגידול עצי־פרי ודבורים — כענף עזר לפרנסה העיקרית. לשם כך נוצלו חלקות אדמה ליד הבתים, בעיקר בין יהודי העיירות.

האגרונומים של החברות היו מבקרים מזמן לזמן ומסייעים בעצה ובהדרכה. בראש הקואופרטיב עמד מנהל ועד שנבחר ע"י החברים.

התוצרת שווקה ברובה בפינסק ובחלקה נשלחה לווארשה. בעונת המלפפונים היו נשלחים כמה קרונות ליום. מאחר והיו מבררים בהקפדה את התוצרת בטרם שווקה, היתה הדרישה למלפפוני פינסק גדולה במיוחד. את המלפפונים שלא היו ראויים למכירה בגלל גדלם, היו משאירים לייצור זרעים.

הודות למומחיותם של חברים התפתח ענף הזרעים. מלבד סיפוק צרכיו של הגנן בזן הכי טוב, המתאים למקום ולאקלים, שימש גם כמקור הכנסה ניכר.

כמה חברים אף הכניסו חידוש, בגדלם כמה סוגי ירקות

יידישער
גערטנער - לאַנדווירטן־
קאאפעראטיוו
מיט באגר. פאראנטוו.
אין פינסק און אומגעגנט.

ŻYDOWSKA SPÓŁDZIELNIA
OGRODNICZO-ROLNICZA
z odp. ogr.
w PIŃSKU.

CZŁONEK ZWIĄZKU ŻYDOWSKICH TOWARZYSTW SPÓŁDZIELCZYCH w POLSCE.

Skrz. poczt. 44. *Telefon №* ____

משפחת איכרים יהודיים באיוואַניקי

אייך איצט דערציילן וועגן אַן אַנדער שול כדי איר זאָלט וויסן און פֿאַרשטיין, וואָס איך פֿיל איצט און פֿאַרוואָס איך האַלט, אַז דער דאַנק קומט אייך, אייך און נישט מיר.

איך בין אַ ייד פֿון פּינסק. איך ווייס נישט, צי דער נאָמען פּינסק זאָגט אייך עפּעס, אָבער מיר זאָגט דער נאָמען זייער אַ סך. מיך באַגלייט ער פֿון מיין פֿריסטער יוגנט. אַ שטאָט אין פּוילן וואָס האָט זיך געטובלט אין יידישקייט. אין אירע בלאָטיקע געסעלעך איז געווען איינגעוואָרצלט אַן עכטע יידישקייט, האָט זיך אויסגעשמידט אַ פֿאָלקסטימלעך און שעפֿעריש יידיש לעבן. פּינסק איז געווען דאָס וויגעלע פֿאַר גרויסע יידישע באַוועגונגען אין פֿאַרשידענע צייטן. דאָרט האָב איך מיינע חלומות אויסגעטרוימט, דאָרט האָב איך, מאָטל שוכמאַן, נישט „מאַקס" ווי היינט, איינגעזאַפּט אין זיך דעם פּינסקער ניגון וואָס באַגלייט מיך ביז היינט. מיין פֿאָטער עליו השלום, בנימין, איז געווען אַ קרעמער, אַ פּשוטער קרעמער, ווי די „הונדערטער קרעמער פֿון גאַס" (ווי עס זינגט זיך אין אַ יידיש פֿאָלקס־ליד), אָבער ער האָט מיך דערצויגן צו יידישקייט, צו אהבת ישראל און אים האָב איך צו פֿאַרדאַנקען די געשטאַלטונג פֿון מיין כאַראַקטער און פֿון מיינע איינגנשאַפֿטן. איך בין געווען איינער פֿון זעקס קינדער אין אונדזער פֿאַמיליע. איך בין זיכער נישט געווען בעסער אָדער פֿעאיקער פֿון זיי, אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַז איך זאָל בלייבן לעבן. זיי אַלע זענען אומגעקומען. דאָס איז געווען דער גרויזאַמער גורל פֿון מיליאָנען יידן, אָבער איך בין נישט מער ווי אַ בשר ודם און איך זע שטענדיק מיין מאַמע גישע, מיין פֿאָטער בנימין און מיינע ברידער און שוועסטער. זאָל מיר דער אַלמעכטיקער מוחל זיין אויב דאָס איז אַ זינד! איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב זוכה געווען צו פֿאַרבלייבן צווישן די לעבעדיקע. מיינע אויגן האָבן געזען דעם מלאך המוות אויף יעדן טריט און שריט. איך בין ניט איין מאָל געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טויט, אָבער ער האָט מיך אויסגעמיטן. געווען אין פּוילישן מיליטער, געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די דייטשן, געוואַנדערט איבער רוסלאַנד. ער האָט געשניטן, דער מלאך המוות, אויף רעכטס און אויף לינקס. פֿאַרשניטן מיינע טייערסטע און נאָענטסטע, און מיך האָט ער געלאָזט לויפֿן פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ, פֿון קעלער צו בונקער, פֿון וואַלד צו וואַלד. איך וועל אייך איצט נישט דערציילן וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אין די אַלע מיינע לויפֿעניש, אָבער איין עפּיזאָד מוז איך אייך איצט דערציילן, ווייל דער עפּיזאָד האָט אַ גרויסן שייכות צו אונדזער היינטיקער פֿייערונג. דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־נאַכט אין 1943. נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן און אַרומלויפֿענישן האָב איך אויסגעפֿונען אַ מין בונקער אין אַ האַלב חרובן הויז וואָס האָט פֿריער געהערט צו אַ יידישער משפּחה. אין די טעג ווען אַרום און אַרום האָט געבושעוועט דער נאַצישער מלאך המוות, בין איך געזעסן הונגעריק און פֿאַרשמאַכט אין דער סאַלקע און אויסגעקוקט אויף אַ רעטונג און אויף בעסערע צייטן. פּונקט קעגנאיבער דעם בונקער ווו איך בין געזעסן פֿאַרשמאַכט, איז געשטאַנען אַ האַלב חרובע הילצערנע יידישע שול. די נאַציס האָבן שוין, ווייזט אויס, איינמאָל באַמבאַרדירט די שול, און נאָר אַ זכר לחורבן איז פֿון איר פֿאַרבליבן. אין די רעשטלעך פֿון דער שול פֿלעג איך איינקלאַמערן מיינע אויגן אין יענע טעג. דער סקעלעט פֿון דער שול איז פֿאַר מיר געווען אַ מין גייסטיקע באַזע, אַ מין אָנלען, אַ מין סימבאָל, אַ האָפֿענונג.

צו דער האַלב חרובער שול פֿלעג איך דאַווענען אין זיך, שטילינקערהייט, צו איר פֿלעג איך מיין געבעט אַרויפֿשיקן, אין איר האָב איך געזען דעם גייסט פֿון מיין אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק, מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. ווען איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן פֿון מיין קאַשמאַר־שלאָף און חלומות, פֿלעג איך דורכן פֿענצטערל אַרויסשיקן מיין בליק צו איר און זי פֿלעגט מיר אַריינטריפֿן טראָפּנס פֿון האָפֿענונג און גלויבן — און די צוויי זאַכן האָב איך באַדאַרפֿט דאַן נישט ווייניקער ווי ברויט און וואַסער. איך ווייס נישט ווי דאָס צו דערקלערן, אָבער די אַלטע האַלב־חרובע שול איז דאַן געווען אַ מין טייל פֿון מיין גאַנץ וועזן. איך בין געווען עלנט ווי אַ שטיין און די קליינע שול איז געווען מיין איינציקער אָנהאַלט.

איינמאָל אַ פֿאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, ווען איך בין געזעסן אין בונקער זינקענדיק אין טיפֿן אומעט, האָב איך דערהערט ווילדע קולות. איך בין געווען זיכער, אַז מען האָט אַנטדעקט מיין באַהעלטעניש און מיין לעצטע שעה איז געקומען. אָבער — ניין! נישט מיך איז מען געקומען נעמען, נאָר מיין שול, מיין מקדש־מעט, מיין האָפֿענונג. איך האָב זיך געכאַפּט צום קליינעם פֿענצטערל און איך האָב געזען אַ בילד וואָס האָט אויפֿגעציטערט אַלע מיינע איברים. מיין קליין בית־מקדשל איז געווען אין פֿלאַמען. די וואַנדאַלן האָבן נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן אפֿילו די רעשטלעך פֿון דער שול און זענען געקומען אָפּמעקן איר זכר. די פֿלאַמען האָבן אַרומגענומען די שול פֿון אַלע זייטן און צוקוקנדיק זיך צו זיי האָב איך געהאַט דעם געפֿיל אַז נישט די שול ברענט, נאָר איך אַליין ברען אין די פֿלאַמען, איך און אַלץ וואָס אין מיר. עס האָט זיך מיר געוואָלט וואַרפֿן אין דעם פֿייער, אָבער עפּעס אַ כוח האָט מיך אָפּגעהאַלטן. אין אַ פּאָר מינוט איז געבליבן פֿון דער שול אַ הייפֿעלע אַש. דאַן, אין ליכט פֿון די פֿלאַמען, האָב איך אַ נדר געטאָן, אַז אויב דער אַלמעכטיקער גאָט וועט מיך לאָזן לעבן, אויב די וועלט וועט נאָך האָבן אַ קיום און אויך איך צוזאַמען מיט איר, וועל איך העלפֿן אויפֿשטעלן אַ נייע שול כדי אָפּצומעקן דעם גרויל פֿון דער פֿאַרברענטער הילצערנער שול, כדי זיך אַליין צו באַפֿרייען פֿון דעם קאַשמאַר וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענע מינוטן, כדי די גאָלדענע קייט פֿון שולן און בתי־מדרשים זאָל נישט צעריסן ווערן, כדי עס זאָל זיין אַ המשך פֿון אונדזער אמונה און טראַדיציע.

די מלחמה איז אַריבער. איך האָב זיך געראַטעוועט. איך האָב אָנגעהויבן אַ ניי לעבן און דורכגעגאַנגען פֿיל, פֿיל סטאַציעס: פּוילן, דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, און פֿון 1953 — קאַנאַדע. גאָט איז געווען גוט צו מיר. איך האָב אויפֿגעבויט אַ נייע פֿאַמיליע און אַ נייעם לעבן, אָבער איך ווייס נישט ווי איז עס געשען: דעם נדר וואָס איך האָב געגעבן ביי ליכט פֿון די פֿלאַמען פֿון דער אַלטער הילצערנער שול, האָב איך נישט מקיים געווען, ער איז אַרויס פֿון מיין זכרון. אָבער דער קאַשמאַר איז געבליבן. גרויזאַמע חלומות פֿלעגן מיך אויפֿוועקן ביינאַכט. מיין אומגעקומענע משפּחה פֿלעגט מיר קומען צו חלום. איך האָב פֿון זייערע פּנימער געלייענט, אַז זיי פֿאָדערן פֿון מיר עפּעס, אָבער וואָס גענוי — האָב איך נישט געוווסט. די צייט אַליין איז אַ מעכטיקער כוח וואָס מאַכט פֿאַרגעסן. איך האָב זיך געפֿילט שולדיק און נישט געוווסט פֿאַר וואָס. און אַזוי ביז אָט דעם פֿרימאָרגן פֿון 3־טן יוני 1958.

דעם פֿרימאָרגן בין איך, ווי געוויינטלעך, אַריין אין מיין ביוראָ,

נחמן תמיר / דער נדר

דער גרויסער זאַל פון דער „יונג־ישראל“־סינאַגאָגע אין וואַל־ראַיאַל איז געווען פול געפּאַקט דעם אָוונט. די פרייד און יום־טוב־דיקייט האָט זיך געפילט אין יעדן ווינקל און אין יעדן האַרץ. עס האָבן געלויכטן די אילומינאַציע־לאָמפּן אַרום דעם ארון קודש און עס האָבן געשיינט די פּנימער פון יונגע און אַלטע יידן, וועלכע זענען געקומען דעם אָוונט פון פאַרשידענע געגנטן פון מאָנטרעאַל, כדי זיך משמח זיין ביי דער געלעגנהייט פון אנטהילן דעם נייעם בנין פון דער שול און קאָנגרעגאַציע אין דער געגנט פון וואַל־ראַיאַל. אַפילו אַ פרעמדער וואָלט געקאָנט באַמערקן אַז דאָ קומט פאָר נישט סתם אַ חנוכת־הבית פון אַ שול. די מונטערע און יום־טובדיקע שטימע פון ראַביי האָט אָפּגעקלונגען גאָר הילכיק און צוגעגעבן צו די פייערלעכע שטימונגען:

— יאָ, ליבע פריינט, מיר פייערן היינט אַ חנוכת הבית און אַ נצחון גלייכצייטיק. די חנוכת הבית איז פון אונדזער נייער שול און „קאָמיוניטי צענטער“. דער נצחון איז פון דעם „פּינטעלע ייד“, פון יידישן געוויסן און יידישער מאָראַל. לאָמיר קודם־כל דערמאָנען יענעם טאָג, דעם 3־טן יוני 1958, ווען עס איז אונדז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די מוניציפּאַליטעט פון מאָנטרעאַל האָט קאָנפיסקירט דעם באָדן, אויף וועלכן עס האָט געזאָלט אויפגעבויט ווערן אונדזער נייע סינאַגאָגע און „קאָמיוניטי צענטער“. דער טאָג איז געווען אַ שוואַרצער טאָג פאַר דער יידישער געמיינדע ביי אונדז. מיר האָבן שוין געהאַט אַלץ פאַרטיק. עס זענען שוין געווען אונטערגעשריבן די קאָנטראַקטן און דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן; מיר האָבן אַלע געהאָפט, אַז אויף „ימים נוראים“ וועלן מיר האָבן די נייע שול און דאָ האָט אונדז ווי אַ דונער געטראָפן די ידיעה וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון באָדן. אָבער, מיינע ליבע פריינט, די צייט פון ניסים איז נישט פאַריבער. דעם זעלבן טאָג איז געשען אַ נס. איין טעלעפאָן־רוף האָט פאַרוואַנדלט דעם אַלגעמיינעם טרויער אין אַ פרייד, אין אַ טיפער יידישער פרייד. דעם 3־טן יוני 1958 האָט געקלונגען דער טעלעפאָן אין הויז פון אונדזער געוועזענעם פרעזידענט ה׳ פּראַזאַוו, און איצט קאָנען מיר דרייסט זאָגן, אַז נאָר אַדאַנק ד ע ם טעלעפאָן־רוף פייערן מיר איצט אָט דעם היינטיקן חנוכת הבית. דאָס איז געווען אַ טעלעפאָן־רוף פון כמעט אַן אומבאַקאַנטן ייד אין אונדזער געגנט, אַ געוויסן מאַקס שוכמאַן.

— וויפל באָדן האָט איר געהאַט פאַר דער שול? — האָט געפרעגט דער אומבאַקאַנטער.

— צוואַנציק טויזנט פוס — האָט געענטפערט ה׳ פּראַזאַוו.

— איך האָב אין מיין באַזיץ באָדן אין דער געגנט פון „וואַל־ראַיאַל“. זייט אַזוי גוט און קומט אַריף אין מיין ביוראָ און קלייבט זיך אויס צוואַנציק טויזנט פוס באָדן ווו איר ווילט און שטעלט אויף די שול און קהילה־צענטער. איך שענק דעם גאַנצן באָדן פאַר דעם צוועק.

— מיינע פריינט — האָט פאָרגעזעצט דער ראַביי — עס איז איבעריק אייך שילדערן איצט די איבעראַשונג פון ה׳ פּראַזאַוו. נישט ער און נישט מיר אַלע — ווען ער האָט דערציילט די נייעס — האָבן געגלייבט די אייגענע אויערן. עס איז געווען צו שיין, נישט רעאַליסטיש, ווי פון אַ קינדער־דערציילונג אַרויסגענומען, אַ חלום. אָבער ווי איר זעט איז דאָס אַ ווירקלעכקייט און נישט קיין חלום. און דער „מלאך הגואל“ וועלכער האָט דאַן דערמוטיקט און דערפרייט די גאַנצע יידישע געמיינדע, אויך ער איז נישט קיין חלום, ער געפינט זיך דאָ מיט אונדז. מיט טיפע דאַנק־געפילן און מיט טיפער פאַרערונג אין נאָמען פון אונדז אַלע באַגריס איך און רוף צום וואָרט מיסטער מאַקס שוכמאַן.

אַ האַגל פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אָפּגעהילכט אין פול־געפּאַקטן זאַל. טיף גערירט און עמאָציאָנירט איז אַרויף אויף דער בינע אַ ברונעט אין די מיטעלע יאָרן. זיין פּנים איז געווען בלייך און עס איז געווען קענטיק, אַז ער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט, אָבער די שטימע איז צו קיינעם נישט דערגאַנגען. דער ראַביי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים פון דער טריבונע, נאָך דעם ווי די גרויסע אָוואַציע איז אַדורך, און געבעטן:

— מיר ווילן הערן אייער וואָרט, מיסטער שוכמאַן!

אָבער מיסטער שוכמאַן איז נאָך צו זיך ניט געקומען. זיינע אויגן זענען געווען האַלב פאַרמאַכט, זיין בליק — אין די ווייטענישן, און דאָס פּנים — בלייך, בלייך ווי די ווייסע מזרח־וואַנט. אַ מין הדרת קודש האָט באַהערשט דעם גרויסן עולם. אַ פּנים אַז אויך דער עולם האָט דערפילט, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר, אַז דאָס שטיל־שווייגן פון ה׳ שוכמאַן איז נישט קיין פּאָזע, און ניט קיין געוויינלעכע עמאָציאָנירונג. נישט אַזוי זעען אויס די געוויינלעכע נדבנים ווען עס רעדט זיך וועגן זייערער אַ לייסטונג. ביסלעכווייז איז שוכמאַן געקומען צו זיך, די בלייכקייט אויף זיין פּנים איז פאַרשוואונדן און זיין שטים איז געוואָרן קלאָרער:


— „איך ווייס נישט וואָס איך באַדאַרף אייך זאָגן ביי דער געלעגנהייט. איך בין נישט זיכער צי איך בין ביכולת אַרויסזאָגן דאָס וואָס עס ליגט מיר אויפן האַרץ, אויף די ליפּן. איך בין נישט געוווינט צו רעדן פאַר אַן עולם. איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט מיין פאַרשטאָרבענעם ברודער שמואל, וואָס איז געווען אַ חזן אין „מאַכעס“־שולכל אין מיין היים־שטאָט פּינסק, פאַר זיין קוראַזש דאַוונען פאַר אַן עולם. איר וועט מיר דעריבער אַנטשולדיקן, מיינע ליבע פריינט, אויב איך וועל ניט יוצא זיין היינט מיט געוויינלעכע דאַנק־ווערטער, ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן. עס איז נישט מיין שולד, איך קאָן נישט באַהערשן מיינע געפילן. יאָרן לאַנג האָב איך זיי געשטיקט אין מיר, און איצט פאָדערן זיי זייער באַפרייאונג. אויב עס קומט עמעצן אַ דאַנק — קומט עס אייך, ווייל אַדאַנק אייך באַפריי איך זיך היינט פון אַ קאָשמאַר, וואָס האָט מיך יאָרן לאַנג געפייניקט, אַדאַנק אייך באַפריי איך זיך אויך פון אַ נדר, וועלכן איך בין איצט מקיים. מיט אַ מינוט צוריק האָב איך נאָך געזען ווי צו דעם ארון קודש פון דער נייער שול גייען צו, טריט ביי טריט, מיינע אומגעקומענע ברידער, און שוועסטער, טאַטע מאַמע, פעטערס און מומעס. ניין און צוואַנציק פון מיין משפחה זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַצישע תליינים. ווייל איך

מוסדות
עזרה
וסעד

געכאַפּט אַן אויבערפלעכלעכן בליק אין דער מאָרגן־צייטונג און איך האָב גלייך באַמערקט די ידיעה וועגן דער קאָנפיסקאַציע פון באָדן פאַר דער יידישער שול. ווי דורך אַ רעפלעקטאָר־שיין איז מיר פלוצלינג באַלויכטן געוואָרן מיין אַמאָליקער נדר. איך האָב דערזען פאַר זיך די פלאַמען פון דער אַלטער שול אין פוילן און זיך דער־מאָנט מיין נדר. איך האָב נישט געוואָלט וואַרטן איין איבעריקע מינוט. איך האָב גלייך אויפגעזוכט דעם טעלעפאָן־נומער פון קהילה־פּרעזידענט און זיך געשטעלט מיט אים אין קאָנטאַקט. ער איז זיכער געווען דערשטוינט פון מיין איילעניש און אימפּעט, אָבער איך האָב געפילט, אַז מען מוז וואָס שנעלער אויפבויען די שול, אין זכר פון יענער שול מיינער, אין זכר פון די אַלע קדושים, אין זכר פון דער יידישער פּינסק מיינער, וואָס איז אומגעקומען און פאַרטיליקט געוואָרן. איצט קאָנט איר פאַרשטיין, מיינע ליבע פריינט, פאַרוואָס איך בין געבליבן אָן לשון, ווען מען האָט איבער־געשניטן די לענטע און אנטהילט די שול. יאָ, איך האָב דערזען ווי די קדושים וטהורים אונדזערע גייען צום ארון קודש אים עפענען און אַ ציטער איז מיר אַדורך — פונקט ווי דער ציטער וואָס איז מיר אַדורך ווען איך האָב געזען יענע שול אין פלאַמען. איך האָב מקיים געווען דעם נדר ווערלכן איך האָב געגעבן אין דעם פינצטערן בונקער. אויך איצט קומען צו מיר צו חלום מיינע טייערסטע און ליבסטע, אָבער זייערע פנימער שטראָפן מיך נישט. ווען איך דערמאָן זיך אין מיינע היימישע, אין מיין גרויסער פאַרצווייגטער פאַמיליע וואָס איז אומגעקומען — לויף איך גלייך צו דער שול, און דאָ, וווּ עס קלאַפּט דער פולס פון יידישן לעבן, ווו עס ווערט דערצויגן אַ דור צו יידישקייט, ווו עס גליט דער פונק פון פּינטעלע ייד — שעפּ איך טרייסט און מוט. יאָ, מיינע פריינט, דער ראַביי איז געווען גערעכט, נישט נאָר אַ חנוכת הבית פייערן מיר היינט, נאָר אויך אַ נצחון. יענע בעסטיעס זענען געקומען דאָן פייערן דעם ענדגילטיקן נצחון זייערן דורך פאַרברענען די רעשטלעך פון דער יידישער שול, אָבער נישט זיי האָבן געזיגט. די שול איז פאַרבליבן.

*

שוכמאַן איז מיט שטילע טריט אַראָפּ פון בעלעמער. ער האָט זיך צעקושט מיטן ראַביי און דערנאָך — מיט זיין פרוי און 2 קינדער. גרויסע טרערן האָבן אַראָפּגערונען פון זיינע אויגן. אַ מינוט איז אין דער גרויסער שול געשטאַנען אַ טיפע שטילקייט און פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג, אַ ניגון וועלכן אַלע בייוועזנדיקע האָבן אויסגעזונגען. עס איז געווען דאָס געזאַנג פון „אני מאמין“, און מאָטל שוכמאַן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זינגען זיינע קאַרלינער־פּינסקער יידן, מיטן זעלבן ניגון, מיט דער זעלבער דביקות.



אַ דענקמאָל פאַר די קדושי־פּינסק אויפן בית־עולם אין מאָנטרעאל (קאַנאַדע).

על מוסדות ואירגונים

רשת ענפה של מוסדות צדקה וחסד היתה פרושה בפינסק, רובם ככולם הוחזקו ע"י היהודים עצמם. כל מוסד היה לו חבר נאמנים או ועד שדאגו לתקציבו השוטף, לאירגון מגביות, גיוס תרומות וכו'.

ראוי להזכיר במיוחד את „גמילות חסדים" — למתן הל־וואות לנצרכים ללא ריבית, בתי־יתומים (האחד בפינסק והשני בקרלין), „הכנסת אורחים" — מקום לינה לעניים חסרי־בית, „מושב זקנים" — האחד בפינסק והשני בקרלין, „תומכי עניים" — למתן עזרה לנזקקים במזון, בגדים ועצים לחורף, „לינת הצדק" (ר' הרשימה המיוחדת במדור זה), „מעות חיטים" — להגשת עזרה לקראת חג הפסח, „מאכל כשר" — מפעלו של ר' יצחק ברלין לסיפוק אוכל כשר לחיילים היהודיים שעשו בעיר. ראוי לייחד כמה דברים להערכת מוסד זה.

ר' יצחק עצמו היה מביא את המיצרכים שאסף בעיר לדירתו של יהודי בקירבת הקסרקטין ושם היו מכינים את הארוחות עבור החיילים.

החיילים היהודיים שרצו באוכל כשר היו משתחררים מהקסרקטין לשעת הארוחות.

ראוי לציין במיוחד את סדרי־הפסח שנערכו לחיילים. מאות חיילים היו מסבים לסדר זה ור' יצחק ברלין בראש, כשהוא אומר אתם את ה„הגדה". הייתה זו חווייה עמוקה לכל מי שראה „סדר" זה. גם קציני צבא גבוהים היו באים להשתתף בחגם של החיילים היהודיים והם היו מהללים את מפעלו זה של ר' איטשה ברלין.

לאחר פטירתו עמדה בראש המפעל הזה אשתו והחיילים היו נוהגים לצאת בריקודים, כשבאמצע המעגל עומדת זו שהמשיכה במפעל בעלה. פרט ל„סדר" היתה הגב' ברלין מארגנת גם את „הסעודה המפסקת" לחיילים בערב יום־הכיפו־רים וכן גם את הסעודה במוצאי החג.


עוד מפעל של עזרה הדדית ראוי לציון — העברת ילדי עניים לקייטנות־קייץ. בתקופה האחרונה רוכז מפעל זה בידי „צנטוס" (החברה שדאגה לטיפול ביתומים). ידוע לנו, כי בשנת 1937 בלבד סידרה חברה זו 250 ילדים בקייטנה בזשצי־אנק ליד פינסק. חלק ניכר מהתקציב הנדרש כוסה ע"י מרכז „צנטוס" וועד הקהילה, אך רובו של התקציב בא מהמגביות שנערכו לצורך זה ע"י הנהלות „בתי היתומים" בפינסק ובקר־לין.

לפי עדותו של שאול מנדל רבינוביץ' הוקמה קופת „גמילות חסד" ראשונה בתמיכתה של משפחת לוריא בשנת תרל"ב. מנהלי הקופה הראשונים היו: ר' אהרון לוריא וגב' גיטל אטינגר. הקופה השנייה נוסדה ע"י משפחת צייטלין בשנת תרמ"ב. באחת הכתבות שלו מספר ש. מ. ר. כי כעשרים אלף איש (?) נעזרו ע"י הקופות האלו.

בשנים האחרונות היה למוסד זה בית משלו ברח' בלוטנה.



הועד של „גמילת־חסד" בראשותו של פ. גורנובסקי



שלמה בס / „לינת הצדק"

אַלס געוועזענער פּאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע בין איך אפשר ניט גענוג אָביעקטיוו אין דער אָפּשאַצונג פון „לינת הצדק", אָבער מיר דוכט זיך אַז ניט נאָר איך, נאָר פיל־פיל יידן האָבן זיך באַצויגן צו „לינת הצדק" ווי צו איינער פון אונדזערע קרוין־אינסטיטוציעס. „לינת הצדק" פלעגט שיקן וואָלונטירער וואָס פלעגן נעכטיקן און האַלטן וואַך אין די הייזער פון אָרעמע קראַנקע יידן, זי פלעגט צושטעלן פאַרשיידענע מעדיצינישע אינסטרומענטן וואָס זענען געווען פון ערשטע וויכטיקייט פאַר די קראַנקע ווי טערמאָמעטרן, ליאָד, פּענכערס א. אַנד. הונדערטער קראַנקע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלט כדי באַצאָלן אַ דאָקטאָר פלעגן פון „לינת הצדק" באַזאָרגט ווערן מיט ספּעציעלע קוויטעלעך, און ביי דער געלעגנהייט איז כדאי פאַרצייכענען אַז די דאָקטוירים האָבן אין די מערהייט פאַלן זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכער עס איז באַלוינונג ביים אויפנעמען אַזעלכע אָרעמע קראַנקע.

די ביוראָ פון „לינת הצדק" נעבן „בית יתומים" אין אָנהויב פון דאָמניקאַנסקע גאַס, איז געווען אַן אַדרעס פאַר פיל נויטבאַדערפטיקע אין שטאָט. די יידישע עפנטלעכקייט האָט געוווּסט גאַנץ גוט וועגן דעם און דערפאַר פלעגן פּינסקער יידן זיך אָפּרופן זייער וואַרעם ביי יעדער געלעגנהייט לטובת דער אינסטיטוציע. הונדערטער יידן האָבן געצאָלט אַ חודש־שטייער, די קהילה און דער שטאָט־ראַט האָבן אויך סובסידירט „לינת הצדק", אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניק כדי צו דעקן דעם בודזשעט פון וואָס איז כסדר געוואָקסן, ווייל די נויט איז געוואָקסן. כדי צו דעקן די דעפיציטן פלעגן מיר 2 מאָל אין יאָר דורכפירן „בלימל־טעג", יעדן ווינטער אַ ליאָד־אַקציע, און אויסער דעם פלעגן מיר מיט דער מיטהילף פון פאַרשיידענע קרייזן אָרגאַניזירן אַ באַל אָדער אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג פון אַ דראַמאַטישן קרייז אָדער פון אַ ספּעציעלער טרופּע, און די ריינע הכנסה איז געגאַנגען פאַר „לינת הצדק".

עס איז כדאי אונטערשטרייכן אַז אַלע האָבן מיטגעווירקט און געהאָלפן שלא על מנת לקבל פרס און גאָר באַזונדער זאָל דאָ דערמאָנט ווערן ד"ר יעקובסאָן, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט העלפן און אַקטיוויזירן אַנדערע פאַר „לינת הצדק". דער גאַנצער „פּערסאָנאַל" פון לינת הצדק איז באַשטאַנען פון איין און איינציקער דאָקטאָרשע און שוועסטער גלייכצייטיק — ד"ר קאַפּלאַן, וועלכע האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און געטאָן אַלעס אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן און דעם סעקרעטאַר — דער זון פון רב וואלק. אויך די פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב מיטהעלפן און פלעגן אַרויסשיקן זייערע „פּאָרלעך" כדי זיך באַטייליקן אין די פאַרשיידענע אַקציעס.

אין די יאָרן 1935־37 איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון ש. באַס (פּאָרזיצער), מאיר ראַטנאָווסקי, ליפּא ווארצאַוויצקי, באַנדאַר, אינזש. יעקב גאָלדבערג.

דער קאָמיטעט פון „לינת הצדק". צווישן די מיטגלידער: אלתר קאָלאָדני, יעקב האָלצמאַן, ד"ר יעקאָבסאָן, ל. ווארצאוויצקי, י. גאלדבערג מ. ראַטנאָווסקי, סנדר ראַבינאָוויטש.



כיו"ר המוסד כיהן אינג. ישראל רייך. החברים הפעילים בועד היו: פריזנט, טשרניכוב, מ. טרייווש, משה ווייצל, טיוקל, גב' גווירצמן. זו האחרונה הפעילה גם קבוצת נשים שדאגו במיוחד לקיום מוסד זה. גם הא"א אפרים בודנקין ודוברושין גילו התעניינות מיוחדת בפעולת „גמילות חסד". ראוי לציין, כי בידי החברה היה „פנקס החברה", שלפי עדות רבים היה כבן 200 שנה.

מושב הזקנים הראשון הוקם לפי אותה עדות, ע"י חיה לוריא ופייגל לווין וניהלו את המוסד בתקופתו הראשונה מרים־לאה לוריא וג. אטינגר. גם ר' יוסף הלפרן שקד על פיתוח המוסד הזה. בסוף המאה ה־19 היו כבר קיימות גם: חברת משען ליולדות עניות, ביקור חולים, חברה ש"ס, חברה תהלים וכן גם חברת „סומך נופלים". זו האחרונה נוסדה ע"י מרים לוריא ופייגל לווין. מטרתה היתה לתמוך ביהודים שמצבם הכלכלי נתערער ולא יכלו לקיים את העסק או בית המלאכה שלהם.

איגוד הסוחרים הזעירים (קליינהענדלער פאַראיין) היה אף הוא מוסד חשוב לעזרה הדדית בין החנוונים. היו"ר האחרון של האגודה משה גולדברג (היה ידוע בכינויו „קוטשמע") הצליח לארגן כמעט את כל החנוונ־ם היהודיים במסגרת אגודה זו. אירגן אותם בסקציות שונות, הנהיג משמעת פנימית מחייבת וזכה משום כך להכרה רבה ולהשפעה. רשימתם זכתה בבחירות לקולות רבים ועקב הקשרים המיוחדים עם השלטונות שטיפח היו"ר הצליח תכופית לבטל גזירות שונות, הגבלות וקנסות. מזכיר האיגוד הזה היה — יצחק זיניוק. גם הקצבים (יו"ר שלהם היה מ. גלייברמן) והאופים (יו"ר — קופר) התאגדו במסגרת הארגון הזה.


אגודת הסוחרים היתה אחת האגודות הפעילות ביותר בחיים הציבוריים והכלכליים בעיר. פרט ליו"ר פ. רקובשצ'יק היו פעילים בועד בתקופות שונות: שלמה באַס, יעקב הולצמן, שלמה מוצ'ניק. דוברושין, דוד בוניוק, יקותיאל לוברט, יהודה פקץ', פרידמן וסמז'ובסקי. במשך זמן מסויים כיהן גם מ. פריזנט כיו"ר. מומחים, שנקבעו ע"י אגודת הסוחרים, שיתפו פעולה עם ועדות השומה הממשלתיות. ב"כ האגודה היו מסייעים לסוחרים בהגשת ערעורים על גובה השומה ואף מגישים עזרה משפטית לשעת־צורך.

היה לאגידה בנק מיוחד והיקף פעולותיו גדל משנה לשנה. החל משנת 1934 הוקמו בפינסק חנויות נוצרים שנועדו להרחיק את הקונים הנוצריים מחנויות יהודים, ואגודת הסוחרים נחלצה לפעולה כדי לסלק סכנה זו, אך מאמציה בענין זה עלו בתוהו, שכן היתה זו „מדיניות מגבוה". כמזכיר האגודה שימש י. המרשטיין. הסוחרים נטלו חלק פעיל בבחירות המוניציפליות והופיעו ברשימה מיוחדת.

המועדון של הסוחרים בעיר („אונדזער ווינקל") הוקם בשנת 1925 ושימש כמקום־מיפגש לסוחרים, בנקאים ובעלי־יכולת. פייבל־שרגא רקובשצ'יק, שהיה יו"ר אגודת הסוחרים, היה מיוזמיו. במועדון היתה מצוייה עתונות וותיקי פינסק יודעים לספר, כי מכשיר הרדיו הראשון שהיה בפינסק הותקן במועדון זה (היו אומרים אז: „אַ קָאָפּיקע אַ הער"...).

כאן היו נערכות גם הופעותיהם של האמנים המקומיים, להקות חובבים וכו' וההכנסות היו מוקדשות לכיסוי הוצאות המועדון. מכאן יצאה גם היזמה לאירגון הצגות שונות לטובת מפעלים ציבוריים. במיוחד היו ידועות בפעילותן הגברות לאה רקובשצ'יק, רגינה רבינוביץ' והגב' בורשטיין שגייסו את חברי המועדון לכל מגבית ומפעל פילנטרופי־סוציאלי. ליצני המועדון היו אומרים עליהן: „3 ווייבער — 6 פיס", כי הן היו „חיל־הרגלי" לכל דבר שבצדקה.

ועד הקהלה. יושבים מימין לשמאל: אייזל פרידמן, בנימין בוקשטאנסקי, אייזנשטיין, יוסף שקולניק (יו"ר), דוד בוניוק ויוסף דננברג.
עומדים: סטוליאר, קולטון, קראוועץ, א. מ. פלדמן, המרמן, פייבל גינזבורג, שטילרמן, אל. לווין, י. פקאטש.



בתקופת השלטון הסובייטי נסגרו בית החולים היהודי ושתי הקליניקות הפרטיות. הרופאים והצוות הרפואי הועברו לבית החולים הממשלתי ברחוב ברנאָדינסקה, שנשאר היחידי בעיר והורחב לצורך קליטתם של מספר גדול יותר של חולים. קופת החולים הממשלתית — „kasa chorych” הפכה לפולי־קליניקה. בתקופה זו קויים גם קורס לפלדשרים, בראשותו של ד״ר קרוטוב, רופא סובייטי שהשתקע בעיר ובתקופת הגרמנים פעל ביחידה פרטיזאנית.

כאשר כבשו הנאצים את פינסק סילקו מבית החולים את כל הרופאים והאחיות ממוצא יהודי. בגיטו, בבניין בית־היתומים הפולני לשעבר, היה בית־חולים קטן שבראשו עמד ד״ר יעקובסון ופוליקליניקה ברחוב יסנה בראשותו של ד״ר לב. חלק מן הרופאים עבד בבית החולים היהודי בגיטו וחלק בפו־ליקליניקה. הוא הדין ביחס לאחיות.

בתקופת שלטון הנאצים היה מצב הבריאות והתברואה חמור ביותר. הצוות הרפואי בשני המוסדות עבד בתנאים קשים ביותר ולמרות המחסור החמור בתרופות ובאביזרים רפואיים (אלה נתקבלו רק על פי אישורו של ד״ר דילבסקי, הידוע לשימצה), עשו הרופאים והאחיות כמיטב יכולתם לה־גיש עזרה רפואית לנזקקים.

על אף השנאה והזלזול שרחשו הגרמנים ליהודים, לא היססו ולא התביישו להזעיק את הרופאים היהודיים הידועים במקרים חמורים ואף להינתח על ידם — כמובן תחת שמירה מעולה.



קורס לאחיות עזרה ראשונה (21.5.35)

א. אבן־דר

רופאים ורפואה

בפינסק העריכו נכונה את חשיבותם של מוסדות רפואה ורופאים למען התושבים. דבר זה ניתן ללמוד ממספר בתי החולים והמוסדות הרפואיים שעסקו בהגשת עזרה לחולים וגם ממספר הרופאים במקום. בראש וראשונה יש לייחס הישג זה ל־תושביה היהודים ולמוסדותיהם, שדאגו לקיום רמה נאותה של שירותים רפואיים כגון: בתי החולים, „טאָז״—„אזע״ ו„לינת הצדק״. בידינו רשימה של רופאים שעסקו בפועל במקצוע הרפואה (מלבד רופאי שיניים ומיילדות) והיא מונה למעלה מ־50 איש וביניהם כ־15 רופאים צעירים, שהתחילו להתמחות במקצועם, סמוך למלחמת העולם השנייה.

עד מחצית שנות השלושים התקיימו בפינסק שני בתי הולים שהנהלתם היתה בידי יהודים: האחד בפינסק, ברחוב זבלנה. והשני בקרלין, ברחוב ווישניובייצקי.

בבית־החולים היהודי שברחוב זבלנה היו 60 מיטות בערך. מנהלו בשנות השלושים היה ד״ר י. יעקובסון, רופא פנימי וכי־רורג. בין רופאי בית־החולים היה רופא כירורג שיצאו לו מו־ניטין כמנתח מושלם ייבסיינקו (ממוצא רוסי), הלארינגולוג ד״ר פראגר, הכירורג ד״ר גניכוב, הרנטגנולוג ד״ר יגרמן ועוד. בבית החולים היהודי שבקרלין היו כ־30 מיטות ומנהלו היה ד״ר גליקסמן. ראוי לציין שכל בית חולים העסיק גם „פלדשר״ אחד — „הרופא״ אברהם חיים בקרלין וקולודני „דרייפא״ — בפינסק. „רופאים״ — פלדשרים אחרים ידועים בעיר היו: משקה דער רופא, פישל, טוניס ופיקמן.

מלבד שני בתי חולים שהיו כאמור בבעלות הציבור היהודי בפינסק, היה גם בית חולים ממשלתי ובו 100 מיטות לערך. מנהלו במשך תקופה ארוכה, ה״ה ד״ר פיצ׳טוב; קלי־ניקה פרטית בבעלותו של הכירורג ד״ר ייבסיינקו ורעייתו רופאת העיניים ד״ר הלנה ייבסיינקו ברחוב הונצ׳רסקה וקלי־ניקה פרטית שנייה בבעלותו של ד״ר גניכוב, ברחוב זבלנה, פינת ספורטובה. בכל אחת מן הקליניקות הפרטיות היו 20 מיטות בערך.

בניינה של קופת החולים הממשלתית ״kasa chorych״ היה ברחוב קוסציושקו, בקירבת הגמנסיה הממשלתית. גם יהודים רבים נהנו מהשירותים הרפואיים שלה, פועלי בתי החרושת, בעיקר, פקידים, עובדי בתי המסחר, עובדים שהועסקו בקביעות בענף היערות ועובדים בענפים אחרים.

„טאָז״ (אז״ע) עשה מלאכה נאמנה בפינסק. הרוח החיה של מוסד רפואי זה היה ד״ר יעקב מנדלבוים. לידו עזרו ד״ר וויין־גולדברג ושתי האחיות גרינברג. ליד ה„טאָז״ קוימה גם „טיפת חלב״ בהנהלת רופאת הילדים ד״ר עלשטיין. „טאָז״ הגיש עזרה רפואית למעוטי־יכולת ובידיו היה גם הפיקוח הרפואי על בית־היתומים ועל בתי הספר היהודיים שבעיר. כן קוימו בחודשי הקייץ קייטנות לילדים.



צוות העובדים בביה״ח הפינסקאי עם הרופאים: יווסיינקו, גנכוב ויעקובסון



קורס לאחיות בהנהלת „הצלב האדום״



בית־החולים הקרלינאי

„EWA", שהמתעמלות בו היו רובן מן המעמד הבינוני והאמיד.

אין לפסוח גם על מועדוני הספורט הנוצריים — „יריבינו" בתחרויות אשר לעתים גרמו להתפרעויות, התנגשויות ושפיכת דמים על המגרש וכן גם להתנגשויות המוניות מחוצה לו. על פי רוב אירעו ההתנגשויות לאחר שקבוצה נוצרית הפסידה במשחק וחיפשה דרך לנקמה ועשיית שפטים בשחקנים היהודים ואוהדיהם היהודים. זכור לשימצה מקום הפורענות המתמיד — מגרש הכדורגל P.K.K.S "Ognisko" באיזור המגורים הנוצרי, בפרבר העיר, שליד תחנת הרכבת.

איצטדיון הכדורגל של „הכוח־מכבי" ברחוב ספורטובה היה מגודר ומדושא, רחב־ידיים עם מסלולי מירוץ ובמה בצידו האחד. באיצטדיון זה נתקיימו רוב תחרויות הכדורגל ותחרויות האטלטיקה הקלה בין הקבוצות השונות של היהודים והן בין קבוצות של יהודים ונוצרים. באיצטדיון „מכבי" היו גם מגרשים לטניס (קורט), לכדורעף ולכדורסל.

האיצטדיון השני נמצא בפרברי העיר, שהיה מאוכלס נוצרים, סמוך לתחנת הרכבת ולגן העירוני המטופח. הוא היה גדול יותר מהאיצטדיון של „מכבי" ואף בו היו מיתקנים לטניס, כדורעף וכדורסל.

מגרש כדורגל, קטן־ממדים, היה גם בסמוך לישיבה של קארלין. עליו התאמנו הילדים והצעירים, וברוב שעות היום היה שוקק מילדים ונערים משחקים. על סוג זה של מגרשים נימנה גם זה שבחורשת לישצ'ה, שם התקיימו האימונים הראשונים של קבוצת „הכוח".

המקומות העיקריים לאימון הגופני בשטח האטלטיקה הקלה היו באולם הגימנסיה „תרבות", בבניין ההסתדרות הציונית שברחוב זבלנה, בבית ויינברג באותו רחוב („מכבי"), ברח' אלברכטובסקי (הפועל) ובאולמות של הסתדרויות הנוער. הנהרות והאגמים שפינסק וסביבותיה היו ברוכות בהם, שימשו לחובבי ספורט המים — השחייה, החתירה בסירות, החלקה על הקרח בעונת החורף.

בין עסקני הספורט הבולטים, שאחדים מהם היו גם מאמנים, ראוי להזכיר את:



קבוצת „מכבי" בשנות העשרים בהדרכת המורה א. מאירוביץ'



קבוצת כדורגל „מכבי" בשנות השלושים: ל. ברוצקי, מ. ז'וכוביצקי, ס. אייזנברג, י. ציפרשטיין י. הוברמן, י. סמורין, ט. ריז'י, קוסובוקוב (פולני), קשיסטיקוב (פולני), אייזלמן, י. ז'כוביצקי



הנבחרת של פינסק: פינקל, הוברמן, אייזלמן, סמורין, קופלוב, סוקולוב, ז'כוביצקי, פרנץ, פטר, דנגברג

א. דר

ספורט

זוהי ודאי זכותם של בתי הספר השונים בפינסק, שהתחילו לטפח בשנות העשרים את ענפי הספורט השונים במסגרת תכנית הלימודים הקבועה ועל ידי כך הגיעו את הכשרונות שהיו בתחום זה להתפרץ ולהתבלט. זוהי גם זכותן של תנועות הנוער השונות, שבמסגרת פעולתן, ובעיקר בנשפים השונים שערכו, הדגישו והבליטו את המקום המכובד שייחדו לספורט. על כל פנים, עובדה היא, כי ההתפרצות של הנוער היהודי בפינסק לספורט היתה בממדים הרבה יותר גדולים מאשר זו בערים אחרות בפולין של הימים ההם. בכל חוגי האוכלוסיה, ללא הבדלי מעמד ומוצא סוציאלי, עסקו בספורט, אך הגדילו לעשות אירגוני הנוער ליד המפלגות ותנועות הנוער. ודאי, שאילולא אותם „משוגעים לדבר”, שהקדישו זמנם ומרצם (אחרים — גם כספם) לפיתוח וטיפוח הספורט לענפיו השונים — לא היתה זוכה פינסק היהודית לאותו מעמד שכבשה בתחום זה ולאותם מוניטין טובים שיצאו לה, בפרט בענף הכדורגל, שהיה גם אז הפופולארי ביותר בקרב הנוער. רבים־רבים שהתחילו לשחק בקרני רחובות בכדורגל מסמרטוטים („אַ שמאַטאָוועך מייאַץ' — כך קראו לו ביידיש רוסית...) גמרו כאלופים על מגרשי כדורגל מודרניים לאחר זמן. לתחרויות כדורגל היו נוהרים המונים, לא כל שכן כאשר המישחק היה בין קבוצה נבחרת פינסקאית לבין אחת הקבוצות המפורסמות בפולין. הפטריוטיזם היהודי והפינסקאי היה מופגן אז באותן קריאות עידוד לשחקנים (הכל הכירו אותם בשמם, כמובן) ותשואות הידד, שהשתתפו בהן זקן ונער.

הקבוצות העיקריות היו: „מכבי” שירשה את „הכוח”, „הפועל” מיסודו של „קראפט”, „מאָרגנשטערן”, „נורדיה” ו„שטערן”.

מלבד הקבוצות שמנינו לעיל, ראוי להזכיר את קבוצת הכדורגל „חשמונאי”, שלה, כנראה, זכות הבכורה בין קבוצות הכדורגל, אלא שזו לא האריכה ימים והתפרקה. כן יש לציין את קלוב הנשים

קבוצת כדורגל „הכוח”: ל. ריז'י, פטר, קופלוב, פינקל, ש. פיאלקוב, דנגברג, נ. שוכמן, י. ז'כוביצקי, אוקסמן, פרנץ, פינקל, סמורין.

נציגי העירייה (יושבים בשורה האמצעית: ד"ר הוף, פלזן, ד"ר פלדמן, אורבך) מעניקים את גביע העירייה לקבוצת „מכבי” (1925)

יוצאי
פינסק
בתפוצות



חברי ועד „הפועל״: א. רודמן, י. פורטנוי, ז. שוורץ, רוזמן, ד. קופלוב

ד״ר פלדמן, ד״ר הוך, עו״ד פאס, אדולף פלזן ואחיו המורה אורבאך, רודה, משה כגן, מרדכי פקץ, קונסטנטין, אהרון קופילוב, משה׳ל גולדברג („קוטשמע״), שמואל דננברג, ז. ספירא, יאשה לב, נחמן ז׳וכוביצקי, ישעיהו פילקוב, מיקה ברמן, גורליק, עקיבא אפשטיין, אריה שוורץ, ירמיהו פורטנוי, אינג׳ רוזמן, דבורה קופילוב (שנשלחה גם לקורס הדרכה בוורשה ועסקה אח״כ בהדרכה), פסח פקץ, אלי פלוטניצקי, אליהו רודמן וברמן. כל העסקנים האלה תרמו רבות לפיתוח הספורט בעיר ובעיקר — בענף הכדורגל.

מועדון „מכבי״ (קודם „הכח״) הוקם בשנים 1923—1922 ונתמך על ידי חוגים נרחבים יותר של האוכלוסייה היהודית משני טעמים: כושרם הגופני של אנשיו ורמתם עלתה על זו של חברי מועדונים אחרים; הוא נשא אופי בלתי־מפלגתי למרות שהיה מקורב יותר לחוגי הציונים הכלליים. היו בו סקציות לכדורגל, לאטלטיקה קלה, לאיגרוף, לכדורעף, לכדורסל, לכדור יד, לפינג־פונג ולרוכבי אופניים.

על שחקניו הראשונים של „הכוח״ נמנו: יוסף רובינשטיין, חיים קפלן, יעקב ז׳וכוביצקי, חיים קופילוב, שמואל דננברג, יצחק סמוריץ, לייבל פינקל, ב. גלייברמן, נח פולין, ראקובשצ׳יק, מילצקי, מומה, ברודצקי, שמעון, יודל ומשה שלפושניק. ב„הכח״ שיחקו גם הנוצרים: פטר ופרנץ.

על „הגל השני״ של השחקנים נימנו: סיומה אייזנברג, זוכוביצקי משה׳ל, אייזלמן, יעקב הולצמן, לייבלה ריז׳ין, אלינקה גוטמן, ברל אפלמן, לוכטאן, ניומה לדרמן, יוסף הוברמן, לוזר ווקסר, ברל קויפמאן, נח פוטניצקי, יוסף בנקובסקי, במבל לבנדיגר, ישׂשכר פרידמן, לייזר גולדמן. באמצע שנות השלושים הופיעו בקבוצה זו גם: רבינוב בורה, אומה פסאכין, ראובן גלייברמן, שמואל הלמן, יצחק ז׳וכוביצקי, זוניה פלדמן, אברהם לווין, לייבלה כגן, טבל פרישברג, יצחק ציפרשטיין, שמואל סטולרוב וישראל כלבוויניק.

קבוצת הכדורגל הכוח־מכבי, שהיתה פאר הקבוצות היהודיות בפינסק והשתייכה לליגה א׳ המחוזית, ערכה תחרויות עם הקבוצות: טור־פולסיה, קוטוויצא, קבוצת הצבא 84 פ.פ., אוז׳ל, פוגון־לבוב, שמיגלי מוילנה, חשמונאי מלבוב, חשמונאי מרובנה, מכבי־ברנוביץ, הכוח־לוניניץ, קבוצת הגדוד ה־9 של חיל־השריון, ל.ק.ס. לודז, מכבי וילנא, לגיה ורשה ועוד. הקבוצה סבלה ממחסור כרוני באמצעים למימון פעולותיה ולהחזקת המועדון, ורק תודות למספר עסקנים בעלי יכולת וכרטיסי הכניסה לתחרויות יכלה להחזיק מעמד.

המועדון „קראפט״ הוקם בשנת 1929. בין מייסדיו היו: יעקב רוזמן, אלי פלוטניצקי, פסח פקץ, אליהו רודמן, סטרובינסקי וברמן והוא נתמך על ידי פועלי ציון (צ.ס.). לימים, בשנת 1935, שונה שמו של המועדון ל„הפועל״. „קראפט־הפועל״ פיתחה פעולה ספורטיבית ענפה עד לפרוץ מלחמת העולם השנייה. המדריך הראשי לקבוצות הבחורים היה ירמיהו פורטנוי ולקבוצות הבחורות — דבורה קופילוב.

במועדון היו קבוצות מאורגנות של כדורגל ואטלטיקה קלה. על שחקני קבוצת הכדורגל של „קראפט״ ואח״כ „הפועל״ במשך שנות קיומה נמנו: זוניה פלדמן, וורמן, אלי גוטמן, יום־טוב גרבוז, יצחק [illegible], פנחס אייזנברג, בורמן, יצחק סרגיק, מרקליוק, אברהם לווין, מולה הלמן, אלי סופוזניקוב, ניונה פינקל, קרביץ, ראובן גלייברמן ובורטנובסקי יצחק. קבוצת הכדורגל השתייכה לליגה השנייה.

המועדון „גורדיה״ נמצא בחסותה של המפלגה הרבזיוניסטית ובית״ר ועל מייסדיו נמנו: משה כגן, בורושוק, מרדכי פקץ ועוד. המועדון קיים סקציה לכדורגל, לאטלטיקה קלה, לאיגרוף ולפינג־פונג.

על שחקני קבוצת הכדורגל שהשתייכה לליגה השנייה במחוז נמנו: מרדכי פקץ׳, מיכאל פקץ׳, סיומה ילינסקי, איצל זוכרביצקי, אליעזר וקסר, איזי שפירא, אייזיק שמיד, אברהם גלייברמן, דוד הוברמן, מריק גלמן, ניונה פינקל, אביגדור ליס, ו. סלוצ׳ק ויוסף שוורצמן.

קבוצת האטלטיקה הקלה בהדרכתו של מרדכי פקץ׳ היתה ברמה גבוהה והוכיחה את יכולתה בהזדמנויות שונות במופעים.

המועדון „מורגנשטרן״ היה בחסותו של ה„בונד״. גם במועדון זה נתקיימה פעילות ספורטיבית בכיוונים שונים. קבוצת הכדורגל השתייכה לליגה המחוזית השנייה.

המועדון „שטערן״ היה בחסותם של פועלי ציון שמאל. עיקר פעילותו היה בקיום קבוצת כדורגל שהשתייכה לליגה השנייה במחוז.

און פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס. אָנהייבנדיק פון יאָר 1918 האָט דער „ברענטש” אָנטיילגענומען אויך אין די פאַרשיידענע קאַמפּיינען פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל. אַזוי אַרום איז די הויפּט ליניע געווען און פאַרבליבן — שטיצן די סאָציאַליס־ישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן אַז דער ברענטש האָט אַקטיוו מיטגעווירקט אין דער באָיקאָט אַקציע קעגן היטלער־דייטשלאַנד און אין די פאַרשיידענע אַנטי־נאַצישע ליגעס.

אין קעגנזאַץ צו פאַרשיידענע אָפּצווייגונגען פון „אַרבעטער רינג” האָט דער פּינסקער ברענטש געשטיצט דעם „געווערקשאַפטן קאַמפּיין” פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל און שליחים פון דער הסתדרות האָבן אָפט אָנטייל גענומען אין די ספּעציעלע הסתדרות־אָוונטן וואָס זענען דורך אים אָרגאַניזירט געוואָרן.

דער ברענטש האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגליד אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווי „אָרט”, „יידישער אַרבעטער קאָמיטעט” א״אַנד.

גלייכצייטיק איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די קעגנזייטיקע הילף צווישן די מיטגלידער. אין נויט פאַלן האָבן די חברים שטענדיק געהאַט אַן אַדרעס צו וועמען זיך ווענדן. אַ דאַנק זיין פערצווייגטער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט האָט דער ברענטש 210 זוכה געווען צו גרויס אָנזען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע און פירנדע פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן, הגם ניט קיין פּינסקער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ברענטש.

אין יאָר 1929 איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּינסקער פרויען ברענטש, וועלכער האָט זיך אויך קונה־שם געווען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע.

אין יאָר 1931 האָט דער ברענטש אויך אָרגאַניזירט אַ יוגנט־ברענטש, וועלכער האָט עקסיסטירט עטלעכע יאָר, ביז ער האָט זיך פאַראייניקט מיט אַ צווייטן יוגנט־ברענטש פון „אַרבעטער רינג”.

הילף פאַר פּינסקער יידן

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז די טעטיקייט פון פּינסקער ברענטש אויפן געביט פון הילף פאַר פּינסקער יידן.

גלייך נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז ספּאָנטאַן אויפגעשווומען די אידעע פון אָרגאַניזירן הילף פאַר פּינסק. נישט וויסנדיק נאָך גענוי וואָס קומט פאָר אין דער היימאַטס־שטאָט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער „רעליעף קאָמיטעט”. צווישן די פּינסקער לאַנדסמאַנשאַפטן זענען פאַרטיילט געוואָרן קופּאָנען פון 5 סענט ביז 1 דאָלאַר און די ערשטע סומען זענען אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין פּינסק שוין אין 1915, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט. אָבער די ערשטע סומען זענען ניט אויסגעניצט געוואָרן אויפן בעסטן אופן. ערשט אין 1919, נאָכן אַריינמאַרשירן פון פּוילישן מיליטער, ווען די לאַגע איז קלאָרער געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ גרויסן הילפס־



קאַמפּיין פאַר די פּינסקער יידן וואָס האָבן אַזוי שרעקלעך געליטן פון דער מלחמה.

די ידיעות וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד פון די 35 געזעלשאַפטלעכע טוער און יידישע לערער, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין ה׳ ניסן דורך די פּוילישע לעגיאָנערן, האָבן אויפגעטרייסלט די פּינסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. דער פּינסקער ברענטש האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו קאָנסאָלידירן אַלע פּינסקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע כדי וואָס שנעלער אַרויסשיקן הילף. עס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ „פאַראייניקטער פּינסקער הילפס־קאָמיטעט” און דער ברענטש 210 האָט דער ערשטער אַריינגעטראָגן אַ סומע פון העכער 3000 דאָלאַר.

אין דער דאָזיקער אַקציע האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אַ נייע אָרגאַניזאַציע פון פריש־אָנגעקומענע פּינסקער אימיגראַנטן, וועלכע האָט זיך גערופן „פּינסקער וואָלונטירס” און האָבן זיך שפּעטער אויך אָנגעשלאָסן אין ברענטש 210. אויסער זיי זענען געווען פאַרטראָטן אין דעם פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט: „עזרת־אחים, אנשי פּינסק”, „שוחרי טוב אנשי פּינסק” און „דורשי טוב אנשי פּינסק”. אויך די פּינסקער לאַנדסמאַנשאַפטן פון די גרעסערע שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין פאַרלויף פון דער אַרבעט מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון דער הילפס־אַקציע.

שפּעטער, ווען די אַקציע האָט זיך גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט, האָט דער קאָמיטעט דעלעגירט קיין פּינסק דעם ה׳ קוגעל וועלכער האָט מיטגעפירט 35.000 דאָלאַר, כדי צו פאַרטיילן צווישן פּריוואַטע מענטשן און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ווען ה׳ קוגעל איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער גרויסער נויט פון דעם ה׳ דאַוויטש, וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרן אָרגאַ־ די פּינסקער יידן האָט דער קאָמיטעט דעלעגירט קיין פּינסק דעם ה׳ דאַוויטש, וועלכער איז בעאויפטראַגט געוואָרן אָרגאַניזירן די קאָנסטרוקטיווע הילף און שטיצע פאַר געזעלשאַפט־

פּינסקער אין אַמעריקע און קאַנאַדע

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און די ספּעציפישע סאָציאַלע באַדינגונגען פון די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אַרויסגערופן די נויטווענדיקייטן פון שאַפן הילפס־אָרגאַניזאַציעס כדי דער פרישׂ איינגעוואַנדערטער, וועלכער איז על פּי רוב געווען עלנט, אָן פאַמיליעס און פריינד, זאָל געפינען אַ סביבה און הילף אין אַ נויט־פאַל. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע און אויף דעם באַזיס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אויך די פּינסקער יידישע אימיגראַנטן.

די „פּינסקער שול" האָט געדינט אַלס דער ערשטער צענטער פאַר די פּינסקער יידן אין ניו־יאָרק אין די ערשטע יאָרן פון 20־סטן יאָרהונדערט. דער שווערער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע וועלכן עס האָבן געמוזט דורכמאַכן די אימיגראַנטן אין די אַזוי גערופענע אַמעריקאַנער „שוויץ שאָפּן" און די אינטעגראַציע שוועריקייטן האָבן נאָך מער פאַרטיפט דעם סענטימענט און די בענקשאַפט געפילן צו דער אַלטער יידישער היים. אין דער „פּינסקער שול" פלעגן זיך טרעפן די פּינסקער אימיגראַנטן כדי נאָכן דאַוונען אָפּנעמען גרוס, אַראָפּריידן אַ ביסל פון האַרצן, זוכן אַ קרוב, אַ פריינד, אַן עצה א.ד.ג. אין דער שול איז פאַקטיש געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן דעם „פּינסקער ראַדיקאַלן עמיגראַנטן אונטערשטיצונג פאַראיין".

אין יענער צייט, ווען אין פּינסק האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן די אַרבעטער באַוועגונג און נאָכדעם ווי דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע טעטיקייט וועלכע האָט אַרויסגערופן שטרייקן און אַרעסטן, ווי אויך פאַרשיקונגען פון די פּינסקער אַרבעטער טוער קיין צאַרישן סיביר, זענען אויך אָנגעקומען הילפס־רופן פון פּינסק צו די לאַנדסלייט אין אַמעריקע. בעת אַ געוויסן צוזאַמענטרעף אין שול איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן הילף פאַר די קרבנות פון די צאַרישע פאַרפאָלגונגען און אויך גרינדן דעם אויבנדערמאָנטן פאַראיין.

די ערשטע סומען וואָס די „פּינסקער ראַדיקאַלע" האָבן אַריבערגעשיקט דעם קאָמיטעט פון „בונד" אין פּינסק האָבן אַרויסגערופן ענטוזיאַזם ביי די פּינסקער בונדישע עסקנים און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער שטאַרקער קאָנטאַקט צווישן פּינסק און ניו־יאָרק, וועלכער איז נאָך פאַרטיפט געוואָרן אין די קומענדיקע יאָרן ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע נייע עמיגראַנטן, וועלכע זענען שוין זייענדיק אין פּינסק געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. די „פּינסקער ראַדיקאַלע" האָבן זיך אָנגעהויבן זען ווי אַ רעזערוו־ליניע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער „אַלטער היים" און גלייכצייטיק געזאָרגט פאַר די נייע אימיגראַנטן פון פּינסק, זיי זאָלן האָבן אַ סביבה, קריגן אַרבעט און ניט זיין אַזוי איינזאַם ווי די ערשטע אימיגראַנטן פון פּינסק זענען געווען אָנקומענדיק קיין אַמעריקע.

די טעטיקייט פון דעם פאַראיין, וועלכע איז געוואָקסן מיט דער צייט, האָט געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך אויך געשטעלט אַלס ציל שטיצן די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין זייערע אַלטע היימען.

דער זיג פון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד, דאָס פאַרשיקן די וויכטיקסטע עסקנים, דער צוזאַמענברוך פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּינסק — האָט געהאַט אַ דערדריקנדע ווירקונג אויף די מיטגלידער פון דעם פּינסקער „ראַדיקאַלן פאַראיין", וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געוויסער אַפּאַטיע און כמעט ווי אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט. אין די יאָרן 6־1905 האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פון רעוואָלוציאָנערן, ווען עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך פון צאַרישן רעזשים. די שווערע אַנטוישונג פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן יאוש שטימונגען ביי אַ גרויסן טייל פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך דערווייטערט פון יעטוועדער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און געזוכט נאָר „ביזנעס" און „תכלית". די אָרגאַניזאַציע „פּינסקער ראַדיקאַלע" האָט כמעט אויפגעהערט פונקציאָנירן. דאַקעגן האָט אין יענער צייט גענומען וואַקסן דער „אַרבעטער רינג" אין אַמעריקע און די אַקטיווע טוער פון „פּינסקער ראַדיקאַלע" האָבן באַשלאָסן אָנצושליסן זיך אַלס „ברענטש" (צווייג) פון „אַרבעטער רינג" און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער „פּינסקער ברענטש 210 אַרבעטער רינג".

פּינסקער ברענטש 210

די נייע אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן סיי אין איר מיטגלידערשאַפט און סיי אין איר איינפלוס. די מיטגלידער פון „ברענטש 210", צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל אויסגעפּרוּווטע בונדיסטן, האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די שטיצע פאַרן „בונד" אין רוסלאַנד און עס איז דאַן באַשטימט געוואָרן אַז יעדער מיטגליד פון „ברענטש 210" מוז צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פון 10 סענט יעדע 3 חדשים פאַרן „בונד". דער דאָזיקער באַשלוס איז געבליבן אין קראַפט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — ווען די מיטגלידערשאַפט אין ברענטש האָט זיך געביטן און די חברים פון „בונד" זענען שוין ניט געווען די דעצידירנדע מערהייט.

דער ברענטש 210 איז זייער שנעל געוואָרן פּאָפּולער אין דער גרויסער „אַרבעטער רינג" אָרגאַניזאַציע. אויף זיין טאָג־אָרדנונג זענען תמיד געשטאַנען אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע פראַגן, סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען און גלייכצייטיק האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט דאָס ברידערלעכע סאָלידאַריטעט־געפיל פאַר און צווישן די מיטגלידער. די הכנסה פון די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען וואָס דער פּינסקער ברענטש האָט אָרגאַניזירט איז געווען געווידמעט שטיצן פאַרשיידענע קולטורעלע

דער פ.פ.ק. האָט אין צייט פון דער 2־טער וועלט־מלחמה איבערגעשיקט שטיצע דירעקט קיין פינסק ווי אויך קיין איטאַליע און פראַנקרייך פאַר די פליטים פון פינסק.

אַלס פרעזידענטן פון „פין־פאָר־קלוב" האָבן אַמטירט במשך דער צייט: א. עלמאַן (ביז 1935), אַלעקס טאנסמאַן (פון 1935 ביז 1937), מאַקס דזשאספּער (ביז 1939), מאַקס מילער (1940), מאַקס ליבערמאַן (ביז 1946), היימאַן פרידמאַן (ביז 1948), טשארל פרידמאַן (ביז 1951), א. מעלצער (ביז 1957), שמואל גלאצער (ביז 1962), נתן פישקאָוו (פון 1963). דער איצטיקער סעקרעטאַר — א. רובין.

אויסער די אָפיציעל באַשטעטיקטע הלוואות פלעגט דער פ.פ.ק. אויך מקיים זיין די מצווה פון „מתן בסתר" פאַר נויט־באַדערפטיקע און פאַרטיילן פאַרשידענע געלט סכומים פאַר צדקה־אינסטיטוציעס, פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע פאָנדן. פאַרשטייט זיך אַז דער פ.פ.ק. האָט אָנטייל גענומען אין פינסקער הילפס פאָנד.

דער הויפּט קוואַל פון די הכנסות זענען די באַגריסונגען אין דעם זשורנאַל וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך פ.פ.ק. אין פאַרבינדונג מיטן יערלעכן באַנקעט. במשך זיין עקסיסטענץ האָט דער פ.פ.ק. געהאָלפן זייער פיל מיטגלידער מיט הלוואות און נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די הלוואות ווערט ניט געדעקט.

די מיטגלידערשאַפט פון קלוב זענען פינסקער לאַנדס־לייט. ניט פינסקער ווערן זעלטן אָנגענומען אַלס מיטגלידער.

סאָציאַלער קלוב פון פינסקער פאריער (פוטערוואַרג) אַרבעטער

אין 1938 איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק דער קלוב אונטערן אויבן דערמאָנטן נאָמען. די איניציאַטיוו דער־צו איז געקומען פון אַקטיווע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, וואָס האָבן געשטאַמט פון פינסק. דער ציל איז געווען צו העלפן די מיטגלידער, פינסקער פוטערוואַרג אַרבעטער, דורך קריגן אַרבעט, געבן אַ הלוואה א.ד.ג. די מיטגלידער האָבן געשטרעבט צו אַ היימישער סביבה, אָנ־האַלטן די קאָנטאַקטן און טראַדיציע פון דער אַלטער היים. אויך דער קלוב האָט אָנטייל גענומען אין קולטורעלע אונטער־נעמונגען, ספּעציעל אין די רייען פון די אַרבעטער, און געשטיצט די פאַרשיידענע הילפס־אַקציעס פאַר פינסקער יידן און אינסטיטוציעס.

„דורשי טוב אנשי פינסק"

די פינסקער אָרגאַניזאַציע שטאַמט פון פאַראיין „שוחרי טוב אנשי פינסק", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן שוין אין יאָר 1886 דורך אייזיק גרינבערג, וועלכער איז אין פינסק געווען אַ סיגאַרן־מאַכער און אין ניו־יאָרק, האָט ער מיט דער צייט געשאַפן אַן אייגענעם וואַרשטאַט אין וועלכן ער פלעגט באַשעפטיקן זיינע פינסקער לאַנדסלייט. זיי זענען טאַקע גע־ווען, צוזאַמען מיט זייערע קרובים און פריינט די ערשטע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אייגענע שול און זייער ציל איז געווען — געבן הילף אין פאַלן פון אָרעמקייט, קראַנקהייט אָדער טויט פון די פאַמיליע שפּייזער. דאָס איז געווען די ערשטע פינסקער געזעלשאַפט אין אַמעריקע, וועלכע האָט אויך אָפּגעקויפט אַ שטיק קרקע פאַר אירע מיטגלידער אויפן בית־עולם אין ברוקלין — ניו־יאָרק. צוליב סכסוכים צווישן די רעליגיעזע און די פרייע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָט זי זיך געשפּאָלטן אין 1893. איין טייל האָט געשאַפן אַ נייעם פאַראיין א. נ. „עזרת

די עקזעקוטיווע פון „פינפאר" קלוב, ניו־יורק



זיצן (פון רעכטס) ב. וויינער, ס. בוכשטיין, ס. גלאצער, נ. פישקאוו (פרעזידענט), א. רובין, ג'. רובין, ב. גלאצער.
שטייען: מ. גאמזא, ג'. פערלמאן, ד. מעטץ, ב. אייזנבערג, ה. מארגאליעס, פ. וויניק.

לעכע אינסטיטוציעס. אויסער די געזעלשאַפטלעכע שטיצע האָבן מער ווי 3500 פּערזאָן איבערגעגעבן דעם הילפס־קאָמי־טעט אַ סומע פון קנאַפּע 150,000 דאָלאַר כדי צו פאַרטיילן פאַר זייערע קרובים און פריינד אין פּינסק.

במשך פון די עטלעכע וואָכן וואָס ש. דאַוויטש האָט גע־ווײלט אין פּינסק איז געשאַפן געוואָרן אויפן אָרט אַ „יידישער הילפס קאָמיטעט" אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען פאַר־שטייער פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ליי־קאַסע, אַן עמיגראַציע ביוראָ, פאַרשיידענע קאָאָפּעראַטיוון פון בעלי־מלאכות, אַרבעטער א״אַנד. דאָס אַלעס האָט געהאָלפן אויפלעבן פון דאָסניי די יידישע געזעלשאַפט: קרעמער און הענדלער האָבן זיך גע־קענט צוריק נעמען צו מסחר, האַנטווערקער האָבן ווידער געעפנט זייערע וואַרשטאַטן. דאָס יידישע פּינסק האָט אָפּ־געאָטעמט. דאָס איז געווען, בלי ספק, איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען וואָס די פּינסקער אין אַמעריקע האָבן צו פאַר־צייכענען.

אויך אין דער צייט פון דער 2־טער וועלט־מלחמה האָט דער „פּינסקער ברענטש" צוגלייך מיט אַלע פּינסקער לאַנדס־מאַנשאַפטן אין אַמעריקע, פּרובירט העלפן און ראַטעווען די פאַרבליבענע און געראַטעוועטע פון נאַצישע שחיטות. די באַדינגונגען זענען געווען גאָר אַנדערע. עס איז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט די שארית־הפליטה קאָ־מיטעטן פון די פּינסקער, מיט דעם „אירגון יוצאי פינסק" אין ישראל און מיט אַלע מאַסגעבנדע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט הילף פאַר די פּליטים און שרידים.

די קולטור אַרבעט פון ברענטש

אַ סיסטעמאַטישע קולטור און אויפקלערונגס אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן פּינסקער ברענטש: פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, רעפעראַטן פון די אָנגעזעענסטע קולטור־מענטשן, שליחים פון דער הסתדרות אין ישראל, ציש״אָ אין פּוילן א״אַנד. גאָר אַקטיוו האָט זיך דער ברענטש באַטייליקט אין אַלע אויפטוען פון קולטורעלן כאַראַקטער, פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך, שטיצע פאַר יידישע שולן אין אַמעריקע און אין פּינסק (די משה'ל גלייבערמאַן שולע איז געווען אַ מין גייסטיק קינד פון ברענטש). אויסער דעם האָט דער ברענטש אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „דאָס לעבן" וואָס פלעגט דערשיינען איין מאָל אין 3 חדשים און פלעגט אָפּ־שפּיגלען די טעטיקייט פון ברענטש ווי אויך באַהאַנדלען אַלגעמיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַקטועלע פּראָב־לעמען. ספּעציעלע יובילעאום זאַמל־ביכער זענען דערשינען ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן ווי צום 15 יאָריקן, 20 יאָריקן און 25 יאָריקן יובל פון ברענטש.

אָבער די קרוין אַרבעט אויפן געביט פון קולטור אַקטיווי־טעט איז זיכער דאָס אַרויסגעבן דעם בוך „טויזנט יאָר פּינסק". צו דעם ספּעציעלן קאָמיטעט וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דעם צוועק זענען צוגעצויגן געוואָרן פירנדע יידישע פּער־זענלעכקייטן און קולטור־טוער, פּינסקער און אויך ניט פּינסקער, ווי ב. וולאַדעק, י. באַסקין, ד״ר נ. ראַטנאָף, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די הויפּט־אַקטיוויסטן פון פּינסקער ברענטש (מ. דזשאַספּאַר, ש. דאַוויטש, אהרן וויינבערג, ש. סעלניק, ה. גאָלדבערג, י. קופּער, מ. גורין, ל. קאַנטאָר, ד. וואָלף, מ. אדלער, פ. אייזנבערג, א. עלמאַן, פ. גאָלדבערג). מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג פון דער וויכטיקער מיסיע: אַרויסגעגעבן אַ בוך וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס בילד פון פּינסקער יידישן ישוב אין זיין געשיכטלעכער פאַרגאַנגנהייט.

דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1941 אונטער דער רעדאַקציע פון י. צביון, אַנטהאַלט קרוב 500 זייטן, און די פּינסקער אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשע־לעס, וואַשינגטאָן און אַנדערע שטעט האָבן מיטגעהאָלפן צו פינאַנסירן די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונג.

„פּין פּאָר־קלוב"

מיטן גרויסן עמיגראַציע שטראָם אין די יאָרן 1904—1907 זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע פּוטערוואָרג־אַרבעטער פון פּינסק, וועלכע האָבן אויך דאָ זיך גענומען צו זייער אַלטן פאַך און געוואָרן פּוטערוואָרג־אַרבעטער. מיט דער צייט איז אַ גרויסע מערהייט פון זיי געוואָרן געשעפטס־לייט, וועלכע האָבן אַליין אויסגעאַרבעט אָדער געהאַנדלט מיט פּוטער. סיי ווען זיי זענען געווען אַרבעטער און סיי ווען זיי זענען אויפגעקומען און געוואָרן פּראָדוצירער אָדער סוחרים, האָבן זיי אָפּגעהיט אַן אַלטע טראַדיציע פון פּינסק: קעגנ־זייטיקע הילף, סאָלידאַריטעט און ברידערלעכקייט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קרייז פון די פּינסקער אין דער בראַנזשע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל העלפן מאָראַליש און מאַטעריעל יעדן לאַנדסמאַן פון דעם פאַך אין אַ עת־צרה. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע אין 1929 האָט דער קלוב פּשוט געראַטעוועט פיל פּינסקער פאַכמענער פון אונטערגאַנג דורך הלוואות און אַנדערע הילפס־מיטלען. מיט דער צייט, האָבן די איניציאַטאָרן פון דעם קרייז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז כדי פאַר־ברייטערן די קעגנזייטיקע הילף איז נייטיק צו שאַפן אַ אָפיציעלע קערפּערשאַפט און אַ רעגולמעסיק פונקציאָנירנדיקע אָרגאַניזאַציע.

אין 1929 האָט אברהם עלמאַן איינגעלאַדן 60 פּינסקער לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פּוטערוואָרג, צו אַ באַראַטונג וועגן אָרגאַניזירן אַזאַ קערפּערשאַפט, און לויט זיין איניציאַטיוו איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן אויפשטעלן דעם „פּין פּאָר קלוב" (פּין — אַ פאַרקירצונג פון פּינסק, פּאָר — פּוטערוואָרג אין ענגליש). אין דעם רעגולאַמענט פון דעם קלוב זענען אַזוי פאָרמולירט געוואָרן זיינע צילן און אויפגאַבן: „מיטצוהעלפן אין דעם סאָציאַלן, פיזישן, אינטעלעקטועלן און קאָמערציעלן וווילזיין פון די מיטגלידער; פלעגן און אַנטוויקלען אַ גייסט פון גוטע באַציאונגען, פריינטשאַפט און קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן די מיטגלידער; אָנהאַלטן אַ הויכן סטאַנדאַרד פון קאָמערציעלער עטיק; געבן פּריוויליגיע אונטערשטיצונג אין קראַנקהייט פאַלן, ביי אומ־גליק צופאַלן אָדער נויט, העלפן און שטיצן אַלע ווירדיקע, וווילטעטיקע אונטערנעמונגען".

פּינסקער לײדים גמילות חסדים און צדקה געזעלשאַפֿט

די געזעלשאַפֿט, אויסשליסלעך פֿאַר פֿרויען, איז געגרינדעט געוואָרן שוין אין אָנהויב פֿון 20סטן יאָרהונדערט און איר הויפּט ציל — צדקה. זי האָט געשטיצט די פּינסקער און קאַרלינער בתי־יתומים און תלמוד־תורה. די געזעלשאַפֿט האָט אויך געהאַט אַ „גמילות־חסדים" וואָס האָט אויסגעבאָרגט די מיטגלידער הלוואות אָן פּראָצענט.

פּינסקער ברענטש 252 אין שיקאַגאָ

יוסף ברען, וועלכער איז אָנגעקומען פֿון פּינסק קיין שיקאַגאָ אין 1905, איז געווען דער וואָס האָט פֿערוואַנדלט דעם „פּינסקער ראַדיקאַלן אונטערשטיצונג פֿאַראײן" וואָס האָט עקסיסטירט אין שיקאַגאָ אין אַ ברענטש פֿון „אַרבעטער־

עס איז כדאי אונטערשטרײכן בײ דער געלעגנהײט די געוואָקסן פֿון 25 מיטגלידער ביז 250. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פֿון דעם ברענטש איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין שיקאַגאָ דער פּינסקער הילפֿס־קאָמיטעט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דער גרינדער פֿון ברענטש, יוסף ברען, איז דעלעגירט געוואָרן קיין פּינסק, מיטברענגענדיק מיט זיך 20.000 דאָלאַר צו פֿאַרטײלן צווישן דער נויטלײדענדער באַפֿעלקערונג און פּינסקער אינסטיטוציעס.

דער ברענטש האָט אויך געגרינדעט אַ פֿרויען־ברענטש, מיט וועלכן ער האָט קאָאָפּערירט אויף אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטס־געביטן. גאָר אַקטיוו האָט דער ברענטש מיטגעאַרבעט אויפֿן שול־געביט און געשטיצט די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן בכלל און די משה'ל גלײבערמאַן שולע אין פּינסק בפֿרט. ער האָט אויך געשטיצט די סאָציאַליסטישע פּרעסע און צוגעשטעלט פֿיל אַקטיווע טוערס פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

„פּינסקער אינדעפּענדענט פֿאַראײן" אין שיקאַגאָ

אין 1922 האָבן אײניקע פּינסקער לאַנדסלײט געגרינדעט דעם פֿאַראײן אין שיקאַגאָ, וועלכער האָט ביז 1930 איבערגעשיקט 10.000 דאָלאַר פֿאַרן פּינסקער בית־יתומים און אויך געשטיצט די פּינסקער נויטבאַדערפֿטיקע לאַנדסלײט אין שיקאַגאָ. צוגלײך מיט אַנדערע פּינסקער אינסטיטוציעס האָט אויך דער פֿאַראײן זײן אײגענעם „סעמעטערי" (בית־עולם).

די פֿרויען אָפּטײלונג, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין



א מסיבה בײ די „פּינסקער פֿרײנד"

זיצן (פֿ׳ רעכטס): מינע קאפלאן, מלכה קאצמאן, לײבל קאצמאן, דוד פלאטניק, פר׳ פלאטניק, לײזער לווין, מאניע שפירא, איזע שפירא, נינע האָלצמאַן, שײקע האָלצמאַן.

שטײען (פֿון ׳עכטס): לובא סעגאל, פר׳ גלײבמאן, דוד גלײבמאן, ד״ר א. רוכאצקי, ראָזע קאָלאָדני, מאָטל קאָלאָדני, פר׳ דאלגאפיאטי, יעקב דאלגאפיאטי, ברוך גלײבערמאן, ש. מאלאוויצקי, יודל ציגאוויעץ, פר׳ ציגאוויעץ.

אַחים בני פינסק" און די איבעריקע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „דורשי טוב אנשי פינסק". דער ערשטער פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט איז געווען שמואל בוכמאַן. אין יאָר 1910 האָבן די „דורשי טוב" געגרינדעט אַ „גמילות־חסד" מיט אַ קאַפּיטאַל פון 1000 דאָלאַר. מיט דער צייט האָבן זיי אויך איינגעהאַנדלט אייגענע „סעמעטריס" (בית־עלמין׳ס), אַן איינגענעם לאָקאַל ווו ס׳האָט זיך געפונען אויך זייער שול.

מיט דער צייט זענען אַנטשטאַנען פיל שוועריקייטן אויפצוהאַלטן די שול צוליב דעם וואָס די יידן פון דער געגנט זענען אַריבער אין אַנדערע קוואַרטאַלן. אין 1938 האָבן די „דורשי טוב" באַשלאָסן אויפצוגעבן די שול. פאַר דער צייט פון איר עקסיסטענץ האָט די געזעלשאַפט איבערגעשיקט געוויסע געלט סומען פאַר לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים און אויך סובסידירט פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און צדקה אינסטיטוציעס.

„אינדעפּענדענט שוחרי טוב אנשי פינסק"

צוויי זין פון יהודה קוגעל, אַ זייגערמאַכער, וואָס האָט עמיגרירט פון פינסק קיין אַמעריקע אין די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, האָבן געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע אין 1903. אויך די געזעלשאַפט האָט אײַנגעקויפט קרקע אין בית־עלמין׳ס פאַר אירע מיטגלידער, זי האָט אויך געגרינדעט אַ גמילות־חסדים קאַסע און פלעגט שטענדיק זיך אָפּרופן אויף די נויטן פון לאַנדסלייט. דער הויפּט־עסקן פון דעם פאַראיין יוליוס קוגעל, איז געווען דער ערשטער דעלעגאַט פון „הילפס־קאָמיטעט", וואָס איז געפאָרן קיין פינסק, כדי צו פאַרטיילן די אַמעריקאַנער שטיצע. נאָך דער גרויסער שריפה אין פינסק האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעשיקט דרינגנדע הילף און אויך סובסידירט דעם בית־יתומים און אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס.


„עזרת־אחים בני פינסק"

דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין 1891. די טאָן־געבער זענען דאָ געווען די פינסקער בעלי־מלאכות. זיין ציל איז געווען צו שטיצן די „גרינע", און צום אָנהויב האָט טאַקע דער פאַראיין זיך גערופן „דער גרינער אונטערשטיצונג פאַראיין". מען פלעגט לייען אַ „גרינעם" אַ פּאָר צענדליק דאָלאַר כדי צו לעבן די ערשטע צייט און אויסלערנען זיך אַ פאַך. אַ דאַנק דער שטיצע זענען פיל פינסקער באַלעבאַטישע בחורים געוואָרן גאָר שנעל „קאָלאָמבוסעס שניידער" — ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן. מיט דער צייט און צוליב סכסוכים צווישן רעליגיעזע און ראַדיקאַלע האָט זיך דער פאַראיין פאַראייניקט מיט די „שוחרי טוב אנשי פינסק". נאָך שפּעטער, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר ראַטנאָוו, האָט די געזעלשאַפט געקראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער און איר הויפּט־ציל איז געווען אָרגאַניזירן פאַרווייַלונגען, צוזאַמענקונפטן און באַנקעטן אויפן אַמעריקאַנער שטייגער. די געלט־מיטלען זענען אינוועסטירט געוואָרן אין קרקע אויף פאַרשיידענע בית־עלמין׳ס. דער פאַראיין איז מאָדערניזירט געוואָרן במשך דער צייט, אויסער אַרבעטער זענען צוגעצויגן געוואָרן אויך ביזנעס־לייט צו דער מיטגלידערשאַפט, אָבער דעם יונגן אַמעריקאַנער דור איז ניט געלונגען צוציען. ביזן אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה האָט דער פאַראיין געשטיצט פינסקער אַנשטאַלטן מיט 500 דאָלאַר אַ יאָר.

פינסקער ברענטש 10 אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן

אַ גרופּע וועלכע האָט זיך אין יאָר 1929 אָפּגעשפּאָלטן פון פינסקער ברענטש 210 פון אַרבעטער־רינג האָט אָרגאַניזירט דעם ברענטש, וועלכער האָט אין יאָר 1939 געציילט קרוב צו 400 מיטגלידער. דער ברענטש, וועלכער איז געווען ראַדיקאַל געשטימט, האָט געהאָלפן מאָראַליש און פינאַנציעל פאַרשיידענע קאַמף־אַקציעס פון די אַרבעטער־מאַסע אין אַמעריקע, אָרגאַניזירט הילף פאַר די פּאָליטיש־אַרעסטירטע אין פינסק און אויסער די פראַטערנאַלע פאַרפליכטונגען לגבי די מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס — געפירט קולטור־אַרבעט.





הרב שמואל וואלקין

ער קען פאַר אַ יידן עפּעס טאָן און אים מהנה זיין. דאָס ווייסן זיינע פריינד און אויך ווייטע פרעמדע מענטשן. דעריבער איז ביי אים אין שטוב שטענדיק געפּאַקט. און ווען איך דערמאָן זיך די ימי הפורים און די פּסחדיקע סדרים וואָס איך האָב ביי אים פאַרבראַכט — ווערט ביי מיר יום־טוב אין סאַמע וואָכעדיקסטן טאָג״.

הרב וואַלקין און לייזער לעווין האָבן אויפגעלעבט די טעטיקייט פון די פּינסקער. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער קאָמיטעט פון „פּינסקער פריינד״ און עס זענען ווידער אָנגעקניפּט געוואָרן קאָנטאַקטן מיט דעם „ארגון יוצאי פּינסק״ אין ישראל. אהרון דוד רוכאצקי, וועלכער האָט געענדיקט די „תרבות״ גימנאַזיע אין פּינסק, שטודירט אין בעלגיע און איז ד״ר מעדיצין אין ניו־יאָרק, האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן די לעצטע יאָרן אַלס סעקרעטאַר פון די „פּינסקער פריינד״ צוגלייך מיט דעם קאַסירער מרדכי קאלאדני.

עס איז כדאי אונטערשטרייכן ביי דער געלעגנהייט די טעטיקייט פון ה׳ נתן פישקאוו, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן אין אַ באַדייטנדער מאָס אַלס פּרעזידענט פון „פין־פאָר־קלוב״ אין די לעצטע יאָרן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער „גמילות חסדים״ ליי־קאַסע ביי דעם „ארגון יוצאי פּינסק״ אין ישראל.

אויסער די האָבן מיטגעווירקט אין קאָמיטעט פאַרן „ספר פּינסק״: אשר טשעטשיק, שמשון סיגאל, מיכאל שוכמאַן, דוד גלאב (גלויבערמאַן), יחיאל קארטיס (צוקערמאַן) א״אַנד.

פּינסקער אין קאַנאַדע

ליידער איז אונדז ניט געלונגען קריגן מאַסגעבנדע אינפאָרמאַציע וועגן די פּינסקער אין קאַנאַדע. מיר ווייסן נאָר אַז אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג, און אפשר אויך אין אַנדערע שטעט אין קאַנאַדע, האָבן אין געוויסע צייטן עקסיסטירט פּינסקער קרייזן און געזעלשאַפטן. אַזוי ווייסן מיר אַז משה מענאכאווסקי, וועלכער איז געווען באַוווסט אין פּינסק אונטערן נאָמען „משה׳ל דער שוואַרצער״ איז געווען איינער פון די וואָס האָבן פיל געטאָן כדי אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די פּינסקער אין קאַנאַדע. מ. מענאַכאָווסקי, וועלכער איז געווען פון די פירער פון לינקע פּועלי־ציון און פון יידישן שול־וועזן אין פּוילן (ציש״א), האָט עמיגרירט קיין קאַנאַדע אין יאָר 1929 און אויך דאָ האָט ער פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין קולטור און דערציאונגס־טעטיקייט. ער האָט באַזוכט ישראל און ראַטן־פאַרבאַנד און פאַרעפנטלעכט אַ



מרדכי שוכמאַן

סעריע באַשרייבונגען פון די באַזוכן זיינע. מענאכאווסקי איז פירער פון די לינקע פּועלי־ציון און דירעקטאָר פון אַ יידישער שול אין טאָראָנטאָ.

די פּינסקער יידן אין מאָנטרעאָל האָבן אין יאָר 1965 — 22 יאָר נאָכן אומקום פון דער פּינסקער יידישער קהילה — אַנטהילט אַ מאָנומענט אויפן מאָנטרעאָלער יידישן בית־עולם נאָך די פּינסקער קדושים. דער „פּינסקער קאָמיטעט״ האָט דורכגעפירט אַ ספּעציעלע אַקציע פאַר דעם צוועק און צו דער אַנטהילונג פון דעם מאָנומענט זענען זיך צונויפגעקומען פּינסקער יידן פון פאַרשיידענע ישובים אין קאַנאַדע. אין „קאַנאַדער אָדלער״ פון 10־טן סעפּטעמבער 1965 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גרעסערע אָפּשאַצונג וועגן דער פּינסקער יידישער קהילה פון ה׳ אַברהם קופּליק, ווי אויך אַ ליד (דער אייביקער קול) פון דעם זעלבן.

אין מאָנטרעאָל האָט זיך אויך באַזעצט ה׳ מרדכי (מאָטל) שוכמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס בעאַמטער אין „יודענראַט״ אין פּינסק בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער תקופה פון דער 2־טער וועלט־מלחמה. ה׳ שוכמאַן, וועלכער איז מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיט פּינסק, האָט זייער שנעל אָנגעקניפּט קאָנטאַקטן מיט די פּינסקער אין קאַנאַדע, זיך אָפּגערופן האַרציק פאַר יעדע געזעלשאַפטלעכע הצטרכות און גאָר ספּעציעל פאַר פּינסקער נויטבאַדערפטיקע, און האָט מיטגעהאָלפן מיט באַדייטנדע סומען פאַר דער אַרויסגעבונג פון ספר פּינסק (זע די באַשרייבונג „דער נדר״ אויף זייט 578).

1934, האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפֿן אונטערשטיצן די פּינסקער מושב־זקנים׳ס, די בתי־יתומים ווי אויך די מ. גלייבערמאַן און תל־חי שולן. אויך אין אַנדערע קאַמפּיינען האָט דער פֿאַראיין אַן אַקטיוון אָנטייל גענומען.

אין די לעצטע יאָרן

נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה, ווען עס איז פֿולשטענדיק פֿאַרניכטעט געוואָרן די גרויסע פּינסקער יידישע קהילה, איז כמעט ווי ניט געבליבן פֿאַר די פּינסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע אין וואָס זיך אָנהאַלטן. עס איז ניט געבליבן וועמען צו העלפֿן אין פּינסק און נאָר אין יאָרטאָג פֿון דער גרויסער שחיטה, פֿלעגן פֿאָרקומען טרויער־פֿערזאַמלונגען, כדי צו באַערן דעם אָנדענק פֿון די קדושים. לייזער לעווין, וועלכער איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע נאָך דער מלחמה און וועלכער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם גרויסן חורבן באַזונכנדיק פּינסק, האָט פּרובירט פֿונדאָסניי דערשיטערן די פּינסקער און דערפֿרישן דעם זכרון פֿון דער היימאַט־שטאָט מיט זיינע שילדערונגען פֿון די איבערלעבענישן און זכרונות. ער איז געווען דער „שומר הגחלת", ער האָט געשאַפֿן קאָנטאַקטן מיט די פֿריש געקומענע פּינסקער, ווי אויך — זייענדיק אַ מיטגליד פֿון ברענטש 210 — מיט די פּינסקער וואָס זענען שוין יאָרן לאַנג אין אַמעריקע און אַמעריקאַניזירט געוואָרן. זיינע הספּדים נאָך פּינסק אין דעם זשורנאַל פֿון ברענטש ווי אויך אויף די טרויער־אַקאַדעמיעס, האָבן אַרויסגערופֿן טיפֿן טרויער און געוויין.

אין אַמעריקע איז אויך אַראָפּגעקומען נאָך דער מלחמה הרב ר׳ שמואל וואלקין, דער זון פֿון לעצטן רב אין פּינסק הרב ר׳ אהרון וואלקין, וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם כסא הרבנות פֿון דער שטאָט לאָקאַטש אין פּוילן. הרב שמואל וואלקין׳ס שול אין ברוקלין (עדת־ישראל) איז געוואָרן גאָר שנעל אַ מין מקדש־מעט, גייסטיקער צענטער פֿאַר פּינסקער (און ניט נאָר פּינסקער) אין אַמעריקע. ער האָט געירשנט פֿון זיין פֿאָטער ז"ל די מידה פֿון זיין אַ טוב ומיטיב, ווי עס שרייבט וועגן אים דער גרויסער יידישער פּאָעט חיים גראַדע, און ער האָט מקרב געווען צו זיך אין זיין שול פֿיל פּינסקער אין אַמעריקע. הרב שמואל וואַלקין, וועלכער איז פֿון די פֿירער פֿון „פּועלי אַגודת ישראל" אין אַמעריקע, האָט אויפֿגעטראָטן אויף די אזכּרות פֿון די פּינסקער און ער האָט באַצויבערט מיט זיינע ווערטער, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפֿן טרויער, סענטימענט צו פּינסק און חכמת־ישראל. ער האָט אויך פּרובירט צונויפֿזאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פֿאַרן ספֿר פּינסק און אַקטיוו מיטגעהאָלפֿן שאַפֿן פֿינאַנציעלע מיטלען פֿאַר דעם צוועק.

הרב שמואל וואלקין האָט אייניקע מאָל באַזוכט מדינת ישראל און האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט זיך טרעפֿן מיט די פּינסקער לאַנדסלייט.

דער אויבנדערמאָנטער חיים גראַדע שרייבט וועגן אים: „אין מיין יוגנט, האָב איך זוכה געווען צו משמש זיין גרויסע תּלמידי חכמים, אָבער איך האָב זעלטן ווען געזען אַזאַ ליבשאַפֿט און גרייטקייט צו טאָן פֿאַר מענטשן ווי איך זע עס ביים לוקאַטשער רב. ס׳וועט ניט זיין קיין שום גוזמא ווען איך וועל זאָגן, אַז ר׳ שמואל האָט די גרעסטע שמחת־הנפש ווען



קאמיטעט פון „פינסקער פריינד" אין ניו־יארק.

זיצן: ליובא סעגאל, מאטל קאלאדני, לייזער לעווין, דוד גלאב.

שטייען: ד"ר אהרון רר כאצקי, איזא שפירא, ברוך גלייבערמאן.

יידן זיינען געווען צווישן זיי, און די מערהייט פון אָט די ווייניקע זיינען געווען יוצאי פינסק וקאַרלין. טייל פון זיי האָבן אָפּגעאַרבעט אין די „פריגאָריפיקאָס" אַ גאַנץ לעבן און זיך שוין פענסיאָנירט, אַנדערע אַרבעטן נאָך און אייניקע האָבן זיך געמאַכט אַ פרנסה, אַ קלייטל אָדער אַ וואַרשטאַט, אַרום די פאַבריקן.

פינסקער יידן זיינען פאַרטראָטן נישט נאָר אין פאַרשידענעווירטשאַפטס־צווייגן, נאָר זיינען אויך טעטיק אויף די געביטן פון גייסט, וויסנשאַפט און קונסט. די זיינען נאָך דאָס רוב אימיגראַנטן פון ערשטן דור. דער צווייטער דור, טייל מיט אַקאַדעמישער בילדונג שוין, אַנדערע האַלטן זיך ביי די פראָפעסיעס פון זייערע עלטערן, און גייען אויך דאָס רוב אין זייערע וועגן. ביי דער אָנפירונג פון די היינטיקע פינסקער אינסטיטוציעס איז דער צווייטער דור שטאַרק פאַרטראָטן, און מעגלעך אין אַ גרעסערער פראָפּאָרץ ווי ביי די איינגעוואַנדערטע פון פיל אַנדערע רוסיש־פוילישע געגנטן. דער דריטער דור איז נאָך, אין גרעסטן טייל, אין שולעלטער און עס איז גאָר קליין די צאָל משפחות, וואָס גיבן נישט די קינדער קיין יידישע דערציאונג. עס האָט זיכער אין דעם פיל בייגעטראָגן דער אויפשטייג פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, ווי אַ רעזולטאַט פון יידישן חורבן און פון אויפקום פון מדינת־ישראל. אָבער עס ווירקט אויך די טראַדיציע פון דער אַלטער שטאָט פינסק, אַ סימבאָל פון יידישן גייסט און הויכע עטישע ווערטן, וואָס גייט איבער בירושה פון איין דור צום צווייטן.

מיר האָבן אין אַלגעמיינע שטריכן אָנגעצייכנט אַ סכעמאַטיש בילד ווי עס זעען אויס און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די „יוצאי פינסק וקאַרלין" אויפן אַרגענטינער באָדן. מיר וועלן אין די ווייטערדיקע שורות זיך באַציען אויף אייניקע געשיכטלעכע און סטאַטיסטישע דאַטן, און אויספילן דאָס „בילד" מיט מער פרטים און פאַקטן.

✶

אונדזער אינפאָרמאַציע־קוואַל איז אין גרעסטן טייל „תורה שבעל פה", פון זכרונות און פערזענלעכער דערפאַרונג פון לאַנדסלייט, וואָס טיילן זיך מיט זייערע איבערלעבונגען און איינדרוקן. אין הסכם מיט אָט די ידיעות, איז דער ערשטער פינסקער וואָס איז אַריינגעקומען אין לאַנד, געווען יונה פאָגעל. ער איז געקומען פון לאָנדאָן אין יאָר 1905. ווי אַן אַנאַרכיסט האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע זיינע אידעען־חברים אין יענער צייט, געהאַט אין לאָנדאָן זיין



אַ גרופּע פינסקער אויפן בית־עולם אין בוענאָס־איירעס אין יאָר־צייט־טאָג נאָך די קדושי־פינסק

ג. סאפאזשניקאוו / פּינסקער אין ארגענטינע

די ערשטע שוואַלבן פון דעם פּינסקער אימיגראַציע־שטראָם האָבן זיך באַוויזן אין אַרגענטינע אין יאָר 1905. די אומרוען אין דער צאַרישער אימפּעריע נאָכן רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און די כוואַליע אַנטי־יידישע עקסצעסן, וואָס האָבן אין יענער צייט פּאַרגאָסן דאָס לאַנד, האָבן געגעבן אַ שטאַרקן אימפּולס דעם פּראָצעס פון יידישער אויסוואַנדערונג, וואָס האָט זיך געלאָזן אויפן וועג פון זוכן פרייערע האָריזאָנטן פאַרן יידישן לעבן.

די עמיגראַציע פון דער אַלטער היים איז דער עיקר געגאַנגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע און אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן באַקומען אַ פּיינעם צושטייער פון דער שטאָט פּינסק־קאַרלין פאַר איר צווייטער עליה. אין דער ווייטער און אומבאַקאַנטער אַרגענטינע זיינען די ערשטע צייט אינדיווידועל געקומען די, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געקאָנט זיך אָנשליסן אין די אַלגעמיינע מאַסן־שטראָמען, וואָס האָבן געפירט אין לענדער מיט אַ גרעסערע צוציאונגס־קראַפט.

די מלחמה האָט באַפרייט פּוילן, אָבער נישט אירע יידישע בירגער. אונטער דער הערשאַפט פון דער זעלבסטשטענדיקער פּוילישער מלוכה איז נאָך שאַרפער און ראַפינירטער געוואָרן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער דרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג און גרעסער די עמיגראַציע־באַוועגונג. פון דער אַנדערער זייט איז שטאַרקער געוואָרן די אַטראַקציע־קראַפט פון אַרגענטינע, וועלכע איז דעפיניטיוו אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער מאַפּע פון דער יידישער איינוואַנדערונג.

אַן ערך פיר הונדערט און פופציק פּינסקער משפחות וווינען היינט צו טאָג אין אַרגענטינע. דער גרעסטער טייל פון זיי אין בוענאָס איירעס. אויפן באָדן פון דעם נייעם לאַנד האָבן די אימיגראַנטן נישט אויפגעגעבן די טראַדיציע פון זייער אַלטער היים־שטאָט. אָן דרוק פון תחום־המושב, אָן גראַבסקי־געזעצן און אָן כל־המינים דיסקרימינאַציעס, וואָס האָבן מיט גוואַלד איזאָלירט דעם יידן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָבן די פּינסקער זיך געהאַלטן צוזאַמען אויך אין בוענאָס איירעס. זיי האָבן זיך איינגעבירגערט אין לאַנד און גלייכצייטיק אויך געפירט אַן אייגן יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. דער פּראָצעס פון איינבירגערונג איז געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט מיט אַ פאַרצווייגטער יידישער טעטיקייט, וואָס האָט אין פאַרשידענע פּעריאָדן אַרומגענומען אַ הילפס־קאַסע, אַ לאַנדסלייט פאַריין, אַ ביבליאָטעק, אַ קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־קאַסע, און צוגלייך אויך קולטור־אונטערנעמונגען, יאָרצייטן און אַניווערסאַרן, וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די פּינסקער משפחה און אַרויסגעהאָלפן יעדן איינעם, פריער זיך „אויסגרינען" און שפּעטער זיך איינוואָרצלען און אויסלעבן. פּינסק האָט נישט אויפגעהערט צו זיין פּינסק אויך אין אַרגענטינע.

דאָס איז דער כוח פון קולטור־טראַדיציע, פון נאַציאָנאַלן געפיל און לעבנס־שטייגער, וואָס טויזנט יאָר יידישע פּינסק האָט געגעבן בירושה אירע קינדער. עס האָבן אויך געווירקט לאָקאַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות: לאַנדסלייט האָבן אין אָנהויב זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און נאָכדעם געשאַפן אינסטיטוציעס אַרום וועלכע מען האָט זיך גרופּירט. עס איז געווען גענוג, אַז איין פּינסקער זאָל זיך אויסלערנען אַ פאַך — אַ רויכוואַרגער פון דאַמען פוטער — אַז פּינסקער זאָלן נאָכדעם ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער גאַנצער בראַנזשע. דער „איינער" האָט געמאַכט אַ צענדליק לאַנדסלייט פאַר פוטערוואַרג־אַרבעטער, נאָכדעם האָבן די אויסגעלערנטע געלערנט אַנדערע, און אַזוי אַרום פיל בייגעטראָגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער וויכטיקער אינדוסטריע און אַלע אירע צוגאָב־צווייגן.

די צאָל פּינסקער אין דער פוטערוואַרג־בראַנזשע באַטרעפט אַן ערך צוואַנציק פּראָצענט. אַ טייל פון זיי אָבער פאַרנעמען אָנפירנדיקע אַמטן אין אירע פאַך־אָרגאַניזאַציעס, אין דער פאַרוואַלטונג פון אינדוסטריאַלן־פאַריין און אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, וואָס באַזאָרגט די בראַנזשע מיט רוימאַטעריאַלן. אויך אין דער באַקלייד־אינדוסטריע זיינען פאַרטראָטן אַ צאָל פּינסקער און עס זיינען פאַראַן אויך אייניקע גרויסע אונטערנעמער אין פאַרשידענע אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן.

נישט גרינג איז געווען דער וועג פון אויפבוי פון אַזעלכע פּאָזיציעס, באַזונדערס ביזן פּעריאָד פון צווייטן וועלט־קריג. אין יעדער אונטערנעמונג אַזאַ זיינען פאַרקערפּערט יאָרן פון מסירות־נפש און שווערער אַרבעט. די יידישע איניציאַטיוו אין דעם לאַנד, און אין דעם אויך פון די פּינסקער, האָט זיך דאָס רוב קאָנצענטרירט אויף די געביטן, וועלכן זיינען נאָך נישט אַנטוויקלט געווען אויפן היגן באָדן. די אינדוסטריע פון פוטערוואַרג, ווי די שטריקעריי, טעקסטיל, מעבל און אַנדערע, איז דאָס רוב אַ שאַפונג פון יידישן אונטערנעמונגס־גייסט, וואָס האָט באַפרייט דאָס לאַנד פון אַ סך אימפּאָרט־אַרטיקלען און געשאַפן אויפן אָרט אַ באַזע פאַר אַ מאַסן־פּראָדוקציע פון רוימאַטעריאַלן פאַר די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

נישט אַלע אָבער האָבן זיך באַוויזן צו שאַפן אַזעלכע סאָלידע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער אַבסאָלוט גרעסטער טייל פון די פּינסקער זיינען קליינע אונטערנעמער, בעלי־מלאכה׳ס, קלייטניקעס און אָנגעשטעלטע, צעוואָרפן איבער אַלע טיילן פון דער גרויסער שטאָט און פאַרטראָטן אין די פאַרשידנסטע בראַנזשעס. עס פעלן אויך נישט קיין עכטע יגיע־כפּימניקעס און דווקא אין די גרעסטע אונטערנעמונגען פון לאַנד, אין דער אינדוסטריע פון פלייש. אין דער שטאָט בעריסאָ, נישט ווייט פון בוענאָס איירעס, זיינען קאָנצענטרירט די גרויסע פלייש־פאַבריקן, ווו פיל טויזנטער מענטשן אַרבעטן ביי גאַנץ שווערע באַדינגונגען. די „פריגאָריפיקאָס" האָבן שטענדיק געפאָדערט אַרבעטס־הענט און אַהין האָבן געשטראָמט אימיגראַנטן אין די ערשטע יאָרן. זייער ווייניק

די טערמינען דריקן נישט אויס די פילפאַרביקייט פון איר קרעאַציע. ריכטיקער איז צו זאָגן, אַז זי שפּילט־אויס און אינטערפּרעטירט אַ פּאָעטישע שאַפונג. איר שטימע אַליין איז געזאַנג און אירע הענט רעדן מיט אַ שפּראַך פון ווערטער. איר אַנוועזנהייט גופא אויף דער בינע איז אַ ספּעקטאַקל, וואָס איז אַנגעלאָדן מיט דראַמאַטישער שאַפונג.

✶

אין יאָר 1909 איז געקומען באַשע דאָלינקאַ און אין יאָר 1912 שרה פּייסאַכאָוויטש, וועלכער מען האָט מיט רעכט אַנגעהויבן רופן די „מאַמע פון די פּינסקער". ווי אַן אמתע מאַמע האָט זי געזאָרגט פאַר די לאַנדסלייט, האָט יעדן אויפגענומען מיט אַ געגרייטן טיש און מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, און פון איר שטוב איז מען אַרויס זאַט, דערמוטיקט און אָפטמאָל אפילו מיט אַ פּאָר פּעזעס אין קעשענע. די „מאַמע" איז שוין היינט אַן עלטער־באַבע, האָט נישט לאַנג געפייערט דעם געבורט פון איר ערשט אוראייניקל, טאַקע אין לאָקאַל פון פּינסקער פאַריין, און האָט ווי שטענדיק אויפגענומען די לאַנדסלייט מיט מאַמישער האַרציקייט און מיט... הערינג מיט קאַרטאָפל.

אין זעלבן יאָר איז אויך געקומען אברהם פּאַרטנאָי ע"ה, וואָס האָט דאָ גיך געמאַכט אַ קאַריערע און האָט משתּף געווען אַ סך פּינסקער אין זיין פאַך. אַ מענטש אַן אַקטיווער און פעאיקער האָט ער אין אַ קורצער צייט זיך אויסגעלערנט די פּוטערוואַרג אַרבעט, און איז געוואָרן אַ צושניידער און פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער אונטערנעמונג. צו די לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באמת ברידערלעכע באַציאונג און האָט זיי מקרב געווען. ווער עס האָט נאָר געוואָלט פּלעגט ער אים אַריינגעמען אין וואַרשטאַט און פּערזענלעך לערנען דעם פאַך, און פּלעגט נאָך זאָגן, אַז מען זאָל דעם „לערניינגל" עפּעס צוצאָלן, ער זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן. זיין „שול" האָבן דורכגעמאַכט מאַרקאָס עפּשטיין, זכריה סטאַראַבינסקי, לייבל גאָלדמאַן, אברהם ראָדעלס, א. אַ. די אַלע שטייען היינט מיט גרעסערע און קלענערע געשעפטן אין פאַרשידענע קאָמערציעלע געגנטן פון שטאָט.

אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעריסן דער צופלוס פון דעם דינעם אימיגראַנטן־שטראָם, אָבער גלייך נאָך דער מלחמה האָט די יידישע איינוואַנדערונג אין לאַנד אָנגעהויבן אַ מאַסן־פאַרנעם, און אין דער צייט זיינען אויך אַריינגעקומען דער גרעסטער טייל פּינסקער. צווישן זיי אייזיק פורמאַן, וועלכער האָט אין פאַרשידענע פעריאָדן, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, פאַרנומען אָנפירנדיקע אַמטן אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער פּוטערוואַרג בראַנזשע, און געווען אויך פּרעזידענט פון דער קאָמערציאַל־באַנק; וואָלף פורמאַן, גרינדער און אָנפירער פון דער פּינסקער קרעדיט־קאַסע; אברהם פּאָמעראַניעץ ע"ה, איינער פון די ראשונים ביי דער אָנפירונג פון לאַנדסלייט פאַראיין און פון אַלע אַנדערע פּינסקער אינסטיטוציעס; ראובן טורקעניטש ע"ה, (געבוירן אין לונינעץ), פּרעזידענט פון פאַראיין אין פאַרלויף פון עטלעכע פעריאָדן; משה לעבענדיקער, אַקטיווער טוער פון די „שלום עליכם" שולן, אָנפירער פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער און דירעקטאָר פון יידישן פאָלקס־באַנק; אברהם פעלדמאַן (אַ זון פון יעקב פעלדמאַן ע"ה, שעף פון פּערסאָנאַל אין דער פּינסקער שוועבל־פאַבריק) גרינדער פון מכבי־קלוב אין בוענאָס איירעס, טעטיק אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אַרבעט אין דער יידישער טאָג־צייטונג „די פּרעסע"; אייזיק מירסקי, אַ ברודער פון נחמן תמיר אין ישראל, אַ מייסטער פון פּלאַסטישע בילדער און באַהעם פון פאַך, וואָס באַגלייט די פּינסקער אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען; נחום אייזענבערג, געוו. קאַסיר פון ציוניסטישן צענטראַל־ראַט און היינט קאַסיר פון מגבית לטובת ישראל; לייבל גיטעלמאַן, אהרן לוצקי, זאַהרן גרושקאַ ע"ה און יצחק פּילטשוק, וועלכע זיינען אין פאַרשידענע פעריאָדן געווען טעטיק ביים פּינסקער פאַראיין; הערשל נימצאָוויטש, פאַרטראָטן אין דער פאַרוואַלטונג פון די „שלום עליכם" שולן און אַקטיווער טוער פון מגבית; כוליא רובאַכאַ, אַקטיוו ביי פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס און פיל אַנדערע, וועלכע דער מאַנגל אין פּלאַץ דערלויבט אונדז נישט אויסצורעכענען.

פון די פּינסקער אין די שכנישע רעפּובליקן דאַרף דערמאָנט ווערן שמאי גרינבערג, רעדאַקטאָר פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דאָ", אין מאָנטעווידעאָ. אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע, וואָס ווערט רעדאַגירט מיט געשמאַק און וויסן. אין מאָנטעווידעאָ האָט אויך אימיגרירט יעקב לאַפּטשיק, וואָס האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ סאָלידע עקאָנאָמישע פּאָזיציע און איז אַלע יאָרן אַן אַקטיווער ציוניסטישער עסקן. זיין איידעם, דער נאָטאַר משה גאָלדמאַן, איז פּרעזידענט פון דער יידיש־אורוגווייער באַנק און דער צווייטער איידעם, ד"ר מ. האַנדעל, האָט עולה געווען קיין ישראל מיט דער פאַמיליע. אין בראַזיל האָבן צוויי פּינסקער יונגעלייט, די ברידער שערעשעווסקי, געשאַפן אַ גרויסע פאַבריק פון שוועבעלעך און אין פּערנאַמבוקאָ, איז הערשל שערמאַן, פּרעזידענט פון דער קהילה.

✶

אין דעם פעריאָד פון מאַסן־איינוואַנדערונג איז אויך געקומען פון פּינסק (אין 1926) דאָס פאַרפאָלק וואַקס (האָמערשלאַק פון דער אַלטער־היים) — מיט זייער בן־יחיד פון פיר יאָר, וואָס האָט גיך אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. ער ענדיקט די מיטלשול מיט די העכסטע קוואַליפיקאַציעס און גראַדואירט זיך ווי אַ מעדיקער מיט אַן ערן־דיפּלאָם. נאָך אַלס סטודענט ווערט ער, לויט אַ קאָנקורס, באַשטימט ווי אַ סובשעף פון ביאָלאָגישער פיזיק ביי דער קאַטעדרע פון פּראָפ. הוסיי. נאָכן דיפּלאָמירן זיך ווי אַ מעדיקער ווערט ער באַשטימט ווי אַ שעף פון קאַרפּאָראָלאָגישער קליניק און ווי אַ שעף פון פּאַראַזיטישע קראַנקהייטן ביי די אַנטשפּרעכנדיקע קאַטעדרעס, און לעצטנס ווי אַ דאָצענט פון באַקטעריאָלאָגיע און פּאַראַזיטאָלאָגיע אין מעדיצינישן פאַקולטעט.

דער ד"ר יוסף וואַקס האָט דיקטירט קורסן פאַר גראַדו־

ערשטע סטאַציע. דער גרעסטער טייל זיינען פון דאָרט געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאָגעל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון אַ טראַנספּאָרט יידן, וואָס איז געפאָרן אויף קאָלאָניזאַציע קיין אַרגענטינע און איז מיטגעפאָרן, אָבער נישט זיך צו קאָלאָניזירן. זיין אידעאַל איז געווען צו ראַטעווען די מענטשהייט און נישט קיין יידישע קאָלאָניזאַציע. און ער איז געבליבן טריי זיין אידעאַל. כל ימיו געווען אַ כשרער פּראָלעטאַריער, אַ סטאָליער פון פאַך, האָט ער זיך פענסיאָנירט ווי אַן אַרבעטער.

אין זעלבן יאָר איז אויך געקומען קיין אַרגענטינע אברהם סידליק, אַ קירזשנער פון היטלען, וואָס האָט זיך געשטעלט אַרבעטן פאַר זיך. האָט נישט געשאַפן קיין גרויסע אונטערנעמונג, אָבער געהאַט פיין פרנסה און האָט שפּעטער אַרויסגענומען זיינע שוועסטער און דעם ברודער מאיר.

אין די ווייטערדיקע יאָרן זיינען אַריינגעקומען יצחק באָנדאר, לייבל באָנדאר און יצחק וועקסלער. אין וואַרשע איז אין יענער צייט אַרויס אַ זשורנאַל „דער עמיגראַנט" וואָס האָט אָריענטירט אין פראַגן פון עמיגראַציע, אַ פּראָבלעם וואָס האָט שוין אין יענער צייט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דער זשורנאַל האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון הכנסת אורחים אין בוענאָס איירעס. ריא באמבאַ 228, ווו אַ סך פון די ערשטע אימיגראַנטן האָבן באַקומען אַן אומזיסטן מיטאָג, ביז זיי האָבן געפונען אַרבעט און זיך איינגעאָרדנט אין דעם נייעם לאַנד.

אין יאָר 1907 איז געקומען דאָס פּאָרפאָלק זינגערמאַן מיט זייער טעכטערל, בערטאַ, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי מיט אַ האַלבן יאָר. דער פאָטער איז געבוירן געוואָרן אין סטאָלין און די מוטער אין לאהישין, צוויי שטעטלעך אַרום פּינסק, פון משפחות חזנים און שוחטים. ר' אהרן זינגרמאַן ע"ה, וועלכער איז אַ צייט געווען בעל־תפילה אין בית־המדרש פון סטאָלינער רבין, האָט אין בוענאָס איירעס געדאַוונט ימים־נוראים פאַרן עמוד און די קליינע בערטאַ אין אַ יינגלשן כאַלאַטל, האָט געזונגען אין כאָר. אין יענער צייט איז קיין בוענאָס איירעס געקומען מאָריס מאָשקאָוויטש און מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט טעאַטער. האָט ער געדאַרפט האָבן פאַר זיין טרופּע אַ קינד, אַ „יתומהלע", און גענומען בערטאַן. אַזוי האָט אַ יידישע טאָכטער פון פּינסקער געגנט אָנגעהויבן איר מערקווירדיקע קאַריערע, פון שול און פון יידישן טעאַטער צו וועלט־רום, ווי אַ שעפערין פון אַן אייגנאַרטיקן סטיל און ווי די גרעסטע וואָרט־קינסטלערין פון שפּאַנישן לשון.

צו אַכצן יאָר איז שוין בערטאַ זינגערמאַן געווען באַרימט אין אַלע לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער. די טעאַטערן זיינען קליין אויף אויפצונעמען די מאַסן צוהערער פון אירע וואָרט־קאָנצערטן, און זי פירט אַרויס איר קונסט אונטערן פרייעם הימל, און גיט אירע פאָרשטעלונגען אויף עפנטלעכע פּלעצער, אין פּאַרקן און שטאָטישע גערטנער. יעדער טור אירער איז אַ טריאומפולער מאַרש. זי ווערט באַערט פון פּרעזידענטן, אויפגענומען אין אוניווערסיטעטן, און אירע צוהערער זיינען אומציילקע מאַסן מענטשן. זעלטן וועלכער קינסטלער האָט



בערטא זינגערמאַן

גענאָסן פון אַזאַ פאַרערונג צווישן אינטעלעקטואַלן און גלייכצייטיק געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט צווישן די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן.

און אַ פאַל וואָס כאַראַקטעריזירט די טראַגיק פון דער יידישער סיטואַציע אין דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט: אין יאָר 1937 ווערט אונטער נאַציסטישן איינפלוס דעקרעטירט אַ גירוש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עקוואַדאָר. בערטאַ ווענדעט זיך טעלעגראַפיש צום פּרעזידענט פון יענער רעפּובליק און די גזירה ווערט בטל...

בערטאַ זינגערמאַנס רעפּערטואַר איז די וועלט־פּאָעזיע און אירע אויפטריטן רופט זי „וואָרט־קאָנצערטן". באַשענקט מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון געדענקט זי אויף אויסווייניק טויזנטער שורות און האָט דעם קינסטלערישן כוח אין פאַרלויף פון שעהן צו האַלטן עלעקטריזירט מיט איר „וואָרט" מאַסן מענטשן. זי רעציטירט נישט קיין ליד און זינגט נישט.

דער יידישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור, און די לייענער האָבן זיך געציילט אין די הונדערטער. די ביבליאָטעק פון פאַראיין איז געוואָרן אַ פאַקטאָר פון שטאָלץ פאַר די פינסקער אין בוענאָס איירעס. און די קולטורעלע אַקטיוויטעט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט דער ביבליאָטעק, עס זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן פיל צענדליקער קאָנפערענצן און שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס, מיטן אנטייל פון באַקאַנטע יידישע און נישט־יידישע פערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך אונדזערע לאַנדסלייט משה קיטרון (קאסטרינסקי) און גרשון סאַפּאָזשניקאָוו.

אויפן סאָציאַלן געביט איז אויך דער פאַראיין נישט געבליבן הינטערשטעליק. אין די דרייסיקער יאָרן באַזונדערס זיינען געוועזן פיל פינסקער פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געבייטיקט אין הילף, און אין פאַראיין האָבן זיי געפונען אָפענע טירן און הערצער. די זעלבע באַציאונג איז אויך אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי די פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס, אַזוי קולטורעלע ווי פילאַנטראָפּישע, פאַר וועלכע דער פאַראיין האָט ברייטהאַרציק בייגעטראָגן זיין צושטייער.

אַ גאָר באַזונדער וויכטיק קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון פאַראיין זיינען געווען די קאַמפּיינען פאַר הילף די לעבנס־געבליבענע לאַנדסלייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די פינסקער האָבן זיך מאָביליזירט ממש פאַר דעם הילפס־קאַמפּיין און אין יאָר 1945 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן „פאַרייניקטן הילפס־קאַמפּיין" אַ באַדייטנדיקע סומע, דאָס זעלבע אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן. עס איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אינדיווידועלע הילף פאַר די אַלע יחידים וואָס האָבן זיך געווענדעט פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע שטעט און פון ישראל. דער פאַראיין האָט זיך פאַרבונדן מיט פינסקער לאַנדסלייט אין סאַן פּאַבלאָ און פּאָרטאָ אַלעגרע פון בראַזיל, וועלכע האָבן אויך צוגעשיקט זייער בייטראָג פאַר דער הילפס־אַקציע.

אַ פּרויען־קאָמיסיע ביים פאַראיין האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַלע איניציאַטיוועס און האָט אויך אַראַנזשירט פיל קינסטלערישע אונטערנעמונגען מיטן אנטייל פון הערץ גראָסבאַרט, ראָזענבלום־מעלניק, בוזגאַן־שילער און אַנדערע. די דאָזיקע לעבהאַפטע טעטיקייט, אָנגעוואָרפן אין גרויסע שטריכן, איז אָנגעגאַנגען מער־ווייניקער נאָרמאַל ביזן יאָר 1949, ווען ס'איז פאָרגעקומען די באַדויערנסווערטע שפּאַלטונג אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט איינגעטיילט דעם ישוב אויף צוויי קעגנערישע לאַגערן. די סיטואַציע האָט נישט אויסגעמיטן דעם פאַראיין, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלירן מיטגלידער און האָט אויפגעגעבן זיין טעטיקייט. אָבער די פינסקער משפחה האָט זיך נישט געשפּאָלטן און עס האָבן זיך נישט געשאַפן קיין צוויי פאַראיינען פון דער זעלבער שטאָט, ווי דאָס האָט פּאַסירט ביי אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן. די פינסקער קרעדיט קאַסע האָט טיילווייז איבערגענומען די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון פאַראיין. און אַרום דער אינסטיטוציע גרופּירן זיך היינט דער אַבסאָלוט גרעסטער טייל פינסקער.

*

ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז אין יאָר 1938 געגרינדעט געוואָרן אַ ליי־קאַסע אונטערן נאָמען „קעגנזייטיקע הילפס־געזעלשאַפט פינסק און אומגעגנט". די געזעלשאַפט פון „קעגנזייטיקער הילף" האָט נישט געקענט באַקומען קיין יורידישע אָנערקענונג. עס האָט אויך מיט דער צייט זיך געענדערט די סיטואַציע פון לאַנד. מיטן אויסברוך פון קריג איז געקומען אַן עקאָנאָמישע אויפלעבונג און עס איז אַנטשטאַנען אַ נויטווענדיקייט אין אַ קרעדיט־אנשטאַלט, וואָס זאָל אויך קאָנען ארויסגעבן הלוואות די אַלע גרעסערע און קלענערע אונטערנעמער, וועלכע האָבן נישט קיין צוטריט, אָדער האָבן ווייניק קרעדיט אין די אָפיציעלע בענק. עס איז דעריבער אויך געביטן געוואָרן דער נאָמען. די „קעגנזייטיקע הילפס־געזעלשאַפט" האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ פאַר דער קרעדיט קאַסע „לא קאַפּיטאַל", וואָס האָט באַקומען איר יורידישע אנערקענונג אין אַפּריל 1940.

די קרעדיט קאַסע האָט געשאַפן אַ קאַפּיטאַל אויף דער באַזע פון אַקציעס און האָט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. אַ וויכטיקע אויפגאַבע האָט דערפילט די קאַסע אין פאַרלויף פון די לעצטע זעקס יאָר ווען אין הסכם מיט דער „סטאַביליזאַציע" פּאָליטיק פון דער רעגירונג, האָבן אַלע בענק פון לאַנד „פאַרגליווערט" די קרעדיטן פאַר זייערע קליענטן. אויף די קרעדיט־קאַסעס איז נישט חל דער פאַרגליווערונגס־געזעץ און די פינאַנץ אינסטיטוציע פון די פינסקער האָט פון די צוויי מיליאָן קרעדיט אין 1957 אַרויסגעגעבן 66 מיליאָן פּעזעס אין יאָר 1962. אין די יאָרן איז אויך די צאָל אַקציאָנערן געוואַקסן פון 359 אויף 905, ווייל עס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויך נישט קיין לאַנדסלייט, און דער אייגענער קאַפּיטאַל פון דער קאַסע האָט זיך פאַרגרעסערט פון 3 מאָל הונדערט טויזנט אויף אַריבער די זעקס מיליאָן.

זייט דער עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע, ווערט יעדעס יאָר באַשטימט אַ טייל פון דיווידענדן פון דער קרעדיט קאַסע פאַרן מגבית לטובת מדינת ישראל, און אויך פאַר אָרטיקע קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע צוועקן.

צום פינאַנציעלן באַלאַנס פון לעצטן פעריאָד וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די מיטגלידער איז אויך צוגעגעבן געוואָרן אַזאַ כאַראַקטעריסטיש פלוגבלעטל, אין יידיש, געשריבן בזה הלשון:

„אַ וואָרט צו די פינסקער ל"ל אין אַרגענטינע: די קרעדיט־קאַסע „לא קאַפּיטאַל" איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַריבער 22 יאָר צוריק דורך די שעפערישע כוחות פון דער פינסקער משפחה אין בוענאָס איירעס, ווי אַ קינד פון דעם פינסקער לאַנדסלייט פאַראיין. היינט עקזיסטירט שוין נישט ליידער דער פאַראיין, אָבער דער גייסט פון די גרינדער ווערט אָפּגעהיט מיט כבוד.

„אונדזער וואָרט צו אייך צילט אָנצוצינדן ווידער דאָס פלאַמיקע פייער פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע טראַדי־



פינסקער אין בוענאָס־איירעס פייערן 20 יאָר עקזיסטענץ פון דער פינסקער באַנק מיטן אָנטייל פון באַרימטן אַרטיסט מאָריס שוואַרץ און זיין פרוי. צווישן זיי — אייזיק מירסקי.

אירטע אין לאַנד און אין אויסלאַנד, האָט געלייענט פּאָרטראַגן אויף אינטערנאַציאָנאַלע מעדיצינישע קאָנגרעסן, און פאַר־עפנטלעכט פאָרשונגען אין נאַציאָנאַלע און אויסלענדישע מעדיצינישע אויסגאַבעס. דער נאָמען פון ד״ר וואַקס, ווי אַן אויטאָריטעט אויף זיין געביט, פאָרשער און וויסנשאַפטס־מאַן, איז ווייט אַרויס די גרענעצן פון אַרגענטינע.

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן איז אויך געקומען קיין אַרגענטינע יצחק שלאַגמאַן, אַ פינסקער יונגערמאַן, וואָס האָט ווי אַלע אימיגראַנטן די ערשטע יאָרן, אָנגעהויבן ערגעץ אין אַ וואַרשטאַט און פלעגט דעם טאָג פאַרברענגען ביי דער אַרבעט, אָבער אין די אָוונטן איז ער אומפאַרמיידלעך געגאַנגען אין דער אָפּערע אָדער אויף קאָנצערטן. ווי אַ מעלאָמאַן האָט ער נישט דורכגעלאָזן קיין איין פאָרשטעלונג און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ היימישער מענטש באַזונ־דערס אין די מוזיקאָלישע קרייזן. מיט 22 יאָר צוריק האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער „אַרס״. אַ קונסט־זשורנאַל, וואָס דערשיינט זייט דעמאָלט רעגולער יעדן טריי־מעסטער, און איז היינט צו טאָג די וויכטיקסטע קינסטלערישע טריבונע אין דער שפּאַנישער שפּראַך.

און נאָך אַ פינסקער פון דער שרייבער משפחה, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף אָסטראָווע ביי פינסק. האָט געלערנט אין חדרים, אין פינסקער תלמוד תורה, נאָכדעם אין יידישן לערער סעמינאַר פון ווילנע. איז קיין אַרגענטינע געקומען אין 1928 אין עלטער פון 21 יאָר. האָט די ערשטע צייט געשריבן אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס און האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „שמועסן מיט עלטערן״, פון וועלכע עס זיינען דערשינען דריי אויסגאַבעס און אויך אַן איבערזעצונג אין שפּאַניש, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שרייבן ליטעראַטור־קריטיק און האָט געמאַכט אַ סך־הכל וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

סאַפּאָזשניקאָוו האָט רעדאַגירט די יאָרביכער פון דעם פאַרבאַנד פון יידישע האָלץ־און אייזן־אינדוסטריאַלן אין אַרגענטינע. די דאָזיקע יאָרביכער זיינען געוואָרן גאַנץ אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע זאַמלביכער און זיי האָבן זיך קונה־שם געווען. די לעצטע יאָרן ווענדעט ער אָן דעם פּסי־כאָאַנאַליז אין דער פאָרשונג פון ליטעראַרישע דערשיינונגען און האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „פון די טיפענישן״ מיט סאָלידע אַרבעטן וועגן יידישע שרייבער. דאָס דאָזיקע בוך איז אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט באַקומען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער וועלט און די „צבי קעסעל״ פּרעמיע פאַר דעם יאָר 1959. דאָס בוך איז אויך דערשינען אין שפּאַניש און האָט באַקומען זייער גוטע אָפּרופן. ג. ס. איז פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין דער מדרשה העברית פאַר אַביטוריענטן פון די מיטלשולן און אין אינ־סטיטוט פאַר העכערן וויסן ביי דער „העבראַיקא״.

✶

אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן זיינען צו די פינסקער דערגאַנגען קלאַנגען וועגן שווערע פאַרפאָלגונגען פון דער פּוילישער רעגירונג אויף דער פּראָגרעסיווער באַפעלקערונג און באַזונדערס אויף די יידן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין מאַסן אַרעסטן און פאַרשטאַרקטן עקאָנאָמישן באָיקאָט. עס איז דעריבער געגרינדעט געוואָרן אַ „שעפטום״ אין באַשטאַנד פון איצל רעזניק, הערשל באַרטמאַן, בצלאל ביע־לאַק, מאיר קאַלטון, דניאל טאַראַנדאַ און יחזקאל יאַקשער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו זאַמלען פינאַנציעלע הילף פאַר די געליטענע. די אַרבעט איז געווען נישט קיין לייכטע, דאָך איז זי געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט, מען האָט ווערבירט מיטגלידער און איבערגע־שיקט הילף קיין פּוילן.

אויף דער איניציאַטיוו פון די לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „שעפטום״, איז דעם 9טן יולי 1937 געגרינ־דעט געוואָרן דער „פאַרבאַנד פון פינסקער ל״ל און אומ־געגנט״. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון אהרן פריזאַנט (אראַנטשיק) ע״ה. אין אַ קורצער צייט זיינען ווערבירט געוואָרן פיר הונדערט מיטגלידער און אין אויגוסט 1938 איז געשאַפן געוואָרן אַ ליי־קאַסע אונטערן נאָמען „קעגנזייטיקע הילפס־געזעלשאַפט פינסק און אומ־געגנט״. דער ציל פון דער געזעלשאַפט אין יענער צייט איז געווען אַרויסצוהעלפן די אומפאַרמעגלעכע מיטגלידער מיט קליינע הלוואות אויף נידעריקע פּראָצענטן. און אַזוי ווערט געזאָגט אין פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג: „צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער סיטואַציע פון די, וואָס דאַרפן אָנקו־מען צו דער ליי־קאַסע, ווערט באַשטימט אַ קליינער אינטערעס פון נישט מער ווי 4 פּראָצענט״.

אויפן קולטורעלן געביט איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ באַזונדערס אינטענסיווע טעטיקייט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון די 37 טראַגיש־אומגעקומענע יידן אין פינסק באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס זיינען איינגעשאַפן געוואָרן ביכער פון

פּינסקער אין בראַזיל

שוין אין יאָר 1927 האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּינסקער לאַנדסלייט פאַריין אין סאַן־פּאולאָ. אין 1929 זענען מיר אָנגעקומען אַ גרופּע פון 32 פּינסקער יוגנטלעכע קיין בראַזיל און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זענען ווידער אָנגעקומען יונגע לייט און מיידלאַך פון פּינסק, און אַזוי זענען מיר ביסלעכווייז געוואַקסן און דערגרייכט אַ צאָל פון אַרום 55 פאַמיליעס פון פּינסקער אָפּשטאַם — דאָס הייסט אַרום 220 פּערזאָן.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אונדזערע פּינסקער דאָ איז גאַנץ צופרידנשטעלנד. אַלענפאַלס קיין אָרעמע לייט זענען ביי אונדז ניטאָ. די מערהייט פון די קינדער פון די פּינסקער לאַנדסלייט זענען פּראָפעסיאָנעלן: דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, בוכהאַלטערס א. ד. ג. ווען עס מאַכט זיך אַ פּינסקער שמחה קומען זיך אַלע צונויף און מען איז זיך משמח אויף אַ היפּשן שטייגער פּונקט ווי איין פאַמיליע. דאַן קומען אויך די פּינסקער אייניקלאַך — דאָס הייסט דער 3־ער דור שוין — און אַלע האַלטן זיך צוזאַמען.

מיטן אויסברוך פון דער 2־ער וועלט מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קאָנטאַקט מיט אונדזערע משפחות און מיר אַלע האָבן איבערגעלעבט דאָס וואָס אַלע יידן אין גאָר דער וועלט, ניט האָבנדיק קיין ידיעה פון אונדזערע נאָענטסטע.

נאָכן קריג ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון די לעבנס פאַרבליבענע און די היגע צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט די וואַנדונגען פון פאַרשיידענע פּליטים, צווישן זיי אויך פּינסקער, וועלכע האָבן געזוכט קרובים און הילף, האָט אַ גרופּע לאַנדסלייט זיך אָרגאַניזירט, געגרינדעט דעם „לאַנדסלייט פאַריין פון פּינסק און אומגעגנט", און מיר האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע טעטיקייט פאַר הילפס צוועקן. די איניציאַטאָרן זענען געווען: ישראל גאָבערשטיין, דוד פּיקמאַן, דוד מיכל שיפּסמאַן, זעליק גאָטליב, גרשון יוזיוק, שמעון גערשטעל, אהרון גאָבערשטיין און יונה יוזיוק. דעם 24־טן מאַרס 1946 איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און עס זענען גלייך געשאַפן געוואָרן 60 מיטגלידער. מיר האָבן באַלד געזוכט מיטלען זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט אונדזער פּינסקער לאַנדסמאַנשאַפט און מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט פּאָרטאָ־אַלעגרע (בראַזיל), בוענאָס־איירעס, פּינסקער ברענטש אין ניו־יאָרק ווי אויך מיט פּינסקער פּאָסט־וואר רעליף אין ניו־יאָרק. אַזוי אַרום איז אונדז געלינגען צו קריגן די אַדרעסן און נעמען פון די לעבנסגעבליבענע פּינסקער.

באַ דער 2־ער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (יולי 1946) איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ קאַמפּיין אַקציע און אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן. מיר האָבן איבערגעשיקט וויכטיקע סומען קיין פּוילן, איטאַליע, עסטרייך, פראַנקרייך און אויך קיין ישראל — צו הילף די פּליטים. אויסער דעם האָבן מיר אויך איבערגעשיקט פיל פּעקלאַך מיט שפּייז פּראָדוקטן. אַ גרעסערע סומע האָבן מיר איבערגעשיקט צו דער פּינסקער קבוצה גבת כדי בויען אַ צימער אויפן נאָמען פון פּינסקער פאַריין אין סאַן פּאולאָ אין דעם געפּלאַנטן „הכנסת אורחים" הויז פאַר פּליטים פון פּינסק.

פון צייט צו צייט אָרגאַניזירן מיר טרויער אַקאַדעמיעס צום אָנדענק פון די פּינסקער קדושים און אויך אַנדערע אונטערנעמונגען.




ציעס, פון קולטור־טעטיקייט אין סאָציאַלער הילף. זאָל דער פּאָדעם, וואָס ציט זיך זינט דורות פון אונדזער ערלעכער געבוירן־שטאָט, פּינסק, נישט איבערגעריסן ווערן! זאָל צוריק ווערן אונדזער אינסטיטוציע דער אַדרעס פאַר די לאַנדסלייט, דער זאַמל־פּלאַץ פון אַלע פּינסקער ברידער און שוועסטער!".

דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער קרעדיט־קאַסע, מרדכי פרישמאַן, איז אַ זון פון די פּינסקער עלטערן, אַ היי־געבאָרענער און מיט אַקאַדעמישער בילדונג, וואָס איז אַקטיוו אין דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג פון לאַנד. עס באַגלייטן אים אין דעם פּעריאָד אין דער פאַרוואַלטונג: לייבל גאָלדזאָן, וועלוול פורמאַן, מדכי עפּשטיין, יוסף לערנער, לייב גיטעלמאַן, בנימין רייכמאַן, אהרן ליבערמאַן, אברהם פעלדמאַן, משה מולער, חיים פּריזאַנט, רפאל שאַל־קאָוויטש, אברהם זלאָבינסקי, גרשון שופער, דוד פּינעס, יצחק באָנדאַר, א. פאַלטשוק, ס. לעווין, אייזיק פורמאַן, אייזיק מירסקי, ס. בעגון, הערשל נימצאָוויטש, ב. קאָפּמאַן, פּ. יאָשפּע, יצחק וועקסעל, שלמה וואַרמאַן און ב. מ. זיל־בערלייב.

אין דער פרויען־קאָמיסיע זיינען פאַרטראָטן: פאַני פאַלטשוק, רבקה פורמאַן, סאָניע פעלדמאַן, שרה פייסאַכאָ־וויטש, סעלינא רייכמאַן, ראָזאַ לעווין, עלינא יעלין, (פּלאָט־ניק), עווגעניא וואַכמאַן, רבקה גאָלדזאָן, אידאַ מולער, פאַני וויאַר (פרענקעל) און ש. וועקסעל ע"ה.

צום סוף פון דעם איבערזיכט איז כדאי צו באַטאָנען אַז די פּינסקער אין אַרגענטינע האַלטן זיך צוזאַמען און לאָזן ניט דורך קיין איין געלעגנהייט זיך טרעפן און דערמאָנען אַלטע צייטן אין דער אַלטער היים. צו דער יאָרצייט פון די פּינסקער קדושים זאַמלען זיך צונויף די פּינסקער לאַנדסלייט אויפן בית־עולם, ווו עס קומט פאָר די אַזכרה. אין די אַרגענטינער יידישע צייטונגען דערשיינען דאַן אַרטיקלען פון אייזיק מירסקי, וועלכער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „די פּרעסע". אויך אַנדערע געלעגנהייטן ווערן אויסגעניצט פאַר צוזאַמענ־טרעפן. נחמן תמיר (מירסקי), וועלכער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט אַרגענטינע אין געזעלשאַפטלעכע שליחות'ן, פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט די פּינסקער לאַנדסלייט. אַ וואַרעמע קבלת־פּנים איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר אונדזער לאַנדסמאַן חיים גבתי, דער אַגריקולטור מיניסטער פון ישראל, בעת זיין לעצטן באַזוך אין אַרגענטינע.



דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער „פּינסקער באַנק". פאַרזיצער — ח. פורמאַן.

יוצאוי

פיינסק

בייעראל

אביבי (יוזוק) אריה, נולד ב־1906, עלה בשנת 1947, עיתונאי, כותב בעיתונות בארץ ובחו"ל („הבוקר", „שערים", „המודיע").

אבן־דר (אינבינדר) אברהם, נולד ב־1918, עלה בשנת 1949, רב־פקד במשטרת ישראל וראש מדור במטה הארצי. חבר הנהלת ארגון יוצאי פינסק, בעבר חבר הוועדה העליונה לענייני העפלה בפולין.

אזניה (אייזנשטדט) ברוך, נולד ב־1905, עלה ב־1933. חבר קיבוץ גבעת־חיים (איחוד). חבר כנסת. חבר מרכז מפא"י ומרכז איחוד הקיבוצים והקבוצות. חבר ועד החינוך ומועצת „יד־ושם". היה חבר הועד הפועל של ההסתדרות. פירסם חוברת „על יסודותיה של מפלגת פועלי א"י".

איזנברג יהושוע, נולד ב־1900, בנו של אהרון אייזנברג — ממייסדי רחובות ונס־ציונה, שופט, מנהל בתי המשפט בישראל.

אייזנברג יעקב, נולד ב־1895, עלה בשנת 1913, בוגר „בצלאל" ומורה שם במשך שנים. ציוריו הוצגו בתערוכות והראשונה מהן בחסותו של פרופ' שץ, בביה"ס „בצלאל" בירושלים.

אייזנברג יצחק, נולד ב־1914, עלה בשנת 1934, חבר מערכת „הבוקר". חבר הנהלת הקונגרס היהודי העולמי, חבר מרכז המפלגה הליברלית, ציר לקונגרסים ציוניים, פירסם מאמרים בעתונים יומיים בארץ ובחו"ל והשתתף בעריכת קבצים שונים. חבר מערכת „ספר פינסק".

איזנשטדט ב"צ, מראשוני צ"צ בפינסק, היה מנהל מוסד „נעורים" בכפר סבא.

אייזנשטדט שמואל נח, נולד ב־1923, עלה בשנת 1935, פרופסור וראש המחלקה לסוציולוגיה באוניברסיטה העברית, ירושלים. חבר ההנהלה למחקר ולהוראה של ארגון הסוציולוגים הבין־לאומי. חבר המכון המלכותי הבריטי לאנטרופולוגיה; כתב ספרים על נושאים סוציולוגיים.

איש שלום מרדכי, נולד ב־1901, עלה ב־1920. ד"ר לפילוסופיה וחוקר תולדות הישוב היהודי בארץ ישראל. ממונה על אישור ספרי הלימוד במשרד החינוך. פירסם ספרים ומחקרים שונים.

אלפרן מנוחה, נולדה ב־1899, עלתה ב־1948, עתונאית. משתתפת בעתוני יידיש המופיעים בישראל „לעצטע נייעס", „יידישע צייטונג", „ביי וועלט" ואחרים.

אפרתי (גרייבר) יוסף, נולד ב־1898, עלה ב־1914, ממייסדי קיבוץ גבע. היה סגן שר החקלאות, חבר כנסת, חבר מרכז איחוד הקיבוצים, מרכז מפא"י, המרכז החקלאי, יו"ר מועצת פרי־הדר. פירסם מאמרים בקובצים ועתונים שונים. בנו (מרדכי) נפל במלחמת השחרור בקרב על יד לטרון.

אלפר דובה, מנהלת בי"ס בת"א. עבדה בגימנסיה ובבי"ס „תרבות" בפינסק.

אלפר רחל, מנהלת בי"ס לדוגמא בת"א ומדריכה בסמינר לוינסקי. עבדה כמורה בבי"ס „תרבות" בפינסק.

ארנין (אנטין) שמעון, נולד ב־1912, עלה בשנת 1935, סגן המפקח על המשק במשרד הבטחון. היה חבר מזכירות העובד הציוני, חבר מרכז הסתדרות הפקידים.

אשר ארטור, נולד ב־1899, עלה בשנת 1957. בוגר אוניברסיטה בפקולטה לפילוסופיה ואקדמיה למסחר. היה מנהל בית הספר המסחרי בפינסק.

בודנקין אליעזר, נולד ב־1910, עלה ב־1933. מהנדס. משמש עתה בתפקיד מנהל כללי של בנק ירושלים לפיתוח ומשכנתאות. שימש בתפקיד מנהל כללי לציוד חיל אויר, אלוף משנה בצה"ל.

בגון עזריאל, נולד ב־1907, עלה בשנת 1936. אחראי לגזברות במרכז העולמי של איחוד פועלי ציון (צ. ס.) התאחדות, חבר מועצת סניף מפא"י בת"א.

בונה נחום (מוליאר), נולד ב־1914, עלה ב־1934. חבר קיבוץ שער הגולן. פעל בפולין בשליחות השוה"צ, חבר הועד המנהל של „עלית הנוער" וחבר הועד הפועל של הקיבוץ הארצי ומרכז מפ"ם. פירסם מאמרים ב„על המשמר" ובקבצים שונים;

בס שלמה, נולד ב־1896, עלה בשנת 1949. מוותיקי התנועה הציונית והרביזיוניסטית. פירסם מאמרים בעתונות בשפת יידיש. חבר הנהלת ארגון יוצאי פינסק, יו"ר קופת גמ"ח של הארגון. השאיר עזבון בחיים לקופ"ח לעובדים לארמיים. אסיר ציון לשעבר.

בר־רצון ישראל, נולד ב־1899, עלה בשנת 1922. חבר ההנהלה ומזכיר כללי של „סולל בונה" ועורך פרסומים של החברה.

ברגמן אליעזר ד"ר, נולד ב־1898, עלה בשנת 1934. כימאי ובקטריולוג. היה מנהל המעבדות של קופ"ח בתל־אביב ומפקח על המעבדות הרפואיות בקופ"ח. פירסם מאמרים בקבצים מדעיים והספרות הפריודית למדעי הכימיה והרפואה. היה סגן ראש העיר בפינסק, ציר לקונגרסים ציונים וחבר מרכז פועלי ציון (צ. ס.) בפולין.

ברגמן ברוך, נולד ב־1907, עלה ב־1923. ממייסדי הברית העברית העולמית. משמש בתפקיד מנהל בכיר בבנק לאומי לישראל.

בריסקי איסר, נולד בשנת 1897, עלה בשנת 1925. מוותיקי „סולל בונה", בעבר — יו"ר ארגון יוצאי פינסק וקרלין ומיוזמי הקמת הארגון. פעיל למען „ספר פינסק".

ברגמן משה, נולד ב־1910, עלה בשנת 1933. חבר מזכירות של ועדת הביקורת המרכזית של הסתדרות העובדים הכללית, ראש המוסד לביקורת של המפלגה הליברלית העצמאית.

ברזילי דוד, נולד ב־1900, עלה ב־1923. ממייסדי „משמרת חדשה" ומראשוני צ"צ בפינסק. ממייסדי קבוצת גבת. כיום מנהל אדמיניסטרטיבי של בית היולדות ברחובות.

ברמסון רחל, נולדה ב־1899, עלתה ב־1950. אדריכלית. מרכזת ועדת התרבות בארגון אמהות עובדות בחיפה. פעי־

מספרם של יוצאי פינסק במדינת ישראל מגיע לשלושת אלפים איש, בערך. רבים מהם ממלאים תפקידים חשובים כבונים וכיוצרים בכל התחומים. רצינו לשקף בספר זה את פעלם, הישגיהם וזכויותיהם של בני־עירנו במדינת ישראל. לצערנו לא קיבלנו את התשובות לשאלונים שהמצאנו מאנשים רבים, אך גם הרשימה המתפרסמת בעמודים 614—611 יש בה כדי להוכיח מה חלקם של בני פינסק בהתפתחות הארץ. מקוצר היריעה הקדשנו רק שורות מעטות לכל איש. ראינו צורך להבליט במיוחד את פעלם של שני שרים בממשלת ישראל, שהם ילידי פינסק (חיים גבתי ומשה קול), נשיא אוניברסיטת ת״א (ד״ר ג. ווייז) ויו״ר ארגון יוצאי פינסק (י. ברזילי).

לוצקי דוד, נולד ב־1910, עלה ב־1933. מוסמך לכלכלה. מזכיר ארצי של הס־תדרות האקדמאים למדעי החברה. היה מנהל מחלקת ההדרכה ברשויות המקו־מיות ומדריך המחלקה המוניציפלית של הסתדרות העובדים. פירסם מאמרים על נושאים כלכליים בעתונים שונים וכן גם ערך מדריך מוניציפלי וחוברות שונות.

ד״ר לזבניק יעקב, נולד ב־1908, עלה בשנת 1942. רופא מנתח. מנהל המחלקה האורולוגית בבית החולים „בילינסון". מורה למקצוע האורולוגיה בבית הספר לרפואה בתל־אביב. פירסם מאמרים שו־נים באורולוגיה וכירורגיה בארץ וב־חו״ל.

